STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05597

EYROPEISHE LITERATUR

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערשטעס ביך

איראפעאישע ליטעראטור.

אינהאלט.

1) דאס גלעזערנע הויז. ק. לעמאניע.
2) דער ראמאן ל. בערנע.
3) די בלום. לענאו.
4) דער הויקער א. סטרינדבערג.
5) שטום ארום. לענאו.
6) פיפא ספאנא. ה. מאן
7) דער נעגער. ה. הייערמאנס.
8) פרײלין מוטער. ע. גאָרגי.
9) וואנדער-פרײנד. פ. בינער.
10) אפאריזמען.
11) ליטעראַרישע [illegible]

קאמיל לעמאניע.

דאס גלעזערנע הויז.

„זשאן, דו ביזט עס, מיין זשאן?"

פארזיכטיג, די שפיץ-פינגער אויף דעם ווייכען דיוואן שטעלענדיג, איז ער אין איהר צימער אריינגעקומען. געמיינט האט ער, אז ער וועט איהר נאך געפינען שלאפענדיג און אויף איהר פנים וועט א לייכטער ווינטעל פון די פארהאנגען וועהען. עליזעס שארפעס געהער האט אבער דעם קלענסטען געוויש דערהערט.

„יא, איך בין עס, דיין זשאן..."

זי האט איהם איהרע צארט-ווייסע הענד אנ'קעגען אויסגעשטרעקט, גלייך ווי זי וואלט אן די בעוועגונגען אין דער לופט שוין פריהער געפיהלט אז ער דארף אנקומען. ער איז צו איהרע אויסגעשטרעקטע הענד צוגעגאנגען, זי האט איהם בעטאפט, צוערשט די קליידער, דערנאך זיין געזיכט, וועלכעס ער האט איבער דעם שטוהל אריבערגעבויגען, און שטיל האט זי געשעפטשעט:

„יא דו ביזט עס... שטענדיג איז עס פאר מיר דאס גרעסטע גליק דיך אנצוקוקען מיט מיינע הענד, וואס דיענען מיר אנשטאט מיינע פער-לארענע אויגען... אך, קום דאך אביסעל נעהנטער צו... וואס פאר א פיינער ריח עס שלאגט פון דיר! דו ביזט אין גאנצען פון דעם פרישען פריהמארגען-ריח דורכגעזאפט".

„אה מיין ליעבע, מיין טייערע!"

ער האט זי געקושט אויף די טרויעריגע פערשלייערטע ברעמען, אויף איהר בלייכען געזיכט. זי האט איהם נישט מעהר געלאזט זיך ווידער אויפשטעלען, מיט ביידע הענד האט זי זיין קאפ קעגען איהרע באקען געהאלטען און ער האט איהר געמוזט אונצעהליגע מאל קושען אויף איהרע

— אזוי, אזוי... אז איך פיהל דעםווארימען הויך פון דיינע ליפען, דאכט זיך מיר, אז איך וועל מיינע אויגען ווידער קענען עפענען. איך זעה דיך, זשאן, מיט מיינע הענד זעה איך דיך. האב איך דיר נאך נישט אין גאנצען אנגעוואָרען?

א לייכטע, קוים בעמערקענדיגע בּוועגונג פון אונצופריעדענקייט האט זיך אויף זיין געזיכט בעוויזען: „וואס רעדסט דו עליזע!"

— יא, דו ביזט גערעכט, איך פערלאנג צופיעל, זיי נישט בייז אויף מיר. גאנצע שטונדען קאן איך אבזיצען און פון קיין זאך נישט טראכטען נאר פון דעם זיסען תענוג דיר צו האבען נעבען מיר... בעקלער זיך נאר, איך זעה דאך גארנישט, גארנישט, נאר דורך דיר זעה איך דאך... זעץ דיך דא אהער... עס איז אזוי לאנג זייט דו ביזט אוועק... עפּיס קומט מיר פאר, אז דו האסט מיר א סך, גאר א סך צו דערצעהלען..."

ער האט א שטוהל צוגערוקט און זיך געזעצט. זי האט זיינע פינגער אין איהרע שמאלע הענד אריינגענומען.

— די בּוימער אויף די בּולווארען האבען שוין אלע בלעטער", — האט ער אנגעהויבען דערצעהלען, „און דיינע חברט'עס, יאהאנע און עמיליע האב איך געטראפען... זיי זענען נאך אזוי שען, אזוי שען ווי דו, מיין גאלדענע עליזע...

א זיסער שמייכעל האט בעלויכטען איהרע בּלינדע, נאכט־פינסטערע אויגען.

— זאג מיר דאס נאך א מאל, מיין ליעבער זשאן... עס איז אזוי גוט צו טראכטען, אז מען האט זיך גארנישט פערענדערט... אז אלצדינג ארום און ארום איז געבליעבען אזוי ווי דאמאלס, ווען איך האב נאך אויך געהערט צו דער לעבעדיגער וועלט, ווען איך בין נאך נישט געווען קיין קלייגער שאטען מיט טאפּענדיגע הענד... האסטו אפשר אויך געזעהן יענע דאמע וואס האט זיך מיט מיר אזוי פיעל אינטערעסירט און געגען וועלכע איך בין אזוי אומגערעכט?

— די מאדאם דעלאק מיינסטו? — אה, זי איז גארנישט ענליך צו דיר. זי איז די העסליכסטע פרוי פון דער וועלט".

— זעהסט דו... מיר איז מאקי נישט אנגענעהם צו הערען איהר שטימע... עפּיס קלינגט עס ווי די שטימע פון א פרוי וואס מען ווייסט נישט וואס פאר א נשמה זי האט. און דאך האט זי א וואוילקלינגענדיגע שטימע. עפּיס זענען איהרע טענער אזוי זאנפט, אזוי ווייך ווי דאס צווי־שען פון די גראז־מיקען... מיר קומט שטענדיג פאר, אז זי שטאמט אב

פון אנ'ארט וואס קיינער ווייסט נישט: זאי מיר מוחל, מיין ליעבער זשאן, וואס איך האלט אזוי שטארק פון זיך. זייט איך האב מיינע אמת'ע אויגען פערלארען, זעה איך מיט מיינע אלע איבריגע חושים... מיר דאכט זיך, אז איך זעה די דאזיגע דאמע, איך זעה א שווארצע, א געפעהרליכע שעני-הייט... און דאן, איך ווייס נישט פאר וואס, מיר דאכט זיך אלץ, אז א ביסעל נארסט דו מיך אונטער.

— א ביזט דו א נארישע ווייבעל, אבער א שען ווייבעל!

— אה מיין טייערער זשאן, איך האב אזוי מורא... גיב נאר אכטונג, איז אקארשט נישטא א קנייטש אויף מיינע באקען? האט זיך, זייט נעכטיגען טאג, ביי מיר אין קאפ נישט א גראהער האאר בעוויזען? מיר וואלט זיך געוואלט, אז די צייט זאל שטעהן בלייבען אויף יענעם אויגענבליק, ווען איך בין נאך ביי דיר געוועזען די שענע עליזע, וועלכע דו האסט אזוי הייס געליעבט, אזוי שטארק פערעהרט.

איהרע ווייסע הענד האבען זיך ווידער אין דער הויך אויפגעהויבען. עס האט זיך געדאכט, אז איהרע פינגער ציהען אונזיכטבארע פעדים, פון וועלכע זי וויל מיט די לופט-פעדים צוזאמען אויסוועבען שפיצען. זי האט זשאנ'ס געזיכט צום פענסטער צוגעצויגען און איהם מיט די הוילע אויגענ-לעכער אנגעקוקט, גלייך ווי זי וואלט איהם ווירקליך געקאנט זעהן און איהם זיינע געדאנקען פון די אויגען אראבלעזען.

— ניין, עליזא, קיין שום קנייטש זעהט זיך נישט, קיין איינציג גראהע האאר... דיינע בעקלעך זענען נאך שטענדיג רויט און דיין שטערען גלאט ווי א סאמעט.

— און דו ביזט אויך שען, מיין זשאן, עביג יונג און שען ביזט דו אין מיינע אבגעשטארבענע אויגען געבליבען... קיינמאל האב איך נישט אויפגע-הערט דיך צו זעהן, ווי איך האב דיך דאמאלס געזעהן... און דאך קומט מיר פאר, אז עפיס האט זיך פארט אין דיר געענדערט, אז עס איז נישט מעהר דיין שטימע, די דאזיגע שטימע, וואס זאגט מיר, אז איך בין אזוי שען ווי דאמאלס.

צעהן יאהר זענען שוין אוועק זייט עליזע האט איהרע אויגען אנגעוואוי-רען. א לאנגע צייט האט זי פון א אויגענקראנקהייט געליטען. די ראיה איז איהר אלץ שוואכער און שוואכער געווארען, ביז זי איז ענדליך אין גאנצען בלינד געווארען. איהר איז פארגעקומען, ווי זי וואלט אין א פינסטערן געפענגעניש געלעבט, און נאר דורך די צערטליכקייט פון איהר מאן איז זי נאך מיט דער וועלט פערבונדען געוועזען. ווי א רויז,

בלאַס פאַר בלאַס פערוועלקענדיג, איז דאָס שענע געזיכט אַלט און מיט קנייטשען פול געוואָרען. איהר לעבענס־קראַפט איז ביסלעכווייז פערשוואונדען געוואָרען דורך איהרע גאָלד־געקרויזטע האָאר, וואָס יעצט זענען זייער שוין ווייס ווי שנעע געוועזען; פון די אַמאָליגע שענע און רייצענדע עליזע איז נאָר קיים אַ שאָטען געבליעבען.

דער מאַן איהרער האָט אָבער פערשטאַנען איהר איינצורעדען, אַז זי האָט איהר יוגענדליכען רייץ נישט פערלאָרען. צעהן יאָהר נאָכאַנאַנד האָט ער זי מיט דעם פרומען ליגען גענאַרט, אַז זי איז נאָך שען ווי געוועזען, און אַז איהר אומגליק האָט אויף איהר שענהייט די קלענסטע שפור נישט איבערגעלאָזען. דאָס דאָזיגע איינרעדעניש איז פאַר איהר געוועזען דאָס גלעזערנע הויז, וואָס קאָן אַזוי לייכט צעבראָכען ווערען, און איז דאָך אַזוי רייצענד, אַזוי שען. גליקליך ווי אין אַ זיסען חלום האָט זי אין איהר גלעזערנעם פּאַלאַץ געלעבט. איהר לעבענסצייט איז שטעהן געבליבען אויף דעם אויגענבליק, וואָס איידער איהרע אויגען זענען פער־לאָשען געוואָרען. דער דאָזיגער ליכטיגער אויגענבליק האָט מיט די העלסטע פאַרבען בעלייכטעט אַלע בילדער, וועלכע זענען טיעף אין איהרע געדאַנ־קען איינגעגראָבען געוועזען. און זשאַן איז דאָס יענער כשוף־מאַכער געוועזען, וואָס האָט פאַר איהרע נאַכט־פינסטערע אויגען אויפגעבויט דעם גלעזער־נעם פּאַלאַץ מיט זיין גאָלדענעם שימער. מיט גרויס צערטליכקייט האָט ער איהר איינגערעדט, אַז נישט זי, נישט אַלץ וואָס אַרום איהר האָט זיך אויף אַ האָאר נישט געענדערט, נישט די איינגעוועבטע בלומען אין דיוואַן מיט זייער רייכען פאַרבען־גלאַנץ, נישט דאָס געזיכט פון די פערזאָנען, וועלכע זי האָט אַזוי היים געליעבט. זייענדיג פערוועבט אין דעם נעץ פון זיסע חלומות, מיט וועלכען איהר מאַן האָט זי אַרומגעוועבט, האָט זי נישט געוואוסט, אַז די לייכטע קליידער און בענדער מיט וועלכע זי האָט זיך קאָקעטיש און נישט צו דער צייט־פאַסיג געקליידט, שלאָגען זעהר העסליך אָב קעגען איהר אַלטען און צוזאַמענגעזונקענעם קערפּער.

איינמאָל איז זי זיך, ווי געוועהנליך, אויף איהר שטוהל בעבען פענסטער געזעסען און דער גערויש פון גאַס האָט איהר אין אַ זיסען שלאָף פערוויגט, פּלוצלונג האָט איהר אַ שטיל שעפּטשען פון אַ דערבייאיגען צימער אויפגעוועקט. זי האָט דערהערט צוויי שטימען. אין איינע האָט זי דער־קאָנט זשאַנ'ס שטימע, וועלכער האָט עפּיס עמיצען מיט אַנ'איראָניע אָבגעענטפערט, אין דער צווייטער — די שטימע פון דער מאַדאַם ד ע ל א ק, וועלכע האָט שטענדיג ביי איהר אַנ'אונצופריעדענקייט אַרויסגערופען.

זי האט זיך פון איהר שטוהל אויפגעהויבען, און די הענד פאר זיך אויס־שטרעקענדיג איז זי געגאנגען מיט שטילע טריט איבער דעם דיוואן וואס ציהט זיך ביז צום זאל, פון וועלכען עס האבען זיך די שטימען געהערט.

— דו ביזט אזוי שען" — האט זשאן געזאגט. „דו ביזט די שענסטע אויף דער גאנצער וועלט... זייט איך האב דיך דערקענט לעב איך נאר פאר דיר.

א לייכטער געלעכטער ווי פון א פלייט האט זיך דערהערט:

— זאגסט דו דען נישט דאס איינענע דיין אומגליקליכע פרוי? גלויבסט די דען נישט, אז אין דיינע אויגען איז זי מיט איהר מאוס, עקלדיג פנים, מיט איהרע גראהע האאר די שענסטע אויף דער גאנצער וועלט? אה, מיין פריינד, דאס איז דאך ווירקליך צום לאכען.

אין דער ליכטיגער טהיר־חלל האט זיך א לאנגער שאטען אויס־געצויגען...

— זשאן, מיין זשאן!

דאס גלעזערנע הויז איז צעבראכען, דאס הארץ צעשפרונגען געוואָ־רען... עליזע האט איהר לעצטען טריט געשטעלט. שווינדלענדיג איז זי פאר איהר מאנס פיס צו דר'ערד געפאלען.

פון פראנצויזישען איבערזעצט דורך שקודין.

פערשיעדענע אפאריזמען.

יעדער נייער פערלאנג איז דער אנפאנג פון א נייער נויט, פון נייער טרויער. (וואלטער)

נאר מיט פרעמדע אויגען קען מען זעהן די איינענע חסרונות. (א חינעזישער שפריך־ווארט).

צום שקר פיהרען טויזענדער וועגען, צום אמת — נאר איינער. (רופסא).

וואו עס פאנגט זיך אן דאס זוכען די וואהרהייט, דארט פאנגט זיך ערשט אן דאס לעבען. (דזאן ריעסקין).

א קלוגער מענש פאדערט אלץ פון זיך אליין, א נארישער מענש — פאדערט אלץ פון אנדערע. (א חינעזישער שפריכווארט).

לודוויג בערנע.

דער ראמאן.

1.

— דו האסט מיך נישט ליעב קיין איין ביסעלע, — האט קאראַלינע געזאָגט שטילערהייט צו איהר חתן און האט געלאָזט אַ קליין פעדימעל זיידענס ארויסשוועבען פון צווישען איהרע פינגער — אפילו אַזוי פיעל נישט! — זי איז אויפגעשטאַנען פון דעם שטריק-ראַהם, זיך געזעצט אויף דעם ווייטסטען שטוהל אין צימער און זיך אָנגעבלאָזען,

— דו ביזט שוין ווידער אַזוי אונאַרטיג, — האט די מוטער צו איהר געזאָגט, — און זעהנור, ווי דו האסט דעם אָבערשט טרויעריג געמאַכט! וואס אַנ'אָמת, איהר מאַכט ביידע אַ זעלבע מיני העויות! דאס זענען אויסגעצייכענטע פאָרבערייטונגען צו דער חתונה!

— חתונה?... — האט קאראָלינע געענטפערט און האט חיטרע געשאָקעלט איהר בלאָנד קעפעל... — חתונה? וועגען דעם וועל איך מיך נאך מיישב זיין; די זיידענע שפיצען, וואס דער פעטער האט מיר געשענקט, קאן איך אויסנוצען אויף אַנ'אַנדער באַל.

די גרעפין האט געלאַכט.

— אַי דו ליעב, אונשולדיג קינד, וואו האסטו זיך נאר דאס אויסגעלערנט? דו רעדסט גאר ווי אַ מאָראַלישע ערצעהלונג פון מאַרמאָנטעל! זיי אַ מענש, קום אַהער און ערקלער מיר, פאר וואס האסטו זיך עס אַזוי צעברוגז'ט?

— נאר איהר זאָגט דאך שטענדיג, מוטער, אַז איך בין אונגערעכט. צי דען איז דאס אַ ליעבענדער? צי אָט אַזוי פיהרט זיך אַ חתן? אַנדערע כלות בעקומען פון זייערע חתנים אַזוי פיעל געדיכטע, אַז זיי האָבען גארנישט קיין צייט אַלע דורכצולייענען, און איך האב נאך אַפילו

קיין איין פערז נישט דערהאלטען! און ער האט דאך געמאכט אַ ענדע אויף נאפאלעאן. איהר ווייסט, קאַרל האט מיר צוגעזאגט אַ ראמאן, און וועלכען ער האט מיך געוואלט שילדערן, איך האב מיך דערמיט אזוי געפרעהט. און אט זענען שוין פערביי גאנצע זעקס וואכען, און יעדעס מאל, ווען איך דערמאהן איהם וועגען דעם, זאגט ער שטענדיג מ א ר ג ע ן, און שטעלט אוים אַ פּאר בייזע אויגען, פונקט ווי ער וואלט געשטאַנען אויפ'ן וואכט־פּאראַד ביי זיין הויפּטמאַן. העדר מ א ר ג ע ן, איהר געפעלט מיר שוין גאר, גאר ניט!

דער אָבערשט האט אויסגעזעהן ווי געקרענקט און האט געשוויגען. קאראלינע האט איהם דערלאַנגט די האַנד.

— נו, מיר וועלען ווידער ווערען גוטע פריינד, זיי נישט בייז ליעבער קאַרל! — זי האט איהם אַרויפגעשאַרט די האר פון שטע־רען... — וואו איז דאס געוועזען, וואו דו האסט בעקומען די דאזיגע וואונד? איך קאן נאך אלץ נישט געדענקען דעם נאמען פון דער שטאדט!

— אין דער מלחמה ביי סמאלענסק.

— אַ, די דאזיגע מאוסע קאזאקען! דאס האט דער שטאַרק גע־מוזט וועה טהון?

— דאס איז נישט געוועזען מיין שמערצליכסטע וואונד.

— דו ביזט היינט זעהר גאַלאַנט, מיין פריינד! וואַרט, איך וויל אַ טאפּ טהון דעם פולס פון דיין האַרצען... — זי האט אַרויפגעלעגט די האַנד אויף זיין ברוסט; דער אָבערשט האט זי שטאַרק צוגעדריקט און זיינע אָרעמס...

— מיין געליעבט מיידעל! דער סאלדאַט לערנט זיך אוים צו פער־ליערען און זיך צו בעגעהן אָהן פיעל זאכען; אח! דיך וואלט איך נישט געקאנט פערליערען.

— גוטער קאַרל, מיר וועלען זיך אייביג, מיר וועלען זיך שטענ־דיג ליעבען.

— אונשטערבליך איז יעדע אמת'ע ליעבע; נישט אונטרייהייט, נישט פעררַאט, נישט אפילו דער טוידט קאן זי טוידטען. זי שלאפט נאר אזוי ווי אין קבר. אזוי אויך אין אָבגעקיהלטען האַרצען אונטער דער ווינטער־דעקע, כדי צו ערוואכען, ווען די פריהלינגס־זון שיינט אויף, נאך פרישער און גרינענדער. די שטונדע איז די קערפערליכע הילע פון

דער איבינקייט — עס ליעבען זיך איבינ די, וועלכע האבען זיך געליעבט אפילו נאר איין שטונדע.

— וואס זאגסט דו, קארל ?...

דער אבערשט האט ארויסגעצויגען א העפט פון זיין קעשענע און האט עס שמייכלענדיג איבערגעגעבען זיין כלה.

— אט דאס איז, קאראלינע, דער צוגעזאגטער ראמאן.

קאראלינע האט מיט די שענסטע לאסקעס בעלויהנט איהר חתן פאר דער צוגעזאגטער מתנה.

— נאר ווארט, — האט זי געזאגט און געסטראשעט מיט'ן פינ־גער, — איצט זעה איך, ווי דו קאנסט זיך פערשטעלען! איך האב געמיינט, אז דו ביזט שרעקליך בייז אויף מיר, דערפאר וואס איך האב דיך דערמאהנט דיין צוזאג, און — נישט אמת, דו האסט אומזיסטע געמאכט אזא ערנסט געזיכט, כדי מיך צו איבערראשען? נאר ווארט נאר, ווי הייסט דיין ראמאן, איך זעה גארנישט קיין טיטעל?

— ווי דו ווילסט, ליעבעס קינד!

— ווי ענדיגט זיך די געשיכטע, איז זי טרויעריג אדער פרעהליך?

— ווי עס וועט אויסקומען, קאראלינע.

— נו, איצט זעצט זיך אנידער, קארל וועט אונז פארלעזען זיין ראמאן. און דו, פריץ! — האט זי געזאגט צו איהר ברודער, דעם הויפטמאן, וועלכער האט מיט שווערע טריט ארומגעשפאציערט איבער'ן צימער, אזש די ווענד האבען געציטערט, — שטער אונז נישט מיט דיינע שפארען, זעץ דיך אנידער בעקוועם אין דיין שטוהל, נאר ריהר דיך נישט. דו הערסט?

די קליינע פאמיליע האט זיך אויסגעזעצט ארום טיש. דער אבערשט האט אנידערגעלעגט פאר זיך דאס געעפענטע העפט און אנגעשפארט דעם קאפ אויף זיין האנד...

— א, דער שענער שלום נאך דער מלחמה, א, דו זיסע רוהע נאכ'ן קאמפף, — האט ער פאר זיך געזאגט שטילערהייד.

— דו מוזט העכער רעדען, — האט איהם קאראלינע איינגערוימט אין אויער, — אז נישט, וועט דיך די מוטער נישט פערשטעהן.

„די ווינטער־שורע איז געוועזען געענדיגט, די פייערן זענען אויסגע־לאשען געווארען, די פענסטער געעפענט געווארען, מונטערע זונגע־שטראהלען האבען פרעהליכער געמאכט די אומעטיגע צימער־לופט, דער פריהלינג האט גערופען און געצויגען צו טויזענדער שפיעלען"...

— ווארט נאר א ווײַלע, — האט דער הויפטמאן אויסגעריפען, אויפשפרינגענדיג פון זײַן שטוהל און אנהאפענדיג דעם אבערשט פאר'ן ארעם — ווארט א ווײַלע, הערר שוואגער; איך ווײס שוין די גאנצע געשיכטע. איצט ווערט קומען דער הימעל, און אטײַך, און א וואלד, און א בעזונדערער בוים, און אונטערן בוים זיצט רינאלדא און זיפצט אדער שעלט.

קאראלינע האט דעם פלוידערענדען ברודער ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן מויל.

— הער נאר אויס, פריץ, דײַן פערד האט שוין צוויי מאל געהירזשעט, דו מוזט ארויסגעהן און א קוק טהון, וואס פעהלט דארט דײַן פרײַנד.

— נײן, — האט דער הויפטמאן געענטפערט, זיך א ניעדערזעצענדיג, — איך וויל רוהיג צוהערען; נאר איהר ווערט זעהן, אז איך האב רעכט. רינאלדא זיצט אונטער א בוים און זיפצט אדער שעלט.

דער אבערשט האט ווײַטער געלײענט.

„יונגלעך און פויגעל האבען ליעדער געזונגען; גליקליכע ליעבע האט געשמײכעלט און געשוויגען, די אונגליקליכע ליעבע האט געוויינט הײסער, נאר שטילער.

„אין אײנעם פון די דאזיגע שענע טעג זענען אויגוסט און קלארא געגאנגען ארויף אויפ'ן בערגעל, פון וועלכען זיי האבען געקאנט ארונטערקוקען און זעהן דעם טײַך, די שטאדט, דאס אלטע שלאס, און אונטען אין פארק — די פרעהליכע געסט, וועלכע זענען אײַנגעלאדען געווארען, צו פײַער'ן אויגוסט'ס געבורטס־טאג. דעם יונגען מאן האט א שווערע קראנקהײַט א ניעדערגעלעגט אין דעם שונא'ס לאנד, אין א פרעמד הויז, אין וועלכען ער איז געקומען אלס קריעגס־גאסט, און ווען ער איז גענעזען געווארען און האט אויפגעוואכט פון זײַן פיעבער־שלאף, האבען איהם געשמײכעלט אין פנים א געפונענעם לעבען און דער פריהלינג, און די ליעבע קלארא, די שענע טאכטער פון זײַנע פרײַנדליכע בעלי־בתים, האט איהם דערלאנגט דעם לעצטען בעכער פון רעצעפט־געטראנק מיט א ציטערינגער האנד און מיט אן'אראבגעלאזטען בליק. אין דעם מײדעלס הארצען, וואס האט זיך געעפענט פאר מיטלײַד, אין הארצען פון יונגען מאן, וואס האט זיך געעפענט פאר דאנקבארקײַט, האט זיך די ליעבע ארײַנגעגנבה'ט. זיי האבען באלד יעדער פערשטאנען, וואס בײַם אנדער'ן טהוט זיך אין הארצען; קלארא'ס עלטערן האבען מיט פרײד געקוקט אויף די דאזיגע געגענזײַטיגע

סימפאטיע. אויגוסט איז געווען א סעקרעטאר ביי א פראנצויזישען פריץ און מארשאל, און ער האט געפונען די געלעגענהייט צוציהען צו זיך דעם קייזערס אויפמערקזאמקייט. ער איז שנעל און אריך שנעלער געגאנגען פארווערטס אויפ'ן וועג פון גליק. קלאראס האנד איז איהם צוגעזאגט געווארען.

„די ליעבענדע זענען געזעסען אין דער הויך אויף א באנק פון גראז, פערזונקען אין זיסע געשפרעכען. אויגוסט האט דערצעהלט פון זיינע פיעבער־טרוימען, און ווי א מלאך אין בלויען געוואנד איז איהם ערשיענען און האט איהם צוגעזאגט גענעזונג. קלארא האט דערצעהלט, ווי זי האט מורא געהאט פאר איהם, ווי זי האט די נעכט אין וויינען פערבראכט. אזוי איז פאר זיי פערבייגעגאנגען א גן־עדנ'שע שטונדע.

„די זון האט זיך גענייגט צום אונטערגעהן, די לופט איז געווארען קיהל. קלארא האט דערמאהנט איהר פריינד, אז ער מוז זיך נאך שוינען. זיי זענען גיך אראבגעגאנגען פון בערגעל. ווען די פריינדליכע געסט האבען זיי בעגעגענט, האט קלארא בעהאלטען איהר רויט־געווארענעם געזיכט אין איהר מוטער'ס ברוסט.

„אויגוסט, וועלכען א דיענער האט געמאלדען, אז א פרעמדע פרוי האט זיך אבגעשטעלט אין איהר וואגען פאר דער גארטען־טהיר און זי וויל מיט איהם רעדען, האט אהין געאיילט. א אלטע פרוי, רייך נאר עפעס מאדנע פערפוצט געקליידעט, האט מיט א שטעקען איהם א קענען געהינקט. אויגוסט איז איהר אין די ארעמס געפאלען...

„— מיין מוטער!...

„— מיין זוהן!... נו, א דאנק גאט, וואס איך געפין דיך, ליעבער זוהן, לעבעדיג און געזונד. יעצט וויל איך גערן שטארבען.

„— וואס פאר א'איבעררראשונג!

„— גלייך נאך דעם בריעף, וועלכען דו האסט מיר געלאזט שרייבען דורך דיין דאקטאר, האב איך גלייך אבגערייזט, אום דיך צו בעזארגען אין דיין קראנקהייט, אויפ'ן וועג בין איך אליין שוואך געווארען און האב געמוזט בלייבען אכט טאג ליעגען...

„— טייערע מוטער!...

„— ביזטו עס דען ווירקליך, ליעבער זוהן? איך דערקען דיך נישט מעהר! ווי דו ביזט פערענדערט געווארען! און א גאנצער פריץ ביזטו געווארען, דיין פאטער עליו השלום האט עס שטענדיג געזאגט: פון דעם

דאָזיגען יונג וועט אויסוואַקסען עפּעס רעכטס. אַח, אַט האַסטו גאָר אַנ'אָרדען? נאָר, מײַן זוהן, דאָס טאָרסטו דאָך נישט טראָגען!

„— ליעבע מוטער, — האָט אויגוסט שמייכלענדיג געענטפערט, — דאָס איז נישט קײן צלם, דאָס איז אַ שטערן...

„— יאָ, ריכטיג. זעה ווי טײַער דאָס איז! נאָר דו קאָנסט עס לײַכט פערליערען; לאָז, וועל איך דיר דאָס פעסט צונעהען.

„דערווײַלע זענען אויך צוגעקומען אַהער די געסט, וועלכע האָבען די מערקווירדיגע סצענע פון דערווײַטען בעטראַכט. קלאַראַ האָט אין שפּאַס געהאַלטען דאָס נאָז־טיכעל פאַר די אויגען און האָט גערעדט פלומרשט ווײנענדיג:

„— דו אונגעטרײַער, דו רשע אײנער, דו האָסט דײַן מײדעל אָבגענאַרט, דו ליעבסט אַנ'אַנדערע!

„קלאַראַ'ס עלטערן האָבען לאַכענדיג געסטראַשעט מיט'ן פינגער:

„— אַ פײַנער הערר אַ שענער מענש, נאָך גוט וואָס מיר דערוויסען זיך דאָס צו דער רעכטער צײַט...

„— אַה! מאַדאַם רחל, — האָט זיך אַ יונגער אָפיציער געלאָזט הערען, — נישט אמת, איהר האָט אַ מאָל דעם הערר באַראָן געמוזט פון אַ צרה אַרויסהעלפען? האָט ער נאָך אַ משכון בײַ אײך, האָט איהר זײַנס אַ וועקסעל? בעריײַסט איהם נישט...

„אויגוסט האָט זיך אומגעדרעהט צום שפּעטער און האָט געזאָגט מיט אַ פלאַמענדיג געזיכט און מיט אַ מורא'דיגען בליק:

„— זי איז מײַן מוטער!"...

אַ שמערץ־געשרײַ, וואָס די גרעפין האָט געטהון, האָט אויף דעם אָרט איבערגעריסען די פאַרלעזונג. קאַראָלינע און איהר ברודער זענען דערשראָקען אויפגעשפּרונגען...

— גאָט, ליעבע מוטער, וואָס איז אײך, איהר זענט אַזוי בלאַס?

— גאָרנישט, קינדער, גאָר נישט, מײַן אַלטעס האַרץ־קלאַפּען ברענגט מיר מײַן רעצעפּט.

נאָכדעם ווי די גרעפין איז ווידער צו זיך געקומען האָט זי געבעטען דעם אָבערשט, ער זאָל בעסער דאָס ווײַטערדיגע לײענען אָבלעגען אויף מאָרגען, ווײַל דער קאָפּ טהוט איהר וועה.

— צי האָבען דען קלאַראַ'ס עלטערן נישט געוואוסט אַז אויגוסט איז אַ יוד? — האָט קאַראָלינע געפרעגט דעם אָבערשט.

— דאָס וועלען מיר מאָרגען הערען, האָט ער געענטפערט.

— דאָס איז אַ טײַוועלשע געשיכטע! — האָט דער הויפּטמאַן באַמערקט. — פון דעם דאָזיגען שידוך קאָן גאָר נישט ווערען, און מײַן רינאַלדאָ, וועלכער זיפצט אונטער אַ בוים, איז גאָר אַ העברעער. איך מוז מאָרגען פרעגען מײַן הויז-יודען, צי מען זיך אַ העבּרעער פערליבען, לויט משה'ס געזעץ.

דאָס איז ווירקליך אַ פערדריסליכע געשיכטע, — האָט זיך אָבגערופען לאַכענדיג דער אָבערשט. — וואָס וואָלט איהר געטהון, גנעדיגע מוטער, ווען אײַער טאָכטער וואָלט געטראָפען אַזאַ אונגליק?

די גרעפין האָט זיך אַראָבגעבייגט נאָך איהר אַראָבגעפאַלענעם טאַשען-טיכעל.

— און איהר, הערר שוואָגער?

— העללע און טײַפעל — האָט דער הויפּטמאַן געענטפערט, טופּענדיג מיט'ן פוס, — ווען אַ פערפלוכטער יוד וואָלט מיר אָבגעטהון אַזאַ שטיקעל, וואָלט איך דעם קערל פון דריטען שטאָק אַראָבגעוואָרפען, אַז אברהם אָבינו זאָל אָח און וועה שרײַען, ווען אַזאַ שווערער קלאָץ זאָל איהם פּלוצלונג אין שוים אַרײַנפאַלען...

— און דו — און איהר, פרײַלין?... האָט דער אָבערשט געפרעגט קאַראָלינע'ן.

זי האָט געמאַכט אַ טיעפען קניקס.

— אַ שענעם דאנק פאַר'ן קאָמפּלימענט, הערר אָבערשט. ווירקליך, איהר זענט אַ פײַנער מענש. ווי קאָנסטו גאָר אפילו מײַנען, קאַרל, אַז איך זאָל אַמאָל ליעב בעקומען אַ שוואַרצען יודישען מאָשעניק?

— עס זענען פאַרהאַן אויך בלאָנדע און עהרליכע, — האָט דער אָבערשט געענטפערט.

— עס איז נאַטירליך שלעכט, עס איז זעהר טרויעריג, נאָכדעם ווי מען האָט זיך געליעבט און געקושט, זיך ווידער צו פערלאָזען. נאָר וואָס זאָל מען טהון?

— וואָלסטו, הײַסט עס, דײַן געליעבטען אָבגעשטויסען, קאַראָלינע?

— ווי דען? די אָרעמע קלאַראַ וואָלט דאָך אויסגעלאַכט געוואָרען, און איהר יודישער מאַן וואָלט אפילו קײנמאָל אין קלוב נישט געקאָנט געהן. נאָר זי מוז עס קלוג מאַכען, ווען זי יאָגט איהם אוועק. „ליעבער הערר שמול, וואָלט איך געזאָגט צו מײַן חתן — נישט אמת, מוטער, אַלע יודען הײַסען שמול בײַ זײַער טויפנאָמען? — ליעבער הערר שמול, עס איז אמת, איך האָב איך ליעב געהאַט; אײַן גאָט ווײס, ווי דאָס

איז געשעהן, איך בין שטענדיג געווען א נארישׁ מיידעל — נאר ליעבער הערר שמול, זייט דאך פערשטענדיג, מיר קאנען דאך נישט חתונה האבען. זייט נישט בייז, ליעבער הערר שמול: וועהט איהר, איך שענק אייך אלע מיינע בריליאנטען, אלע מיינע בלאנדען (זיידענע שפיצען), זיי זענען ווערטה א סך געלד, איהר קאנט דערמיט מאכען גוטע געשעפטען אויפ'ן ברוינשווייגער יריד; נאר גיעט מיר צוריק מיין ווארט.

— נעהם עס! — האט דער אבערשט געזאגט מיט א ציטערנדער שטימע און איז ווי א משוגענער ארויסגעלאפען.

2.

„איהר האט מיר מיינע קינדהייטס־שפיעלערייען אוועקגעגנבה'ט, איהר שלעכטע מאשעניקעס! איהר האט מיר זאלץ געווארפען אין דעם, זיסען יוגענד־בעכער; איהר האט בייזע רכילות און נארישען שפאט אוועקגעשטעלט, אויף דעם וועג פון א מענשען — אבהאלטען האט איהר מיך נישט געקאנט, נאר מיעד, פערדראסען און אהן פריידע האב איך דערגרייכט דאס ציעל. איין געפיהל נאכ'ן אנדערן האט איהר אין מיר געטוידט, און א בית־עולם האט איהר געשאפען פון דער דאזיגער לעבענס־פילער ברוסט. עס איז מיר אפילו די ראכע נישט געבליבען, איך האב אפילו נישט די קראפט, מוחל צו זיין, און נישט גענוג שוואכקייט, זיי צו בעשטראפען! איך קאן צו זיי נישט צוקומען אין זייער פוקסען־הויהל, איך קאן מיך נישט בויגען, איך קאן נישט קריעכען; און די חיטרע חיה בלייבט גוט בעהאלטען, ווי שטענדיג... אח, דער דאזיגער שענער זונענטאג, ווי שנעל איז ער פערבייגעגאנגען! און איצט, אט זענען זיי שוין ווידער דא, די אלטע פלעדער־מייז, וועלכע האבען מיר אזוי לאנג ארום דעם שטערן אין די אויערן געברומט; אט בינו ווידער, אבלאכער־טייוועל, וועלכער האט בויך פון דער מוטערס שוים אין וויגעל, פון וויגעל אין שולע, פון שולע אין דאס לעבען פערנארט! איין ווארט — גיין, וועניגער ווי איין ווארט — די ערצעהלונג פון א אלטען קלאנג — א מורא'דיגער כישוף!... פערלארען, פערראטען, אבגענארט!"...

מיט די דאזיגע שטארקע ווערטער פון א צעמישטען זינען און א געקרענקטען הארצען האט קארל זיך בעמיהט לייכטער צו מאכען די צרה פון זיין הארצען. קאר, זיין טרייער פריינד און מיליטער־חבר, איז שוין לאנג נעבען איהם געשטאנען אונבעמערקט.

— בראַוואָ! — האָט ער אויסגערופען, פּאַטשענדיג אין די הענד — בראַוואָ, שאַרל! הערליך, האָסט גאָר צו זיך קיין גלייכען נישט, אַזוי ווי טאַלמאַ 1), גענוי ווי טאַלמאַ! האָסט אַ פּראָבע געמאַכט? וועסט מאָרגען אויפפיהרען די קאָמעדיע ביי דיין גנעדיגער מאַמאַ?

— די קאָמעדיע איז געענדיגט, — האָט קאַרל געענטפערט.

— שוין געשעהן? אַ שאָד, איך וואָלט גערן דערביי געוועזן. האָסטו געהאַט ערפאָלג? האָט די גנעדיגע משפחה דיך געלויבט? האָט די הויכע געטערשאַפט דיר צוגעשמייכעלט? אָ, דו גריקליכער!

— פערלאָרען. אַלץ איז פערלאָרען, נאָר דו אַליין בלייבסט מיר נאָך,

קאַרל איז מיט טרעהרענדע אויגען געפאַלען אויף זיין פריינדס ברוסט.

— וואָס איז דאָס, שאַרל? וואָס בעדייט דאָס? דאָס איז שוין נישט קיין שפּיעל, רעד, וואָס איז געשעהן?

קאַרל האָט זיך אויסגערעדט און זיך אויסגעוויינט.

— דאָס איז אַלץ וויייל דו ביסט אַ יוד? — האָט קאָר געפרעגט צווישען צאָרן און לאַכען — איך בין נאָך ווענינגער ווי דו, איך בין אפילו נישט געטויפט. איך הייס ברוטוס, און, אַ דאַנק גאָט! מיין נאָמען שטעהט נישט אין קאַלענדער פון די הייליגע. קיינער פון יענע פרומע לעמער, וועלכע האָבען זיך געדולדיג געלאָזט שעכטען, בראָטען און אויפעסען, האָט נישט געהייסען מיט מיין נאָמען; איך געהער בעסער צו יענע, וועלכע טוידטען די וועלף, וועלכע האָבען צעריסען די לעמער.

— אַלץ, — האָט קאַרל געזיפצט, — אַלץ איז פערלאָרען!

— אַלץ? — האָט קאָר געפרעגט מיט אַ געריהרטער שטימע, — און דער דאָזיגער שראַם פון דער וואונד, וואָס דו האָסט בעקומען אין דער מלחמה, און די ערינערונג, פאַר וועמען דו טראָגסט איהם, רעכענסטו פאַר גאָרנישט?

— מיט טויזענד הערצער האָב איך דאָס מיידעל געליעבט, און דאָך בין איך אַזוי אָראָבגעשטויסען געוואָרען פון שוועל פון מיין גליק!

— זיי אַ מאַן, שאַרל, דו האָסט אַ מיידעל פערלאָרען און זיך געפונען. אויב עס איז שוין יאָ אַזוי געוואָרען, מוז איך מיט דיר אָפען רעדען. איך האָב קיינמאָל די ליעבע נישט געקענט, איך בין אַ קינד פון

---

1) אַ בעריהמטער אַקטיאָר־טראַגיקער, וועלכער האָט געלעבט 1763—1826,

לאגער; נאר דאס, וואס האט מיין קארל'ן בעזיעגט, קאן נישט זיין קיין אונווירדיגע זאך. דאך, ווען דו וואלסט בעסער אנ'אנדערע אויסגעוועהלט! און וואלט עס אפילו געווען די קאסאקע אליזאן, די חנו'דיגע טאכטער פון אונזער קרעמערין, וואלט איך מיט דיר צוזאמען גאנצע מאנד-נעכט כסדר געזיפצט און געוואכט און וואלט נישט געשמייכעלט. נאר יענץ פוסטע פאווע-געשלעבט האס איך מיט מיין גאנצער זעלע! דו קענסט זיי נישט, קארל, איך קען זיי בעסער. דעם הונד פעראכטען מיר נישט אזוי, ווי זיי פעראכטען אונז. די בעל־גאוה'ניקעס, די פערדארבענע, ווי איך קען זיי! זיי האבען אלע אונזערע נצחונות געשטערט. דעם קעניג און דאס לאנד און דאס פאלק האבען זיי פערראטען. אייערע בירגער האבען מיר מיט דאס געוועהר בעזיעגט, און נישט שטענדיג וועלען זיי הערשען, יענע געטער מיט גאלד און פוסטקייט, און נישט אומעטום. זיי פרעהליך, קארל! וויין אהער, לא'מיר אויסטרינקען צו גלאז. עס לעבע די פרייהייט!

— עס לעבע די פרייהייט! — האט קארל אויסגערופען בעגייס-טערט. — און טויט און פערדארבען יעדער געוואלדטהאט!

די טהיר איז שטארק אויפגעריסען געווארען, און אין צימער איז צארנדיג אריינגעפלויגען דער הויפטמאן, קאראלינע'ס ברודער. צוליעב דער אנפאלענדער אבענד-דונקעלקייט האט מען איהם געקאנט דערקענען ערשט לויט זיין שטימע.

— אט האב איך דיך ענדליך געפונען, יודישער מאשעניק! אט האב איך דעם שורקע! — ער איז אויף קארל'ן בעפאלען מיט א שטעקען.

קארל האט געזוכט זיין שווערד און אזוי ווי ער האט איהם נישט געפונען איז ער צוגעלאפען צו קאר'ן, ארויסצונעהמען זיין שווערד פון דער שייד. קאר האט איהם אבגעשטויסען פון זיך.

— וואג דאס נישט, — האט ער געזאגט; — דאס דאזיגע שווערד איז מיינס, און איך האב דערמיט צו שאפען.

— אויב אזוי איז גוט, — האט דער הויפטמאן אויסגעשריען מיט א שפאטישען געלעכטער. — א יוד און א פראנצויז, א פראנצויז און א יוד, דאס געהער צוזאמען, דאס שטעהט ביי איינער דעם צווייטען.

— ציה! — האט קאר אויסגעשריען, — פערטיידיג דיין רויזענ-בלוט, פאוש!

זיי האבען אנגעהויבען פעכטען, ביים צווייטען גאנג איז דער הויפט-מאן א ניעדערגעפאלען, זיך באדענדיג אין זיין בלוט.

— שנעל, לויף צום שטאַבס-חירורג, — האָט קאַר אויסגערופען מיט צער.

— שיק נאָכ'ן פּאַפּ, האָט קאַרל געזאָגט רוהיג און קאַלט, — רוף דעם [illegible] ער זאָל עס דערענדיגען.

3.

קאַראָלינע פאָן פ. צו איהרער אַ פריינדין:

— אויב איהר האָט רעכט, ליעבע סאָפיע, אויב אין די יונענד-יאָהרען ווערען וואונדען און שמערצען גיך אויסגעהיילט און פערגעסען — צי בין איך נישט דאַן נאָך עלענדער? פון מיין גליק איז מיר נור געבליבען מיין לייד, און דאָס איז לייכטער צו טראָגען, ווי אַ פּוסט האַרץ.

נעכטען איז געוואָרען אַ יאָהר, ווי מיין גוטע מוטער איז געשטאָרבען, איך האָב דעם גאַנצען טאָג געוויינט. מיין ברודער האָט גוואַלדיג אויפגעוועקט דעם שלאָפענדען צאָרן אין זיין ברוסט; אין אָבענד האָט ער געשפּיגען בלוט און איז געוועזען זעהר קראַנק.

אַח, ווי שרעקליך די מענער זענען! דער אָרעמער פּריץ! ער האָט שוין נישט מעהר קיין כח אַרומצוגעהן איבערן צימער אליין אָהן אַ פיהרער, און האָט נאָך אַזוי פיעל קראַפט צו האַסען. עס איז פאַר איהם קיין האָפנונג נישטאָ; דאָס האָט מיר אויסגעזאָגט דער דאָקטאָר, וועלכער איז געקומען מיך טרייסטען, נאָך איידער איך האָב איהם געפרעגט. די וואונד, וועלכע ער האָט בעקומען אין דער ברוסט איז אונמעגליך צו היילען.

אַלע אונזערע בעקאַנטע, וועלכע האָבען שלעכ'טס גערעדט אויף מיין פערבינדונג מיט'ן אָבערשט און האָבען זיך דעריבער מיט מיין מוטער צעקריעגט, האָבען אונז פערלאָזען. נאָכדעם ווי דאָס אונגליק האָט אונז געטראָפען, האָבען זיי קוקענדיג אויף אונז זיך געפרעהט מיט אונזער צרה, און איצט בעגעגען איך גלייכגילטיגע בליקען.

ווי איינזאַם דער אונגליקליכער איז! אייער מאַן און אייערע קינדער, ליעבע פריינדין, וועלען אַרום אייך שליעסען אַלץ אַ ענגערן, אַלץ אַ זיסערן קרייז, און אויך איהר וועט זיך אָן מיר דערמאָהנען נאָר כדי איהר זאָלט זיך איניגער קאָנען פרעהען מיט אייער גליק.

וועגען דעם אָבּערשט האָבּ איך גאָרנישט געהערט. נישט לאַנג האָט מען געזאָגט, אז ער איז אַרײַנגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט בײַ די ענגלענ־דער. אָפּשר איז דאָס, וואָס איך האָבּ צו איהם געפיהלט, נישט געװען די אמת'ע ליבּע, נאָר עס איז געװען די העכסטע נײַגונג, צו וועלכער איך בּין נאָר פעהיג. איצט קאָן איך מעהר צו זיך נישט קומען. די לײַדען פון מײַן מוטער און פון מײַן בּרודער האָבּען מיך אויף אַ פאַלשען וועג אַרויסגעפיהרט און איך האָבּ פערלאָרען דעם אַלטען וועג פון מײַן האַרצען. ער איז געװען אַ עדעלער מענש און האָט מיך געליבּט מיט דער גרעס־טער צערטליכקײַט. צי טראַכט ער נאָך וועגען מיר? ער איז אַ מאַנס־פּערזאָן.

אויבּ איך וועל מײַן בּרודער פערליערען, וועל איך מיך סטאַרען אָנצוקומען אין אַ ערציהונגס־אַנשטאַלט. פרוי פאָן צ. האָט מיר פאָרגע־לעגט איהר הויז; נאָר איך קאָן נישט זעהן קײַן קינדער אונטער די אויגען פון זײַער מוטער; איך מוז מיך בּעהעפטען צו פרעמד־ע קינדער, טראַכ־טען, אז זיי זענען אויך פערלאָזענע יתומים, און זײַן זײַער עלטערע שוועסטער.

זײַט געזונד, ליבּע סאָפיע, און נעהמט אָן מײַן הערצליכען דאַנק פאַר אײַער גוטיגען בּריעף.

דער אָבּערשט וו. צו קאָר'ן.

קאַדיקס, דעם 26 דעצעמבּער 1819.

איך קען דײַן האַרץ, קאָר, און איך גלויבּ דערין, אַפילו דאַן, ווען איך בּעגרײַף עס נישט. נאָר יעדען אַנדערן וואָלט איך געזאָגט: דו ליבּסט די פרײַהייט און קאָנסט נישט דינען דער טיראַנײַ? נײַן, דו ליבּסט נישט די פרײַהייט מעהר ווי אַלץ. בּרוטוס האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ שוואַכזיניגען — איך בּין אימשטאַנד צו טהון מעהר ווי דאָס

זײַט פיער יאָהר שמײַכעל איך ווי אַ שורקע, שטעק זיך אָן מיט גאָלד ווי אַ גנב און שליעס בּרידערשאַפט מיט אַלע פּאַפּען. אמת, טײל־מאָל אין אָבענד פאַלען מיר די פּים פון דער אַרבּייט פון טאָג; דאַן לאָז איך מיר אַרויסשיפען אין ים אַרײַן, דערצעהל די וועלען מײַן געהײמניס און קעהר צוריק אַהיים אַ געשטאַרקטער.

דו פרעגסט מיך, פאַר וואָס איך אַנטלויף פון מײַן פאַטערלאַנד? —

איך האב קיין פאטערלאנד. איך בין נאך קיינמאל אין דער פרעמד נישט געוועזן. וואו עס זענען פארהאן טורמעס, דארט דערקען איך מיין היימאט; וואו איך געפין פערפאלגונג, דארט עטהעם איך די לופט פון מיין קינדהייט. די לבנה איז מיר אזוי נאהנט ווי דייטשלאנד. נאר איין מאל, אין א אונפארזיכטיגע שטונדע, האב איך דאס דאזיגע בעפאנצערטע הארץ געעפענט, און גלייך האבען זיי מיך שנעל און גוט געטראפפען. דאס טרעפט שוין נישט ווידער.

אלץ איז צובערייטעט, די ווינדען זענען גינסטיג, און ווייניג טעג ארום וועט זיך אויסלויטערן א שענערער הימעל איבער מיר. איך האב נישט צייט מעהר צו רעדען, נאר ווייס, דער טאג, אין וועלכען דו וועסט דערהאלטען דעם דאזיגען בריעף, איז געוועזען דער גליקליכסטער אין דעם לעבען פון דיין פריינד.

איבערזעצט פון דייטשען לעאן.

לענאו.

די בלום.

געפונען האב איך אין א בוך,
בלעטערענדיג שטום,
א טוידטען זכר פון אמאל,
— א פערוועלקטע בלום...

נאר וועמענס האנד האט צום געדענקען
מיר זי דאן געשטרעקט? — — —
— דאס האט די צייט שוין מיר פון זינען
לאנג, אח, אויסגעמעקט...

איך קוק פערביטערט אויף דער בלום,
איך קוק זי אן און טראכט: —
— עס הויבט אויף מיין ערוועקונג
מיט חשך שוין די נאכט!..

און שוואכער, שוואכער ווערט דער פארעם
צום לעבען וואס מיך קניפט;
און באלד, אח, וועל איך שוין ניט וויסען
ווער ס'האט מיך ווען געליעבט!

מ. ברבוק.

אויגוסט סטרינדבערג.

דער הויקער.

ער איז געווען א הויקער, דער קערל, נאר שטענדיג פרעהליך און לעבענסלוסטיג, ווייל ער איז געווען פון א מילדער נאטור. און אגב האט ער אזוי לאנג געליטען, ביז זיינע ליידען האבען זיך פערוואנדעלט אין א הומאר. נאר א חוץ דעם איז ער ביי זיך זעהר גרויס געווען, ווייל ער האט געשטודירט מעדיצין. ער האט בעהאט געשיקטע הענד און א גרויסען שכל און קיינער האט איהם ניט אבגערעדט פון פארטצוועטצען זיין שטודיום. אמת, ער איז געווען זעהר ארים, נאר קיין חובות האט ער ניט געהאט, דערפאר האבען די חובות געמוזט ערשט אנקומען, ווייל זיינע צוויי הונדערט דאלאר — די סטיפענדיום, וואס מען האט איהם פון אוניווערזיטעט ארויסגעגעבען — האבען קוים געקלעקט אויף ביכער. עס איז געווען א'ן עהרליכע קבצנות — ער האט זיך פון אלץ ענטזאגט. זיינע סטודענטען-יאהרען זענען פערלאפען זעהר ניט פרעהליך, די צוויי הונדערט דאלאר האבען קוים — קוים געקלעקט אויפ'ן לעהר-יאהר. מילך מיט ברויט אין דער פריה און אין אבענד, א מיטאג אויף העלפט מיט א חבר פאר זעקס דאלאר א חדש, א צימער אויף א בוידעם פאר פופצען דאלאר און דערצו — א וועניג האלץ, וואס ער פלעגט אליין אין מארק איינקויפען פאר זיעבען דאלאר.

נאר גאר שמאל פלעגט איהם אויסקומען, ווען זיין קאסע פלעגט ווערען לעער צוליעב א'ן ניט פאראויסגעזעהענע הוצאה, ווי למשל — ביי'ם קויפען א מלבוש, און אויף צו דערלערנען מעדיצין האט זיך געפאדערט זעקס יאהר.

אינ'ם זעקסטען יאהר איז איהם געווען גאר שלעכט. צו הערבסט צו האט ער זיך איבערגעצויגען אין א'ן אלטע חורבה ביי'ם אייזערנעם בריק; זיין צימער איז געווען הארט אונטער'ן דאך, און זיין סופית איז געווען אויסגעבויגען, ווי א דעקיל פון א טרומנע.

איבער'ן מיטען ציטער איז דורכגעגאַנגען אַ קוימען. אַ'ן אייזערן בעטיל מיט אַ מאַטראַץ, אַ דעקע מיט קישענס, נאָר אָהן ליילעכער, אַ קיך־טיש בײַם פענסטער, אַ רויט עלמער'ל און אַ פּאָר שטוהלען — דאָס איז געווען גאָר די מעבעל.

פאַר'ן שײַן פון אַ חלב־ליכטעל, וואָס איז געווען אַרײַנגעשטעקט אין אַ ביער פלאַש, האָט ער געלערנט.

עס איז אָנגעקומען דער שוועדישער אָקטאָבער, און מיט איהם אַ פראָסט: קיין האָלץ האָט ער ניט געהאַט, און ניטאָ וואו צו נעמען. דאַן האָט ער געמאַכט אַ'ן ענטדעקונג, אַז דער קוימען מיט וועלכען ער איז געווען אַזוי אומצופרידען, לאָזט אַרויס פון זיך אַ היבש ביסעל וואַרמקייט. ער האָט זיך אומגעקעהרט צום קוימען מיט'ן רוקען און געלערנט.

דער פערגניגען האָט געדויערט נאָר דרײַ טעג, אויפ'ן פירטען איז דער קוימען געווען קאַלט. ער איז געגאַנגען זיך ערקונדיגען פאַר וואָס דאָס איז און זיך דערוואוסט, אַז דער קוימען האָט בעדינט אַ בעקערײַ, וועלכע מען האָט געהייצט איין מאָל אין צוויי וואָכען. דאָס איז געווען פאַר איהם אַ שווערער קלאַפּ. די נויט האָט אָנגעפאַנגען בעווײַזען איהרע נעגיל. ער האָט פערברענט אין אויווען אַלץ, וואָס ס'האָט זיך געפונען אין צימער, דערנאָך האָט ער אָנגעפאַנגען אומלויפען צו זײַנע אָרימע חברים — קיין רייכע האָט ער ניט געהאַט — צו לײַהען אַ בינדעל האָלץ.

ווען ער איז אין איינע און די זעלביגע ערטער שוין געווען צו עט־ליכע מאָל, האָט ער זיך אָנגעפאַנגען צו שעמען און דערזעהן, אַז ער מוז זיך נעמען צו אַ מיטעל, אויף וועלכען ער האָט געקוקט, ווי אויף אַ פערברעכען.

עס איז אָנגעקומען אַ שנײַ, און דער שנײַ פלעגט צוגעהן און אַרײַנגעהענדיג דורכ'ן דאַך, פלעגט ער טריפען אויף זײַן בעטיל. נאָר זײַט די אָנגעקומענע קעלטען, איז דאָס בעטיל געוואָרען זײַן איינציגע בעהעלטעניס, די נויט אָבער האָט איהם אויך פון דאָרטען געיאָגט — ער האָט געמוזט זעהן בעפרידיגען די נויטיגסטע לעבענס־בעדערפעניסען. און ער האָט זיך בעשלאָסען צו געהן אין לאָמבאַרד.

עס איז געווען אַ שווערע מינוט: עס איז געגאַנגען וועגען זײַן זייגער, וואָס איז געווען בײַ איהם אַן ערינערונג, נאָר אַ חוץ דעם איז דאָך געגאַנגען וועגען זײַן צוקונפט... ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, מען זאָל איהם ניט דערקענען און זיך אַוועקגעלאָזט איבער די קריגעס שנײַ אויף דער קעניגס־בערגער גאַס. אַ צײַט לאַנג איז ער מיט אַ קלאַפּנ־

דען הארצען אומגעגאנגען ארום דעם לאמבארד. אין פענסטער דארטען האט ער געזעהן אזוי פיעל זייגערס — און אלץ עראינערונגען!... און איהם האט זיך געדוכט, אז ער קלויבט זיך צו טהון עטוואס עקעלדיגעס. נאר דערנאך האט ער א טראכט געטהון וועגען זיין עקזאמען און איז אריין...

א פערשיעדענארטיג בילד האט איהם בעגרישט. נייע מלבושים, קופערנע כלים, קלאווירען, שוסטערשע מאטעריאלען, ביבער, רעהרען, שירעמס — אלץ פון וואס א מענש קען זיך ענטזאגען, א חוץ שפייז און ווארמקייט!

עס איז צו איהם צוגעגאנגען א יונגע פרוי און ער האט איהר ארויסגעזאגט זיין פערלאנג: ער וואלט וועלען זיך ערקונדיגען, צי וועט מען פיעל ניט איז איהם געבען אויפ'ן זייגער, ער איז צופעליג איצט פערענגט, נאר גאר אין גיכען וועט ער איהם אויסלעזען, ווייל דער זייגער איז א'ן עראינערונג...

— אך, אזוי — א'ן עראינערונג? — האט די פרוי מיט א שטילען שמייכעל געפרעגט.

דער ארימער קערל האט ניט געוואוסט, אז דאס איז דער געוועהנליכער נוסח, ווען מען ברענגט עפעס צו פערמשכון'ען.

מען האט איהם פארגעלעגט צעהן דאלאר.

— אייער פאמיליע?

וואס איז עס געוועזען פאר א מאמענט! ער האט זיך אנגערופען מיט א פאלשען נאמען. דערנאך האט ער געוואלט אויף גיך ארויסלויפען, נאר אין טהיר האט ער זיך אנגעטראפען מיט דריי חברים, וועלכע האבען קענטיג דעם וועג אהער גוט געוואוסט, און זיי זענען דא, זיכער, שוין געהאט געוועזען ניט צוליעב די אייגענע סבות, וואס ער.

— ע! קוק-אקארשט, דער קלייניניקער אנטאן! שטעה — ווארט, מיר קענען זעהר גוט פערברענגען היינט א'ן אבענד און א הוליע טהון. געלד וועט זיך שוין געפינען!

איהם איז געוועזען מאוס פאר זיך אליין, נאר ער האט זיך געלאזט איינרעדען, איז אוועק מיט זיי, האט געטרונקען און זיך אנגעטרונקען אזוי, אז א היים האט מען איהם אפגעטראגען. נאר ער האט געזעהן אזעלכע הערליכע חלומות, און ער האט זיך אויפגעכאפט שטארק פערוואונדערט: ער איז געלעגען אין זיין בעטיל, נאר אויף א ליילאך, אויף א ווייסען ליילאך,

דאָס ערשטע מאָל פאַר זעקס וואָכען! ווער זשע האָט דעם לייַלאַך אונטערגעבעט?

דאַמאָלסט ערשט איז אויף איהם, פּלוצלונג, אַ שרעק אָנגעפאַלען. ער האָט נעכטען געהוליעט, געשכורט; ער האָט צובּיטען זיַין צעהן־דאָלאַר־שטיק, געגעסען אַמאַרען, געטרונקען קוראַסאָ. ער איז געוועזען אין לאָמבּאַרד און איז אַריַינגעפאַלען צו אַ גנבים־באַנדע...

ער האָט זיך אַרומגעקוקט פון זיַין בעט: צוקאָפּענס איז געשטאַנען אַ שטוהל, פון אויבען שווערבּלאַך, די פלאַש, וואָס האָט איהם געדיענט פאַר אַ לייַכטער און נאָך אַ פלאַש מיט וואַסער, דער שליסעל פון טויער, אַ געעפענט פּעקיל טאַבּאַק און זיַין צעהן־דאָלאַר־שטיק: אַלץ אין אָרדנונג און אין גאַנצען.

נאָר עס איז איהם אויסגעקומען איבּערצולעבען נאָך שווערע מינוטען; דאָס איז געוועזען דאַן, ווען עסענוואַרג האָט פעהלט, און ער האָט זיך געשעמט צו געהן אין לאָמבּאַרד. איהם איז אויסגעקומען איצט צו פריערען, נאָר ער האָט געלערינט, געלערינט אָהן אויפהער און ניט דורכגעלאָזט קיין איין לעקציע, קיין פּראַקטישע בעשעפטיגונג.

איין מאָל האָט מען איהם אין בעט אַ שווער־געחלשטען געפונען איבּער'ן לעהר־בּוך פון פיזיק, אויף וואָס ער האָט מאָרגען געזאָלט האַלטען עקזאַמען. אַבּער און פיערציג שעה האָט ער נישט געהאַט געגעסען...

דערווייַל האָט ער געענדיגט זיַין שטודיום און ער האָט אָנגעגעבּען אַ ביטע אין מיליטער־האָספּיטאַל. מען זאָל איהם געבּען אַ שטעל פון אַ'ן אינגער'ן אַרצט, מיט וואָס עס איז געוועזען פערבּונדען אַ פריַיע קוואַרטיר און זעכציג דאָלאַר אַ יאָהר. זיַין ביטע איז בעפרידיגט געוואָרען, נאָר אַז ער איז דאָס ערשטע מאָל דורכגעגאַנגען דעם האָספּיטאַל, איז איהם אויסגעקומען דאַבּיַי צו זיַין, ווי מען האָט גלייַכגעשטעלט אַ לונג און ער איז געפאַלען אין חלשות. ווען עס איז געקומען דער אויבּער־אַרצט, האָט ער זיך שרעקליך פערוואונדערט, דערזעהענדיג אויף דער פּאָדלאָגע אַ קליינטשיקען און אַ בלייַבען, שטאַרק דערשראָקענעם מענש'ל; ער האָט איהם אויפגעהויבען און מיט מיטלייַד געפרעגט: „ווער ביסטו, בחור'ל"?

— איך — בין דער אינגערער אַרצט פון האָספּיטאַל.

מען האָט דעם קליינטשינקען פערזעהעניש בעפריַיט פון אַ'ן אונאַנגענעהמע ערקלעהרונג, אַז מען האָט דורך אַ טעות איהם פעררעכענט פאַר אַ'ן אינגער'ן־אַרצט אין האָספּיטאַל, ווייַל מען האָט גאָרניט געוואוסט, אַז ער איז אַ הויקער. מען האָט איהם געלאָזט פערבּלייַבען ביז סוף יאָהר.

אויף אזא אופן האט ער זיך אומגעקעהרט אין אופסאלע און אנגע־פאנגען בעזוכען די דארטיגע קליניקעס; איהם איז געווארען אלץ שווערער זיך דורכצושלאגען. נאר פון דעסטוועגען האט ער ווי ניט איז געלעבט. ער פלעגט אויפשטעהן פריה און אבפארטיגען מיט זיין בעלי־בתישקייט אזוי, אז פונקט ניין זאל ער זיין ביי דער ארבייט.

וויעדער איז דער פריהלינג אנגעקומען, און זיינע חברים האבען זיך צושפרייט אין פערשיעדענע קאנטען. אנדערע זיינען אוועק צום „פריזיוו”, אנדערע — אויף שטעלען אין פראווינץ, אנדערע — אין קור־ארטען. ער אייגער איז פערבליבען אין שטאדט און פאראויסגעזעהן א שרעקליכען זומער אין אופסאלע, וואו די היטץ איז צייטענווייז ניט אריבער צו טראגען.

איין מאל, אין א מאי־טאג, איז ער געזעסען אין קאראלינישען פארק, דערנאך איז ער אוועק אויפ'ן שלאס־בארג, זיך אנצוקוועלען מיט די לאנדשאפטען, וואס האבען זיך פערנאנדער געוויקעלט צופוסענס דעם בארג. ער האט ליידענשאפטליך געבענקט נאכ'ן ים, ווייל ער איז אליין אויסגעוואקסען אין א געגענד ארום א ים. און דער אבפאהרענדער דאמפ־פער האט עס אין איהם געוועקט די ליידענשאפטליכע בענקענים.

— אך, אט איז עס מיר אויסגעקומען א ביסעל אומצוגעהן, ביז איך האב דיך געהאפט; געה די מינוט און פאהר; גראטולירע! אייל זיך אבער צו, ווי לאנג דער קראנקער איז נאך ניט טויט!

אינ'ם אייגענעם אבענד איז ער ארויסגעפאהרען קיין באגוסלען, צו פערנעהמען די שטעל פון א הויז־דאקטאר ביי א זעהר רייכען מאן, א שוואכזיניגען פון געבורט. פאר זיין מיה האט ער געזאגט קריגען צוויי הונדערט דאלאר א חדש און פולע קעסט, פולע קעסט אין א שלאס, וואס איז געשטאנען אויפ'ן ברעג פון ים! און ער האט פריי אבגעאטעמט!

דאס אלטע געביידע האט מען געבויט, ווען די מזרח־אינדישע קאמפאניע האט געהאלטען אין רעכטען בליהען, ווען א זיידע פון איצטיגען ווירטה האט אנגעלעבט 'אין אונגעהויער'ן אייגענס. דער פארק, איז געווען אויפ'ן כינעזישען שטייגער, און וואס — וואס איז דא ניט געווען! טייכלעך מיט ווייסע שוואנען, וואסער־פאלען, ביידלעך, בלומען־גערטנער, פרוכט גערטנער... און אין שטוב אלערלייאיגע בע־קוועמליכקייטען: אין שטאל איז געשטאנען גרייט אן אויסגעפיטערט פערד צום רייטען, אויף די טייכלעך און אויף די קאנאלען — שיפלעך, און אויפ'ן ברעג ים האט זיך שטענדיג געפונען א זעגעל־שיף מיט צוויי מאטראזען,

וואס האבען נאך אויסגעקוקט אויפ'ן בעפעהל, זיך צו לאזען אין וועג. קורץ: עס איז געוועזען אלץ, וואס איז נויטיג צו א'ן ערדישען גן־עדן. עס האט נור געפעהלט די קרוין. די גאנצע ווירטשאפט איז בעשטאנען פונ'ם שוהאכזויניגען, וואס איז געווען אונטער'ן דרוק פון דער הויזהאלטערין, פונ'ם פערוואלטער און פונ'ם קאמענדירער; נאר וואס געזעהען איהם אן, דעם קליינטשינקען דאקטאר, די מענשען, אז עס איז דאס ערשטע מאל, אז ער קען זיך בענוצען מיט דער פרייהייט און מיט אלע ערדישע וואוילטאגען.

ער איז געווען פאלשטענדיג איבערראשט פון אזא פולקייט, נאר פון דעסטוועגען האט ער ניט פערגעסען צו בעפרייען דעם געפאנגענעם פון דער דריקענדער טיראניי, פאר וואס יענער איז, ווי עס האט זיך געדוכט, געווען דאנקבאר.

ביים מיטאג איז ער געזעסען אליין מיט'ן קראנקען, און הינטער יעדערן איז געשטאנען א בעזונדערער לאקיי. אליין האט ער געגעסען א מיטאג פון זעקס געריכטען, די בעסטע אויסטער'ן און די בעסטע אמארען, און פערטרונקען האט ער אלץ מיט א טייער'ן וויין; דער רייכער מאן איז געזעסען דאנעבען און געגעסען א געקאכטע הוהן און גרייפלעך. — נאכ'ן עסען פלעגען זיי זיך צולעגען אין הענג־וויגעלעך, און דער קראנקער פלעגט קוקען מיט קנאה, ווי דער ארימער קאנדידאט רויכערט ציגארען צו פערציג דאלאר א שטיק און טרינקט מאראסקינא ספעציעל אויסגעשריבענע.

ער פלעגט ארויספאהרען אויפ'ן זעגעל־שיף אין אפענעם ים, איבערלאזענדיג הינטער זיך אלע זארג; ער פלעגט זיך שיפען איבער די קאנאלען און שיסען פון א ביקס אויף קראליקעס; ער פלעגט זיצען אין א ביידעל און פאנגען גאלדענע פישלעך; נאר דאס איז געווען ניט גוט, ווייל די הויזהאלטערין פלעגט צו הערבסט־צו פון דעם אלץ זיך ארייננבריענגען א הכנסה; און צוליעב דעם טאקי איז ביי איהר מיט'ן דאקטאר פארגעקומען א'ן איבערעד, וואס האט זיך געענדיגט מיט א געהיימע קארעספאנדענץ צו די אפוטרופסים פונ'ם קראנקען, נאר זיי האבען צוגעשיקט א בעפעהל אז דער דאקטאר מעג טהון אלץ, ווי איהם איז וואוילגעפעלען.

עס האט זיך אנגערוקט אויגוסט, און ער איז אלץ אומגעגאנגען איבער די גערטנער; ער האט מיט אפעטיט געגעסען טרוסקאפקעס און פלעגט פערנאנדער שיקען אינגלעך רייסען קארשען; ער האט פערזוכט פון די מארעלען און פון די וויינטרויבען, און ער האט איינגעפונען, אז

נאָך אַ חדש דאַרפֿען זיי צײַטיג צו ווערן ; ער האָט געהײַסען אָנקלויבען אַ גרויסען קאָשיק מיט בלומען, אַרײַנצושטעלען זיי אין זײַנע וואַזען. מיט אַן ערהליכקײַט צו אַ קינד האָט ער געזוכט ברייט אויסצונוצען די פֿרייד פֿון דער מינוט, ווײַל ער האָט ניט געוואוסט, צי וועט איהם אויסקומען ווען עס איז ווידער איבערצולעבען אַזוינע טעג.

שפּאַצירענדיג איין מאָל, איבערן גאָרטען, האָט ער פּלוצלונג דערזעהן אַ העלע זומער-קלייד און אַ קלײַנע שטרויענע הוטעלע מיט בלויע בענדער. וואָס זענען פֿערשוואונדען אין די בוימלעך. ער איז רויט געוואָרען, און שטאַרקער האָט זײַן האַרץ געשלאָגען ; ער האָט זיך אומגעקעהרט אין זײַן צימער און געטראַכט, אַז אינ'ם הײַנטיגען טאָג וועט ער ניט וואָגען מעהר אַרויסצוגעהן שפּאַצירען.

נאָר נאָך מיטאָג האָט ער זיך בעשלאָסען אָבצוראַזירען, דערנאָך האָט ער אָנגעטהון אַ נײַעם קראַוואַט. דערבײַ האָט ער פֿערבײַגעהענדיג אַרײַנגעקוקט אין שפּיגעל און אײַנגעפֿונען, אַז ער איז אַ פֿערזעהעניש. ער איז אַראָפּ אונטען, אין זאַל, וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסער טריומאָ-שפּיגעל, אין וועלכען ער האָט זיך געקענט זעהן אין דער גאַנצער גרויס ; דערבײַ האָט ער אײַנגעפֿונען, אַז זײַנע אַקסלען זענען אויפֿגעהויבען אַביסעל צו הויך.

דערנאָך איז ער אַוועק אויפֿ'ן שלאָס-טורעם, זיך דערקליבען צום אויבערסטען פּלאַץ, פֿון וואַנען עס האָט זיך געעפֿענט אַ ברייטער לאַנדשאַפֿט, און ער האָט געזעהן, דאָס העלע קלייד האָט געשימערט איבער'ן גאָרטען.

אין אָבענד איז ער געגאַנגען צום בײַדעל, וואָס איז געווען אויפֿ'ן ברעג ים, נאָר ער האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים, בעשליסענדיג זיך אַ טייל פֿון מאָרגענדיגען טאָג צו פֿערברענגען אין גאָרטען.

אויף מאָרגען איז ער אויפֿגעשטאַנען פֿריה און זיך גענומען ראַזירען ; ער האָט געעפֿענט דאָס פֿענסטער, אַרײַנגעאָטעמט דעם ראָזען-לופֿט און מיט אַן אונגעוועהנליכע אויפֿמערקזאַמקײַט האָט ער זיך צוגעהאָרכט צו די פֿליעגעלעך וואָס האָבען געטשוויטשערט ; ער האָט לאַנג געבונדען זײַן קראַוואַט, פּאָלירט די נעגעל, דערנאָך האָט ער גענומען דעם שטעקען און דעם הוט און איז אַוועק. נאָר אין טהיר האָט ער זיך אָנגעשטויסען אָנ'ם פֿערסאָפּעטען דינער : דער פּאַציענט איז שטאַרק קראַנק געוואָרען.

צוויי טעג איז ער דורכגעזעסען אינ'ם קראַנקענס צימער, און אויפֿ'ן דריטען טאָג האָט ער נעדאַרפֿט געהן אין שטאָדט אָנזאָגען וועגען דעם טויט פֿון זײַן פּאַציענט און זיך אויסרעכענען.

גראָד דאַן, ווען עס זײַנען צײַטיג געוואָרען די ווײַנטרויבען, איז איהם אויסגעקומען צו פערלאָזען דעם גן־עדן און זיך אומקעהרען אין אופּסאַלע, ניט זעהענדיג זיך אפילו מיט'ן גערטנערס טאָכטער, ווײַל דאָס איז געוויס געווען — זי.

און ער האָט זיך צונויפגעפּאַקט און זיך צוריקגעקעהרט אין אופּסאַלע...

י. ענאָו.

שטום אַרום.

שטום אַרום און וויסט, אָהן פאַרבען;
נאָר דער וואַלד די לופט דאָרט גלעט איהם
טרייסט אין טרויער איהם, און רעדט איהם...,
— אַח, ווי שען איז אַזאַ שטאַרבען! —

דאָס לעבען מאַכט דאָ זײַן נסיעה;
די צײַט פון לעבען איז פערגאַנגען,
די צײַט פון ליעדער און געזאַנגען...
עס רײַסט דער וואַלד נאָך איהר ווי קריעה! —

די פויגעל ציהען און צולויפען;
מוטער־נאַקעט שטעהען בוימער.
נעסטען וויסטע, אָהן איין שומר...
די בלעטער פאַלען הויפען־הויפען! —

עס געהט פון וואַלד אַ שטילער רוישען;
— און איך פיהל אין איהם דאָס וועהען
פון די ווײַטע טעג וואָס געהען...
פון אַלטען לעבען זיך דאָס טוישען! —

היינריך מאַן.

פּיפּפּאָ ספּאַנאָ.

> גלייך ווי די פּערצאַמטיגע פּערברע-
> כער, וועלכע האָבען זיך געראַטעוועט פון דער געריכטס-פערפאָלגונג,
> באַלד ווי זיי האָבען נאָר דערגרייכט די ווינקלען פון מזבח, האָט ער זיך
> געפרובט דורכצודרינגען אין דעם קדשי-קדשים פונ'ם לעבען.
>
> „שאַגרין לעדער" (באַלזאַק).

1.

אַקאָמעדיע.

— איהר זאָלט מיר נישט אַרויסגעבען, — האָט מאַריאַ מאַיל-וואָילטאָ צו זיינע צוויי גוטע פריינד געזאָגט — זאָלען זיי מיינען, אז איך וועל נאָך צוריקקומען.

— דו וועסט דען נישט צוריקקומען?

— איך מוז היינט זיין אין דערהיים. דער קאָפּ טהוט מיר שרעק-ליך וועה. ניין, בעסער אייך אויסזאָגען דעם אמת, איך מוז יעצט זיין אליין מיט זיך.

— ווילסט אודאי נאָך אמאָל דעם נצחון דיינעם בעקלערען! א גוטע נאַכט, גליקליכער פּאָעט.

— ווער ווייסט צי דו וועסט גאָר קאָנען די נאַכט שלאָפען?

— ווער ווייסט. א גוטע נאַכט.

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ איז נאָך געבליבען שטעהן אַ מינוט אויף די טרעפּ נאָכדעם ווי די חברים זיינען זענען צוריק אַריינגעגאַנגען אין זייער צימער. דער באַנקעט, וואָס איז לכבוד איהם געמאַכט געוואָרען האָט זיך שוין געהאַט געענדיגט. רעכטס און לינקס האָבען זיך פאַר איהם טיעף פערבייגט צוויי לאָקאַיען בעהאַנגען מיט גאָלדענע לענטעס, אויסגלייכענדיג אויף וויפיעל ס'איז נאָר מעגליך געוועזען זייער מאָגערע פיגור. ער איז אַראָב אונטען איבער די בלאַסע שווערע דיוואַנען אונטער פער־גאָלדעטע פאַרענמישען.

„מען דאַרף דעם כבוד איננאַנצען געניסען" — האָט ער אַראָב־געהענדיג געטראַכט. זייענדיג דאָרטען בין איך צופיעל געוועזען פערנומען מיט מיין ראָליע. יעצט ערשט ווערט מיר דייטליך אַלץ, וואָס דאָרטען איז פאָרגעקומען".

— וואוהין ווילען מיר פאָהרען, העדר מאַילוואָילטאָ? — האָט דער קוטשער געפרעגט.

— קיין סעטיניאַנאָ.

— נאָך וואָס האָט ער דאָס געפרעגט? צי האָט ער נישט געמיינט, אַז איך וועל נאָך פאָהרען צו מימין? אָה מימי, דו זיידענע שמאַטע, וואָס פלאַטערט אויף אַלע זייטען! וויקעלט זיך אַמאָל דעם אַמאָל יענעם אַרום האַלז. איך האָב איהר געקישט ווען עס איז אָנגעקומען מיין רייהע, איך האָב זאָגאָר אין דעם אַ גאַנצען ראָמאַן איינגעפלאָכטען. אָה מימי! דו קליינע קאָקעטקע מיט דיינע ליידענשאַפטען נישט נאָך דיינע יאָהרען נאָך, אָהן אַ שאָטען פון עפּיס ערהאַבענעס אין דיינע געפיהלען. איך האָב אין דיר דערוועקט ליידענשאַפטען, וועלכע איך האָב אַליין אויסגע־טראַכט; פאַר דאָרשט נאָך כבוד, פאַר בענקשאַפט האָב איך זיי אויף דיין לעבענס־וועג פונאַנדערגעשטעלט. דו ביזט דאָך אָבער אַ גאַנץ געוועהנליך מיידעל געוועזען. פערצייה מיר, מימי.

„מיר שטרעבען, מיר רייסען זיך צו עפּיס וויכטיגערס, עפּיס שטאַר־קערעס. עפּיס וואָס ניט איז, זאָל זיין אַ מין מימי. מילא, דאָס קאָן מען נאָך ווי עס איז ליעב האָבען גלייך מיט וועלכע עס איז טראַגעדיע, דאָס בעריהרט דאָך אַזוי וועניג דאָס האַרץ. מיין טראַגעדיע האָט היינטיגען אָבענד אָבגעהאַלטען אַ נצחון. יאָ, איך הויב אָן ווערען שטאַרק. מען מוז זיך אָבער צוריקהאַלטען פון קליינע פערגניגען, זיי האַלטען נאָר אויף די שוואַכקייט, וועלכע עס פערוועהרט מיר דער דאָזיגער, וואָס קוקט אויף מיר אין מיין צימער מיט אַן'אַרויספאָדערנדיגען בליק"!

„וועט שוין אמאל נעמען אַן ענדע די דאָזיגע ענגע פלאָרענציע ?״ האָט ער אונגעדולדיג אויסגערופען. איהם האָט זיך פלוצלונג פערגלוסט די לופט פון זיינע היגלען, וועלכע איז מיט וואָלקענדיגע אָליווען־בלעטער בעציערט און דורכגעווייקט פון לאַרבער־בלעטער, וואָס האָבען ביטער אָבער צערט־ליך זיין מויל געקושט. אין די גאַסען האָבען נאָך אָבגעהילכט די ביינאַכטיגע מורמלענדיגע אָבקלאַנגען. דער שאָטען פונ׳ם פערד און פונ׳ם קוטשער האָבען זיך באַלד בעוויזען און באַלד ווידער פערשוואונדען געוואָרען פון די וועגד. ענדליך האָבען זיך פון דער פינסטערניש אַרויס בעוויזען די הייזער פון דער פאָרשטאָדט. אויף די נאָהנטע גערטנער איז געפאַלען דער שיין פון דער לבנה.

„איך, איך האָב איינגענומען יענעם היגעל דאָרטען וויַט וויַט, וואו מיין הויז שטעהט זיך אַזוי רוהיג. און נישט נאָר יענעם היגעל אַליין נאָר אַלע היגלען האָב איך איינגענומען״.

„די גאַנצע געגענד, אַלע שטעדט, אַלע הייזער ביז דאָס סאַמע לעצטע, האָב איך געמוזט איינגעמען, דען קיין איינציגע האָט צו מיר נישט געהערט. קיין איינציג געהיים שטעגעלע אפילו פון ערגיץ וואו אַ פערוואָרפען ווינקעל האָט פון מיר נישט געוואוסט... בעקלער זיך נאָר היינט גוט וועגען דעם. ביזט געבאָרען אויפ׳ן ים, דיין מוטער געהער צו אַ פרעמד פאָלק, דיין דראַמאַטישע קונסט האָט געקעמפפט פאַר דאָס דאָזיגע לאַנד, פאַר יעדען שפאַן ערד, פאַר יעדען גראָבענדיל אויף איהרע פעלדער, ווי אַ פאַנטאַסטישער וואַנדערער אין אַ זאַק אָנגעקלייַדט, מיט שטריק אַרומגעגאַרטעלט רייסט זיך צו פערגיסען זיין בלוט.

נון שטעה איך אָבער פעסט. יעדער איינציגער אין איטאַליען ווייסט היינט אין וועלכען דאָרף און אויף וועלכען טיש ליגט יענץ בלאַט־פאַ־פיער, וועלכע איך האָב בעשריבען. דער גאַנצער טעאַטער־זאַל זענען היינט ביינאַכט פאַר מיר בעזיגטע און אונטערטהעניגע פאַרבייגעגאַנגען. עלף מאָל האָט מען מיך אַרויסגערופען. ווי פריינדליך האָט די קעניגין מיט מיר גערעדט. דער גראַף טורין האָט מיר האַרצליך די האַנד געדריקט. דערנאָך דער באַנקעט, צוויי דעפוטאַטען, אַ טעלעגראַמע פון מיניסטער, היינט די גלענצענדע רעדע, וואָס דער בורגמייסטער האָט לכבוד מיר געהאַלטען, וואָס נאָך בעדאַרף איך, איז דען דאָס ווייניג ? און דאָך בין איך אונצופריעדען, דער באַנקעט איז געווען אָהן פרויען— אָהן פרויען !״

ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון עקיפּאַזש און די גאַנצע

אויף זיין האַנד אָנשפּאַרענדיג, האָט ער אין דרויסען געקוקט. ווייט אַרום זענען די בליהענדיגע בוימער אין׳ם בלאַסען לבנה־שיין פערטרונקען געוועזען, קוטענדיג פאַר דעם בריק אַמעגזאָן האָט זיך איהם אַרגע אָבגעדאַכט אַז אין דער הויך, זעהט זיך אַ צווייטער עקיפּאַזש, נאָר באַלד איז עס פערשוואונדען געוואָרען. דער דעק פון׳ם עקיפּאַזש איז געוועזען אויפגעהויבען, דער קוטשער האָט גאָרנישט געזעהן.

„ווייסען זיי חאָטש די פרויען, אַז אַלץ טהוט מען סוף כל סוף נאָר צוליעב זיי? איינציגע פון זיי מאַכען דעם אָנשטעל ווי זיי וואָלטען גלויבען אין גייסט. יאָ אין גייסט — דאָס דאָזיגע אונבעהאָלפענע קינד. וואָס ווען נישט די מיטווירקונג פון געפיהל וואָלט עס נישט קאָנען נישט שטעהן, נישט געהן. מיר האָבען נאָר געפיהל, דאָס איז אונזער גאַנץ פערמעגען; אָבער אויף וואָס נוצט עס אונז, און וואָס פאַר אַ בעלוינונג בעקומען מיר דערפאַר? אָ, אַז מען זיצט ביים שרייב־טיש און מען טראַכט וועגען פרויען וועט מען שוין עפּיס רעכטס נישט אָנשרייבען. ווייסען זיי דאָס די פרויען? אָ, וואָס פרעג איך גאָר אַזא נאַרישע פראַגע? איז דען זייער נישט גלוי־בענדיגע בעציהונג צום טאַלענט אַ קנאַפּער בעווייז ווי נאַריש זיי זענען? איז דען זייער געבען דאָס פאָרצוג יעדען נאַרען, וואָס גיט זיך זיי אין גאַנצען איבער ווייניג בעווייז ווי פּוסט זיי זענען? און זייער בעציהונג צו ביכער? פרויען און ביכער דאָס זענען עביגע שונאים.

אַ צוואַנציג־יעהריגער פּאָעט, האָט זיי פיעל, זעהר פיעל צו זאָגען, ער שווייגט אָבער, וויל ער בעזיצט צו פיעל ליידענשאַפט און דאָס געפעלט נישט די דאָזיגע בעשעפעניש, וועלכע פערשטעהען נאָר דאָס פער׳שכור׳נדיגען דאָרשט נאָך כבוד. איך האָב דאַמאָלס פאַנטאַזירט פון יעדער, וויפיעל זיי זאָלען דאַרפען נישט זיצען אין זאַל, אָדער אין עקיפּאַזש אויף קאָרסאָ. מיט אַ פאַנאַטאַסטישער ענטשלאָסענהייט, מיט׳ן גאַנצען לעבען וואָלט איך מיך געהאַט געוואָרפען צו די פיס פון דער דאָזיגער, וועלכער וואָלט זיך מיר אין ליעבע ערקלערט. אָבער זיי זענען נישט אַזוי נאַריש. נישט איין איינציגע פון זיי פיהלט די נויטווענ־דיגקייט אונז צו טרייסטען אין אונזערע נערוועזישע אויפרייצונג. קיינמאָל וועלען זיי זיך נישט קאָנען איינלעבען מיט אונזער פיינפיהליגקייט. טריי וועלען זיי נאָר בלייבען דעם, וואָס קאָן זיך גוט פערשטעלען; איהם וועלען זיי ווי דאָם אויג אין קאָפּ היטען, דערצו זענען זיי געשאַפען. אַליין נישט וויסענדיג צו וואָס זיי, די פרויען, זענען בעשטימט, צווינגען זיי אונז

מיר זאָלען צוליעב זיי פערלאָרען געהן. די פרויען זענען אין דער מענשהייט דאָס וואָס לאָזט זיך ניט צעברעכען, און איך פערגעטער זיי דעריבער, ווייל איך פערגעטער די קראַפט.

„טיעף פון מיין בעשיידענעם ווינקעל האָב איך זיך דאַמאָל'ס פּלוצלונג אַרויסגעהויבען — זיך און די קליינע פּרינצעסין נ א ר א. אַך, וואָס פאַר אַן איבערראַשונג! אַט דער קליינטשינקער לעהרער'ל מיט זיין עקעלדיג פיגור'ל, וועלכע די דאַמען האָבען איהם אַפּילו זייערען אַ פּעקיל צו טראָגען ניט געוואָלט געבען, זאָל זיך אַזוי וואָס אונטערשטעלען! נוט דער דאָזיגער פערצווייפעלטער אויפפיהרונג מיינער האָב איך זיי אַלעמען איבערראַשט, זיי אַלעמען מיט אַמאָל ערנידעריגט. און דאָס אַוועקרויבען די פּרינצעסין ג א ר י פ א ל י איז ווייניג? פאַר וועמען דאַרף איך מיך יעצט שעמען? און דאָך איז מיר נאָך דעם אַלעם געבליבען די געוואוינהייט צו קוקען מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען; יעדע דרייסטקייט געגען וועלכע ס'איז פרויענצימער האָט זיך מיר פון דאַמאָלס אַן גוט איינגעגעבען; נאָר יעדעס מאָל האָב איך זיך געמוזט צווינגען.

„מען וואַרפט מיר פאָר, אַז איך בין ניט גענוג עדעל, אַז איך בין צו פרעך. איינער פון די שטענדיגע קלוב-געסט האָט ניט געוואָלט געהן מיט מיר אויף אַ דועל, און איינער עפּיס אַן עהרען-געהיים-ראַטה האָט געזאָגט, אַז יענער איז גערעכט. אָה, נאַראָנים, נאַראָנים, זיי האָבען ניט געקאָנט טרעפען, אַז מיין ניט עדעלקייט שטאַמט נאָר פון מיין שרעקען זיך פאַר מיין אייגענער ווייכליכקייט. איך לייד דורך מיין צופיעל פערשטעהן, דורך מיין צופיעל נאָכדענקען, דורך מיין צופיעל פאַראויסזעהן יענעמס אומגליק. אָבער אַלעס ענדיגט זיך ביי מיר מיט אַ נצחון. וואָס פאַר אַ זעלבסט-בעהערשונג האָב איך בעדאַרפט צו האָבען, ווען איך האָב די קליינע פּרינצעסין נ א ר א אַוועקגעוואָרפען, געשענדעט און פון דער נעזעלשאַפט פערשטויסען. נאָך היינטיגען טאָג, ווען איך טרעף זיך מיט איהר אין די הויכע וועלטליכע קרייזען אין ר ו י ם, פיהל איך עפּיס אַ מין שרעק.

„און פיהל איך דען ניט עפּיס אַ מין שרעק צוליעב נ י נ י ע ן, די גרויסע דראַמאַטישע אַרטיסטיק, וואָס ליידט אַזוי צוליעב מיר?

מ א ר י א מ א י ל ו א י ל ט א האָט דעם קאָפּ צוריק אין עקיפּאַזש אַריינגענומען און געקוקט אויפמערקזאַם אויף די הויכע בערג-שפּיצען פון דער ווייטענס, וואו הינטער די גרויע שטראַהלען פון דער לבנה האָט זיך דער שלאָס געזעהן. אַ קליינינקער, בלישצענדיג-רויכערדיג פייער'ל, האָט זיך ווי אַ געהיימער געדאַנק בעהאַלטען הינטער אַ בוים, וואָס האָט ווי אַ

רויטליכער וואָלקען אויסגעזעהן.

„וואו איז זי היינט אין דער וועלט? אה, לאנג האָב איך שוין פון איהר קיין ידיעה נישט געהאט. אָבער האָב איך איהר דען פערראורזאכט איינע שמערצען, וועלכע זי זאָל מיר פריהער אליין נישט האָבען געגעבען צו פיהלען? ווער איז נאָך אזוי פראקטיקירט אין ליידען און אין די סבות זייערע ווי מיר ביידע? מיר וויסען, אז ערגעץ קאָנען מיר נישט אזוי ארבייטען, אז קיינמאל זענען מיר נישט אזעלכע גרויסע קינסטלער, ווי זענענדיג צוזאמען איינער מיט דעם אנדערן. און נישט קוקענדיג אויף אלע קללות, אלע שוואכהייטען און פיינדשאפט וואָס איז צווישען אונז פאָרגעקומען, וואַרפען מיר זיך פונדעסטוועגען נאָך אמאל און נאָך אמאל איינער צום אנדערן. אין דער גאנצער וועלט איז נישטאָ אזא קאָמעדיע, וועלכע זאָל גלייך זיין צו אונזער ליעבע. הינטער אונזערע אלע ליידענשאפטען, הינטער אונזערע אלע ווילדע אויפפיהרונגען, אין וועלכע דאָס לעבען ברענט זיך אוים, הינטער דעם אלעם בעהאלט זיך די קונסט אונזערע, דער צוויי־זייטיגער געלעכטער פון אַן'אקטיאָר, וועלכער זוכט דאָרשטיג נייע איינדריקען פאַר נייע ראָלען.

„פון צייט צו צייט בעווייזען מיר איינער דעם אנדערן, אז מיר שפּיעלען בלויז א קאָמעדיע. אָבער ביי ביידען רייסט זיך פּלוצלונג ארויס אַן'עקעל, און מיר רוקען זיך אָב איינער פון דער אַנדערער. אָבער קוים געהען פערביי א דריי־פיער חדשים בעווייזען מיר זיך פון דאָס ניי אויף דער איינענער רעפּעטיציע. דאָס איז די פּפליכט פון אונזער בערוף. דאָ האָט מיט ליעבע גאָרנישט צו טהון, עס האָט גאָרנישט צו טהון מיט יענער ליעבע, צוליעב וועלכע יונגע בחורים שלאָפען נישט גאנצע נעכט, יענע ליעבע פון וועגען וועלכע מען פאנטאזירט פון כבוד און רוהם. איך וואָלט איינענטליך געוואָלט וויסען, נאָך וואָס טויג דער כבוד, אז ער ברענגט אונז נישט קיין ליעבע... כבוד און ליעבע דאָס זענען צוויי גלייכע איינבילדונגען. וואָס מעהר ענערגישער, וואָס מעהר ענטשלאָסענער דו שטרעבסט צו זיי צוצוקומען, אלץ ווייטער רוקען זיי זיך אָב פון דיר. זייענדיג נאָך גאנץ אונערפאהרען האָב איך געשטרעבט נאָך א כבוד, וואָס איך האָב מיר אין דער פאנטאזיע פאָרגעשטעלט, איך האָב עס מיר אין א בילד אויסגעמאָלט: א קעניג לעגט מיר א גאָלדענעם קראַנץ ארויף אויפ'ן קאָפּ. נון בין איך טריט פאַר טריט צו דער מדרגה געקומען, בין איך היינט גליקליכער ווי דאַמאָלס? דערוועקט עס אין מיר עפּיס בעפרידיגענדערע געפיהלען? געניס איך דעם כבוד נאָך וועלכען איך האָב געשטרעבט? ווער, ווער עס געניסט עס, איך אוודאי נישט!

(פאָרטזעצונג קומט)

הערמאן הייערמאנס.

דער ניגער.

עס איז שווער געווען אבצולייקענען, אז ער איז מיאוס. עס קען זיין, עס קען זעהר זיין, אז פון דערוויטענס האט מען איהם געדרעבענט פאר א שעהן יונגעל, פאר א יונגעל וואס איז געפעהרליך פאר פרויען, פאר א פראנט, פאר א הארצען-פרעסער, — נאר אין אלגעמיין האט מען אין אמשטערדאם געזאגט, אז ער איז זעהר מיאוס, אז ער איז דער שווארצסטער עקזעמפליאר אין זייער גאנצער פאמיליע. פראסט גערעדט, אהן משלים, מאסא איז איינפאך געווען א ניגער, א גרויסער, ברייטביינערדיגער ניגער, א שווארצער ריעז מיט א צוגעפלאטשטע נאז, א קודליעוואטע קאפ, מיט ליפען רויטע און ברייטע, ווי א נאר וואס איבערגעשניטענער בעפשטעקס. מאסא און דזשאן (דזשאן איז געווען א ווייסער) זענען ארומגעפאהרען איבער ענגלאנד, דייטשלאנד און בעלגיען. און האבען אויפגעטרעטען אין „טעאטערלעך" אלס מוזיקאלישע קלאונען. דעם גרעסטען ערפאלג האט געהאט מאסא. ער האט געקענט מאכען די אריגינעלסטע גרימאסען. מענשען פלעגען פלאצען פאר געלעכטער, ווען ער האט געבאמבעלט אויף דער מאנדאלינא און האט גענומען דעם אנגעצונדענעם עק פון דער ציגאר אין מויל אריין, מאכענדיג א פול מויל רויך; קיין איין מענש האט ניט געקענט פערשטעהן, ווי אזוי ער ברענט זיך ניט אב ביי דעם די צונג. אמת'ע וואונדער! א גרויסען ערפאלג האט ער געהאט אויף די ברעטער, אבער טאקי נור אויף די ברעטער.

ביי טאג, אין די קאווארניעס איז איהם געווען שווערליך. ער האט ניט געקענט מאכען קיין טריט, מען זאל איהם ניט נאכקוקען. אין מאל האט זיך שוין אפילו פאליציי אריינגעמישט. א נ'אוואנטורע מיט א באנדע יונגלעך. גוט, וואס ער האט זיך געשטארקט, איינגעהאלטען, ער האט שיער איינעם דעם קאפ ניט אבגעדרעהט. און דערנאך דער-

וואַקסענע, גרויסע. פרויען האָבען געלאַכט, מענער האָבען זיך אַוועק געדרעהט. שבת פאַר ווייה־נאַכט האָט ער אויפגעהויבען אַ סקאַנדאַל אין קאַפע־הויז, אין דער אַרטיסטישער קאַפע־הויז. דאָרט האָט ער זיך שוין גאָר ניט אויף דעם געריכט, זיי האָט דאָס געוויילט. מיט זייערע ווייסע פינגער האָבען זיי אָנגעריהרט זיינע שוואַרצע באַקען און געפרעגט פער־וואונדערט: „עס געהט ניט אָב?!" ביי איהם איז דאָס אויסגעקומען נידריג, מיאוס, גראָב און ער האָט מיט כעס געמאַכט אַנ'ענדע צו דעם.

אויף מאָרגען, זונטאָג, שוין דעם הייליגען זונטאָג פון ווייה־נאַכט איז נאָך ערגער געווען. ער האָט געבעטען אין קירכע.

דושאַן האָט דאָס ניט געטהון, אָבער ער וואָלט זיך פאַר קיין געלד פון דעם ניט אָבגעזאָגט.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער רוהיג אויסגעטרונקען אַ גלעזעלע גראָג, איז זיך געגאַנגען אַביסעל דורכשפּאַצירען, און פריה פאַר טאָג איז ער געגאַנגען אין קירכע, וואו דער גלח האָט אַזוי שעהן געזונגען, אַז איהם האָבען זיך אַזש געשטעלט טרערען אין די אויגען. ער איז זיך געזעסען אין אַ ווינקעלע, פערטראַכט אַראָבגעלאָזט דעם קאָפּ, די שוואַרצע הענד פערלעגט אויף די קניע און געמאַכט מיט די ליפּען. און מען האָט איהם געשטערט. צוויי ווייסע יונגלעך מיט אַ מיידעלע, דריי קינדער, וואָס זענען געשטאַנען נעבען איהם — זיי האָבען ניט געמוזט וויסען, וואו זיי געפינען זיך, אַנדערש וואָלטען זיי דאָס געוויס ניט געטהון — זיי האָבען זיך אומגעקוקט און אָנגעהויבען צו לאַכען. און דאָס קליינע מיידעלע האָט זיך פערקוקט אויף איהם. עס איז איהר עפּעס געווען אַ וואונדער, וואָס אַ ניגער קניעט אין קירכע, — ער זעהט אויס ווי דער קליינער דינער ניקלאָסאַ, — און נאָך דערצו דאָס לעכערליכע פּנים, פּונקט ווי ער וואָלט דורך אַ קוימען דורכגעקראָכען. צום ערגסטען זענען געווען די יונגלעך, אַ קליינע מאַלפּע און אַביסעל אַ גרעסערע מאַלפּע. ווען ער האָט געבעטען האָבען זיי געלאַכט פון זיינע געדרעהטע האָר, פון זיינע רויטע ליפּען, גרויסע, שוואַרצע אויגען און ווייסע ציין, סאַר' אַ לעכערליכער שוואַרצער! זעהט נאָר די נאָז; ער האָט געמוזט ערגעץ פאַלען אויף דעם פּנים, ווען ער איז נאָך געווען קליין. ניין! דאָס האָט איהם געמאַכט זיין מוטער, ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד. אַלע מוטערס אין אַפריקאַ מאַכען אַזוי זייערע קליינע קינדער, האַ, האַ, האַ... — שטיל, דו, זעה וואו דו ביזט! — און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען האָט ער בעמערקט, ווי די דערוואַקסענע, גרויסע, זענען איבערראַשט און סור'ען

זיך, איבערהויפּט פרויען — זיי האָבען זיך גאָר ניט געקוועלט. עס איז זיי זעהר געפעלען, וואָס אַ ניגער קומט אַהער מיט אַ געבעט־ביכעל און ערפילט זיין פפליכט. וואָס פאַר אַ פאָרשריט עס איז אויף דער וועלט!

אין אַ מאָליגע צייטען האָט מען אפילו ניט געקענט פאַנטאַזירען וועגען אַזעלכעס. און היינט: ס'איז שעהן, אמת שעהן!

פינף אַ זייגער פאַר טאָג — עס האָט נאָך אויסגעזעהן, ווי ביי נאַכט — איז ער געקומען אַ היים, אין זיין קוואַרטיר אויף דעם פירטען שטאָק. וואַרמאָער גאַס. אַ שוואַך, שווינדעלדיג פלעמעל פון ליכט האָט בעלויכטען דעם ניגער'ס פערצאָגט געזיכט, מיט דעם בלאָהען גלאַנץ אויף זיינע באַקען־ביינער. דזשאָן, וועלכער האָט געשפּיעלט אין קאָרטען מיט זיינע פריינד, איז שוין געלעגען אין בעט, די דעק אריבערגעצויגען ביז איבער די נאָז, — אויף דער דעק איז געלעגען אַלעס, וואָס ער האָט נאָר פערמאָגט פון קליידונג, ער האָט געוואָלט עס זאָל איהם זיין וואַרימער.

— גוטען אָבענד! — האָט מאַסאַ אויף ענגליש אַרטיסטיש לשון אַ ברום געגעבען. גאָר אוים אַכטונג צום לעזער, ווי אויך צו זיך זעלבסט בעניצט דער פערפאַסער דאָ ניט, דעם אויסדריק.

— גוטען אָבענד! — האָט דזשאָן אַרויסגעבאַמקעט. מען האָט איהם איבערגעריסען דעם ערשטען דרימעל, וואָס האָט, אייגענטליך, געדאַרפט איבערגעהן אין אַנ'אֶמת'ן שלאָף.

מאַסאַ האָט אַנידערגעשטעלט דעם לייכטער און האָט אָבגעקנעפעלט זיין שטייפען קאָלנער (דאָס איז געווען אַ פונקטליך געקליידעטער ניגער), ער האָט אויסגעטהון איבער'ן קאָפּ דאָס פאָרהעמדעל — שנעלער ווי אין אַ מינוט איז ער שוין ניט געלעגען נאָר געזעסען אונטער דער דעק.

מאַסאַ'ס אונגעוועהנליכע פּאָזע אין אַזאַ אונגעוועהנליך שפּעטע צייט, שוין ניט רעדענדיג וועגען דעם אונגעוועהנליכען אויסדריק פון זיין געזיכט, פון דעם טיעפען קנייטש איבער די יונגע, פלאַטשיגע נאָז — האָט אַרויס־ [illegible] גערופען אויף דעם שכן'ישען בעטעל אַנ'אונצופריעדען ברומען, און עס האָט זיך בעוויזען דזשאָן'ס שפּיציגע נאָז.

— דו פערלעשסט ניט דאָס ליכט, מאַסאַ?

מאַסאַ, דאָס איז געווען זיין אַרטיסטישער צונאָמען.

— יאָ, — האָט דער ניגער געזאָגט, אָבער זיך ניט גערירט פון אָרט.

זיין שוואַרצער געקרויזטער קאָפּ האָט זיך אָבגעשלאָגען אויף דער

װײַסער װאַנד, זײַנע שװאַרצע הענד זײַנען אַראָבגעהאָנגען אומקרעפטיג אויף דער דעק.

— עס איז דיר עפּיס געשעהן — האָט דזשאָן געפרעגט פערװאונדערט אַ ביסעל פון מאַסאַ'ס האַלטען זיך.

— ניין, — האָט מאַסאַ געברומט, קוקענדיג פאָראויס, פאַר זיך — עס איז מיר גאָר נישט, גאָר נישט.

— פערלעשזשע דאָס ליכט — איך בין מיעד.

דעם ניגער'ס ליפּען האָבען זיך צונויפגעלעגט װי אַ פּורפּור רעהרעל. אויסגעדרעהט זיך צום ליכט און צוריק אויפגעפּעפּענט זיך, געװאָרען פלאַטשיג. ער האָט פערטראַכט געקוקט אין ליכט. דזשאָן האָט זיך אומרוהיג גערודערט אונטער דער דעק.

— אַלזאָ? — האָט ער געפרעגט בײז.

אָבער דער ניגער האָט, ניט קוקענדיג, אָבקעהרענדיג די גרויסע אָפּלען, אַפילו ניט פינטלענדיג מיט קײן ברעם, אָנגעהויבען צו רעדען אומעטיג, מיט די שװאַרצע הענד אָנגעשפּאַרט אויף די הילצערנע בעט-אָנלעהנען:

— איך בין געװען אין קירכע.

— איך װײס שוין דאָס!

— און אַצונד קריכט מיר אַרום אין קאָפּ עפּיס אַ מאָדנער, ניט פערשטענדליכער געדאַנק...

— װאָס אַזעלכעס? — האָט דזשאָן געגענעצט.

דעם ניגער'ס פערטראַכטער קאָפּ האָט זיך אָנגעבויגען צום ליכט — זילבערנע הערלעך האָבען געבלישטשעט אין דעם שװאַרצען טשוב — און פּאַמעליך, אָבשטעלענדיג זיך, װעגענדיג יעדעס װאָרט, האָט ער געפרעגט מיט אַן'אומעטיג קול:

— דזשאָן, װי מײנסטו? װי זעהט אויס גאָט?

דעם אַלטען קלאָאונס קאָפּ האָט זיך אַן'איבערגעשראָקענער אַרויסגערוקט פון אונטער דער דעק.

— הער נאָר, שלאָף אַצונד, ס'װעט זײַן אַ סך בעסער.

נאָר דער ניגער האָט זיך אײנגע'עקשן'ט.

— צי װאָלסט דו דיר געקענט פאָרשטעלען אַז גאָט — ער האָט זיך פערהאַקט אין די רייד — אַצונד װעסט דו געװיס לאַכען — איך װײס — צי װאָלסט דו דיר געקענט פאָרשטעלען, אַז גאָט זעהט אויס אַזוי װי איך?

מאסא האט געטראפען: דזשאן האט אויסגעשאסען מיט אזא הערציג געלעכטער, אז ער האט זיך אוש פערהוסט און געטוזט אפזעצען, אין א ווײַלע ארום האט ער זיך בערוהיגט און לאכענדיג, אויסגערופען:

— אגרויסארטיגער וויץ! מארגען מוזט דו איהם זאגען אויף דער סצענע. דו וועסט האבען ערפאלג.

— דו לאכסט... איך האב פריהער געוואוסט, אבער איך פרעג דיך נאך א מאל, ווי גאט זעהט אויס.

— אך, רײַר נישט! — האט דזשאן געלאכט. דאס איז נאטירליך און ער פילאזאפירט וועגען דעם. איך שטעל זיך שטענדיג גאט פאר אין געשטאלט פון איין אלטען מאן מיט א לאנגע ווײַסע בארד. דאס איז קלאר ווי דער טאג.

— א ווײַסען? — האט מאסא ווידער געפרעגט.

— דו וואלסט געוואלט?... און דזשאן האט ווײַטער אויסגעשאסען מיט א געלעכטער.

— לאך — האט געזאגט דער ניגער פײַערדיג — אבער אזוי ווי דײַן גאט קען ניט זײַן קײַן שווארצער, פונקט אזוי קען איך מיר מײַן גאט ניט פארשטעלען קײַן ווײַסען. און קײנער פון אונז טהוט דאס ניט.

— דאס איז גאר ניט אזוי נאריש — האט דזשאן, א געטראפענער מיט זײַן פרײַנדס לאגיק, געזאגט — אויב איך קען זיך איהם ניט פאר־שטעלען קײַן שווארצען, שטעלט איהר זיך איהם יא פאר אלס אזעלכען— חא, חא!... און דו קענסט איהם ניט האלטען פאר קײַן ווײַסען; פאר דיר מוז דאס אויך זײַן אזוי קאמיש. איך האב נאך ביז יעצט קײַן מאל ניט געטראכט וועגען דעם.

דער ניגער האט צופריעדען צוגעשאקעלט מיט דעם קאפ און א לאנגע צײַט זענען זיי נאך געזעסען שווײַגענד, פערטהון אין זײערע גע־דאנקען, א ווײַסער און א שווארצער מענש — יעדער אויף זײַן בעטעל, יעדער מיט זײַן שווארצען שאטען אויף די וואנד.

— און איך פרעג זיך אלײַן — האט ווידער אנגעהויבען דער ניגער — ווי זעהט אויס גאט... איך קלער שוין וועגען דעם א פאר שעה.

— אבער מענש!... ווער קען דאס דיר ערקלערען?...— האט דזשאן געזאגט, האלב אויפגעבראכט האלב איבערראשט מיט מאסא'ס וויכ־טיגע ענטדעקונג, — אײדער מ'שטארבט, ווײסט מען גאר נישט.

— יאָ. גאָר נישט! — האָט דער ניגער איבערגע'חזר'ט.

— און עס איז ניט גוט איבריג צו פילאָזאָפירען, מען קען משוגע ווערען — האָט דזשאָן געטרייסט.

— און דאָס איז אמת — האָט דער ניגער פּאַטאַקעוועט — נאָר עס זענען דאָ רעטעניִשען, רעטעניִשען, רעטעניִשען...

— יאָ, יאָ. אָבער ברעך דיר נישט איבערדעם דעם קאָפּ, נאַרע־רע — פערלעש די ליכט!

— יאָ — האָט דער ניגער אָבגעענטפערט. און די ליפּען פון דעם שוואַרץ־בלאָהען געזיכט האָבען זיך ווידער אומגעקעהרט צום פלאַם. אָבער קיין בלאָז האָבען זיי נישט געגעבען.

— דזשאָן, ווען דו וואָלסט דערזעהן גאָט אין געשטאַלט פון אַ ניגער וואָלסט דו געקענט אין איהם גלויבען?

— ניין! — האָט דזשאָן ענטשלאָסען אָבגעענטפערט, אַריבערציהענדיג די דעק איבער'ן קאָפּ.

— אַלזאָ — האָט מאַסאַ פילאָזאָפירט, אונטערשטריכענדיג אומע־טיג יעדע זילבע — אַלזאָ, דזשאָן, דו פערשטעהסט, אַז איך קען אויך ניט גלויבען אין קיין ווייסען גאָט. ווען איך זאָל אפילו שוין בעקומען פאַר איין גאַנץ יאָהר „גאַזשע״ וואָלט איך דאָס אויך ניט געטהון. הייסט דאָס, אַז עס זענען פאַרהאַן מעהר געטער — אַ נאַרישע געשיכטע — דאָס איז אַ גוואַלד. אַז מען קלערט וועגען דעם, קומט אוים...

ער האָט בעמערקט אַז דזשאָן הראָפּעט שוין און איז ענטשוויגען גע־וואָרען. ער האָט פערלעגט די הענד אויף די קניע, וועלכע האָבען אַרויסגעשטאַרט פון דער דעק און אַזוי איז ער געזעסען פערטראַכט, אַראָבבויגענדיג דעם שוואַרצען קאָפּ, אַריינשטעכענדיג זיינע גרויסע אַפּלען טיעף אין פלאַם ביז דאָס ליכט האָט זיך מיט אַ שיפען אויסגעלאָשען און דער גראָהער מאָרגען האָט שוין אַריינגעקוקט דורך דעם דאַך־פענסטער'ל.

איבערזעצט ב.

ערנסט געארגי.

פרײלײן מוטער.

ראמאן, איבערזעצט פון דײטשישען.

1־טעם קאפיטעל.

א ט ט א ־ פ א ן ־ ק א נ ט ה א ג ע ן איז געזעסען בײם שרײבטיש און געשריבען. זײן פעדער איז געפלויגען איבער'ן פאפיער. איבערגעגעבען מיט דער גאנצער אויפמערקזאמקײט דער ארבײט, האט ער נישט בעמערקט ווי זײן ציגאר ווערט אויסגעברענט און פערשפרײט אן אונאנגענעהמען גערוך. ער האט אויך גאר נישט געקוקט אויף זײן פרײנד, וועלכער האט זיך בעקוועהם געמאכט אויפ'ן דיוואן. א ו י ג ע ן ־ פ א ן ־ ר א ד ע ק האט צוערשט גע־לעזען אין „בילינגען זשורנאל", דערנאך האט ער אדורכגעבלעטערט איין באנד פון די מיליטערישע הומארעסקען און צולעצט האט ער ליגענדיג פראבירט צו מאכען רעדער מיט'ן רויך פון זײן ציגאר. ווען דאס איז איהם נישט געלונגען, האט ער זיך פערדריסליך אויפגעזעצט, אויפגע־נומען די אלע ווײכע קישענס וואס זענען ארום איהם געלעגען, געפאקט זײ אין איין קופע, אנשפארענדיג זיך מיט'ן רוקען אן דער וואנד און מיט'ן לינקען עלענבויגען אויפ'ן דיוואן, און אויסגעלעגט זײ אין אזא ארט, אז ער האט זיך שוין געקענט אנשפארען אן זײ און האבען א בעקוועהמע, האלב־זיצענדיגע לאגע. באלד האט ער זיך ווידער גענומען צו זײן פראבע, און שוין מיט מעהר ערפאלג. גאנץ געשווינד אבער האבען זיך די קונסט־שטיקלעך צוגעגעסען. ער האט אנגעהויבען מיט אינטערעס בעקוקען אויף דער וואנד די בילדער, וועלכע ער האט שוין הונדערט מאל אנגעקוקט און געזעהן, און פערווײלט זיך דערמיט א פאר מינוטען.

— „ביזט דו שוין אײגענטליך אין פיזא געווען, אטטא?" — האט ער געפרעגט הויך דעם שרײבענדען. — „יא!" — האט אבגעקורצט[?] דער ענטפער; אבער דער „יא" איז געווען אזוי צושטרײט געזאגט, אז ער האט גע־צווײפעלט צי דאס איז אמת. — „ווען ביזט דו אײגענטליך געווען אין פיזא?" — האט ער איהם געפרעגט נאך א מאל. יעצט האט דער אנדערער

אויפגעהויבן די אויגן און האָט געקוקט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צוריק אין דער גענענוואַרט אַריינברענגען. ער האָט גענומען די ציגאַר האָט אַ פּאָר ציה געטהון און געזאָגט לאַנגזאַם, נישט אומ־דרעהענדיג זיך: „אין פּיזאַ? פּיזאַ? —, אַזוי, די בילדער! איך בין דאָרט געוועזן מיט מיינע פּענסיאָנס־עלטערן צוזאַמען מיט אַנדערע פּענ־סיאָנערען, נאָך אין די נידריגערע שול־קלאַסען. — „דעמאָלט האָט דיין פאָטער נאָך געלד געהאַט?” — „יאָ, עס איז געוועזן פאַר דעם גרויסען קראַך!” — „האָסט דו פיעל רייזען געמאַכט?” — „ליעבער א ו י ג ע ן, איך בין אין צעהן מינוטען פערטיג! ענטשולדיג מיר, איך בעט דיך, נאָך די קורצע צייט! דאָ ליגען ביכער, צייטונגען” — „גוט, אַלטער פריינד. איך ווער שטום; אָבער היט זיך, ווען דאָס זאָל לענגער ווי צעהן מינוטען דויערן! שוין איבער אַ שעה ווי איך זיץ דאָ. אָדער, זאָג אָפען, איז דיר ליעבער, איך זאָל אַן אַנדערש מאָל אַריינקומען?” — „ניין, איך בין דאָך שוין באַלד פאַרטיג, זיי נישט אַזוי אונגעדולדיג”.

דער אַנטשוויגענער האָט זיך וויעדער אין דער לענג אויסגעצויגען, מיט אַרונטערגעלעגטע הענד אונטערן קאָפּ און האָט געקוקט אין דער לופט. ענדליך איז דער פריינד פערטיג געוואָרען. גענוי דורכגעלייענט דעם גרויסען בויגען, האָט ער איהם צוזאַמענ־געלעגט און אַריינגערוקט אין אַן אַקטען־קאָנווערט. שנעל האָט ער אָנגעשריבען דעם אַדרעס און אָנגע־קלונגען. נאָך אַ שוואַך אָנקלאַפּען אָן דער טהיר איז איז צימער אַריינ־געקומען דער דיענער געקליידעט אין אַ טאַבאַק־פאַרביגע ליוועריע: „דער הערר באַראָן בעפעהלט?” — האָט ער געזאָגט מיט עניוות, האַלטענדיג די הענד ביי דער הויזענ־נאָט אין דעם נאַקען אונטערטעניג און אויפמערקזאַם אָן אַ זייט, צום טיש צו, פערבויגען. „דאָס זאָלסטו זאָפאָרט אָבטראָגען אַהין; אָבער דו ווע‍סט נור זיין עקסעלענץ פערזענליך איבערגעבען; פער־שטאַנען? זאָג מיין נאָמען, היים דיך מעלדען, און מען וועט דיך אַריינ־לאָזען! ווי באַלד דו קומסט צוריק מעלדסט דו זיך דאָ ביי מיר! און יעצט געגאַנגען!” — „זעהר גוט, הערר באַראָן!” ער האָט שוין געוואָלט אַרויסגעהן האָט ער זיך נאָך אומגעדרעהט אין דער טהיר: „דרויסען איז אַ ברייעף פאַר'ן הערר באַראָן אָנגעקומען. זאָל איך איהם נאָך פריהער אַריינברענגען?” — „געוויס! איז די פּאָסט שוין דאָ געוועזן?” — „ניין, הערר באַראָן נור אַ משרת פון האָטעל איז דאָ געוועזן?” — „אַזוי? נו, אַלזאָ ברענג איהם!” —

„ברר! פון האָטעל, דאָס הייסט אַ בעזוך פון דער פרעמדר! פיעלייכט מיינע טייערע אָנגעהעריגע, זעהר אונגעשיקט!” — האָט געזאָגט אָמטע

לאַכענדיג און זיך געוואָרפען אין שאָקעל-שטוהל, וועלכער איז ביים רויכטיש פאַר'ן גרויסען דיוואַן געשטאַנען. ער האָט אַ וואָרף געטהון דאָס געבליבענע שטיקעל ציגאַר אין אַש-בעכער, אָנגעצונדען זיך אַן אַנדערע ציגאַר און זיך גענומען געמיטליך וויגען אויפ'ן שטוהל. דער דיענער האָט אַריינגעטראָגען אויף אַ טאַץ דעם בריעף, דערלאַנגט איהם זיין העררן און פערשוואונדען אָהן לשון, אָהן אַ קלאַנג פון אַ וואָרט צו לאָזען הערען.

קאַנטהאַגען האָט געדרעהט די קאָנווערט אַהין און אַהער. זיין פריינד האָט זיך אויפגעזעצט אָנגעקוקט נייגיריג: „אויס דער „שטאָדט לאָנדאָן"! — פראָסט און רעגען, ווער קאָן דאָס זיין? דיינע מענשען וואָהנען דאָך שטענדיג ביים קעניג פון פרייסען!" — „ניין, די זענען זיי טאַקי נישט! אָבער די שריפט קען איך, זי קומט מיר אַזוי בעקאַנט פאָר!" האָט געזאָגט אָטטאָ איינגעהאַלטען און טראַכטענדיג.

— „מאַך-אויף און די רעטעניש וועט זיך לעזען" — האָט געזאָגט ראָדעק לאַכענדיג. קאַנטהאַגען האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען פון שרייבטיש אַ בריעף-מעסער. „מענש, ביזט דו אָרענטליך, איך וואָלט שוין דאָס לאַנג געהאַט אויפגעריסען. ביזט דו נישט אַן עקשן?" — „ניין, גראָד אומגעקעהרט! ווען דאָס האַרץ זאָגט עפּיס, ווי איך לעב, מיר קומט פאָר ווי דער בריעף וואָלט מיר נישט עפּיס גוטעס געבראַכט!" — און ער האָט נאָך אַלץ געוואַרט און נישט געעפענט דעם בריעף. „האָסט דו אַלזאָ שלעכטעס אויפ'ן געוויסען!" — „איך וויים נישט! איך — אַ חתן? פע, דאָס קינד — קיין מלאך איז נישט אַזוי ריין!" — „געוויס, עס וואָלט ערשט געמוזט האָבען געוואַקסען! אַללאָנס, לאַנגער, דיין געוועהלטער שפרוך איז דאָך שטענדיג געוועזען: געגאַנגען און אַריין!"

אָטטאָ האָט דערווייל דעם בריעף געעפענט און דורך-געלאָפען איהם מיט בליקען: „גרויסער הימעל!" — האָט ער אויסגעשריגען קלעגליך און געפאַלען אויף אַ שטוהל. טויט-בלאַס איז ער געוואָרען. אויגען-פאַן-ראָדעק איז אויפגעשפרונגען און שנעל צו איהם צוגעלאָפען — „אָטטאָ, אָטטאָ, וואָס איז דאָס?" — אָבער ער האָט זיינע ליפען פעסט צוזאַמענגעביסען. זיינע אויגען האָבען געקוקט וויסט אין די לופט. „וואָס איז דיר? ליעבער פריינד, וואָס האָסט דו? דו האָסט דאָך קיינעם נישט טויט-געשלאָגען; האָסט דו שולדען?" — דער געפרעגטער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפ אויף ניין. „איז דאָס עפּיס אַזוי אַ בייזער גייסט פון דער פערגאַנגענהייט? זאָג מיר עס, אָטטאָ, דו ווייסט, אַז איך בין דיין טרייעסטער דיין בעסטער פריינד!" — האָט אויגען פערקלעמט געבעטען און געשטויסען

איהם פאַר'ן אַקסעל. אָטטאָ האָט איהם פאָרשענדיג און צודרינגליך אָנ־
געקוקט און דערנאָך האָט ער איהם געגעבען דעם בריעף: „נאַ לייען
אַליין!"

אויגען נעמט דעם בויגען, וועלכער האָט טאַקי פון האָטעל גע־
שטאַמט, ווי די געדרוקטע אויפשריפט האָט עס בעצייכענט. „אַ דאַמען־
האַנדשריפט!" — האָט ער געזאָגט און געלייענט הויך: „אויף דער דורכ־
רייזע בין איך געצוואונגען אין דער שטאָדט אַ פּאָר טעג צו פערבלייבען.
איך בין דאָ מיט מיין קינד. אויב דיך פעראינטערעסירט צו זעהן דאָס
יונגעל, דיין זוהן, וועגען דער געבורט פון וועלכען איך האָב דיר מיט אַ
יאָהר צוריק מיטגעטיילט, וויל איך דיר נישט קיין זאַך אין וועג שטעלען.
פון דריי דעם זייגער איז די וועדטערין מיט'ן קליינעם אָטטאָ אין האָטעל,
צימער 40, ערשטער שטאָק. זי האָט שוין אַ בעפעהל און וועט דיר דאָס
קינד ווייזען. פון מיין זייט האָסט דו גאָר נישט צו שרעקען, נישט קיין
דרינגענדע פערלאַנגען און זיכער קיינע אַטעגטאַטען. אויך יעדע פאָדערונג
אויף דיין פּערזאָן אָדער אויף דיין קאַסע איז אויסגעשלאָסען. דאָס קינד
געהער נור מיר, נור וויל איך האַלט דאָס פאַר מיין חוב, אַז זיין פאָטער
זאָל עס זעהן, דאַריבער בעקומסט דו דעם בריעף. אַ נ נ אַ ז אַ נ ד ע ר ס".

„ערענדער שווינדעל! אויספּרעסונג!" — האָט ראָדעק אויסגעשריגען

„ניין!" — „אַך וואָס? קענסט דו דען איבערהויפט די פּערזאָן, איך האָב
דאָך קיינמאָל איהר נאָמען נישט געהערט, קיינמאָל זי נישט געזעהן?!"
„זי איז דאָ געוועזן! יאָ דאָ אין דער וואָהנונג!" — „אַך וואָס! ווען דען?"
— „וואָרט — — — עס איז דעמאָלט אַ מיאוסער שלעכטער וועטער
געוועזן. איך האָב שוין געלאָזט הייצען, דען האַלט, איך ווייס עס, קורץ
נאָך דעם האָט פרעדי חתונה געהאַט, יעצט ווייס איך אפילו די דאַטע!
פאַר־אַ יאָהרען נאָוועמבער!" „אין לעצטען נאָוועמבער אַלזאָ?" — „ניין,
דעם נאָוועמבער איז געוואָרען אַ יאָהר!" אויגען האָט געקוקט אין בריעף
און געציילט נאָך אויף די פינגער: „שרעכט! דאָס קאָן שטימען!"

„עס שטימט!" — האָט געזאָגט קאַנטהאַגען שווער.

ראָדעקען האָט עס אויפגערעגט: „אַזוי? דו ווייסט אַלזאָ גענוי? זיי
דאָך נישט נאַריש, אָטטאָ, פאָטערשאַפט קאָן מען נישט בעווייזען! ווען
מען זאָל באַלד אַלץ גלויבען, ווי גדליהו דער מאמין, צום טייוועל, קאָן מען
קיינמאָל צו קיין רוה נישט קומען! דו ביזט דאָך אַזוי קיין בטלן נישט!
לעכערליך! ווען יעדעם אַנגעלאָפענע פּראָוויגציִמער זאָל קומען און אונז
איהרע יאַטעלעך אָנהענגען, דאָס וואָלט גאָר שען געוועזן! בעווייזט אַהער!

דו וועסט דאָך נישט באַלד דאָס געוועהר אַוועקלעגען ? דאָס גאַנצע איז אַן אויסגעצייכענטער שווינדעל, דאָס איז אַ קלוג-אײַנגעפעדעמטע דריקעניש. לייען דאָך דאָס פּאַפּירעל נאָך אַ מאָל דורך !" — צאָרנדיג האָט ער געוואָרפען דעם בריעף אויפ'ן טיש און גענומען געהן איבערן צימער אַהין און אַהער.

אָטטאָ איז געבליבען זיצען ווי פריהער. אינגאַנצען האָט ער אויסגעוויזען ווי דערשלאָגען. בײַ די ווערטער פון זיין פרײַנד האָט ער נור געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: „דאָ איז נישט קיין רעדע פון אַן אָפּגעלאָפּען פּרויענצימער !" — האָט ער געזאָגט ענערגיש. — „דו אורטיילס'ט אַזוי, נור ווייל דו קאָנסט זי נישט !" — „לערן דו מיך נור ווייבער קענען !" — „אָבער זי געהערט טאַקי נישט צו יענע ווייבער !" — „פון וואַנען קאָנסט דו זי ?" — „פון מיין קינדהייט אָן קאָן איך זי, זי איז מיט מיר צוזאַמען אויפגעצויגען, אַ שטרענג ערצויגענעם, הויך-געבילדעטעם, ערנסט מיידעל !" — „אַזוי ?" — ראָדעק האָט אויפגערעגט געלאַכט — „אָטטאָ, דו ביזט אײַנפאַך נאַאיוו ! אייזעל דו, אַ מיידער מיט אַ זעלכע מעלות קומט טאַקי צו אַ מאַנספּערזאָן, צו אַן אָפיציר אין דער בודע !? די האָאר שטעלען זיך אויפ'ן קאָפּ ! אַזוי נאַריש צו זיין !" אָטטאָ האָט געענטפערט האַסטיג אין איבערצייגענדיג: „דאָס פערשטעהסט דו נישט ! משפט נישט איבער זאַכען, וועלכע דו קאָנסט נישט דורכקוקען. זי האָט מיך געליעבט, דאָס דערציילט שוין אַלץ ! זי האָט מיר אָנגעטרויט דעם הימעל און די העלע האָב איך איבערגעקעהרט, ביז איך האָב זי צו דעם שריט געבראַכט !" — „און זי איז אַזוי גוט געווען און געוואָלט !" — האָט ראָדעק זיך שפּאָטיש געוויצעלט. — „יאָ !" — „האָסט דו דען זי געליעבט ? איז זי געווען שען, רייצענד ?" — „מיט איהר איז אַזוי פיעל פערקניפּט געווען, אויגען ! איך האָב זי זעהר גערן געוואָלט, חאָטש זי איז נישט נאָך מיין געשמאַק געווען, לויט איהר אויסערעם אויסזעהן. זי איז געווען לאַנג, שלאַנק, פערטיעפט אין זיך, אמת-פיינע געזיכטס-ציגע, דאָס שמאָלע מויל — דער גלאַט-פערקעמטער קאָפּ. אויפ'ן נאַקען אַ דיקער צאָפּ — עטוואָס געצייכענטעס, אַלט-יונגעס ! אָבער איך האָב זי געוואָלט — זי — איך האָב זי געאַכט — פיעלייכט — האָב איך זי אויך געליעבט, בעזונדער דעמאָלט ווען איך האָב אויף איהר פערביסענעם ווידערשטאַנד געטראָפען ! עס האָט מיך גערייצט, איך, וועלכער האָט איבעראַל געזיגט" —

„האָסט דו זי אַלזאָ געהאַט. זי האָט זיך געלאָזט איבערבעטען, האַהאַהאַ !" — „הער אויף צו לאַכען, עס מאַכט מיך פערריקט ! — דריי מאָל

איז זי דאָ געוועזען! איך האָב איהר אַ גיהנום געמאַכט, אַלע מיטעל און קונצען צו הילף גענומען. ביים דריטען מאָל האָט זי זיך מיר איבערגעגעבען, פול האַס און פערצווייפלונג. זי האָט נישט מעהר געקאָנט זעהן ווי איך האָב געליטען! מעהר האָב איך זי שוין נישט געזעהן, מיט צוויי וואָכען שפּעטער האָב איך זי שוין פּונקט געהאַט פערגעסען. דו ווייסט דאָך ווי ברודיג מיר מענער זענען אין די בעציהונגען! באַלד דאַרויף האָב איך זי פון מיינע אויגען פערלוירען און נישט מעהר פון איהר געהערט! — — — יעצט שטעהט זי, שטעהען ווידער די דריי טעג מיר קלאָר פאַר די אויגען! איך לומפּ! — — וואָס האָט זי שוין געמוזט ליידען! — — אָרעמע אַננאַ!" מיט ביידע הענד האָט ער פערשטעלט זיך דאָס געזיכט און געקלאָגט אין זיך.

„געה צום טייוועל!" האָט אויסגערופען דער פריינד אומגעהענדיג —
„איך האָב שוין דאָס לאַנג געזאָגט, מיט אַנשטענדיגע מיידלעך דאַרף מען זיך נישט אַריינלאָזען! עס זענען דאָך פאַרהאַן גענוג אַנדערע, ביי וועלכע עס שלעפּט זיך נישט נאָך קיין געפאַהר! דו ביזט נישט פאָרזיכטיג געוועזען, שרעקליך אונפאָרזיכטיג!" — אַטטאָ איז געבוינגען געוואָרען. אין ראָרעקין האָט זיך אַ הייסע מיטלייד דערוועקט: „נאָ!" — האָט ער געזאָגט טרייסטענדיג איהם — „אַ גליק וואָס אַזעלכע געשעפטען לאָזען זיך צורעכט מאַכען מיטגעלד! דיין זעליגער שוויגערפאָטער..." — „זי נעמט קיין איין פעניג נישט, דו קאָנסט זי נישט!" — „ווען עס דרעהט זיך אָבער דאָ אינצווישען אַ קינד? זי איז מוטער!" אָטטאָ בויגט זיך ווידער, ווי געטראָפען פון אַ שמיץ מיט אַ בייטש.

„אַ פיינער אָבשלום פון מיינע יונגע יאָהרען! איך בין אייביג אַזוי זיכער געוועזען אין זיעג — און יעצט לויפט אין דער וועלט אַרום אַלעבענדיגעס אַנדענקען פון די ריטערמייסטער יאָהרען. ווען רענאַ די כלה, זאָל דאָס וויסען!" — „צום גליק אָבער שפּירט זי דאָס יעצט נישט און וועט דאָס נישט דערפיהלען, ווען דו זאָלסט זיך נור יעצט צוזאַמענעמען! האַלט זיך, מיין יונג, האַלט זיך! עס שטעקט צופיעל שטימונגס־מענש אין דיר; מיט דיין גוט האַרץ און סענטימענטאַלער נייגונג וועסט דו נישט געהן ווייטער, דאָס האָבען מיר דיר נאָך מיט יאָהרען צוריק ביים שטאַמטיש געפּרעדיגט! איבריגענס ווי קאָן דיך די אונגליקליכע געשיכטע אַזוי אויפרעגען, אָטטאָ? דו האָסט דאָך געוואוסט פון דעם קינד'ס געבורט?" —
„איך? ווי פאַלט דיר דאָס איין?" — „זי שרייבט עס דאָך דאָ, ליי־ען!" —

(פאָרטזעצונג קומט)

אייראָפּעאישער הומאָר.

מאקס ביטטריך.

וואנדער־פריינד.

די עטליכע גילדען, וואָס איך האָב געהאַט אָבגעשפּאָרט אין דעם שטעדטיל, וואו איך האָב די לעצטע צייט געאַרבייט, האָב איך אויסגעגעבען אויף זיך אויס־צוקליידען ווי אַ שטיקעל מענש און בין מיר געגאַנגען אין אַן'אַנדער שטעדטיל: אֶפשר וועל איך דאָרטען געפינען מיין שטיקעלע מזל! אַ חוץ מיינע קליידער האָב איך נאָך אויפ'ן וועג מיטגענומען מיינע צוויי שטענדיגע חברים: איין איינציגען גראָשען אין דער קעשענע און דעם הונגער. אַז איך בין שוין געווען אָבגעגאַנגען אַ היבש שטיקעל וועג האָב איך בעקומען נאָך אַ חבר. דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ וואנדער־געזעל מיט אַלע פּליטערלעך, דעם פּעקיל אויפ'ן רוקען, אין הוט אַ גרין צווייגעל אַריינגעשטעקט און אויף די ליפּען אַ לוסטיג ליעדעל. מיך האָט אָנגעהויבען אַלץ מעהרער און מעהרער צו הונגערן. וואָס טהוט מען? אויסגעבען דעם לעצטען גראָשען אויף דער אכילה, טאָ מיט וואָס וועל איך בעצאָהלען פאַר נאַכטלעגער?

און אַזוי קלערענדיג בין איך צוגעקומען צו אַ הויף נישט ווייט פון שטאָדט.

– רבונו של עולם, האָב איך מיר געגומען טראַכטען, האָב איך שוין טאַקי קיין אַנדער ברירה נישט, ווי געהן בעטען נדבות? ווערען, הייסט דאָס אַן'אֶמת'ער הייזער־געהער? נו, מילא, אויב עס איז מיר שוין יאָ אַזוי בעשערט, אֶפשר איז טאַקי כדאי צו מאַכען די התחלה דאָ אין הויף און נישט אין שטאָדט מיט די סך מענשען און האָבען נאָך עסקים מיט פּאָליציי?

און זענענדיג פערנומען מיט אַזעלכע אומעטיגע מחשבות, עפען איך אויף דאָס טויער, מאַך מיך קוראַזש און הויב אָן געהן מיט פעסטע טריט אין פּאָדערהויז אַריין, נאָר באַלד בין איך שטעהן געבליבען פאַר אַ טהיר פון אַ צימער, נישט האָבענדיג דעם מוט אינעווייניג אַריינצוגעהן.

– איר ענ ע – הער איך ווי מען רופט, דו, איר ענ ע! נאָר וואָס איז דורך דעם גאָרטען עפּיס אַ הערר אַריינגעקומען, האָסט דו איהם נישט געזעהן?

– אָ, אוודאי האָב איך איהם געזעהן! איז דאָס נישט דער נייער פּערוואַל־טער? ער בעדאַרף געוויס צו האָבען דעם פּאַפּאַ.

— דאָס קאָן שוין זײַן!

— ער איז שוין, — הער איך װײַטער װי מען רעדט, מיט אײניגע מינוטען פריִהער אין הויז אַרײַנגעקומען, גײה, גיעב נאָר אַ קוק.

איך האָב נאָך אַלץ בײַ זיך ניִשט געקאָנט פועל'ן איננװעניג אַרײַנצוגעהן — — איך הער װי דאָס האַרץ קלאַפּט בײַ מיר װי אַ האַמער, איך הער פון אינעװעניג טריט װאָס קומען אַלץ נעהנטער צו צום טיר, בײַ װעלכער איך בין געשטאַנען.

אַ שפרונג טהון פון פאָדערהויז און אַראָבלויפען פון די טרעפען אין גאָרטען אַרײַן איז פאַר מיר געװען אַ גאַנץ לײַכטע זאַך. איך האָב מיט זיך גופא אָנגעהױבען לאַכען. ניין, דאָ װעל איך שוין אַ פּנים קײן התחלה ניִשט מאַכען! ניין, װי קאָן איך גאָר דאָ אין דעם הויז בעטען אַ נדבה! מען װעט דאָך מיר אויסלאַכען! װעט מען דען גלויבען אַז איך האָב ניִשט מעהר װי דעם אײנציגען גראָשען? איך װעה דאָך נאָרניִשט אויס װי קײן בעטלער, — קײן װײַטיגער מענש קאָן דאָך פון מײַן פּנים אַראָב מײַן הונגער ניִשט דערקענען!

דערװײַל איז מײַן חבר, שוין אַ געניִטער װאַנדער־געזעל, ביז צום טהיר פון גאָרטען אָנגעקומען. ער איז זיך געש־אַנען מיט דעם גריִנעם צװײַגעל אין האַנד, און מיט אַ זעקונדע שפּעטער, געהאַלטען דעם הוט אין זײַן אויסגעשטרעקטער האַנד.

— שענקט עפּיס אַן אָרעמען האַנדװערקער, — מאַכט ער צו מיר און קוקט מיר אזוי אָן מיט זײַנע גוטהאַרציגע אויגען, — גיט עפּיס אַ נדבה, דער ליִעבער גאָט װעט אײַך בעלויהנען, מײַן גנעדיגער העדר!

איך בין אַ ביסעל צעמיִשט געװאָרען און נאָך אײדער איך האָב צײַט געהאַט צו בעקלערען װאָס איך האָב דאָ צו טהון איז שוין מײַן לעצטער גראָשען בײַ איהם אין דער האַנד געלעגען.

— דער ליִעבער גאָט זאָל אײַך בעלויהנען, העדר באַראָן!

— איהר געהט אויך אין שטאָדט? האָב איך איהם דערנאָך געפרעגט.

— יאָ, זוכען אַרבײַט.

— קאָנען מיר דאָך געהן בײדע צוזאַמען!

און בשעת דער הונגער האָט מיך געמאַטערט, האָט ער געשפּאַנט מיט פעסטע טריט, דאָס גריִנע צװײַגעל אַרײַנגעשטעקט אין הוט און פײַפענדיג אַ ליִע־דעל, װי קײנמאָל גאָרניִשט. געגאַנגען איז ער אַ ביסעל אָבגערוקט פון מיר, ס'הײַסט ער האָט פאַר מיר דרך־ארץ: — — — מען דאַרף זיך מיט דעם בורזשוי ניִשט צופיִעל חבר'דיג האַלטען, בעסער אַ ביסעל פון דערװײַטענס!

איבערזעצט י. שאַף.

ליטעראַרישע נייס.

„דער ראָמאַן פון צוועלף".

צוועלף שרייבער האָבען אונטערגענומען אַנ'איינענאַרטיגע ליטעראַרישע פּראָבע: אַלע צוזאַמען צו שרייבען איין ראָמאַן. אַנ'אָריגינעלער געדאַנק! במילא רופט ארויס ביי אונז דיזעס נייעס אַ גאַנצע רייהע פאָרשטעלונגען און בילדער וועגען דער צוקונפטס-דיכטונג.

אַ נייע עפּאָכע אין דער ליטעראַטור! מיר האָבען געזעהן ביז אַהער, ווי אין אַלע געביטען פון לעבען איז איינע נאָך די אַנדערע צושטערט געוואָרען די איינצעלנע בעל-הבתישקייט און די קליין פּראָדוקציאָנס-פאָרם. אומעטום טרעט אריין דער אָרגאַניזירענדער, פעראייניגענדער גייסט פון קאַפּיטאַליזם — און אַנשטאָט די קליינע, ענגע ווערקשטוב, ווערט א פיעל-שטאָקיגע פאַבריקס-געביידע, אַנשטאָט אַ 2—3 בעלי-מלאכות — אַ ריעזיגער פאָלק פון פאַבריק-ארבייטער. דער איזאָלירטער און זעלבסטשטענדיגער אַרבייטס-פּראָצעס ווערט פערביטען מיט אַ פעראייניגטער קאָאָרדינאַציע פון אַרבייט און קענטשאַפט. ווען ביז אהער האָט דיזער קאַפּיטאַליסטישער גייסט בעהערשט כמעט אלע צווייגען פון מענשענס געזעלשאַפטליכען ווירקען און נעהמט איין מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר די ביז אַהער נאָך ניט אָנגעריהרטע, — איז אָבער די פיינע ליטעראַטור געוועזען די פעסטונג וואוהין מיר האָבען זיך ניט פארגעשטעלט, אז דער גייסט פון גאַנץ אינדיווידועלער שעפּפונג זאָל ווען עס איז קענען אַרויסגעשטופּט ווערען. די אויסאַרבייטונג פון קונסטווערק און קונסטווערטען — דאָס איז געווען די ציטאַדעל פון „קליינפּראָדוקציאָן", וואָס האָט קיינמאל ניט געזאָלט צושטערט ווערען. אָבער אָט בעווייזט זיך אַ „ראָמאַן פון 12" — און מיר הויבען אָן אביסעל צו צווייפלען אין דיזען ציטאַדעל, דער דאָזיגער „ראָמאַן" מאכט אַנ'אָנפאַל אויף דיזען ציטאַדעל...

און מיר ווענדען זיך גלייך צום ראמאַן און ווילען וויסען אויף וויפיעל דיזער אָנפאַל איז געלונגען. און דאָ ערשט בערוהיגען מיר זיך אביסעל און איבערציינגען זיך, אַז דאס מאָל איז צום גליק קיין געפאהר ניטא. די אויטאָרען האָבען קיין בייז ניט געמיינט, זענען גלאט פרייהליכע קערל'ס, וואס ווילען אַ שטיף טהון. און פארוואָס דען ניט; אין דער רייכער דייטשער ליטעראַטור קאן מען זיך דאָס אמאָל ערלויבען.

דער ארויסגעבער דערצעהלט, ווי ס'איז ענטשטאַנדען דער ראָמאַן. אז איינינע שרייבער האבען מסכים געווען מיט דער אידעע, האט איינער פון זיי אָנגעשריעבען דאָס ערשטע קאַפּיטעל, דער צווייטער האט בעקומען דאָס ערשטע קאַפּיטעל און האָט דאָס פאָרטגעזעצט ווייטער, דער דריטער האט בעקומען די ערשטע צווי און האָט געשריבען א דריטעס קאַפּיטעל א. אז. וו.

ווי יעדער ראמאַן, האָט אויך דיזער זיין העלד, אָדער בעסער געזאָגט — 12 העלדען אין איין פערזאָן, 12 העלדען, וואָס האָבען אין זיך געמיינזאַמעס נאָר דעם נאָמען: נאַסטאָן. און די לוסטיגע ליטעראַטען וואַרפען איהם אום כף-הקלע צווישען זיך, אַזוי ווי א פילקע, פון איינעם צום אַנדערן. יעדער שפּיעלט זיך מיט איהם, ווי איהם געפעלט. איינער וואַרפט איהם נאָר הויך, דער אַנדערער — זאַכט, דער דריטער וואַרפט איהם אויף דר'ערד און דער פיערטער קייקעלט איהם דאָרט ארום.

אין דעם משך פון אַ יאָהר, וואס דער ראָמאַן דויערט, לעבט איבער אונזער 12-זייטיגער העלד אזוי פיעל געשעהענישען, אז עס איז פשוט נשתומם צו ווערען. דאָ בויט ער די שענסטע לופטשלעסער, און דאָ ווערט ער ביי זיך אוזא מין ענו, אַז ער שטימט

איין צו זיין א פשוט׳ער באַללאַסט אין די פּראָבען פון א לופט־פליהער. „מיטפליהען, טרייסט ער זיך, הייסט אויך פליהען״.

די פליה־מאַשין ווערט צובראכען. אונזער העלד פאַלט אַראָב אויף דר׳ערד, און דאָ כאַפּט איהם אונטער דער פאָלגענדער מחבר — און כהרף־עין מאכט ער פון איהם א מוזיקער־ווירטואָז. אָבער דעם ווייטערדיגען געפעלט דאָס ניט. ער צושטערט זיינע פלאַנער וועגען א מוזיקאלישען טורנע איבער דייטשלאנד — און מאַכט פון איהם א גרויסען געשעפטסמאַן. ער דערמאָהנט איהם, אז ער האט עפּעס אמאָל געהאַט א שייכות צו דער באַראָנעסין וואָגאַן, דער געליעבטער פון בעלגישען קעניג לעאָפּאָלד — און מיליאָנען רייגען ביי איהם צווישען די פינגער.

ניט וועניגער גלגולים לעבט איבער אונזער העלד אין אַנדערע הינזיכטען. זיין פאטער האָט איהם געלאזען א צואה, אין וועלכער ער לערנט איהם צו פערהאַסען די פרויען, און זיך ניט לאזען בעהערשען דורך זיי. אָבער דאָ ווייזט זיך אַרויס, אז זיין פאָטער איז גארניט זיין פאטער און ממילא איז די צואָה קיין צואָה ניט. כסדר בייט ער אום עטליכע פאָטערס. נאך מעהר, די איינציגע זאך, אין וועלכער דער גרעסטער סקעפּטיקער קאן ניט צווייפלען, און זיין מוטער, איז ביי אונזער העלד אויך ניט זיכער. דא געפינט ער זיין מוטער דוכט זיך מיט אלע סימנים, און דאָ ווערט ער ווידער אוים זון.

די העלדין פון ראָמאַן, קארען, האט אויך קיין גליק ניט צו פאָטער און מוטער, און זוכט אויך אב יעדע וואָך א נייע פאר עלטערן. אָט אַזוי כסדר בייטענדיג, טרעפט אָפּט, אז זי נעהמט זיך די עלטערן פון גאַסטאָן, אויף א ווײלע ווערען זיי ברודער און שוועסטער, און דאס שמעקט זיי גארניט, ווייל זיי האָבען ליעב איינע די אַנדערע. אָבער עס קומט דער צווייטער מחבר און בעפרייט זיי דערפון.

שנעל און בונט לויפען די געשעהענישען, ווי די לענטע פון קינעמאַטאָגראַף, אַרויף און אַראָב, און ווידער אַרויף, דאַן לינקס, רעכטס.

אָט דאס איז דאס נייע שפּיעל פון אייניגע יונגע דייטשע שרייבער, אָבער אין יעדען שפּיעל שטעקט אויך א טייל ערנסט. און ניט ווילענדיג שטעהט אויף דאס פיעלפארביגע און בעוועגליכע בילד פון דעם מאָדערנעם קולטור־מעשענס לעבען. יעדער שרייבער האָט דאָך אַריינגעלעגט אין די געמיינזאמע וואַקס־פיגור, וואָס ווערט אָנגערופען דער „העלד״ פון ראָמאן, זיין פילאָזאָפיע, זיין אויפפאסונג פון לעבען. און דער יעצטיגער קולטור־מענש איז אַזאַ אונבושטימטע, אַזאַ ניט אויסגעשטאנענע ערשיינונג, דאָס ס׳איז מעגליך, אַז אין איהם זאָלען זיך צוזאַמענלעבען די פערשידענסטע געשמאַקען, די געגענזעצליכסטע אַנשויאונגען און מיינונגען.

צו די מעלות פון אונזער „ראָמאַן״ מוז מען צורעכנען דאָס, וואָס אין איהם טיילען זיך בולט אוים די אינדיווידועלע פיזיאָנאָמיעס פון יעדען פון זיינע מחברים. די לעצטע האָבען זיך נישט אונטערגעשריבען יעדער אונטער זיין קאַפּיטעל. זיי האָבען אויסגעקלערט א שפּיעל אויך פאר די לעזער. צולעגענדיג צום סוף די סילועט־פּארטרעטען פון אלע מחברים מיט קורצע ביאָגראפישע מיטטיילונגען פון יעדען, לייגען זיי פאָר פאַר דעם לעזער אליין צו טרעפען, ווער וועלכען קאפּיטעל עס האט אָנגעשריבען.

די דאָזיגע נייעם וועט געווים האבען א מאַטעריעלען ערפאָלג. ס׳וועלן וואַהרשיינליך ערשיינען נאך אַזעלכע פּראָבען. צי וועלען זיי געבען ווירקליך עפּיס נייעס און וויכטיגעס אין דער פיינער ליטעראַטור? ווער קאן זיין א נביא? אלענפאַלס א דאַנק פיר דעם נייעם אַיינפאַל.

ב ע אָ ב אַ כ ט ע ר.

Ред. изд. Я. ЛИДСКIИ, Европейская Литература, 10Мъ
Тип. Г. Пимэнтъ Варшава Ул. Обраковская № 4

צווייטעס בוך

אייראפעאישע ליטעראטור.

אינהאלט.

1) דאס געהיימניס. וו. ד. אדאן
2) וואס וועט זיין? פ. ניטשע.
3) דער זינגער פאר'ן קעניג. פ. סאלטען.
4) דער שעסטער טאג. קאמיל לעמאניע.
5) פיפא ספאנא. ה. מאן.
6) דאס שטריקעל. קאטול מענדעס
7) אדיע. ה. אדלער.
8) פריילין מוטער. ע. נעארגי
9) „די געשיכטע פון א זינד":
10) אפאריזמען.

ווילע דע ליל־אדאן.

דאס געהיימניס פון א חינעזישען קייזער.

אויף צפון־זייט פון טאנקין, טיעף־ווייט אין לאנד, אוש ביי די צענטראלע טיילען פון דער „מיטעלע אימפעריע", ליעגט, געקליידט אין גאלד פון די רייז־פעלדער, די פראווינץ קיאנג־סי מיט איהרע שטעדט מיט די אויסגעבויגענע דעכער; אין איינינע פון זיי עקזיסטירען נאך האלב טאטערישע זיטען.

אין דעם דאזיגען געביעט האט די רייניע לעהרע פון לאא־טסי *) נאך נישט אויסגעלאשען דעם שטארקען גלויבען אין די פוסא'ס, די אייגענארטיגע פאלקס־געניעס פון חינא. א דאנק דעם פאנאטיזמוס פון די דארטיגע באנזא'ס (פריעסטער), האלט זיך דארט דער חינעזישער אבערגלויבען אפילו ביז די אנגעזעהענסטע לייט פיעל שטארקער ווי אין די לענדער, וואס זענען נישט אזוי ערוויטערט פון פעי־טזין (פעקין). די נפקא מינה צווישען די דאזיגע אמונות און צווישען די מאנדזשורישע בעשטעהט נאר דערין, וואס לויט די חינעזישע אמונות איז מעגליך, אז די „געטער" זאלען זיך אריינמישען אין די אנגעלעגענהייטען פון דער וועלט.

*) א חינעזישער פילאזאף, וועלכער האט געלעבט און ווקסהונדערטען יאהר פאר דער קריסטליכער צייט־רעכנונג,

דער פאַרלעצטער וויצע־קעניג פון דער דאָזיגער אונגעהויער גרויסער קייזערליבער פּראָווינץ איז געווען דער הערשער טשע־טאַנג, וועלכער האָט נאָך זיך געלאָזען אַ שם פון אַ האַרט־האַרציגען, גייציגען דעספּאָט מיט אַ שאַרף־דורכדרינגענדען בליק. איך וויל דאָ דערצעהלען, דורך וואָס פאַר אַ געהיימנים איז דעם דאָזיגען מלך'ל געלונגען ניצול צו ווערען פון טויזענ־דער פאַלען פון נקמה, וואָס זיין פאָלק האָט פון איהם געוואָלט נעהמען, אַזוי, אַז ער איז געשטאָרבען מיט אַ נאַטירליכען טויט, טראָץ דער גרויסער שנאה פון זיין פאָלק צו איהם, וועלכע האָט געדורשט צו זיין בלוט און וועלכע ער האָט ביז זיין ענדע אונערשראָקען פעראַכטעט.

* *

*

דאָס איז געווען מיט עטליכע צעהנדליגער יאָהר פאַר זיין טויט.

עס איז געווען אַ שרעקליך הייסער זומערדיגער מיטאָג, ווען פון דער היץ הויבען אָן די זומפּען צו לייכטען, די בלעטער פלאַצען אויף די בוימער און דער שטויב ווערט גלאַנצענדיג. אַ רעגען איז געפאַלען אַזוי ווי פון אָנגעברענטע טראָפּען אויף די מיריאַדען ברייטע און דריי עטאַזשען הויכע קיאָסקען (שטיבלעך), וועלכע זענען געשטאַנען ווי צוזאַמענ־געקוועטשט איבער דער לענג פון די קרומע גאַסען און וועלכע האָבען פאָרגעשטעלט די הויפּט־שטאָדט נאַן־טשאַנג.

דער הערשער טשע־טאַנג איז געזעסען אין דעם קיהלסטען פּאַראַד־זאַל פון זיין פּאַלאַץ, אין אַ שוואַרצען שטוהל, וועלכער איז געווען בעציערט מיט בלומען פון פּערלמוטער מיט נאָדלענע קנאָספּען. דער סצעפּטער איז געלעגען אויף זיינע קניע; זיין קאָפּ איז געווען אָנגעלעהנט אויף זיין האַנד.

הינטער איהם האָט זיך איבער דעם טהראָן געהויבען די קאָלאָסאַלע סטאַטוע פ אָ, פון דעם אונאויסדריקליכען גאָט. אויף די טרעפּען פון טהראָן זענען געשטאַנען וועכטער אין שופּען־פּערמיגע קליידער פון שוואַרצען לעדער, און יעדער האָט געהאַלטען אין האַנד אַ שפּיז, אַ בויגען אָדער אַ האַק, צו זיין רעכטער זייט איז געשטאַנען זיין ליעבלינג — דער הענקער און האָט איהם געפּאָכעט מיט אַ פעכער.

טשע־טאַנג'ס בליקען האָבען געבלאָנזשעט איבער דער מאַסע מאַנדאַ־רינען, געבוירענע פּרינצען און די העכסטע לייט פון זיין הויף. זייערע אַלע געזיכטער זענען געווען ווי בעהאַלטען אונטער אַ אונדורכדרינגליכען

פאַנצער. דער קעניג האָט געפֿיהלט, אַז מען האָט איהם פֿײַנד, אַז אַרום איהם שטעהען שרעקליכע מערדער. און שטענדיג אָנגעפֿילט מיט אַ דונקעלען חשד האָט ער זיך אײַנגעקוקט אַמאָל אין דער, אַמאָל אין יענער גרופּע, װעלכע האָט זיך שטיל געסוד'עט. נישט װיסענדיג, װעמען צו פֿערניכטען. זיך װאונדערנדיג יעדע מינוט, װאָס ער איז נאָך אַלץ געבליבען לעבען, האָט ער געטראַכט, און אין זײַן שװײַגען איז געװען עפּעס גרויזאַמעס און שרעקענדעס.

אַ שװערע געװעב האָט זיך אױפֿגעהױבען און האָט דורכגעלאָזט אַ אָפֿיציר. דער אָפֿיציר האָט אַרײַנגעפֿיהרט אַ אונבעקאַנטען יונגען מאַן מיט גרויסע העלע אויגען און אַ שײן געזיכט. דער יונגערמאַן האָט געטראָגען אַ זײַדענעם מאַנטעל מיט אַ גאַרטעל פֿון זילבער־שטאָף. ער איז געפֿאַלען צו דער ערד פֿאַר טשע־טאַנג'ן.

דער קעניג האָט אױפֿגעהױבען די אויגען מיט אַ פֿרעגענדיגען בליק.

— הימלישער זוהן, — האָט דער אָפֿיציר געענטפֿערט, — דער דאָזיגער יונגערמאַן האָט זיך געמעלדעט, אַז ער איז נאָר אַ פּראָסטער בירגער און ער הײסט טזע־אי־לאַ. און דאָך, נישט מורא האָבענדיג פֿאַר אַ פּאַמעלעכען, שרעקליכען טויט, האָט ער ערקלערט, אַז די אונשטערבליכע געטער פֿוסאַ האָבען איהם געשיקט צו דיר.

— רעד, — האָט טשע־טאַנג בעפֿויהלען.

טזע־אי־לאַ איז אױפֿגעשטאַנען פֿון דער ערד.

* *

*

— הערשער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ רוהיגע שטימע, — איך װײס, װאָס מיך ערװאַרטעט, אויב איך װעל מײַן װאָרט נישט האַלטען. הײַנט בײַנאַכט האָט זיך מיר געחלומט אַ שרעקליכער חלום. די פֿוסאַ'ס האָבען מיך בעגליקט מיט זײער ערשײַנונג און האָבען מיר מיטגעטײלט אַ געהײמניס, פֿאַר װעלכעס עס װערט פֿערדונקעלט דער מענשליכער פֿערשטאַנד. אויב דו װעסט בעװיליגען מיך אויסצוהערען, װעסטו מודה זײַן אַז דאָס דאָזיגע געהײמניס שטאַמט נישט פֿון מענשען, װײַל אויסהערענדיג דאָס, װעסטו דערפֿיהלען װי אין דײַן װעזען ערװאַכט עפּעס אַ אונבעװוסטעס געפֿיהל. דו װעסט גלײַך בעקומען די געהײמניספֿולע פֿעהיגקײַט צו לעזען מיט פֿערמאַכטע אויגען, מיט דעם רוים, װאָס געפֿינט זיך

צווישען דעם שווארצאפעל און צווישען די ברעמען, צו לעזען די מיט בלוט פערצייכענטע נעמען פון די אלע יעניגע, וועלכע טראכטען שלעכטס קענען דיין טהראן און קעגען דיין לעבען, אין דעם זעלבען אויגענבליק, ווי אין זייער הארצען וועט געבוירען ווערען אזא געדאנקען. אויף אזא אופן וועסטו זיין בעשיצט פון אלערליי פינסטערע פלעצליכקייטען און וועסט זיך בשלום אויסלעבען דיינע יאהרען. איך, טזע-אי-לא, שווער אט דא ביי דעם גאט פא, וואס זיין געמעלדע ווארפט אויף אונז זיין שאטען, אז די צויבערישע קראפט פון דאס דאזיגע געהיימניס, איז גענוי אזא, ווי איך זאג דיר.

פון די דאזיגע איבערראשענדע און בעטויבענדע ווערטער איז דורכגעלאפען א ציטער איבער'ן לייב פון אלע פערזאמעלטע. און עס איז געווארען גאנץ שטיל. די געוועהנליכע גלייכגילטיגקייט פון די געזיכטער האט זיך אומגעביטען אויף אנאויפגערעגטקייט פון א דונקעלען פיין. אלע האבען פארשענדיג געקוקט אויפ'ן אונבעקאנטען יונגען מאן, וועלכער האט זיך אזוי אונערשראקען פארגעשטעלט אלם שליח און בעזיצער פון געטליכע צויבער-קרעפטען. איינינע האבען אומזיסט זיך בעמיהט צו ווייזען א שמייכעל אויף זייער געזיכט, נור זיי האבען נישט געוואגט אויפצוהויבען די אויגען און טראץ זייער ווילען זענען זיי בלאס געווארען, הערענדיג מיט וואס פאר א זיכערהייט טזע-אי-לא רעדט זיינע ווערטער. טשע-טאנג האט בעאבאכטעט די דאזיגע צעמישונג ארום איהם.

ענדליך האט איינער פון די פרינצען אויסגעשריען, געוויס אום צו פערדעקען דערמיט זיין אויפרעגונג:

— וואס געהט אונז אן די רעד פון א אונזיניגען, וועלכער האט זיך אנגעשכורט מיט אפיום!

דאס האט ערמוטיגט די מאנדארינען.

— די פוסא'ס בעגייסטערן נאר די באנזא'ס אין דער וויסטע.

און איינער פון די מיניסטארען האט געזאגט:

— קודם כל וואלטען מיר גערארפט דורכזעהן און בעשליסען, צי יענם געהיימניס, וועלכע עס בעזיצט כלומרשט דער דאזיגער יונגער-מאן, איז ווערטה איבערגעגעבען צו ווערן דעם קעניגס הויכער קלוגשאפט.

די הויכע לייט האבען גערעדט:

— און ער אליין... עס קאן זיין, ער איז אויך — גאר איינער פון די יעניגע, וועלכע ווארטען מיט א שווערד אין האנד, כדי צו דערשלאגען דעם הערר אין דעם אויגענבליק, ווען זיין צושטרייטקייט...

— מען דארף איהם ארעסטירען!

טשע־טאנג האט אנגעריהרט טזע־אי־לא'ן מיט'ן סצעפטער פון נעפ־ פיט אויף וועלכען עס האבען געגלאנצט היילינע צייכענס.

— רעד ווייטער, האט ער געזאגט גלייכגילטיג.

דאן האט טזע־אי־לא ווידער אנגעהויבען רעדען. בעוועגענדיג ארום געזיכט מיט די שפיצען פינגער א קליינינקען פעכער פון שווארצען האלץ:

— אויב עפעס א פיינינונג וואלט געקאנט טזע־אי־לא'ן צווינגען צו פערראטען זיין גרויס געהיימניס און עס אויסזאגען נאך עמיצען, אויסער דעם קעניג אליין, — דאן שווער איך ביי די בוסא'ס, וועלכע הערען אונז, אז זיי וואלטען מיך נישט אויסגעוועהלט אויף מיטצוטיילען מיר דאס דאזיגע געהיימניס... א, ניין, פרינצען, איך האב קיין אפיום נישט געריי־ כערט, און איך זעה נישט אויס ווי א אונזיניגער, און איך האב נישט ביי זיך קיין געוועהר. נור אט וואס איך וועל אייך נאך זאגען. אויב איך בין בעריים בעשטראפט צו ווערען מיט א פאמעלעכען שרעקליכען טויט, דאן קומט דאך אויס, אז אזא געהיימניס, אויב עס איז אמת, פערדיענט אויך א גרויסען לויהן. דו אליין, קעניג, וועסט בעשליעסען מיט דיין גע־ רעכטיגקייט, צי עס פערדיענט דעם לויהן, וועלכען איך בעט ביי דיר. אויב פון דעם קלאנג פון די ווערטער, וועלכע וועלען דיר מיטטיילען דאס דאזיגע געהיימניס, וועסטו פלוצלונג דערפיהלען אונטער דיינע אראפ־ געלאזטע ברעמען זיין גליקליכע קראפט און זיין וואונדער, — דאן וועסטו מודה זיין, אז די געטער, וועלכע האבען דאס געהיימניס מיר מיטגעטיילט אין די אטעמצוגען פון זייערע בליצען, האבען מיך געמאכט פאר א אדעליגען, און דו וועסט מיר געבען דיין ליכט־שטראהלענדע טאכ־ טער לי־טיען־סע פאר א ווייב, דעם טיטעל פון א מאנדארין און פונפציג טויזענד גאלדענע ליאנג'ס.

ביי די ווערטער „גאלדענע ליאנג'ס" זענען טזע־אי־לא'ס באקען עטוואס רויט געווארען, און ער האט זיי פערדעקט מיט א בעוועגונג פון פעכער.

דער אונגעהויער גרויסער לויהן, וועלכען דער יונגערמאן האט פער־ לאנגט, האט די הויפלייט געצוואונגען א שמייכעל צו טהון און האט אנגע־ צונדען מיט צארן דעם קעניגס פינסטער הארץ, אין וועלכען עס האט אויפגעפלאקערט שמאלץ און גייציגקייט. א הארט־הארציגער שמייכעל האט

זיך געשלענגעלט אויף זײַנע ליפּען. נאָר דער יונגערמאַן האָט אונטערשראָקען צוגעגעבען:

— איך ערוואַרטע פון דיר. הערשער, אַ קעניגליכעם וואָרט, אַ שבועה בײַ פאָ, דעם אונאויסדריקליכען גאָט, וועלכער בעשטראָפט די, וואָס זענען נישט מקיים זײַער שבועה, דאָס אויב מײַן געהײמניס וועט זײַן ריכטיג וועסטו אײַנשטימען מיר צו געבען דעם דאָזיגען לויהן, און אויב מײַן געהײמניס איז גאָרנישט ווערטה, קאָנסטו מיר בעשטימען וואָס פאַר אַ טוידט־שטראָף דו ווילסט.

טשע־טאַנג איז אויפגעשטאַנען.

— איך שווער, — האָט ער געזאָגט, — קום מיט מיר.

* *

*

איינִיגע אויגענבליקען שפּעטער איז טזע־אי־לאַ געשטאַנען צוגעבונ־דען מיט דינע שטריק צו אַ זײַל. איבער זײַן שענעם קאָפּ האָבען לאָמפּען בעלויכטען דעם פינסטערן רוים. ער איז געשטאַנען און האָט שווײַגענדיג געקוקט אויפ׳ן קעניג טשע־טאַנג, וואָס זײַן הויכע פיגור האָט זיך אויסגע־מאָלט אין דער האַלב דונקעלהײַט, דרײַ טריט ווײַט פון איהם. דער קעניג איז געשטאַנען אָנגעלעהנט אָן דער אײַזערנער טהיר פון קעלער; זײַן רעכ־טע האַנד איז געלעגען אויפ׳ן קעפּעל פון אַ מעטאַלענעם דראַקאָן, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון וואַנד, און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז ער בעאָבאַכ־טעט טזע־אי־לאַ׳ן מיט זײַן איינציגער אויג. פון טשע־טאַנג׳ס גרינעם מאַנטעל זענען געפאַלען אָבגלאַנצען, פון זײַן האַלזבאַנד האָבען געגלאַנצט די טײַ־ערע שטײַנער, און נאָר דער קאָפּ, וועלכער איז אויסגעקומען העכער ווי דער שוואַרצער טײַל פון לאָמפּ, האָט זיך געפונען אין פאָלשטענדיגער דונקעלקײַט.

זײַ זענען געווען אונטער דער ערד. קײַנער האָט זײַ נישט געקאָנט הערען.

— איך הער, — האָט טשע־טאַנג געזאָגט.

— הערשער, — האָט טזע־אי־לאַ געזאָגט. — איך בין אַ שילער פון דעם וואונדערבאַרען פּאָעט לאַ־טינ־פּע. די געטער האָבען מיך בעשענקט מיט אַ טאַלאַנט, אַזוי ווי זײַ האָבען דיר מאַכט געגעבען. דערצו האָבען זײַ מיר צוגעגעבען אָרעמקײַט, כדי דאַדורך טיעפער צו מאַכען מײַן געדאַנקען און טאָג טעגליך האָב איך זײַ געדאַנקט פאַר אַ זעלכע גרויסע גנאַדען און האָב

מיר געלעבט שטיל און רוהיג, אָהן וואונשען און פערלאַנגען. אַזוי איז דאָס געווען אַזוי לאַנג, ביז איך האָב איין מאָל אין אָבענד דערזעהן אויף דער הויכער טאַראַסע פון דיין שלאָס, איבער די גערטנער, אין דער לופט, וואָס איז געווען בעזילבערט דורך דער לבנה — דיין טאָכטער לי־טיען־סע. די פערשידענפאַרביגע בלומען פון די הויכע בוימער האָבען זיך אַראָבגעבויגען אונטער דעם נאַכט־ווינד צו איהרע פיס. און פון יענעם אָבענד אָן האָט שוין מיין פּינזעל מעהר נישט געמאָלט קיין בוכשטאַבען, און איך פיהל אַז אויך דיין טאָכטער טרוימט וועגען יענע פייערן, וועלכע זי האָט אָנגעצונדען אין מיר... געפּייניגט און פערשמאַכט פון דער בענקשאַפט, וויל איך בעסער דעם שרעקליכסטען טויט, איידער דעם פּיין צו לעבען אָהן איהר און דעריבער האָב איך געוואָלט דורך אַ העלדישע טהאַט, כמעט דורך אַ געטליכע בעגייסטערונג אויפצוהויבען זיך, איינפאַכען דורכגעהער, ביז צו איהר, ביז צום קעניגס טאָכטער.

טשע־טאַנג האָט מיט אַ אונגעדולדיגער בעוועגונג אַ דריק געטהון מיט'ן גרויסען פינגער די איינציגע אויג פון דראַקאָן. פאַר טזע־אי־לאַ האָט זיך געווישלאָז פאַנאַנדער גערוקט אַ טהיר און פאַר זיינע אויגען האָט זיך ענטדעקט דאָס אינווענינסטע פון דעם צווייטען אונטער־ערדישען רוים.

ביים פייער, אין וועלכען עס האָבען זיך אָנגעברענט די פּייניגונגס־אינסטרומענטען, זענען געשטאַנען דריי מענשען אין לעדערנע קליידער. פון סופיט האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ דיקער זיידענער שטריק, וועלכער איז אין די עקען געווען דין צעפלאַשטשעט, און אונטער'ן שטריק האָט געגלאַנצט אַ נישט גרויסע שטאָהלענע שטייג, אַ קיילעכדיגע, מיט אַקיילעכדיגער עפנונג.

דאָס, וואָס טזע־אי־לאַ האָט דערזעהן, איז געווען דער אינסטרומענט פון שרעקליכען טויט. נאָכדעם ווי דער קערפּער פון פערורטיילטען פלעגט מורא'דיג אָבגעבריהט ווערען, פלעגט מען איהם פאַר אַ האַנד אויפהענגען אויף דעם דאָזיגען זיידענעם שטריק, דעם גרויסען פינגער פון דער צווייטער האַנד, פערבויגען אויף הינטען, פלעגט צוגעבונדען ווערען צום גרויסען פינגער פון דער פוס, דאַן פלעגט מען איהם אויפ'ן קאָפּ אָנטהון די שטאָהלענע שטייג, אין וועלכע עס זענען געזעסען צוויי גרויסע הונגעריגע שצורעס. אָנהויבענדיג אַ ביסעל דעם פערורטיילטען פלעגט דער הענקער אַוועקגעהן און איהם איבערלאָזען אין דער פינסטערניש, און פלעגט צוריקקומען צו איהם ערשט אויף צו מאָרגענס.

דער אַבליק פון דעם אַלעם פלעגט געווענליך ערשיטערן די מוטיגסטע. נאר דער יונגערמאַן האָט קאַלט געזאָגט:

— דו פערגעסט, אַז קיינער אויסער דיר טאָר מיך נישט הערען. די טהיר האָט זיך פערמאַכט.

— דיין געהיימניס? — האָט שטרענג געפרעגט טשע־טאַנג.

— מיין געהיימניס, טיראַן... נאָר מיין טויט וואָלט דאָך נאָך איינמאָל אָבענד נאָכגעצויגען נאָך זיך אויך דיין טויט, — האָט טזע־אי־לאַ געזאָגט. זיינע אויגען האָבען געפלאַמט, — מיין טויט? אָבער נאָר אויף אַ מינוט, ווי זשע פערשטעהסטו דאָס נישט... נאָך אויף מיין טויט האָפען צו דאָך דאָרט אין דער הויך — די יענינגע, וועלכע ערוואַרטען ציטערנדיג דיין צוריקקער... דען מיין טויט וואָלט זיי דאָך בעוויזען, אַז מיין צוזאָג איז פאַלש... וואָס פאַר אַ פרייד וואָלט דאָס געוועזען פאַר זיי — צו לאַכען שטיל, אין זייערע מערדערישע הערצער, פון דיין אָבגענאַרטער פערטרוויליכקייט? צי דען וואָלט דאָס נישט געקאָנט ווערען אַ סיגנאַל צו דיין אונטערגאַנג? זייענדיג זיכער, אַז זיי וועלען נישט בעשטראָפט ווערען, צערייצטע און צעווילדעטע דורך דעם איבערלעבטען פיין, — צי דען וועלען זיי ווידער אָנהויבען איינהאַלטען זייער שנאה צו דיר, וועלכער איז פערנאַרט געוואָרען אין זיין האָפנונג און איז שוואַך געוואָרען?... נו, גוט, רוף דיינע הענקער. מען וועט זיך פאַר מיר נוקם זיין. נאָר איך זעה: דו פערשטעהסט שוין אַליין אויך קלאָר, אַז אויב דו וועסט מיך אומברענגען, וועט דיין לעבען ווערען אַ פראַגע פון נאָך עטליכע שטונדען, און ווי דער שטיינער איז, וועט מען גלייך נאָך דיר דערשטיקען אויך דיינע קינדער, און דיין טאָכטער לי־טיען־סע, די פערגניגונגס־בלום, וועט ווערען די קעבסווייב פון דיינע מערדער.

— אַח, ווען דו וואָלסט געוועזען אַ ווירקליכער פרינץ.

— שטעל דיר פאָר, אַז דו קומסט צוריק אין טהראָן־זאַל, מיט אַ געזיכט, וואָס שטראַהלט פון דער געהיימניספולער קראַפט וואָס איך האָב פאַרויסגעזאָגט, אַרומגערינגעלט מיט וועכטער, און דו האַלסט דיין האַנד אַרויפגעלעגט אויף מיין אַקסעל. דאָרט טהוסטו מיך אַליין אָן אין פרינצען־קליידער, רופסט די בעשיידענע לי־טיען־סע, דיין טאָכטער און מיין נשמה; נאָך אונזער חתונה בעפויהלסטו דו דיינע שאַצמייסטער מיר אויסצאָהלען פונפציג טויזענד ליאַנג'ס. איך שווער. אַז דערזעהענדיג דאָס, וועלען די אַלע פון דיינע הויפלייט, וועלכע נעהמען שוין אַרויס בגנבה די שווערדען פון די שיידען און הויבען זיי שוין איבער דיין קאָפּ, — זיי

אַלע וועלען פאלען צו דיינע פיס, מאַכטלאָזע, אויסגעפייניגטע, און אין דער צוקונפט וועט זיך שוין קיינער נישט וואַגען צוצולאָזען אין זיין הארצען אַ געדאַנקען פון שנאה צו דיר. בעקלער זיך נאָר. מען ווייס, אַז דו ביזט פערשטענדיג און קאַלטבלוטיג, אַז דיינע אויגען זעהען שאַרף אין די מלוכה׳שע אַנגעלעגענהייטען. ווער זשע וועט עס האַלטען פאַר מעגליך, אַז אַ פוסטע אויסגעטראַכטע זאך זאָל אין איינציגע אויגענבליקען פערוואַנדלען דעם פערדעכטיגען אויסדריק פון דיין געזיכט אין אַ אויסדרוק פון היייליגער ערשטאַרונג, פון נצחון און רוהיגקייט... אַלע ווייסען, אַז דו ביזט האַרטהערציג, און דאך האסטו מיך געלאָזט לעבען... מען ווייסט, אַז דו ביזט גייציג, און דאך גיעסטו מיר אַזוי פיעל גאָלד... מען ווייס, אַז דו ביזט שטאָלץ, אין דיין פאָטער־ליעבע, און דאך גיעסטו מיר אָב דיין טאָכטער, פאַר איין וואָרט מיינעם, מיר, אַ אונבעקאַנטען פערבייגעהער... וועלכער צווייפעל וואָלט נאך געקאָנט בייםשטעהן קעגען דעם אַלעם? און וואָס דען קאָן נאך ליעגען די קראַפט פונ׳ם געהיימניס, וואָס די אַלטע געניעס פון אונזער הימעל האָבען ענטדעקט, אויב נישט אין דעם, וואָס אַלע זענען איבערצייגט, אַז דו בעזיצסט דאָס דאָזיגע געהיימניס?.... נאָר אַזאַ איבערצייגונג מוז מען בעשאַפען. און איך האָב עס בעשאַפען. דאָס איבעריגע איז אָנבעלאַנגט נאָר פון דיר. איך האָב מיין וואָרט געהאַלטען. פערשטעה זשע: איך האָב אומישנע פערלאַנגט אַזוי פיעל גאָלדענע ליאַנג׳ם און האָב געבעטען אַ מיטעל, וועלכען איך פעראַכט אין אמת׳ען, נאָר דערפאַר, ווייל ווען מען וועט זעהן, וואָס פאַר אַ גרויסען לויהן מיר איז געלונגען אַרויסצודרייסען פון דיר, וואָס איז אַזוי בערימט מיט זיין גייציגקייט, וועט מען מיינען אַז מיין כלומרש׳דיגער סוד איז אונגעהויער וויכטיג און גרויזאַם.

קעניג טשע־טאַנג! איך, וועלכער בין צוגעבונדען לויט דיין בעפעהל צו דעם דאָזיגען זייל און לאָז הערען פאַר דעם אַנגעזיכט פון דעם שרעקליכען טויט אַ בעגייסטערטען לויב צו דעם מאַיעסטעטישען לי־טאַן־פע, מיין לעהרער מיט די ליכט־שטראַהלענדע געדאַנקען, — איך זאָג דיר דאָס וואָס די קלוגשאַפט בעפויהלט. לאָ׳מיר צוריקקעהרען אַהין מיט הויך־אויפגעהויבענע קעפ, מיט לאַכענדע געזיכטער. ערקלער מורא׳דיג, אַז פון היינט אָן וועסטו שוין מעהר נישט וויסען פון קיין מיטלייד, בעפעהל איינצואָרדנען גלענצענדע מאָהלצייטען, צו דער פריידע פון אַלע פעלקער, צום כבוד און רוהם פון פ א, וועלכער האָט מיך בעגייסטערט מיט דעם געדאַנקען וועגען דער דאָזיגער געטליכער חיטרעקייט. און איך וועל נאך

מאָרגען פערשוואונדען ווערען. איך וועל מיך דערווייטערן מיט דער אויס־ערוועהלטער פון מיין ליבע אין ערגעץ א ווייטע, גליקליכע פּראָווינץ, זיך ערנעהרענדיג דורך די גאָלדענע ליאַנג'ס. דעם דיאַמאַנטענעם קנאָפּ פון די מאַנדאַרינען, וועלכען דיין ברייטע האַנד וועט מיר באַלד שענקען און מיט וועלכען איך וועל כלומרשט אַזוי שטאָלצירען, — וועל איך, דוכט זיך, קיינמאָל נישט טראָגען. איך שטרעב צו עפּעס אַנדערש: מיך רופען צו זיך נאָר האַרמאָניע־פולע און טיפע געדאַנקען, וועלכע לעבען איבער די קעניגען די קעניגרייכען. זייענדיג א קעניג אין מיין אונשטערבלי־כען קעניגרייך, — שטרעב איך נישט צו זיין קיין פּרינץ אין אייערע קעניג־רייכען. דו האָסט געזעהן, אז גאָט האָט מיר געגעבען זעעלע־שטאַרקייט און פערשטאַנד, מיט וועלכע איך דאַרף מיך נישט שעמען פאַר דיינע הויפלייט. און איך קאָן בעסער ווי ווער נישט איז פון דיינע גרויסע לייט, אָנפילען מיט פרייד די אויגען פון א יונגער פרוי. פרעג דיין טאָכטער לי־טיען־סע, מיין טרוים. איך בין זיכער, אז דערזעהענדיג מיינע אויגען, וועט זי דיר דאָס זאָגען... און דו, — דו וועסט הערשען אונטער דעם שוץ פון אָבערגלויבען, און אויב דו וועסט ענטדעקען דיינע געדאַנקען פון גערעכ־טיגקייט וועגען, וועסטו די מורא פערוואַנדלען אין ליבע צו דיין שטאַרקען טהראָן. דערין ליגט דאָס געהיימניס פון קעניגען, וועלכע זענען ווערטה צו לעבען. קיין אַנדערע געהיימניסען, וועלכע איך וואָלט דיר געקאָנט ענטדעקען, האָב איך נישט. בעקלעהר זיך, זיי זיך מישב און וועהל אויס א בעשלוס. איך האָב שוין אַלץ געזאָגט.

טזע־אי־לאַ איז שטיל געבליבען.

טשע־טאַנג איז געשטאַנען אונבעוועגליך און האָט ווייזט אויס גע־קלערט. זיין גרויסער שאָטען האָט זיך אויסגעצויגען איבער דער אייזערנער טהיר. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום יונגענמאַן, און אַרויפלעגענדיג איהם די האַנד אויפ'ן אַקסעל האָט ער איהם שאַרף א קוק געטהון טיף־טיף אין די אויגען, אַזוי ווי עס וואָלט איהם פלוצלונג אַרומגענומען א מענגע פון אונבעשטימטע געפיהלען.

ענדליך האָט ער אַרויסגעצויגען די שווערד און איבערגעהאַקט דעם שטריק, מיט וועלכען טזע־אי־לאַ איז געווען צוגעבונדען. דערנאָך האָט ער איהם אויפ'ן האַלז אָנגעטהון דעם קעניגליכען האַלזבאַנד.

— לאָ'מיר געהן, — האָט ער געזאָגט.

ער איז אַרויפגעגאַנגען איבער די טרעפּ פון דעם אונטערערדישען רוים און אַרויפגעלעגט די האַנד אויף די טהיר פון ליכט און פרייהייט.

אביסעל פערבלענדעט דורך דער ליעבע און דעם אנערווארטעטען גליק, האט טזע־אי־לא בעטראכט דעם קעניגס נייען געשאנק.

— ווי, אויך דיעזע טייערע שטיינער, — האט ער שטילערהייט געזאגט, — פארוואס זשע האט מען אויף דיר געזאגט, אז דו ביזט גייציג? דאס איז נאך מעהר ווי דאס גאנצע רייכטום, וואס דו האסט צוגעזאגט. פארוואס זשע וויל דער קעניג בעצאהלען מיט דעם דאזיגען האלז־באנד?

— פאר דיינע ערניעדרונגען, — האט טשע־טאנג געענטפערט מיט פעראכטונג, אויפעפנענדיג די טהיר צו'ם זונען־ליכט.

איבערזעצט פון פראנצויזישען דורך **לעאן.**

וואס וועט זיין.

(נאך פרידריך ניטשע).

שטורמיש ברויזט א ווינד א שטארקער, —
מיט מיין לעבען וואס וועט זיין? —
וועל איך, טראכט איך, דורך דעם שטורעם,
דורך דעם ווינד, אין דר'ערד אריין.

אדער וועל איך אויסגעהן, אויסגעהן
ווי א ליכט, וואס אהן א ווינד,
ווי א ליכט, וואס קען ניט ברענען
מעהר און לעשט זיך אוים געשווינד?

אדער ענדליך — וועל איך אפשר
מיר די ליכט מיט אייגענע הענד
גאנץ פערלעשען און נישט ווארטען
ביז ס'וועט ווערען אויסגעברענט!

ד. פלאוניק.

פעליקס סאלטען.

דער זינגער פאר דעם קעניג.

(ערצעהלונג, איבערזעצט פון דייטשישען).

דער גרויסער זאל „בלאהער אדלער" איז אויסגעשטעלט מיט רייהען שטולען.

דער זינגער, וואס איז געשטאנען ביי'ם ראיאל, גרייט אנצוהויבען, האט זיך נידריג פארנייגט פאר דעם אריינקומענדיגען קעניג.

דער זינגער — א הויכער פערציג-יעהריגער מאן מיט א ברייט-פלייציגער גרענאדירען-פיגור, לאנג בעוואוסט אין אויסלאנד.

דער קעניג — א צוויי-אונצוואנציג יעהריגער יונגלינג מיט א שלאנקער און בויגיגער פיגור, — ערשט זייט צעהן מאנאטען אויפ'ן טראהן.

אין טיעפער אויפרעגונג איז געשטאנען דער זינגער, מיט מוטנע אויגען האט ער בעטראכט די פערזאמעלטע הויף-לייט און אבגעווארט דעם קעניגס אנקומען. די שורשערייַ פון די קליידער, דאס שטילע שעפטשען האבען אבגעהילכט פאר דעם זינגער ווי א העפליכע, נאר בייזע דראהונג, און זיין פערלארענהייט איז געוואקסען פון רגע-צו-רגע. ער האט וועגען קיין זאך ניט געקלערט. זיין אויפרעגונג איז געוועזן אזוי גרויס, ס'האט אזוי וויים אנגעפילט זיין נשמה, אז ס'איז נישט איבערגעבליבען קיין ארט פאר א גדאנק. עד האט זיך געראנגעלט מיט א שטארקער הארץ-קלאפעניש, אונטערהוסטענדיג דורך די צונויפגעשטשימעטע צעהנער, שנעל און נישט דרייסט, בגנבה, פלעגט ער פון צייט-צו-צייט אנטאפען דעם קראגען, צי ער איז אויף אנ'ארט, אויסגלייכען דעם פראק, דעם זשילעט. ער האט דערפיהלט, ווי אויפ'ן שטערען ביי די סאמע האר-ווארצלען קריכען איהם אפער הייסע טראפען שוויים און דעם מוח נאגט א אונרוהיגער גדאנק: קען מען אבווישען דעם שטערען אין קעניגס געגענווארט?...

אַרויסנעמען דאָס טאַשען־טיכעל און אויסווישען . . . פֿאַר'ן קעניג ? פֿאַר וואָס דען נישט — האָט ער זיך געפּרובט מוטיגען — אַז איך שווייג ? — בעשליסען זיך אָבער האָט ער נישט געוואַגט און אַ שטאַרקערער שווייס האָט בעשלאָגען זיין שטערען , — ער איז געווען נאָהנט צו פֿער־צווייפֿלונג .

ס'איז אַריין דער קעניג . ער איז אַריין ווי אויף די שפּיץ־פֿינגער , פֿאָרזיכטיג און מיט אַ מאַיעסטעטישער העפֿליכקייט , ווי ער וואָלט בלויז אויסען זיין נישט צו בעאונרוהיגען קיינעם מיט זיין אָנקומען . זיין יונג געזיכט מיט די גראָהע אויגען האָבען געהאַט אַן'איינגעהאַלטען־פֿערשלאָ־פֿענעם אויסדרוק ; אַרום מויל מיט די פֿרישע ליפּען , קוים בעדעקטע מיט גאָלדענד־בלאָנדע וואָנסען , איז קענטיג געווען צוגלייך אַי אַ יונגעלשע שעמעוודיגקייט אַי אַן'אָנגעבלאָזענע גרויסקייט .

פֿאָראויס דעם קעניג איז געגאַנגען דער אָבער־הויף־מייסטער . אַ ריטער מיט שניי־ווייסע האָר און אַן'איינגעפֿאַלענער ברוסט , וואָס האָט זיך ווי איינגעפּרעסט אונטער דער משא פֿון אויסגענעהטען גאָלד און מעדאַ־לען . נאָך דעם קעניג איז נאָך־געגאַנגען זיין ערשטער אַדיוטאַנט . אַ הוי־כער שעהנער גענעראַל . ביידע האָבען זיי געשפּרייזט , נישט ווי עס געהען געוועהנליך מענשען , לויט'ן איינענעם בעגער : זייערע פּנים'ער און פֿיגו־רען , אַלע בעוועגונגען זייערע האָבען גערעדט , אַז זיי זעלבסט , אייגענט־ליך , עקזיסטירען נישט , זיי זענען נאָר איינצעלהייטען פֿון אַ געוויסער געשעהעניש . דער געניטער שטעל , יעדער שריט איז אויסען געווען נאָר איינם : דער קעניג געהט .

זעצענדיג זיך , האָט דער קעניג געקוקט אויף דעם זינגערס געזיכט און געטראַכט : „תמיד זענען ביי זיי , ביי אַלעמען , ביידע הענד אויפ'ן מאָגען צענויפֿגעלעגט און אין די הענד — נאָטען , — אַי ביי די זינגערס , אַי ביי די זינגערינס . כ'געדענק , אַז דער זיידע פֿלעגט נאָך רעדען דערפֿון און איינמאָל — דאָס איז געשעהן אינ'ם לעצטען יאָהר פֿון זיין קעניגען — האָט ער פֿאַר אונז נאָכגעקרימט די דאָזיגע לייט . אָנגעקוואָלען האָבען מיר פֿון געלעכטער , ווען ער האָט נאָכגעמאַכט , ווי זיי פֿערגלאָצען עס מיט די אויגען און פֿערדרייסען די מיילער".

ס'איז אַנשווייגען געוואָרען דער איינגעהאַלטענער געמורמעל פֿון די הויף־לייט , דער דרך־ארץ'דיגער גערויש ביים פֿערנעמען די ערטער , דאָס סקריפּען מיט די שטוהלען , די שורשערייַ פֿון די קליידער . פֿערזונקען אין אַ

טיעפער שטילקייט, האָט דער זאַל, אַרומגערינגעלט דעם זינגער, ווי אַן אונענדליכער תהום, אין וועלכען ער האָט געדאַרפט אַריין־שלײַדערן זיין שטים און אָנפילען מיט איהר דעם אַרומיגען חלל. ער האָט האַלב־צוגעמאַכט די אויגען, אום צו פערבאָרגען זיין אויפרעגונג, האָט זיך צוגעהאָרכט צו די הויכע בענקענדע טענער פון ראָיאַל, נאָך איינמאָל טיעף אָבגעאָטעמט מיט דער פולער ברוסט — און זיך אַ שלײַדער־געטהון מיט'ן קאָפּ אַראָב אין אָבגרונד אַריין.

דער קעניג האָט געטראַכט:

— ווידער דאָס איינענע, אויך דער פערגלאָצט די אויגען, קאָן מען עס גאָר אַנדערש נישט זינגען?... און די אונפערמיידליכע נאָטען אויפ'ן מאָגען... אפשר איז עס טאַקי נויטיג... נאָר ער קוקט זיך דאָך אפילו נישט אום אויף די נאָטען... אַלץ ווייסט ער דאָך אויף אויסווענדיג... דאָך, מאַכט זיך, ער פערגעסט,... ס'אַרא סקאַנדאַל ס'וואָלט עס ווערען, ווען ער זאָל זיי נישט האָבען אונטערן־האַנד.

דער זינגער האָט געזונגען און געטראַכט ברעקלעך־ווייז, — יעדען שטאַרקען געדאַנק האָט פערטרונקען מיט זיך דאָס זינגען.

— כ'ציטער... ס'איז שרעקליך... רבונו־של־עולם, עס פעהלט דער געהעריגער גלאַנץ אין טאָן... אָט דאָס וועט אַרויסראַטעווען... אין דעם ליעד'ל האָב איך תמיד דעם גרעסטען ערפאָלג.

דער קעניג האָט געקלערט:

— דאָס ליעדעלע פלעגט זינגען דער פעטער פרידריך עבערהאַרד... נו, כ'האָב גאַרנישט דאַגעגען... אַ וואויל ליעד'ל... אַ, אָט דאָס אָרט איז זאָגאַר זעהר שעהן... דער פעטער פרידריך עבערהאַרד פלעגט זיך אויך פונאַנדערציקלען אויף דעם אָרט מיט אַ לאַנגען טריל... ניין, באמת, אַ בעה'נ'ט ליעד'ל... אַ ביסעלע נאָר איבער דער מאָס פערזיסט... אַלע קאָנצערט־ראָמאַנסען זענען נישט אין דער מאָס... און ווי ער פערגלאָצט מיט די אויגען!

דעם זינגער איז געלונגען בעהערשען דעם אָטעם.

— ס'פערשטעהט זיך — האָט ער אַ טראַכט געטהון, — דאָס איז נאָר פון גרויס אויפרעגונג. וואָס פאַר אַ וואונדער — דאָס ערשטע מאָל פאַר'ן קעניג...

דער קעניג האָט איהם בעטראַכט:

— ס'אַרא ריעז... דאַכט זיך אויף אַ דריטהאַלבען סאַנטימעטער העכער פון מיין לייב־גוואַרדיסט. אַמווענינגסטען, אויף אַ דריטהאַלבען...

אויב טאקי נישט אויף די גאנצע דריי... כ'בין מיך קוים טועה, ביי מיר איז א געניט אויג... ווי ער שוויצט עס... א שרעק!... דאס לייד איך נישט, נאר איך בין נישט ביין דערויף... א דאס, א שטיינער, איהם טאקי א זאג-טהון דערנאך: „איהר שוויצט, נאר איך בין נישט ביין דערויף". דאס שיקט זיך אבער קוים, א שאד.

דער זינגער האט אנגעהויבען א טיש-זמר'ל און גלייך ביים ערשטען קלאנג דערפיהלט:

— אצונד איז ביי מיר דער קול אין רעכטען גלאנץ... אצונד דרייסטער!...

דער קעניג האט אויפגעלעבט און זיך צוגעהארכט:

— אך, א דאס איז א וואוילם... אנ'אנטיקל... א שעהן קול איז ביי איהם... זעהר א שעהן קול... נו, ער איז דאך, זאגט מען א גרויסער ארטיסט... ביים פירסט מארבערג איז אויך א שעהנע שטים, נאר ער איז נישט, דוכט זיך, קיין ארטיסט... כ'ווייס נישט בעשטימט... אייגענטליך, ווייס איך אפילו נישט וואס איז אזוינס די אייגענשאפט פון אנ'ארטיסט און וואס איז דער אונטערשייד.

דער זינגער האט ענטפלעקט די גאנצע קראפט פון זיין שטים, — ווי א טריאומף-אויסרוף האט ער פרעכטיג א ווארף געטהון אין דער הויך דעם לעצטען אקארד און אין נשמה האט א צאפעל-געטהון א געדאנק: „געלויבט צו גאט!"

דער קעניג האט געקלערט:

— דעם אמת זאגענדיג, איז ער א ביסעל ענהליך צום לייב-קוט-שער... נאר וואויל פערענדיגט... — און ער האט צוגעקלאפט.

דער זיננער האט אנגעהויבען א פריהלינגס ליעד, א ברוויזענד, צער-טליך און דופטענדעס-ליעד. דער קעניג האט זיך צוגעהארכט. א סעקונדען צווייי האט ער פון קיין זאך נישט געקלערט, נאר געפיהלט אין הארץ די דאזיגע קלאנגען און איז געווארען קוים-קוים ערנסטער. ווי פון שלאף ער-וואכט, האבען זיך א רודער-געטהון די יוגענד-עראינערונגען.

— ווי דער דארף קלינגט דאס ליעד — האט ער א טראכט גע-טהון, — ווי א פריהלינגס-ווינטעל וואלט זיך אין אפענע פענסטער אריינגע-ריסען... ס'האט זיך מיר דערמאהנט... ווי לעבעדיג האט זיך מיר דער-מאהנט דער וואלד, וועז כ'בין דא נישט לאנג אויפ'ן יאגד געוועזען... בארג-אויף... ברייטע פעלדער, בעשטראהלט פון דער זון... פייכטע, דופטענדע ערד... דער פערד גראבט מיט דער קאפיטע... ניין, ער איז

טאקי אנ'ארטיסט... און פערדיענט כשר דאס וואס ער איז איינער אליין איינגעלאדען געווארען און אויסער איהם וועט שוין קיינער ניט זינגען היינט... כ'וועל מארגען נישט אויסהערען דעם בעריכט פון האנדעלס-מיניסטער, איך וועל גלייכער פאהרען אויפ'ן יאגד...

דער זינגער האט פערגעסען אן זיין פחד. מיט מוטנע אויגען האט ער ארומגעבליקט דעם בלישטשענדען זאל.

— די הערליכקייט ארום... פרינצעסינס, פרינצען... און זיין מאיעסטעט! — איז איהם פלוצים אין מוח דורכגעלאפען. ווען ס'וואלט מיר עמיץ געזאגט... בעת איך האב מיך א בארפיסער אומגעבלאנקעט איבער די קראמפענדארפער גאסען... אדער שפעטער, ווען איך האב געדיענט אין שענק... ווען מ'וואלט מיר דעמאלט געזאגט, וואס איך וועל מיט דער צייט ערדרייכען...

אויפמערקזאמער האט דער קעניג זיך צוגעהארכט:

— עפעס האט פלוצים פרעמד א הילך-געטהון די שטים... כ'ווייס נישט... ווי בלעך האט עס אבגעהילכט... ווי ער וואלט זיך גראב א נעם-געטהון... ניין, עס געפעלט מיר נישט... ווייטער, ווער ווייס, וואס איז אזוינס געוועזן דער דאזיגער פארשוין, בעפאר ער איז געווארען א זינגער!

א ליעבעס-ליעד; דער זינגער ענטפלעקט די גאנצע קראפט פון ליידענשאפט. דער קעניג האט ארונטערגעלאזט די אויגען.

— ווי דאס איז... נישט אנגענעהם! ווי נישט איינגעהאלטען... און צו וואס האלט ער זיך עס אזוי... ווי ער וואלט דאס טאקי אלץ פיהלען און האבען עמיצען אין מיין... א וואסערע ס'איז דאמע... שרעקליך נישט אנגענעהם!.. דער קעניג האט אויפגעהויבען די אויגען אויפ'ן זינגער. — רבונו-של-עולם, ער האט דאך א פערליעבט געזיכט, ווי ער קוועטשט עס מיט די פלייצעס, סארא תנועות ער מאכט... ווי פערשייט! ס'זעהט אוים, ווי ער וואלט מיר דא אויסערצעהלען די אינטימסטע איבערלעבונגען זיינע... ווי שעמט ער זיך עס נישט!... עס עקעלט, איינפאך... דער קעניג האט אויף דאס ניי ארונטערגעלאזען די אויגען, א צער האט זיך בעוויזען אויף זיין פנים. לויט מיין מיינונג, קאן א קארעקטער מאן אזוי זינגען נאר פון זיינס א געליעבטע... אדער פון א ווייב... און פון וואנען נעמט ער זיך עס, אז גראדע אין דער מינוט בין איך אויפגעלעגט צו הערען עהנליכע הערצליכקייטען.

נור ווען כ'וואלט אפילו זיין אזוי אויפגעלעגט און וועלען קלערען פון דער דאמע, וואס געפעלט מיר, — וואלט איך מיך דאך געקווערט פאר

דיעזען מאַן... איך וואָלט מיך געפֿיהלט נישט־הײמליך... ווי ער וואָלט' אַ שטײגער, אַנגעוואָרפֿען מיר זײַן חבר'שאַפֿט... ווי ער וואָלט זיך דערלויבען ענטדעקען פֿאַר אַלעמען מײַן שטימונג...

נײַן, אַזעלכע ליעדער ברויך מען זינגען אײנפֿאַך, בעשײדען און צניעות'דיג... אַזוי און אַזוי מײַנע לײַט, אַט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ... נו, כ'וועל אײַך איבערגעבען וואָרעמליך, אויף וויפֿיעל דאָס איז נויטיג... פֿאַר אײַך אָבער, הער אין פֿראַק, וואָס זינגט אין לײַטישער געזעלשאַפֿט... דאָס אָבער, וואָס עס טוט דער דאָזיגער פֿאַרשוין... דאָס איז פּשוט אַ חוצפּה... אַ משונה־ווילדע הײמישקײט... אויב דאָס הײסט קונסט און דאָס טאַקי גיט דעם טיטול אַרטיסט... דאַנק איך שען.

— מעגליך בעמערקט ער גאָר אַלײן נישט, ווי ער ווײַזט זיך אַרויס... דאָס אונטערווינקען מיט די אויגען — דאָס האָט ער איבערגענומען פֿון די איטאַליענער... און דאָס אונטערהוידען זיך... די רײַטער האַלטען זיך אַזוי... נו, דער פֿאַרשוין האָט שוין רעכט אַ לעב־געטהון... דאָס איז קענטיג דערין, ווי ער קנײטשט די ברעמען, בלאָזט אָן די נאָזלעכער... ווי ער בעגעהט זיך הײמיש מיט פֿרויען... און דער מויל!... אַ גאַנצע רײהע עראיִנערונגען פֿון אונרײַנע תאוות, פֿערבאָרגענעם געניוס פֿלעכט זיך אַרום די דאָזיגע ליפּען... און די גראָבע אויערן־לעפּעלעך... עפּעס דאַכטען זיך מיר אָב אין זײ אַלערלײ לײדענשאַפֿטען און זינד... וואו נאָר איז דער מענשט נישט אויסגעוועזן... וואָס פֿאַר אַ פֿרויען האָט ער נישט געקענט... פֿון די פֿערשידענסטע קלאַסען... יאָ, די פֿרויען זענען וואַהנזיניג אין זײערע קאַפּריזען... איך וואָלט זײַן אַ בעלן דורכשמועסן זיך מיט איהם וועגען זײַנע... ער וואָלט, פֿערשטעהט זיך, פֿון אַלעם אויסערצעהלט... בלויז מיט זײַן אַרט זינגען ערצעהלט ער שוין אַלעם אויס... און ווי הערליך, אונבעוויזגבאַר ער ווײַזט זיך אַלײן אויס מיט דער דאָזיגער בריליאַנטענער שפּילקע אויפֿ'ן ברוסט, מיט די מאָדישע קראַגענדלעך און בעל־הביתישער בענעהמונג...

איצונד האָט דער זינגער אָנגעהויבען אַ וואַנדערונגס־ליעד.

זײַן גאַנצעס וועזען האָט אויפֿגעצאַפּעלט אין אַ וואונדערבאַרען ריטם, אָנגעצונדען זיך מיט לעבענס־דורשט, מיט די לוסטיגע יוגענד־קרעפֿטען. ער האָט איבערגעלעבט אין דעם אויגענבליק דעם גאַנצען דורכגעמאַכטען וועג, — לוסט, גלאַנץ, ליעבע און רוהם, — אַלץ, וואָס ס'האָט איהם דערהויבען פֿון זײַן שפֿל'דיגען מצב אין דערהויך. ער איז געשטאַנען

מיט אַ בעוואוסטלאָז־מילדער איינפאַכער בענעמונג און אַרומגעבליקט מיט ברענענדע אויגען דעם זאַל, — ער האָט זיך געפיהלט אַלס הערשער.

— יאָ, אַזוי איז עס... אַלע זענט איהר דאָ העכער פון מיר — פרינצען און פרינצעסינס און דער קעניג — נאָר אין דער רגע שלייַהער איך מיין שטים, ווי אַ מאַנטעל, איך הילל אייך איין אין איהר, און ריַיס אייך און מיש אייך אַלע צונויף, אַז איהר פערגעסט אַן אַלע אונטער־שיידען — איצונד זענט איהר אין מיין מאַכט...

דער קעניג האָט געקלערט:

— בעשלאָסען, — מאָרגען זאָג איך מיך אָב פון אַלע בעריכטען און פאָהר אין קירכבערג אויפ'ן יאַגד... נישט אַזוי צוליעב דעם יאַגד... עס בענקט זיך מיר נאָך די בערג, נאָך דעם וואַלד... און דערהויפּט, איך פיהל מיך גליקליך. כ'ווייס אַליין נישט פון וואָס, געוויס, די שטימע... ער איז דאָך אַן'אַרטיסט, אָהן אַ ספק... יאָ, געוויס האָט דאָס זיין שטים מיך גערירט. ס'איז אַ דאגה, אויב ער שטאַמט אפילו זעהר נידריג? מעגליך אַז דאָס גראַדע איז העכער פון אַלץ... עפּעס איז דאָ אַזוינס אין זיין שטים, וואָס ערינערט מיך אָן מיינע פויערן... די פויערן־יונגען זינגען טיילמאָל אַזוי... און אויב זיך רעכט צוקוקען קוועטשט ער אַפילו מיט די פּלייצעס ווי די פויערן — אָדער דער שטאָדטישער המון, בעת ער איז אויפגעלעגט... אין זיין געזיכט, ווי אינ'ם זינגען, איז קענטיג זייער גוטמוטיגקייט, זייער דרייסטקייט און זייער טעמפּקייט... און נאָר די עכט פויערישע שעלמערייַ... פּונקט, ווי כ'וואָלט דאָס גאַנצע פאָלק אויפגעפאָדערט צו זיך — און די אַלע הונדערטער טויזענדער האָבען זיך צונויפגעגאָסען אין איין מאַן און אין איין קול, אום כ'זאָל זיין אימשטאַנד זיי בעסער צו בעגרייפען...

— געדאַנקען פאַלען טיילמאָל איין... נאָר ער איז זיכער אַן'אַרטיסט, אַ גרויסער אַרטיסט!...

בעת דער זינגער האָט זיך צום ענדע פאַרגעשטעלט דעם קעניג און זיך טיעף פערנייגט פאַר איהם — האָט דער קעניג זיך גענומען איבער־לעגען, וואָס זאָל ער איהם אַזוינס זאָגען. ער האָט געקוקט אויף דעם זינגערס גלאַט, פריש געזיכט און געטראַכט, צו וואָס טויג די דאָזיגע ריהרענדע געשפּיעל מיט'ן געזיכט?... און נאָך וואָס שטעלט ער אַן אַזוי זיס די ליפּען?... קאָקעטירט בטעם מיט מיר?...

און דער קעניג איז געשטאַנען פאַר'ן זינגער מיט אַן'אויסדרוק פון פערלאָרענהייט אין די אויגען.

— בײַ אײַך איז אַ שעהנע שטים... — האָט ער ענדליך אַ מורמעל־געטהון.

— אָ, אײַער מאַיעסטעט... האָט געשטאַמעלט דער זינגער.

— איהר האָט מיר הײַנטיגען אָבענד אַנ'אונגעהויערן פערגניגען פערשאַפט... — האָט פײַנליך געצויגען פון זיך ווערטער דער קעניג.

— כ'בין טיעף בעגליקט מיט דער לײַטזעליגקײַט פון אײַער מאַיעסטעט...

דער זינגער האָט שיער נישט איבערגעכאַפּט די מאָס און דער קעניג האָט געאײַלט איהם שנעל איבעררײַסען:

— איהר זענט דורך, ווײַזט אוים. אַ וואוילע שולע...

— אײַער מאַיעסטעט, איך פערגעטער מײַנע לעהרער... — האָט ערקלערט דער זינגער, פערגלאָצענדיג די אויגען.

ער איז זיכער אַנ'אַרטיסט, — האָט געקלערט דער קעניג, — נאָר איך ווײס נישט פון וואָס אָנצוהויבען מיט איהם... איך רעד אַנ'אומזין און, כ'האָב מורא, כ'זאָל מיך נישט אַרויסכאַפּען מיט אַ נישט פּאַסיגען וואָרט... גענוג!

— אַ דאַנק! האָט מיט אַ לײַכטער פערנײַגונג געזאָגט דער קעניג און אַ געמאַטערט שמײכעל איז דורכגעלאָפען איבער זײַן יונגען פערשעמטען געזיכט.

אין אַ צײַט אַרום איז דער זינגער געזעסען אין האָטעל מיט זײַנע פרײַנד.

— אַ עכטער טריאומף געווען... יאָ, איך קאָן דאָס זאָגען... אײַך אינטערעסירט דער קעניג? בעצויבערנד! אַ בעצויבערנדער יונג־לינג, זאָג איך אײַך! נאָר סוף־כל־סוף, אַזאַ מענש ווי איך און דו, — דער אײגענער. וואָס אַנבעלאַנגט קונסט... איהר ווײַסט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט?... צווישען אונז זאָל עס בלײַבען... בלויז צווישען אונז, מײַנע פרײַנד: ער האָט אײַנגעפונען, אַז איך בין דורך, ווײַזט אוים אַ וואוילע שולע... וואָס זאָגט איהר דערויף? און צוליעב דעם גיבסט דו עס אָב די בעסטע טײל פון דײַן נשמה... דאָס סאַמע הײליגסטע!

קאמיל לעמאָניע.

דער שענסטער טאָג.

איך בין איבערצייגט, אז ביי אסך מענשען, זאָלען זיי עס אפילו נישט וועלען מודה זיין, איז דער שענסטער טאָג פון זייער לעבען, גלייך צוגעגאנגען ווי ביי מיר, ווי איך דערצעהל אייך דאָ באלד.

מיר זענען נאָך ביידע כמעט קינדער געווען, ווען מען האָט אונז אין א געוויסען פריה-מאָרגען חתונה געמאכט. קיינמאָל האָט מען, דאכט מיר, נישט געזעהן אזוי פיעל בלומענקרענץ, ווי ביי אונז אויף די חתונה. מען האָט שוין געהאט מכבד געווען דעם עולם מיט אויבס און איך מיט עליזען האָבען זיך קוים איינינע ווערטער איבערגעוואָרפען, מעהר ווי געוועהנליכע, באנאלע ווערטער האָב איך נישט געוואוסט וואָס צו רעדען מיט איהר, פונקט ווי אויף דעם באל, אויף וועלכען איך האָב מיט איהר דאָס ערשטע מאָל געטאנצט. קוים האָב איך נאָר געוואָלט דאָס מויל עפענען, איהר וואָס ניט איז צו זאָגען, האָט זיך מיר די קעהל צוגעפרעסט. עפּים האָב איך זיך געפיהלט, ווי איך וואָלט נעבען איהר יונג לעבען, וואָס האָט אונטער דעם רויש פון איהר אטלאס-קלייד לייכט געציטערט, פערשטארט געוואָרען. און ליעב האָב איך איהר געהאט פון גאנצען הארצען. די גאנצע וואָך פאר דעם האָט איך געלעבט מיט דעם גרויסען גליקס-געפיהל, מיט דער האָפנונג אויף דער גליקליכער מינוט.

ווי שרעקעדיגע און עמפּפינדליכע מענשען, האָב איך מיר באלד נאָך די תנאים צערטליכע און העפליכע ווערטער איינגעלערנט, וועהרענד מיינע הענד האָבען זיך אונטער'ן טיש געזוכט און צוזאמענגעקרעמפּפט. מעגליך אז מיינע כוחות זענען נישט גענוג שטארק געווען די געשפּאנטע ערוואר-טונג אריבער צו טראָגען. איך האָב געוואוסט, אז איך מוז יעצט זעהר לעבערליך אויסזעהן. געטראכט האָב איך נאָר אָן דעם אויגענבליק, אין וועלכען מיר וועלען ביידע פעראייניגט ווערען. דער דאזיגער אויגענבליק

נאָך וועלכען איך האָב פריהער אזוי שטאַרק געבענקט, האָט מיר יעצט אויסגעוויזען אַלס דאָס שרעקליכסטע, וואָס דער מענש קאָן דערלעבען.

איך מוז נאָך צוגעבען, אַז אַ סך האָב איך די דאָזיגע שוואַכקייט מיינע, די אויפרעגונג מיינע עלטערן צו פערדאַנקען. באַלד ווי מיר האָבען זיך נאָר צום טיש געזעצט, האָבען זיי זיך שטאַרק בעמיהט מיר אונטערצוגעבען קוראַזש און האָבען מיר איין גלאָז שאַמפּאַניער נאָך דער אַנדערער איינגעגאָסען. אַנ'אַלטער פעטער האָט מיר זאָגאַר, צווישען צוויי ביסען, אין אויער איינגערוימט: „קוראַזש צו אַלדי שוואַרץ יאָהר! אָט יעצט איז דער בעסטער אויגענבליק זיך אַלס מאַנסביל צו ווייזען". אין מיין פאַמיליע האָט מען מיר אָפט פאָרגעוואָרפען, און זיי זענען ניט גאַנץ אומגערעכט געווען, אַז מיר פעהלט ענטשלאָסענהייט. עס האָט זיך געמאַכט פונקט פערקעהרט ווי מען האָט פון מיר ערוואַרטעט. די אַלגע־מיינע שמחה האָט זיך ביי מיר אין טרויעריגקייט פערוואַנדעלט. איך האָב מיר דערמאָהנט, אַז ביי אַנ'אַנדער געלעגענהייט, ביי דער סעודה, וואָס מען האָט אין אונזער איינזאַם הויז געמאַכט נאָך דער לויה פון מיין פער־שטאָרבענעם פאָטער עליו השלום, האָט מען מיר אויך געלאָזט אַ סך אַריינטרינקען כדי מיין וועהטאָג צו פערטרייבען. יעצט זענען אַרום מיר די זעלבע געזיכטער געזעסען. פונקט ווי דאַמאָלס האָט מען דערביי געהאַט דעם מיין אַ פיינליכע וואָהרהייט פון מיר צו בעהאַלטען.

איך בין מיר זעלבסט פאָרגעקומען ווי איינער, וואָס מען וויל איהם ביי אַ שווערען אַריבערגאַנג צוהעלפען. און אָט אזוי האָב איך דאָס לעצטע ביסעל ענטשלאָסענהייט, וואָס איך האָב נאָך פערמאָגט, אויך אָנ־געוואָרען. די אונפערמיידליכע פלאָג פון די טאָסטען האָבען מיר די נערווען געררייצט. דאָך מוז איך מודה זיין, אַז דער ערשטער, ביז צו טרעהרען ריהרענדער טאָסט האָט אויף מיר אַ גוטען איינדרוק געמאַכט.

אַ שוועסטערקינד מיינער פון פּראָווינץ, אַ שטיקעל פּאָעט, האָט אין זיין טאָסט, אין לוסטיגע גראַמען און פערזען, לייכט אָנגעוואונקען אויף געוויסע פערטרוילכקייטען אין עהע־לעבען. דאָס דאָזיגע לעכערליכע חתונה־געדיכט האָט דעם עולם שטאַרק לוסטיג געמאַכט. איך האָב אַ קוק געטהון אויף עליזען איז זי רויט געוואָרען, און איך האָב אויף איהר מיט אזאַ אומעט געקוקט, אַז זי האָט געמוזט אָנהויבען לאַכען. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אונזערע ביידע הערצער האָבען זיך שוין צושיידט.

דערווייל האָט איהר די מוטער אַ וואונק געגעבען, אַז דער עקיפּאַזש

שטעהט שוין פֿאַר דער טיר. עליזע האָט זיך אויף איהר שטוהל אַהין און אַהער געריקט, האָט אויף מיר פֿון דער זײַט אַ בליק געטהון, און איך האָב מיר געטראַכט: יעצט איז געקומען דער ריכטיגער אויגענבליק אין וועלכען דו קאָנסט דײַן טײַערען אוצר מיט זיך אַוועקטראָגען.

די זון האָט זיך אָנגעהויבען זעצען. דעם עקיפּאַזש האָט מען אויף פֿינף דעם זייגער בעשטעלט. איך האָב זיך געפֿיהלט ווי צום טיש צוגעשמידט, אָהן פּוחות, אין גאַנצען ווי אָהן זיך. ענדליך האָט אַ געוויסע אונרוהע אויך עליזען בעהערשט. די ברעמען איהרע האָבען העפֿטיג געצוקט. נערוועאיש האָט זי זיך מיט אַ ברויט־קרישעל געשפּיעלט. אַלע האָבען זיך פֿון טיש אויפֿגעהויבען. נאָר מיר ביידע זענען געבליעבען זיצען איינער נעבען אַנדערן. עס האָט זיך אַ רוישען פֿון אַ קלייד אַלץ נעהנטער און נעהנטער דערהערט. באַלד נאָכדעם האָב איך דערהערט אַ שטימע, וועלכע האָט האַסטיג געשעפּטשעט:

„קינדער, קינדער... וועגען וואָס איינענטליך קלערט איהר?"

די מוטער האָט איהר מיט זיך מיטגענומען. איך בין הינטער זיי די טרעפּען אַרויפֿגעשטיגען. איך האָב אַזוי שטאַרק געציטערט, אַז איך האָב מיר אָן דער פֿאָרענצע געמוזט אָנהאַלטען. עליזע אָבער האָט זיך ווי עס איז קוראַזש געמאַכט און אין דעם רוישען פֿון איהר אַטלאַס־קלייד האָט עפּיס ווי אַ שטילע מוזיק געקלונגען.

די לײַכטע פּיסלעך איהרע האָבען זי געשווינד פֿון איין טרעפּ צו דער אַנדערער געטראָגען, די שענע פּיסלעך מיט די ווײַסע שיכלעך, וואָס די פּאָדעשוועלעך זייערע האָבען לײַכט געסקריפּעט. אַן עדלער העליאָטראָפּ־ריח האָט פֿון איהר רייצענדען קערפּער אַרויסגעשטראָמט. אַ טהיר האָט זיך געעפֿענט, די מוטער איז צוריקגעבליעבען, איך האָב עליזען מיט מײַן גאַנצער קראַפֿט צו זיך געדריקט, אָבער כמעט אין דעם זעלבען אויגענבליק האָב איך מיר אויף אַ קאָפּער אַראָבגעלאָזט און דעם קאָפּ אָן די הענד אָנשפּאַרענדיג זיך צעוויינט.

עליזע האָט מײַן שמערץ ניט געקאָנט פֿערשטעהן און מיר פֿערוואונדערט אָנגעקוקט; ווי אַ לאַילקע האָט זי אין איהרע ווײַסע קליידער אויסגעזעהן, און זי איז מיר נאָך רחמנות'דיגער פֿאָרגעקומען. איך האָב זי אָנגענומען פֿאַר דער האַנד און האָב זי מיט מײַנע טרעהרען און קושען בעדעקט. איך האָב נישט געוואוסט וואָס איך זאָל מיט איהר אָנהויבען צו רעדען.

— עליזע, טײַערע־עליזע, זײַ מיר מוחל...

און ארויסרעדענדיג די דאזיגע ווערטער האב איך מיר נאך מעהר צעוויינט. עפּיס האב איך אין גאנצען דעם מוט פערלארען, עס איז מיר פארגעקומען ווי מיר וואלט צו שטראנד געגאנגען א שיף און וועלכען מיין ווילען האט זיך איבערגעקעהרט און אונטערגעגאנגען, ענדליך האט זי זיך אויך נעבען מיר אויפ׳ן קאפּער געזעצט, אויף מיר קוקענדיג האט זי אויך אנגעהויבען צו וויינען און שלוכצענדיג געזאגט:

„גוט, איך בין דיר מוחל, איך ווייס אבער נישט וואס אייגענטליך איך זאל דיר מוחל זיין”.

זי האט אויסגעזעהן זעהר אומגליקליך צו זיין, איך בין עס גאך אין א גרעסערע מאס פאר איהר געווען. דערנאך, אז איך האב שוין מעהר נישט געקאנט וויינען, און איהר צו די פיס זיך געווארפען, האט זי מיט א שטיל קול, טרויעריג די ווערטער ארויסגערעדט:

„הייסט עס, אז דאס רופט מען דאס חתונה־האבען! און מאמא האט דאך מיר געזאגט, איך זאל פאר דיר קיין מורא נישט האבען! אז דו ביזט נישט א האאר שרעקליך”.

איך האב געפיהלט וואס פאר א שווערע פעראנטווארטליכקייט איך האב אויף זיך ארויפגענומען — אין אנ׳ אויגענבליק, וואו די יונגע, נאך נישט ערפאהרענע פרוי, די קליינע אין ווייסען געקליידעטע כלה פון היינט אין דער פריה, איז גאך געשטאנען פול אונרוהע אין שרעק פאר דעם שוועל פון דאס גרויסע געהיימניס, געשטאנען און געציטערט פאר דעם בייזען און פערליעבטען מאן, פאר וועלכען מען האט איהר ערצוינגען, אז דער בייזער, פערליעבטער מאן, איז גאר א שרעקליגער פחדן, וועלכען מען מוז גאר קוראזש איינגעבען.

„וואס קלערסט דו וועגען מיר?” פרעג איך איהר. און האב מיין קאפּ אין איהר שענעם צוקנייטשטען אטלאס בעהאלטען. „עליזע, טייערע, עליזע, וועסט דו א מאל פערגעסען?...”

אבער ווידער איז מיר דאס לשון אבגענומען געווארען, און די ווערטער זענען מיר אין האלז געבליעבען שטעקען. מיר האט זיך געוואלט בעהאלטען פון איהר א געהיימניס! וואס זי האט שטארק חשק געהאט עס צו וויסען, דאס האט געדויערט א סעקונדע. דערנאך, אז איך האב שוין געוואלט איהר ענטדעקען דאס געהיימניס ווען איך האב מיין שוואכקייט געהאט צו פערדאנקען, האט זי מיט איהר אפענהערציגער דרייסטקייט מיר צוגענומען אין גאנצען די קראפט צום רעדען.

מיט איהר קליינער הענטעל אויף וועלכער עס האט דער רונג גע-

בלישטשעט האָט זי מיר צערטליך די האָר געגלעט. דערנאָך מאַכט זי צו מיר:

„זײַ נאָר רוהיג, מײַן שענער יונגעל... דאָס וועט פערבײַגעהן. דאָס איז גאָרנישט אַזוי שרעקליך ווי דו מײנסט... זעה נאָר, איך בין שוין צופריעדען מיט דעם, וואָס דו וועסט פערלאַנגען"...

די טהיר האָט זיך אַ ביסעל געעפענט. עליזעס מוטער איז דאָרט געשטאַנען און גוטהערציג געלאַכט. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מיר וועלען זיך דאַרפען פון איהר אויף אַ לאַנגע צײַט צושײַדען, האָט זי דאָך גענוג מוטה געהאַט. זי איז געשטאַנען און געקוקט ווי מיר זיצען זיך בײדע אויף דעם קאָפער. אונזערע בײדענס אויגען זענען רויט געווען. איך האָב עליזעס האַנד אין מײַנע געהאַלטען.

נאָך הײַנטיגען טאָג קאָן איך נישט בעגרײַפען ווי אַזוי איך בין דאַמאָלס פאַרטיג געוואָרען מיט'ן איבערטהון זיך די קלײדער. דעם קראַוואַט האָט מיר שוין עליזע געמוזט אַרומבינדען און דערנאָך האָבען די דינסט-מײדלעך מײַנע טשעמאָדאַנען מיט די זאַכען אַרונטערגעטראָגען. איך בין זײ אויף די טרעפען נאָכגעגאַנגען, פונקט ווי איך בין אַ ווײַלע פריהער נאָכגעגאַנגען די קלײנע פיסלעך, וואָס יעצט האָבען זײ שוין נישט מעהר געשטעקט אין ווײַסע שיכלעך, אַ סימן, אַז די מײדעלשע צניעות וועט אויף דעם נײַעם לעבענס-וועג באַלד פערשוואונדען ווערען.

נון האָט זיך אָנגעהויבען אַ סדרה פון קושען, די מאַמע, פיהלענדיג אַז דעם קינד'ס נשמה שײדט זיך פון איהר אויף עביג האָט איהר גאָר-נישט געוואָלט פון די אָרעמס אַרויסלאָזען, אײן אָרעם איז די גאַנצע צײַט איבער דער שוועל אויסגעשטרעקט געווען און נישט אויפגעהערט מיט אַ ווײַס טאַשענטיכעל אין דער לופט צו פאָכען — ביז די פערד האָבען אונז ווײַט, ווײַט אויף דעם לאַנד אַוועקגעטראָגען.

צוויי מײַל ווײַט פון דער שטאָדט האָבען מײַנע שוויגער-עלטערן אַ אײגענעם שלאָס געהאַט, וואו עס האָט געוועהנליך נאָר די פאַמיליע פון שלאָס-אויפזעהער געוואוינט. דאָרטען האָט מען פאַר אונז געלאָזט אײניגע צימער אויפגעראַמט. מיר זענען דאָרט אָנגעקומען בײַ נאַכט. איך האָב ווידער אַ ביסעל מוטה בעקומען.

באַלד אָבער האָב איך איהם פון דאָס נײַ אָנגעוואָרען. קוים האָב איך נאָר דערזעהן דאָס גרויסע בעט, פון וועלכעס עס האָט מיר עליזעס קאָפּ, פערגראָבען אין די גרויסע קישען, שעלמיש ענקעגען געשמײכעלט.

„קום אַרײַן, נאָר אײנער... לעג דיך אַניעדער!"

איך שעם זיך צו דערצעהלען, אז ביז די מארגען־ליכט האט זיך דורך די פארהאנגען צו מיר אין צימער אריינגעריסען, בין איך אין טיפען שלאף געלעגען.

אז איך האב זיך אויפגעכאפט האב איך בעמערקט, אז עליזע איז שוין אויך וואך. זי האט מיך איבערראשט אנגעקוקט — דאס איז א גאלדענע צייט געוועזען... דער שמערצליכער צויבער איז פערשוואונדען. יעצט האט זי פערשטאנען, פאר וואס איך האב זיך איהר ווינענדי־גערהייד צו די פיס געווארפען און געבעטען זי זאל מיר מוחל זיין.

מיטאגס־צייט איז איהר מוטער אנגעקומען. מיר זענען נאך אלץ נישט געוועזען אויפגעשטאנען. דורך דער טהיר האט זי אונז געזאגט, אז זי האט געמיינט דאס איך בין ערנסט קראנק, אז פאר גרויס אונרוהע האט זי זיך דאס געאיילט צו אונז צו קומען. עליזע האט איהר געעפנט די טהיר עפענען. זי איז פון בעט אראבגעשפרונגען און בארוועסערהייד געלאפען צום טהיר. אז די מאמא האט דערזעהן דאס קליינע ווייבעלע מיט די פונאנדערגעלאזטע האאר, וועלכע האט זיך אין העלען ליכט, אהן די מינדסטע שפור פון שעמעוודיגקייט, אין איהר נאכט־קלייד בעוויזען איז זי, די הויכווירדיגע דאמע, רויט געווארען.

„ווירקליך, הייטיגע יונגע מיידלעך...” זאגט זי. און איך מיט עליזען זענען ארויס מיט א געלעכטער, מיר האבען פערשטאנען, וואס זי האט דערמיט געמיינט צו זאגען.

היינריך מאַן .

פּיפּפּאָ ספּאַנאָ .

(איבערזעצט פונ'ם דייטשישען) .

(פאָרטזעצונג פון ערשטעם בוך) .

„איך וויל מען זאָל אויף מיר זאָגען : אָט דער מ אַ י ל ו אָ י ל ט אָ בעגעהט זיך מיט פרויען און מיט'ן לעבען מוטהיג און ענטשלאָסען — ער האָט אַפילו נישט קיין גאַנ'ץ גוטען נאָמען ! דאָס איז אָבער אַנ'אייזערנער קעמפּפער פאַר'ן לעבען , און דערינען ליעגט די נשמה פון זיין קונסט . די גרויסקייט און מאַכט פון זיין שטאַם האָט ווידער אויפגעלעבט אין דעם פּאָעט . די אויפלעבונג איז ווידער געקומען און איז גרייט זיך פונאַנדער צו בליהען ... אָט וואָס מען בעדאַרף וועגען מיר צו רעדען ! און קיינער בעדאַרף נישט האָבען דעם קלענסטען חשד וועגען מיינע ביטערע ליידען , וועגען דער ערנידערונג צו וועלכער יעדע פרוי ברענגט מיר , יעדע גרויסע קינסטלערישע שעפּפונג , יעדער געזונדער מענש ; קיינער בעדאַרף נישט וויסען דערפון , אַז פאַר יעדעס בלאַט פון מיין לעבענס-בוך , וואו עס שלאָגט מיט ליאַרם דאָס זודיגע בלוט פונ'ם ווירקליכען לעבען — מוז איך בעצאָהלען מיט מאַכטלאָזע טעג און היגענישע מיטלען . איך וויל נישט מען זאָל דעם מינדסטען חשד וועגען דעם האָבען . יאָ , הינטער דער פאָלקאָמענער שענהייט שטעהט שטענדיג דאָס ליידען מיט אַנ'אויס געשטרעקטען מעסער אין האַנד . האָב איך דען נישט דאָס רעכט צו זיין שטאָלץ ?

אַ טרויער פער'גנב'ט זיך אָבער אַריין אין מיין שטאָלץ , דען איך ווייס , אַז מיין שעפּפונג איז נישט מיט קיין אמת'ער קראַפט בעשאַפען . נאָר בלויז מיט דעם ווילען צו קראַפט ; איך שטאָלציר מיט מיין לעבען אָהן אמת'ער קראַפט , דאָס לעבען וועלכע די ליידענשאַפטליכע שטרעבונג בלויז הויבט אין דער הויך . נאָך אַלע די נצחונות און כבוד , וואָס איך האָב געהאַט , פאַנטאַזיר איך נאָך שטענדיג וועגען פרויען . איך פאַנ- טאַזיר וועגען זיי ווי אַ צוואַנציג יעהריג יונגעל , אָבער אָהן שום האָפנונג . ווייל איך בין שוין דערגאַנגען וואָס דאָס הייסט אַ פרוי , — איך ווייס , אַז זי וועט דעם קאָמעדיאַנט קיינמאָל נישט בעפרידיגען . די פרוי האָט צופיעל עהנליכקייט מיט מיר : וואָס קאָן זי מיר , אָדער וואָס קאָן איך

איהר געבען? זי איז אַליין דאָרשטיג נאָך אַפּלאָדיסמענטען. זי וויל, אַז מען זאָל פאַר איהר מיט לײַדענשאַפט צאָהלען: פאַר מיר איז דאָס אַ צ־טײַערער ביסען. איך ברויך כּוינע געפיהלען, איך זאָל מיט זיי פאַר׳ן פּובליקום זיך פונאַנדערשפּיעלען. איך קאָן מײַן נשמה נישט פערשווענדען; איך דאַרף מיט איהר אַנדערע אָנשכּור׳ן. וואָס מעהר איך הערוגײַטער מיר פון לעבען, דאָס אָרעמער ווערט מײַן אייגען לעבען.

נאָר יענע אמת׳ע פרוי, וועלכע איז נישט גלײַך צו אַלע אַנדערע פרויען, יענע פרוי וועלכע גיט זיך אָהן איבערלעגונג די לײַדענשאַפט איבער; וועלכע צווייפעלט אין קיין שום זאַך נישט, וואָס פאָדערט נישט קיין מיטגעפיהל, נישט קיין פײַניגען; וועלכע נעמט איהר גאַנץ לעבען צוזאַמען און וואַרפט עס אָהן שום איבערקלערען אין מײַן לעבען אַרײַן, נישט קוקענדיג וואָס די וועלט וועט הערויף זאָגען, נישט טראַכטענדיג וועגען דעה צוקונפט. אָט אַזאַ פרוי קאָן מיר מעכטיג און שטאַרק מאַכען, אַזאַ פרוי וועט מיט מיר צוזאַמען לעבען און שטאַרבען; אָבער אַזאַ פרוי איז פאַר מיר נישטאָ. ווען עס זאָל אַפילו געשעהן אַ נס, עס עפענט זיך אויף די טיהר און עס קומט אַרײַן אָט אַזאַ מין פרוי, וואָלט דער נס נאָך נישט געווען קיין גאַנצער, ווײַל עס וואָלט בײַ מיר, אין מײַן לעבען פאַר איהר קיין אָרט נישט געווען; זי וואָלט פאַר מיר צו גרויס, צו שטאַרק געווען. בײַ מיר איז נאָר דאָ אָרט פאַר די בענקשאַפט נאָך אַזאַ מין פרוי!

„ווי האָב איך זיי וויעדער אַלעמען היינטיגען אָבענד בעגעהרט, — אויף דער סצענע, דורך דאָס לאַך אין פאָרהאַנג, הינטער וועלכען איך האָב מײַן אָרט געהאַט, אָה, ווי האָב איך זיי בעגעהרט אַלעמען!"

מ אַ ר י אָ מ אַ י ל ו ו אַ י ל ט אָ האָט דעם קאָפּ צום רוקען צו אַריבערגעבויגען און אָבזיפצענדיג האָט ער זיך טיעף אין די בלאַסע שטערען פערקוקט.

„איך האָב זיי כּמעט אַלעמען געקענט, אַנדערע האָב איך ווירקליך אין מײַנע אָרעמס געהאַט, און אַנדערע האָב איך געקאָנט האָבען. צו וועלכען צוועק? נישט דען צוליעב דעם, איך זאָל זיך מיט דעם קאָנען בענוצען, אום מײַן סענטימענטאַלען געפיהל צו ענטוויקלען אָדער, אום צו האָבען אַנ׳ ערפאָלג בײַ דער געזעלשאַפט, ווי למשל ס׳איז געווען דער פאַל מיט דער קלײַנער נאָראַ, אָדער כּדי אויסצולערנען צוואַנציג ערליי האַלען, ווי מיט דער דראַמאַטישער אַרטיסטקע טיניע? אָדער אפשר נאָר צוליעב

דעם זײַ זאָלען סוף כּל סוף דערגעהן ווער איך בין און מיר מיט בעלײַדי־גענדער פעראַכטונג פון זיך אָבשטויסען... וועסט מיד ווערען רײַסענדיג מיט די אויגען די שטערען דאָרטען, אין דער הויך, איינס נאָכ'ן אַנדערן און אין דער האַנד סוף כּל סוף גאָרנישט האָבען!

„אַח, ווי זײַ האָבען הײַנט געשײַנט אין די לאָזשעס!

ער האָט זיך אויף אַ גרויסען בלישצענדיגען שטערען פערקוקט, „ל י נ אָ צ צ אָ. אַ פלאַטשיגע און אַ לאַנגע עגיפּטישע נאָז, לענגליכע אויגען, איינס נאָהנט צום אַנדערן, די ברעמען האַרט אונטער די שוואַר־צע און געדיכטע שמעקעדיגע האָר. ווײַטער אַ ביסעל אַ ווייך מײַלעכעל, אַ פײַכטס, אַ ריהרעוודיגס. מעהר ווי אַלץ איז זי פערפיהרעריש ווען זי האַלט בײַם מויל דעם געהל־בלישטשעדיגען פעכער איהרען, אָדער ווען זי צולאַכט זיך, פערוואַרפענדיג אַהינטער דאָס קעפּיל איהרס מיט די קויל־שוואַרצע אויגען, ווען איך בין געווען אין דער קעניגינס לאָזשע, האָט זי די גאַנצע צײַט געקוקט אַהין צו. זי איז עהרגײַציג, זי וואָלט איך געקאָנט בעקומען.

זײַנע אויגען האָבען זיך צו אַנ'אַנדער שטערען געווענדעט.

„ב אָ ג ר אָ פ י נ אַ ל ע. אַ פולער פּראָפיל מיט אַנ' אָראָבגעהאָנגענער נאָמבע, ווילד בלישטשענדיגע אויגען אונטער אַ געדיכטען הויפען ברוינליך־רויטע האָר, וואָס פאַלען איבער דעם פּראַכטפולען גאָרנאָסטאַיענעם קראַגען אַריבער. זי איז געווען איינע פון די ערשטע, וועלכע האָבען מיר אין דער הויך אַרויף געהויבען.

„צום ערגסטען איז ל אַ נ ק ר ע ד אָ נ י. אַ מאָגערע פּרינצעסין מיט אַ טונקעלע הויט, אַ שטײַפער האַלז האַלט אונטער דעם קאָפּ מיט די קרומע ליניעס פון דער נאָז און שטערען. די קאַנטיגע אַרבעל לאָזען זיך גאַנץ טיעף אַראָב אונטער די נאַקעטע אַקסלען. אונטער'ן קאַלטען גלאַנץ פון איהרע בריליאַנטען געגעצט זי, די פּרינצעסין... און הײַנט בײַ נאַכט הינטערן פאָרהאַנג האָב איך איהר איבערוועלטיגט! מיט שטאָלצען נצחון האָב איך זיך צו איהר דערהויבען, ווי סענדיג, אַז איך געניס פון איהר מעהר ווי דער וואָס האַלט זי יעדע נאַכט אין זײַנע אָרעמס. וואָס איז אָבער דערפון איבערגעבליבען? אפשר איינינע שורות, וואָס איך וועל אָבגעבען צום דרוקען. אָבער פאַר מיר גופא, פאַר מײַן נשמה?...

„די יונגע מײַדלעך! זײַ זענען זיך דאָרט געזעסען, גאַנץ נאָהנט, און מיט ליכטיגע אויגען געקוקט אין דער וועלט, וואו עס איז קײן וועג

נישטאָ. קאַנטאָדזשי האָט זיך דורך דאָס לעכעל אין פּאַרקאַנג מיט מיין בליק אַנ׳ אויגענבליק בעגעגענט. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען פאַר איהר בליק. וועלכע זי האָט געוואָרפען נישט ווייסענדיג וואוהין.

„וועלכע פון זיי אַלעמען וועט קומען, מיך אַננעמען פאַר׳ן האַנד און אוועקפיהרען צו זיך אַ היים, אין אַ לאַנד וואו מען פיהלט שטאַרקער און אונשולדיגער?

„נישט אין איינציגע. וויל זיי אַליין בעדאַרפען זיך נייטיג ווי לעבען אויסלערנען די קאָמעדיע. דזשעמאַ קאַנטאָדזשי, נאָך גאָר אַ קינד, נאָר וואָס פון דער נאַטור אוועקגענומען, האָט חתונה מיט לאַנטען, דעם אָבגעלעבטען זולל וסובא. אַ שענער זווג, חלעבען.

„פּרוב נאָר פערלאַנגען פון איינע פון זיי, זי זאָל אָן זיך פערגעסען— וועסט דו, דאַכט זיך, פון זיי אַפילו נישט צו הערען בעקומען. אונטען אין פּאַרטער איז עפּיס געזעסען איינע, אַנ׳אומבעקאַנטע: אַ שענע, אַ שטאַרקער פּראָפיל אונטער סאַמעטענע בענדער פון אַ ברייטען הוט. אַ פונאַנדערגעבלאָזענער האַלזטוך ביז די סאַמע ליפּען האָט איהר אין אַ ראָזיגען גאַז פערוויקעלט"...

מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט נאָך אַלץ פאַנטאַזירט, ווען זיי זענען אויף דעם סאַנטיאַנאָ-פּלאַץ אַרויסגעקומען, דער ניעדריגער, פלאַכער קופּאָל פונ׳ם קלויסטער איז פון דער לבנה מיט אַ בלאָהעם פודער בעשאָטען געוועזן. איינציגוויים זענען די לאַטערן אויסגעשטאָרבען, אין דער אויסגעשטערנטער נאַכט. וואָס אין איהר אונענדליכע טיעפקייט איז אויף דעם הימעל דאָס שטעדטיל רוהיג געשלאָפען.

פון ערגעץ וואו האָט זי אַ שאָרכען געהערט. מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט דערזעהן, אַז אויף דער לאַנגער גאַס הינטער איהם בעוועגט זיך עפּיס אַ טונקעלע זאַך! דאָס איז געוועזן דער איינענער עקיפּאַזש, וואָס האָט זיך פריער געזעהן; דער דעק זיינער איז געוועזן אויפגעהויבען. אַ ליכטיגער לבנה-שטרייף האָט זיך פלוצלונג הינטער זיי נאָכגעגליטשט, עפּיס אַ ווייסע זאַך האָט פון דערווייטענס אַרויסגעשטעקט. „וואו אין דער געגענד קאָן אייגענטליך זיין דאָס הויז צו וועלכען דער דאָזיגער עקיפּאַזש פאָהרט?" „אין ערגעץ נישט", — האָט דער קוטשער אָבגעענטפערט. ענדליך איז דער עקיפּאַזש אין שאָטען פערשוואונדען געוואָרען,

זיי זענען פון גאַס אַרויס און האָבען זיך עטוואָס פון באַרג אַראָבגעלאָזט. מאַריאָ מאַילוואָילטאָ איז פון עקיפּאַזש אַרויסגעקראָבען, האָט איניגע טריט געמאַכט, דערנאָך עלף טרעפּען הויך אַרויס-

געשטיגען און פּאָר זײַן טיר שטעהן געבליבען, די טיר איז אָפען געווען. דער שלאָפעדיגער דינער איז בײַן שוועל געלעגען.

אַריבערטרעטענדיג איבער דעם דינער, האָט מאַריאַ מאַיל־וואַילטאַ גענומען פון פּאָדערהויז די לאָמפּ וואָס איז דאָרט אויף אַ טיש געשטאַנען, איז אַ פּאָר טרעפּלעך אַרויפגעשטיגען און אין זײַן אַרבײַטס־צימער אַרײַנגעקומען. די פרויען־ביוסטען אין שמאָלע אַלטע קלײדער האָבען פון ביבליאָטעק־שראַנק איהם בלאַס ענטקעגען געשמײכעלט געהײמניספול; אין דער לבנה שײַן האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער גרויסער פּערל אויף זײער גיפּסענעם שטערן שאָקעלט זיך אויף דעם קײטעל.

אין צימער איז געווען אַזוי ליכטיג, אַז מאַילוואַילטאַ האָט געמוזט די לאָמפּ אויסלעשען. די שמעקעדיגע גראָזען אין גאָרטען, וואָס האָבען זיך געצויגען אין דער לענג פון דעם הינעל ביז צו דער סאַמע שטײנערנע וואַנד און זיך ווי אַ לויבע אויסגעפלאָכטען, האָבען יעצט געפינקעלט אין אַ בלאַבען און פראַכטפולען צויבער. די גליצענ־בלעטער זענען איבער די טרוקענע אָבגעשטאָרבענע ציפּריסען ווי אַ זילבערנער מאַנטעל געהאַנגען. אין די טיעף אַראָבגעבויגענע קוסטעם האָבען זיך קאַמיליענ־בלומען געוויזען וואָס האָבען ווי בײזע רוחות אויסגעזעהן.

ער האָט זיך ווידער אין צימער אײַנגעקוקט און זיך דערשראָקען. איהם האָט אין פלוג געוואונדערט, וואָס דער ריזיגער מענש דאָרט, אויף דער העלע וואַנד, רײַסט זײַן שווערד פון שײד אַרוים. אין די געדאַנקען זײַנע האָט זיך מאַריאַ מאַילוואַילטאַ ווידער גע־ווענדעט צו איהם, צו דעם פּאָרטרעט, דער אײנציגער וואָס האָט טאָג פּאָר טאָג געקוקט אויף זײַן אַרבײַט:

„נון זענען מיר ווידער בײדע צוזאַמען. פערלאָזענדיג דיר הײַנט אָבענד בין איך זעהר צופרידען געווען מיט דעם קאַמפּף, וואָס מיר שטעהט פאָר, אַ קאַמפּף וואָס האָט מיר געזאָלט ברענגען אָדער אַ רוהם־פולען נצחון אָדער אַ שרעקליבע מפּלה. איך האָב אַ נצחון אָבגעהאַלטען. אין ווײַן און אין רעדעס לכבוד מיר איז מײַן נצחון אַלץ גרעסער, אַלץ רוהמפולער געוואַקסען. זיכער מיט מײַן זיגער־פאָהן בין איך פון דאָרטען אוועק. אָבער אויפ'ן וועג, אין דער לבנה־ליכטיגער נאַכט, פול מיט ליכטיגע געדאַנקען איז דער נצחון אין אַ מפּלה פערוואַנדעלט געוואָרען, — און די דאָזיגע שטומע, בלאַסע מפּלה, איז פיעל ערגער געווען ווי איך וואָלט אויף דער סצענע אויסגעפײַפט געוואָרען.

„האָסט דו אויך שוין געזעהן אַ מאָל, — האָט ער ווײַטער צום בילד

גערעדט, ווי דער נצחון, באַלד נאָכדעם ווי מען האָט שוין איהם די לעצטע און שטאַרקסטע טענער פון ליבּ-געזאַנג אָבגעזונגען, ווערט פלוצלונג פערשוואונדען, האָסט דו עס געזעהן? ענטפער דאָך, פּיפּאַ ספּאַנאַ!

„שטייף און פעסט זיך אָנשפּאַרענדיג מיט דיינע אייזערנע פיס שטעהסט דו, האַלטענדיג אויסגעבויגען דיין ריעזיגען שווערד אין דיינע בראָנזענע הענד. שמאָלע מאַנקעטען טראָגסט דו און געשיקט ביזט דו, גרייט צום שפּרינגען, צום יאָגד, צו מלחמה, צו וויין און בלוט. אין די קלאַנגען פון דיין נאָמען פּ י פּ פּ אַ ס פּ אַ נ אָ הערט זיך שוין דער סווישטש פון געשליידערטען געוועהר אין דער לופט, דער שטאַרקער קלאַפּ פון אַ שווערד. איבער דיין ברייטער ברוסט הויבּט זיך דאָס אייזען, און דיינע שמאָלע היפטען זענען אַרומגעגאַרטעלט מיט גאָלדענע פּאַסען, וועלכע פינקלען אויף דיין העלבּלויעק מאַנטעל. דיין גאָמבע איז קורץ און דיק, און הערשזיכטיג שטאַרצט אַרויס דיין מויל פון דיין מאָגער געזיכט, וועלכע איז מיט טונקעלע לאָקען אַרומגעזוימט. מיט ווייט אויפגעריסענע אויגען קוקסט דו מוראָ'דיג אַרום זיך. און קוקט מען לאַנג אויף דיין געזיכט מיינט מען, אַז דו הויבּסט אָן צו שמייכלען. דאָס פעסטע גלויבּען אין זיך גופא רופט דאָס דעם דאָזיגען שמייכעל אַרויס, דעם שמייכעל וועלכער ברויזט אויף, געהט איבּער אין אַ שרעק, שמידט צו ווי מיט קייטען יעדען וואָס שטעלט זיך דיר אַנטקעגען, און מאַכסט איהם ענדליך בּייגען פאַר דיר.

„אַה, וויפיעל ליידען האָסט דו געמוזט אויסשטעהן, דו און דער קינסטלער וואָס האָט דיר געמאָלען, דער קינסטלער, וואָס איז אויך אַזוי ווי דו מעכטיג געוועזען, ווי דו בּעזיעגער פון די טערקען. פערשטעל דיך נישט, איך הער דיין גוואַלדיגען געשריי, ווען עמיצער האָט אַ קלאַפּ געגעבּען. איך זעה ווי דיין בלוט האָט זיך געגאָסען, ווען דיין פריינד האָט דיר דעם שונא אויסגעגעבּען. איך בּעמיה זיך מיטצופיהלען דעם ברענענדיגען וועהטאָג, וואָס דו האָסט איבּערגעלעבּט, ווען די פרויען האָבּען זייערע שאַרפע נעגעל אין דיין האַרץ אַריינגעשטעקט!"

מ אַ ר י אָ מ אַ י ל ו ו אָ י ל ט אָ האָט די הענד אויף זיין ברוסט צענויפגעלעגט. ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער, שטאַר אָנגעקוקט דאָס בּאָרטרעט און אָנגעהויבּען שעפּטשען:

„זעהסט דו, אָט פון אַזאַ מין פער'שכור'ט ווערען פאַנטאַזיר איך! איך בּין צו שוואַך, צו ניכטער דערצו, דריבּער בּעשאַף איך וועניגסטענס

אזעלכע מענשען, וועלכע זאלען מיר דערצו דעם מוטה אײנגעבען. דו בעדארפסט אין מיר דערוועקען אנ'עקעל צו די מיטעלמעסיגע פרײדען און די טעגליכע לײדען מיט וועלכע מיר שטעלען זיך צופריעדען, מיר שוואכינקע און צו שפעט אויף דער וועלט געקומענע. די קונסט אונזערע נעהרט זיך מיט מאטע, לײכטע לײדען אהן וועלכע עס איז גרויסקײט, מיט קלײנע, שפל'דיגע, נערוועאישע איבערלעבונגען. מיר בירגערליכע בעשעפעניש׳ען פילען אן אונזערע זיעבציג יאהר, אונזער גאנצען לעבענס־לויף מיט עטליכע גראשענדיגע שמערצען און מיט האלב־גראשענדיגע פערגניגען. דער קינסטלער פערגראבט זיך טיעף אין זײן פערשאטענער נשמה און מיט א פײנדליכע איראניע לאכט ער זיך אויס פון אלץ וואס איז שטארקט און גלאנצט מיט העלע קאליערען.

„איך וויל אבער אנדערש לעבען! איך וויל פערשווענדען. אין דעם קורצען לויף פון מײן לעבען דארף די קונסט בעשאפען א רעבען פיעל שטארקער, פיעל מעכטיגער ווי דאס געוועהנליכע. איך וויל גארנישט וויסען פון זיך. פונ'ם שוואכען. סײ ווי סײ וועל איך מיט זיך צופיעל פערנומען זײן. איך וויל אין פרעמדער, אין גאנצען פרעמדער שענקײט, אין פרעמדע לײדען מײן לעבען אויסלעבען. אין פרויען וועלכע איך האב צום קרבן געבראכט; בעריהמטע מענער, וועלכע בעגעהרען צופיעל; קינסטלער וואס ווארפען זײער גיהנם'דיג לײדען אין מארמאר ארײן, האקען פון לעהם טײוועלשע פיגורען אויס. אט אין יענע לײדען, אין יענע לעבענס וויל איך לעבען, צו זײ וויל איך געהן אין מיט זײ וויל איך וואהנען, איך וויל געהן צו די וואס הערען זיך צו די קאפריזען פון זײערע נערווען נישט צו, וואס זײער גורל איז אין זײער אײגען פויל פליסעדיגס בלוט נישט אבהענגיג.

„ווי אין א שענע, מעכטיגע וועלט, וואס איז מיט שטעכעדיגע דערנער און גראזען בעוואקסען, דרינג איך אין זײער לעבען ארײן, אין א רעבען וואס איז פול מיט מוטוויליגקײט, אין א לעבען וואו מען גיט זיך פער־שכור'טערהײד איבער, אין א רעבען וואס מען לעבט מיט אײנמאל און שטארבט מיט אײנמאל.

„די פרוי אבער, וועלכע דו פיפפא ספאנא וואלט געקאנט ליעבען, די פרוי נאך וועלכע איך שטרעב אזוי שטארק אין מײן פאנ־טאזיע, זי טרעט צום לעצטען אויף דער וועלט־סצענע ארויף, טרעט ארויף, בעפרײט דורך מיר פון בײזען כשוף. נישט וואהר?"

(פארטועצונג קומט).

קאַטול מענדעס.

דאָס שטריקעל.

(ערצעהלונג).

1.

אָהן אַ שום נעץ! און דער שטריק איז פערצויגען פונפצעהן אַרשין די הויך פון דער ערד! זעהר אַ דינ שטריקעל. מען זעהט עס כמעט ניט אָן אין די שטראַמען ליכט פון די גאַז-פייערן; עס דאַכט זיך, אַז קיין פויגעלע אפילו וועט זיך דערויף ניט קענען שטעלען, און דאָס שטריקעל איז געווען פאַלקאָם גענוג פאַר דער בעצויבערנדע אַקראָבאַטקע. דאָרט, אויף דעם שטריקעל, אויף דעם פאָדעם, האָט די מאַדמאָאַזעל קאַריזאַנדאָ געטאַנצט שמייכלענדיג, אָהן אַ שום באַלאַנסיר-שטעקען, אַלע טענץ, וועלכע זענען בעוואוסט די כאָרעאָגראַפען און די וועלכע זענען זיי אונבעוואוסט: קאַמאַרגאָ און באָקאַן, שאַקאָן און קאָרדאַטשע, מאָנטפערינאָ, צוצונים, טריקאָטע, סאַלטאַרעל, פאָפ, בראַנל און קאַראָל, אַנזשעליק און אָרלעקין, אַפילו קאַלענד, די רייהע משונה'דיגע בעוועגונגען וועלכע זערען אויסגעפיהרט מיט צולאָזטע האָר.

נאָך יעדען טאַנץ האָט זי זיך איבערגעטהון, — ניט אַראָבגעהענדיג פון שטריק! — אום צו ערשיינען אָנגעטהון אַזוי ווי עס פאָדערט די טראַדיציע פון יעדען טאַנץ, און יעדע רגע זענען ציטעריג געפלויגען אין דער לופט איהרע אַראָבגעוואָרפענע קליידער, און אַזוי ווי זי איז געווען יונג, שעהן און גוט געבויט, איז פערשטענדליך, אַז איהרע גאַסטראָלען אין ניו-יאָרק, לאָנדאָן, פּאַריז, פעטערבורג — מיט איין וואָרט איבעראַל — האָבען געהאַט גרויס ערפאָלג.

אָבער ענטציקענדיג זיך מיט איהר, האָבען די צושויער אויך געציטערט, געשראָקען זיך פאַר איהר. זי איז שוין צופיעל ניט איבערלעגט,

צו פֿיעל דרייסט, און זי וועט זיך געוויס ווען עס איז דעם שאַרבען צוברעכען אָן די פּאַרטער־שטוהלען אָדער אָן די ברעטער פון סצענע. טיילמאָל האָט זיך פּלוצלונג געהערט געשריען פון דעם עולם, מען האָט געמיינט, אַז זי פאַלט. אָבער ניין, דאָס, וואָס עס איז געפאַלען פון אויבען אַראָב איז נאָר געוועזען איהר'ס אַ קליידעל, וואָס זי האָט אַראָבגעוואָרפען. נאָך אַ גאַנצע רייהע איבערקעהרען זיך איז דאָס אַראָבגעפאַלען גלייך אויף דעם קאָפּ פון איינעם פון די צושויער, און איהם איינגאַנצען פערוויקעלט מיט זייד און בונד. עס האָט זיך גלייך דערהערט קאָריזאַנדאָס פרעהליכע געלעכטער, וועלכע האָט חוזק געמאַכט, געשפּעט אויף דער שרעקעדיקייט פון די צושויער.

אומזיסט האָבען זי איהרע פריינד און אַפילו דער אַנטרעפּרענער אַליין געבעטען, אַז זי זאָל לאָזען פערציהען אַ נעץ אונטער דעם שטריק. זי האָט זיי קיינעם ניט געהערט, און האָט נאָר געענטפערט:

— אַך. גענוג! מען שפּרייט עפּעס אַ סך נעצען אונטער שוואַלבען ווען זיי פליהען?!...

דאָס איז געוועזען איהר פערגעניגען צו שפּרינגען, צו טראָגען זיך אַזוי הויך איבער אַלעמענס קעפּ, און דאָס געפאַהר האָט זי זיס פער־שיכורט.

איינמאָל האָט דער מילאָרד מאַרלאָ איהר געזאָגט:

— מאַדאַם: איך בין זעהר אַבערגלויביש. היינט איז פרייטאָג דער דרייסיגסטער נאָוועמבער. איך בעט אייך, זייט היינט פאָרזיכטיג!

און אין דעם אָבענד איז זי געוועזען מופקר'דיגער, ווי אַלע מאָל, ביים שלום־טאַנץ האָט זי זיך מיט אַזאַ דרייסטקייט אָנגעבויגען אָן אַ זייט, אַז איהר פוס האָט געטראָפען נעבען שטריק, און ווער ווייסט, וואָס מיט איהר וואָלט געשעהן, ווען עס גליקט איהר ניט און זי פאַלט ניט אַרויף אויף עפּעס אַ דיקען העד, וועלכער האָט פריהער געמיינט אַז זי וועט איהם איינגאַנצען דערדריקען, נאָר זי האָט איהם גלייך געטרייסט אויפשפּרינ־גענדיג אויף די פיס און וואַרפענדיג זיך איהם אויפ'ן האַלז.

II.

אויף צו מאָרגענס אין דער פריה האָט דער מילאָרד מאַרלאָ גע־בעטען העררעגען ווענען זיין וויזיט דער טענצערין. ער איז, ווי שטענ־

דיג, געוועזן אונגעוועהנליך ערנסט. דאָס איז געווען איינער פון די קאָ־רעקטע ענגלענדער, וועלכע ערלויבען זיך ניט קיינמאָל אויפגערעגט צו ווערען, וועלכע בלייבען אויסגעהאַלטען אפילו אין זייער עקסצענט־ריזשקייט.

קאַריזאַנדראָ האָט איהר פריינד ניט געלאָזט ענדען דאָס מויל. זי האָט אַרומגענומען זיין האַלז מיט איהרע נאַקעטע הענטעלעך און גערעדט:

— אָ, מילאָרד, מיין ליעבער, ליעבער מילאָרד! איך בעט אייך זיידעלט מיך ניט! זאָגט מיר ניט, אַז איך בין אונזיניג, אַז איהר האָט מיך געוואָרענט, אַז נעכטען איז געווען פרייטאָג און דער דרייסיגסטער, אַז איך האָב געדאַרפט זיין פאָרזיכטיגער. איך בין מודה, איך האָב גע־דאַרפט זיין פאָרזיכטיגער, נאָר איך בין ניט געווען, נו שוין, וועלען מיר ניט רעדען וועגען דעם! און זייט אַזוי גוט און גיט מיר מעהר ניט קיין עצות איך זאָל זיין פאָרזיכטיגער, ווייל איך האָב פעסט בעשלאָסען גאָר ניששט זיך צו רעכענען מיט אייערע עצות. מיין טייערער מילאָרד! איהר זענט זעהר ליעבליך, איהר זענט יונג, און איהר האָט גרויסע, בלאָהע, ניט זעהר קיין נאַרישע אויגען. מיר גאָבצופאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט האָט איהר זיך אָבגעזאָגט פון אייער פאָטערלאַנד, פאַמיליע, קלוב, און אַז איך בעט ביי אייך איין פינגער'ל פאַר פינף הונדערט פראַנק, שענקט איהר מיר אוירינג פאַר טוזענד פונט שטערלינג. אָט ענדע — איך ליעב אייך, ווייל איהר ליעבט מיך! נאָר בעט ניט ביי מיר איך זאָל וואַרפען דעם ציר, דעם היפּאָדראָם אָדער אַז איך זאָל אונטער דעם שטריק לאָזען פערציהען אַ נעץ. איך וועל טהון אַלץ, וואָס איהר וועט פערלאַנגען, נאָר ניט דאָס. איך וועל זיך צו'הרג'נען אויף טויט? פער־דרעהט קיין קאָפּ, עס וועט זיך שטענדיג געפינען עפּעס אַ גראָבער, וועלכער וועט מיר זיינע פּלייצעס אונטערשטעלען. נו, און אַז איך וועל זיך דערהרג'נען, דעסטאָ ערגער! איך ווייס אַמוועניגסטענס, אַז איהר וועט ניט פערגעסען דאָס גוטע ליעבליכע מיידעל, וועלכע איז אפשר טאַקי געווען אַ ביסעל עקסצענטריש, וועלכע איז אָבער שטענדיג גרייט געווען לאַבענדיג צו פערשטאָפּען מיט קושען אייער מויל, כדי ניט צו הערען אייער וואָרטשען!

ער האָט רוהיג געענטפערט:

— איך קען אייער עקשנות, טייערע קאַריזאַנדראָ. איך ווייס, אַז ווי הייס איך זאָל אייך וועגען דעם ניט בעטען, טראַכט איהר צומאָל ניט

אָנצוזעמען די קלענסטע פאַרזיכטיגקייט קעגען דעם זיכערן געפאַהר, וואָס דראָהט אייך. נו, זאָלען מיר דאָס לאָזען, אַזוי ווי איהר פערלאַנגט! אויב איך בין געקומען צו אייך היינט אַזוי פריה, איז דאָס גאָר אום צו רעדען מיט אייך וועגען אַ זעהר וויכטיג געשעפט.

שווייגענדיג אַ ווײַלע, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— אין לאַנקאַשיר האָב איך אַ פאַמיליען־שלאָס, זעהר אַ זעלטענע אַרכיטעקטור, אַרומגערינגעלט מיט וועלדער, טהאָלען און בעאַרבייטע פעלדער, מען פערזיכערט, אַז דאָס איז ווערטה ניט ווייניגער פון אַ מיליאָן פראַנק.

— אַ לייטיש גוט, און אַ בכבוד'ע סומע, מילאָרד!

— שלאָגט מיר ניט איבער, איך בעט אייך! יעדעס פון מיינע פיער לאָנדאָנער הייזער איז ווערטה כמעט אַזוי פיעל, וויפיעל דאָס שלאָס. אָמת זאָגענדיג — איז דאָס מיין גאַנץ אונבעוועגליך פערמעגען.

— עס איז דאָ אויף ניט מעהר צו פערלאַנגען!

— נאָר אין באָאַרעס געלד און ווערטה־פאַפּירען בין איך רייך אַ ביסעל. אויבוואויל איך האָב נאָך ניט געהאַט קיין צייט פונקטליך צו בעשטימען די סומע, נאָר לויט אַלע פאַקטען מוז זי זיין נישט קלענער פון אַכט־צעהן מיליאָן!

— אַך, טייערער מילאָרד! מען ווייסט שוין לאַנג, אַז איהר זענט אַזוי רייך, ווי עס טרעפט זיך נאָר אין ראָמאַנען! אָבער נאָך וואָס דערצעהלט איהר מיר וועגען אייער פערמעגען, וועגען אייערע הייזער, וועגען אייער פאַמיליען־שלאָס?

— איך האָב געפונען פאַר נויטיג אויסצורעכענען אייך אַלץ, וואָס עס וועט פון היינט אָן אייך געהערען!

— וואָס?!? — האָט זי אויסגעשריגען.

— יאָ, — האָט ער געזאָגט. — אָט איז אַ פּאַפּיער, וועלכעס איך בעט אייך איהר זאָלט ניט פערלירען. דאָס איז געמאַכט לויט אַלע פראָוועס.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט די גאַנצע אויגען. מיינענדיג, אַז ער לאַכט אײנפאַך אויס איהר. נאָר ער איז געווען ערנסט, ווי שטענדיג. און מען האָט געקענט דייטליך זעהן אַז ער רעדט אויך ערנסט.

— נו, — האָט זי אַנאיבערראַשטע געזאָגט. זי האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט בעשליסען צו גלויבען זיינע ווערטער. — וואָס איז דאָס פלוצלונג איך איינגעפאַלען מיר אַלץ אָוועקצוגעבען? איהר קענט

דאָך זאָגאַר ניט רעכענען צו בעקומען פון מיר וואָס ניט איז פאַר דעם, ווײַל . . .

— איהר האָט אַ טעות, קאַריזאַנדראַ, איך האָף צו בעקומען פון אייך וואָס ניט איז!

— נו? און וואָס אײגענטליך?

— איך האָף, אַז איהר וועט זײַן אַזוי פרײַנדליך און וועט מיר הײַנט באָרגען אויף עטליכע שעה דאָס זעלבע שטריקעל, אויף וועלכען איהר — צום בעדויערן — טאַנצט אַזוי אונפאָרזיכטיג.

זי האָט זיך געוואַלגערט פון געלעכטער.

— יאָ, פערשטעהט זיך, אַז איך וועל דאָס אייך באָרגען, דאָס שטריקעל.

נאָכדעם האָט זי צוגעגעבען, קושענדיג איהם אין די באַקען.

— יאָ, מען מוז געשטעהן, אַז איהר זענט ניט קײן געוועהנליכער מענש! נו, דאָס איז אַלץ אײנס, איהר זענט אַזוי ליעבליך, אַז איהר האָט מיר אַוועקגעשאָנקען אײער גאַנץ פערמעגען, אײערע הײַזער, אײער שלאָס אין לאַנקאַשיר. און פאַר דעם שלאָס איז מעגליך געפינט זיך אַ טײַכעל מיט שוואַנען? איך פערגעטער זײ אַזוי די גרויסע ווײַסע פויגעל!

— יאָ, טײַערע קאַריזאַנדראַ, דאָרט זענען דאָ שוואַנען אויך, און אין דעם טאָג וואָס אײנער פון זײ וועט שטאַרבען, וועט איהר הערען שוואַנען־געזאַנג!

III.

צו אָבענד, האָט דער האָטעל־בעדיענער לאַנג געקלאַפּט אין נומער פון מילאָרד מאַרלאָ, ער איז אַם ענדע אַרײַנגעגאַנגען, אָבער ער איז באַלד צוריק אַרויסגעשפּרינגען מיט שרעק. דער מילאָרד מאַרלאָ האָט זיך אויפגעהאָנגען! שוין אַ פערקיהלטער, אַנ'אונבעוועגליכער — איז ער געהאָנגען אויף אַ לאַנג שטריקעל, צוגעבונדען צו דעם האָק פון די פאַר־האַנגען, און די עקען האָבען אַראָבגעהאָנגען ביז צו דער ערד.

עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ טומעל פון די צוזאַמענגעלאָפענע, איבערראַשטע, איבערגעשראָקענע מענשען!

אויפ'ן טיש האָט מען בעמערקט אַ בויגעלע פּאַפּיר, אויף וועלכען עס איז געווען אָנגעשריבען פאָלגענדעס:

„איך בעט יענע, וועלכע וועלען די ערשטע אריינגעהן אין דעם צימער, באלד צו הייסען אבטראגען דער מאדמואזעל קארינאלדא, אין ווינטער-צירק ארײן, דאס שטריקעל, וועלכעס זי האט מיר פריינדליך געבארגט. דאס שטריקעל מוז זי האבען צו דער אבענד-פארשטעלונג. און אזוי ווי דאס וועט אין גיכען זײן א שטריקעל פון א געהאנגענעם, האף איך, אז עס וועט איהר זײן מזל'דיג!"...

אדיע.

(פון האנס אדלער).

געוואלט וואלט איך איינמאל ביי'ן פענסטער נאך שטעהן
די זון אנצוזעהן ווי אזוי זי פערגעהט.
און איינמאל נאך זעהן ווי דאס האר דיינס ווי גאלד,
וואס כ'האב אזוי האלט, אין דאס ווינטעלע וועהט.

איך דענק אן דעם טאג ווען איך האב דיך דערוואוסט
אין דיין ווייס שוואנענברוסט אונטער שנעע קלארען העמדז
יעצט איז דיינע אויגען זוי טרויריג און שווער
דו זינגסט שוין ניט מעהר און דיין לאכען קלינגט פרעמד.

די בלום איז איצט וועלק און דאס בעט איז שוין קאלט.
בעגרים זשע מיך באלד — דיין נשמה בעגעהרט
נאך נייערע פרייד — איך פערגין זיי, קינד, דיר.
פערבלייב נאר מיט מיר ביז פינסטער עס ווערט.

איבערזעצט פון דייטש א. רייזען.

ערנסט געאָרגי.

פרײליין מוטער.

(איבערזעצט פונ'ם דײטשישען).

(פאָרטזעצונג פון ערשטען בוך)

ער האָט דערלאַנגט אַטטאָ דעם בריעף, װעלכען ער האָט נאָך אַמאָל דורכגעלײענט און האָט זיך פערטראַכט: „יאָ, דעם שטאָך האָב איך גאָר אינגאַנצען דורכגעלאָזט! זי שרײַבט, אַז זי האָט מיר װעגען דעם קינד'ס געבורט צו װיסען געטהון. איך האָב אַזאַ ידיעה קײנמאָל נישט דערהאַלטען! יענעם זומער בין איך נאָך אַװעקגעפאָהרען אויף אַזױפיעל אונטערװעגס געװען, די יאַגדען, געשעפטליכע דרעהעניִשען מיט קלײנװאַלדבערג, דאָס מאַנעװער! — אַ גאַנצע מענגע בריעף האָב איך דעמאָלט נישט דערהאַלטען. מײַן שװעסטער האָט אויך אויף מיר געקלאָגט, אַז איך האָב איהר דעמאָלט אויף װיכטיגע בריעף נישט געענטפערט! מײַן בעדיענטער, געדענקסט איהם נאָך, דער איז דאָס געװען אַ שטיק צרה'דיגער אײזעל, ער האָט מיר גענוג צרות אַנגעמאַכט!" — ער איז אויפגעשפרונגען װי אָהן אַ עצה, נישט ענטשלאָסען.

„אויגען, רעד, װאָס זאָל איך טהון?" —

דער געפרעגטער האָט זיך בעטראַכט. „יאָ, ליעבער אָטטאָ, מיר איז שװער דיר אַנ'עצה צו געבען! איך קען דאָך די זאַנדערם נישט! דו קאָנסט זי אַלײן אורטײלען! איך װאָלט דיר דאָך געזאָגט, איגנאָריר אינגאַנצען דעם בריעף, געה נישט אַהין און ענטפער גאָר נישט! — — — אָבער פיעלײַכט איז זי אַ פּראָװינציִמער און קען דורך דעם צו װילדע מעשים-געטריבען װערען און דו מוזט יעצט זעהן דאָס אויסמײַדען! סוף כל סוף ביזט דו פערלאָבט און זיצסט, װי מען זאָגט, אין אַ גלעזערן-הויז! — דאָס בעסטע װעט זײַן, דו זאָלסט זיך מיט איהר דורכשמועסען און געפינען איהר שװאַכע זײַט. טאָפּ נור אָן איהרע פאָדערונגען װאָס זי האָט דיר צו שטעלען דען אַ זעלכע האָט זי דאָך גאַנץ זיכער, און דאַן פאַרטיגסט דו זי אָב! — װען דו װילסט, געה איך מיט דיר מיט אַהין און— — —"

„נײַן, נײַן, אויגען, דאָס איז גאַנץ אויסגעשלאָסען! זי איז אַ דאַמע; בײַ איהר שטאָלץ, איהר מוּעפקײט" — דער אַנדערער איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו

קאַנַט האַגען און האָט געקוקט איהם אין די אויפגערעגטע, אונרוהיגע אויגען: הער צו, מיר דאַכט זיך, אז אין דיר קאָכט עפּיס צופיעל, צו וויַיט, מעהר ווי עס פּאַסט און ווי עס איז ערלויבט רענאַ'ס אַ חתן? אָטטאָ, אָטטאָ! אָבצופאַרטיגען, אַזאַ זאַך מוז זיין געלאַסענקייט, אָביעקטיוויטעט! האָסט דו אַ זעלבע? — „וויים דער טייוועל!" — האָט געזאָגט דער געפרעגטער. — „איך האָב זי אינגאַנצען פערגעסען, קאָן איך מיר דאָך קיין ליעבע נישט איינרעדען? הער דאָך אוים, דאָס שפּיעל-קינד די חבר'טע פון מיינע יונגע יאָהרען, די געשעצטע, געמאַכטע פריינדין, די ערשטע ליעבע פון מיין אויפגעוואַכטעם מעננער-בעוואוסטזיין — לויפט דאָרט ערגיץ אַרום אין דער וועלט און איז די מוטער פון אַ — פון מיין זוהן, וועלכער טראָגט מיין נאָמען! — חאַפּט דאָס דער גייער; אָבער אַזאַ פּלוצלינגע פּאַטערשאַפט קאָן איינעם צו אוים מענש מאַכען!"

„און איך גלויב נישט אין דעם! וואָס דו זאָגסט אַלץ, די זאַך שיינט מיר אַ — — — איך קאָן מיר נישט העלפען, — אַ בעטרוג! מען האָט שוין גאַנץ אַנדערע מענער ווי דיך אַריינגעפיהרט! וואָס, געדענק נור דעם אַלטען מיט זיינע יורשים. די גאַנץ-שטרענגע האָט איהם אַזוי לאַנג איינגערעדט ביז ער האָט אַליין אָנגעהויבען דריגען צו גלויבען!"

— שפּאָטיש לאַכענד האָט אויגען געוואָרפען זיך אין אַ שטוהל. אָטטאָ האָט אַריינגעשטעקט די האַנד אין טאַש. דאָס זייגער-קייטעל צוטיילט זיך אויף צוויי העלפטען. אויף איינער העַנגט דאָס זייגערל און אויף דער צווייטער די שליסלען. ער האָט אַ נידער געקניעט פאַר דעם שרייבטיש און האָט אויפגעשלאָסען אַ טירעל פון איין זייטענשענקעל. צוזאַמענגעבונדען בריעף-פּעק, קאַרטען, באַלל-אָרדען, איין דאַמענפעכער, איין לאַנגע האַנדשוה! דאָס אַלץ האָט ער צוואָרפען און אויפגענומען אין איין קופּע, שאַרענדיג אין די פעכער פון שענקעלע. ראָדעק האָט געלאַכט: „אַהאַ, זיסע זכרונות פון אַ געוועזענער יוגענד! אַ שאָד וואָס אַזויפיעל שענע זאַכען ליגען אין שטיקער פערוויסט! ליידער אָבער מוז מען שטענדיג, איידער מען פאָהרט אַריין אין דעם סאָלידען הייראַטס-האַפען, אַן אויטאָדעפע מאַכען! איך נעם מיר דאָס אַזוי אָפּט פאַר; אָבער אַ דאַנק גאָט, וואָס איך האָב נאָך צייט און קאָן דאָס נאָך בעצייטענס אויסרוימען!"

אָטטאָ האָט שוין דעם לעצטען בריעף-פּאַק אַרויסגענומען. יעצט האָט ער גענומען יעדען בעזונדער אין האַנד און האָט בעטראַכט די שריפט און דעם פּאָסט-סטעמפּעל. אַ אַכט שטיק האָט ער ווידער דורכגעוואָרפען, ביז ער האָט דעם ריכטיגען געפונען, „דאָ, דאָ זענען אידרע לעצטע בריעף

געווען, ווען עס האָט זיך אַלץ געהאַנדעלט ווענען דעם בעזוך בײַ מיר. אַלע פריעהריגע האָב איך שוין מיט יאָהרען צוריק פערברענט. אָבער בײַ דעם מוז נאָך זײַן איהר פאָטאָגראַפיע!" — ער האָט אויפגעבונדען דעם פאַק און געפונען די קלײנע וויזיט־פאָטאָגראַפיע. — לאַנגזאַם האָט ער זי געהויבען אין די הענד און איז פערזונקען אין בעטראַכטונג. אויף זײַן גאַנצען קערפער האָט זיך געלאָזט בעמערקען אַ שוידער און איז געפאַלען דערשלאָגען אין דעם גרויסען „לוטהערשטוהל", וועלכער איז געשטאַנען פאַר זײַן שרײַב טיש. — דאָרעק איז צו איהם צו געגאַנגען נאָהנט: „דו ערלויבסט? — האָט ער געפרעגט, און ווען דער פרײַנד האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, האָט ער גענומען דאָס בילדעל.

„זעה נור, גאָר נישט אונאינטערעסאַנט!" — האָט ער ערנסט געזאָגט —, אַ גוווערנאַנט־טיפּ, אָבער עס ליגט עפּיס אין דעם שמאָלען געזיכט. אַרום דעם שטערען און די אויגען — אַ ווייכקייט, און דאָ — — די נאָז, די באַקען, דאָס ברענענדע, שען־געפאַסטע מויל, דאָס אַלץ זאָגט עדות אויף חאַראַקטער, ענערגיע! אַ שאָד וואָס זי איז אַזוי מאָגער, ב ר ר, און די האָאָר־פריזור! גלחיש!" — — „זעהט זי אַלזאָ יעצט אויס צו קענען אַזאַ אונערהערטען בעטרוג אויף דער סצענע אויפפיהרען?" — „אָפען געזאָגט — ניין! „אַלזאָ, וואָס ווילסט דו טהון?" — — אָטטאָ האָט געקוקט אויף דעם גרויסען, אַלט־דײַטשען שטענדער־זײַגער. מיט לאַנגזאַמען, שווער בעטראַכטען בעשלוס האָט ער געזאָגט אונווילליג: „איך וועל אַהינגעהן! — — — טהו מיר דאָס צוליעב און קום מיט מיר מיט, זי קאָן דאָך דײַן נאָמען. דו ביזט מײַן פרײַנד, דאָס מאָטיווירט שוין אַלץ!" — א ו י ג ע ן האָט איהם געקלאַפּט אויף די פּלייצע. „ניין, מײַן ליעבער, דאָס קאָנסט דו נישט פערלאַנגען! איך האָב קײן לוסט נישט שטרענג פון די דאָזיגע אויגען אָנגעקוקט צו ווערען אָדער דערוואַרטען זיך זי זאָל מיך הינטער דער טהיר אַרויסוואַרפען! — מענשעלע, דו מאַכסט יעצט אַ שווערען גאַנג א. ז. וו., דו ווייסט דאָך די בעריהמטע פראַזע. בוש דער פּאָעט זינגט: „פאָטער ווערען איז נישט שווער. פאָטער זײַן — דאַגעגען זעהר!" — האַלט די אויגען אָפען, פּאַרש, קעמפף, און לאָז דיר נישט סתּם אַזוי, מיר נישט דיר נישט, אַ זוהן אָנהענגען! דאָס זאָג איך דיר, בײַ דעם אַלעם אַלס גוטער פרײַנד! — — — אָבער, אָטטאָ, ווילסט דו נישט צוערשט עסען?" — —

„געוויס, וואַרט אויף מיר אין קלוב! איך קום באַלד נאָך, איך וואַרט נור דאָ דערווײַל נאָך אויף פ ר אַ נ צ'ן און וויל דאָ אָרדנונג מאַכען!"

— ער ווייזט אויף דעם שרייב־טיש. ראדעק האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און די שווערט זיך ארומגעדרעהט. דערנאך אנגעטהון דעם הוט: „גוט, אטטא. לאז מיך נישט צולאנג ווארטען. איבער־מארגען ווערסטו לאכען, ווערסט זעהן דיין כלה רענא און פערגעסען דאס גאנצע שפיעל, א־יע?" — „אויף ווידערזעהן"! — האט געענטפערט קאנטהאגען מעכאניש. ער ווארפט די פעק מיט די שאכטעל צוריק אין שרייב טיש, פערשליסט און הויבט זיך אויף פערטראכט. ער שאקעלט מיט'ן קאפ פון פערוואונדערונג און צודריקעניש, דען צום ערשטען מאל אין זיין לעבען ציטערן איהם די קניען אונ עס קלאפט איהם דאס הארץ. ער קאן נישט פון זיך אליין דאס פערבארגען, אז דאס איז געוועזן א גרויסע שרעק, וועלכע האט איהם געמאכט ציטערן. זיין בליק גליהט איבער דעם גרויסען איילבילד און איבער די גרויסע פאטאגראפיע פון זיין וואונדער שענע, שטאלצע כלה, רענאטע, איהר רייכטום, אלץ שטעהט אין קאהן — — — זיין עקזיסטענץ! דאס רייצענדע מיידעל האט זיך אין איהם פערליעבט. און זי האט איהם געראטעוועט! ער האט זי ליעב! — — די שולדען זענען בעצאהלט געווארען. ער האט אבגעטעמט. די געשעפטלעך מיט גראשענס האבען אויפגעהערט, די שרעק, די אייביגע זארג, די אבהענגיגקייט פון דעם רייכען פעטער. ענדליך קאן ער ערשט זיין א מענש ווי די אנדערע קאמראדען. פערד, א שפיעלעכעל א קליינס, א שענע היים, טעאטער — — אויף אלעם קאן ער זיך יעצט ערלויבען! עס וואלט דאך שרעקליך געוועזן, אז ער זאל אין דעם פארנעהמען רעגימענט שטענדיג מוזען זיין דער איינגעהאלטענסטער. אלע האבען איהם דאס מיט'ן גרעסטען טאקט פערלייכטערט, אבער אין הארץ! אבער אינערליך דאגעגען האט ער זיך ווי איבעריג געפיהלט. שרעקליך ווי ער האט זיך געקוועלט און געליטען! —

מיט פינסטערע צייכען אויפ'ן געזיכט האט אטטא געקוקט פאר זיך אהין אין די לופט אריין. און יעצט דאס? ער דריקט די פעסטע צום צוג־ריטען צוגעוואהנטע האנד. וואס קאן דערפון זיין? דאס האט געמוזט טרעפען איהם, וועלכער איז שטענדיג אזוי זיכער געוועזן אין זיין זאך! — איהם, וועלכער האט הונדערט מאל אהן שפור געזינדיגט! — און גראד ביי איהר, ביי אננא! די יוגענד האט אויפגעפלאקערט פאר זיינע אויגען אין זיין גייסט. ער זעהט פאר זיך דאס קראפט־שטאלצע יונגעל, דעם רייפען יונגען מאן, און ער זעהט זי, דאס בלאסע וועזען — דאס פראפעסארען־טעכטער'ל. גוט ערצויגען, שטיל, קארעקט. שטרענג צוריקגעהאלטען פון א בעשרענקטע מוטער און פון די פערהעלטניסען, וואס האט איהם אין דעם וועזען

גערײצט? פאר וואס האט ער זי פערפאלגט מיט פארלעגונגען, צוערשט אונשולדיג און עהרליך מיט רעספעקט? —— אטטא זיפצט ביי די עראינערונגען פון דער פערגאנגענהייט. —— ווי איהר הארבקייט, איהר שטרענגקייט, איז צושמאלצען געווארען פאר זיין ווילדקייט! ווי דאס בלוט-ארעמע שוועלבעל האט איהם געקושט, איהם ארומגענומען און זיך צו איהם צוגעדריקט, ווען ער האט זי שוין געהאט געבראכט איבער דעם טויטען פונקט! —— אזוי איז דאס געוועזן! די סעקונדען, אין וועלכע דער דעמאן וועט און אננא דורכבערעבען די מיט מיה איינגעהאלטענע, פון דער ערציהונג איינגעדעמפפטע, פיהלענדיגע, פערלאנגענדע קראפט, די סעקונדען האבען איהם גערייצט. וועגען די סעקונדען האט ער זיך געיאגט נאך איהר. ער האט זיך אזויפיעל פארגעשטעלט, וואס זי האט אין זיך פערבארגען! ——

יאהרען זענען אוועק. ער איז פון איהר אינגאנצען געשיידט געוועזן. דאס פרייליכע לעבען האט איהם דעם שוימענדיגען בעכער דערלאנגט. דורשטיג האט ער פון איהם געטרונקען. וועגען דעם שענעם יונגען אפיציר האבען אלע פרויען געחלומט! איהם איז נור געבליבען די רוזען צו פליקען, וועלכע, אויסהויכענדיג שטארקע פעסטע ריחות, האבען איהם א קעגען געבליהט. אננא זאנדערס איז געווארען פערגעסען און דא איז געקומען דער קראך פון זיין פאטער, זיין אייגען פערמעגען איז דעביי פערלוירען געווארען, די אבהענגיגקייט און די זארגפולע טעג זענען אנגעקומען אויף דעם יונגען לייטנאנט. —— פאר צוויי יאהר האט ער אננא ווידער געזעהן, דעמאלט האט זי אויסגעזעהן ווי דארט אויפ'ן בילד. —— זי האט שוין נישט קיין פאטער געהאט און איז געוועזן רעפרעזענטאנטין אין א פאטאגראפישען אטעליע. איהר קורצען זומער-אורלויב האט זי פערברענגט ביים ברעג פון אסטזעע. אטטא איז געוועזן א פרויען-קענער. און פלינד וואלט ער געמוזט זיין, ער זאל דאס נישט בעמערקען אז ער איז נאך אלץ איהר אבגאט געוועזן! פאר דעם ווייב בילדעט דער געליעבטער מאן נישט א פאזע, נור א גאנץ לעבען. —— איהם האט איהר ווידערשטאנד, איהרע הארבע אבזאגונג, אונטער וועלכער עס האט זיך אזא הייס געפיהל פערבארגען, געמאכט נור שפאס. און ווידער איז ער צו איהר געקומען! א פאר בריעף זענען געגאנגען אהין און צוריק. ער איז קלוג געוועזן, ער האט פערשטאנען זי צו נעמען! אויף דריי טעג איז זי אין זיין גארניזאנסשטאדט געקומען. זי איז געקומען צו איהם! ——

ווי איז איהר ארבייטספולעס לעבען אוועקגעלאפען, אהן פרייד, שטענדיג גלייך, אהן עפיס א זאך, וואס זאל אן עפיס אנשלאגען. זי האט

קיינמאל נישט געקלאגט ; אבער ער האט עס געהערט דורכלויפענדיג אין איהרע געשפרעכען . דא זענען פינסטערע קרעפטען געווען אין דעם שטילען ווייב ! דא האבען אין א ווילדען קאמפף זיך געשלאגען און גע- שטיקט . נייגיריגקייט און הונגער צום-לעבען , שרעק און דורשט נאך ליבע . די שיינענדע יוגענד , די פון דער ערציהונג איינגעפלאסענע זיטען האבען זיך געשלאגען מיט דער רעזיגנאציאן פון דעם מאדערנעם , עלטערן ארבייטס-מיידעל ! — קיין הויכגעבוירענע שענהייט , קיין ווייב , האט איהם נישט אזא ווידערשטאנד געשטעלט ווי דאס שוואכליכע בירגערקינד . דריי טאג האט ער זי , אין וואס-א מאל-מעהר-בלינדע , ווילדע ליידענשאפט , ליעבענדיג זי ווי מיט פערריקטע זינען , געשטורמט . דא אין דעם , יעצט אזוי שטילען רוים . דא א , דארט , — — איבעראל — — ביי אלעם זענען זיי געווען ! ער זעהט דאס פאר זיך , זעהט זי , זעהט זיך אליין ! איז ער אזוי שלעכט אדער וואהנזיניג געווען ? ווי ער האט דאס מיט איהר געקעמפפט ! ווי ער האט נישט מעהר שלאפען און עסען געקענט אין זיין טירישע ווילד- קייט ! ער האט געליטען ! — און אלץ ווייטער האט די ארעמע פליעג אין זיין ליכט געפלאטערט ! געצאפעלט ! די אויגען האבען געזעהן ; אבער דאך , ווי פון א בעהאלטענע היפנאזא בעהערשט , איז זי ביי דעם אלעם דאך דעם דריטען טאג ווידער צו איהם אהיים געקומען ! —

אטטא איז אויפגעשפרונגען ארומגעלאפען איבערן צימער אהין און צוריק און געווארפען זיך אויפ'ן דיוואן , איינגעטוליעט דעם קאפ אין די קישענס וואס ראדעק האט דארט אנגעפאקט , אום נישט הויך צו קלאגען . דא אויף דעם דיוואן איז דאס געשעהן ! — אוים רייגע מיטלייד צו זיינע ליידען זיין בעטען , פול האס , האט זי זיך איהם צום ערשטען מאל איבערגע- געבען . — און דעפאלט איז זיין געפיהל פערלאשען געווארן , נאך שנעלער ווי עס איז געקומען . ווען זי איז אוועקגעגאנגען , ווי עס איז נור טונקעל געווארען און די קאמעראדען זענען אוועק , איז זי שוין איהם פאסט גלייכגילטיג געוועזן . און דערנאך האט ער זי פערגעסען ! — ער איז איהר רויבער געווארען ! —

(פארטזעצונג קומט)

„די געשיכטע פון אַ זינד".

סטעפאַן זשעראָמסקי.

(אַ רעצענזיע).

שוין עטליכע צעהנדליגע יאָהר, ווי ס'איז אויפ'ן ביכער מאַרק ניט ערשינען אַ בוך, וועלכער זאָל אַזוי לעבעדיגען אינטערעס צו זיך אַרויסרופען, וועלכער זאָל צו זיך אַזוי אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט צוציהען ווי דער דערמאַהנטער.

עס איז נאָך קיינע גאַנצע 2 יאָהר ניט פאַראיבער ווי דער בוך איז ערשינען און שוין איז איבער איהם אַ גאַנצע קריטישע ליטעראַטור, אין די פערשידענסטע שפּראַכען געשאַפען געוואָרען; פילאָזאָפען און מעדיקער, סאָציאָלאָגען און עטהיקער האָבען דעם בוך פון די פערשידענסטע שטאַנדפונקטען בעטראַכט, און בעלויכטען און דאַדורך רעכען איך אַז עס וועט אויך פאַר דעם יודישען לעזענדען פובליקום גוט און אינטערעסאַנט זיין מיט דעם בוך זיך צו בעקאַנען.

ליידער ערלויבט מיר דאָס בעשרענקטע אָרט נור דעם בלויזען אינהאַלט פון די זאַך איבערצוגעבען, אַ דאָס אין די אַלגעמיינסטע שטריכען.

די גאַנצע ערצעהלונג קאָן מען צוטיילען אויף 3 טיילען, פון וועלכע יעדע ענדיגט זיך מיט אַ קאַטאַסטראָפע, וועלכע פערענדיגט אַ פעריאָד אין דער הויפּט-העלדינס לעבען.

עווא פּאָבראַטימסקא — איוונגעס, שעהנעס, עדעלעס, אינטעליגענטעס, גוטע און לעבענספולעס וועזען איז די הויפּט-העלדין, דער צענטער פון די גאַנצע ערצעהלונג.

איין גרונד-שטריך פון איהר אונגעוועהנליך קאָמפּליצירטען כאַראַקטער ציהט צו אונזער אויפמערקזאַמקייט שוין פון אָנהויב אָן: אַ שטאַרקער עראָטיזם, וועלכער נעפינט אַ'נ'אויסוועג אין די ערשטע צייט פון אונזער בעקאַנטשאַפט מיט איהר אין רעליגיעזע עקסטאַזען, און וועלכער ציהט אַ דורך, דאַכט זיך, דעם גאַנצען בוך ווי אַ רויטער פאָדעם.

אַט די עווא פערליעבט זיך אין איינעם, לוקאַש ניעפּאָלאָמסקי. ער ליעבט זי אויך, איז גרייט זי צו הייראַטען, ער מוז אָבער וואַרטען ביז ער וועט פון זיין פרוי בעקומען גט. און ער ליעבט זי דערווייל פּלאַטאָניש.

עוואַ'ס מוטער און שוועסטער געפעלט ניט עוואַ'ס ליעבע צו דעם טרויטער לוקאַש און זיי אינטריגירען אַזוי לאַנג ביז לוקאַש פאָהרט אַוועק און פערלאָזט עוואַ'ן.

אויף עווא׳ן מאַכט דאָס צושיידען זיך מיט איהר געליעבטען אַ שטאַרקען איינדרוק : די גוטע, הימלישע עווא, וועמענ׳ס וואולקאַנישע נאַטור עס האָט זיך ביז איצט אין ריינע רעליגיעזע עקסטאַזען אויסגעדריקט. ענדערט זיך מיט אַמאָל, זי ווערט פיינדליך, קריגעריש געשטימט צו די גאַנצע אומגעבונג, און קריגט ליעב זיך פוצען. דער גאָט פון ראַבע זיעגט...

צו איהר אונגעוועהנליך קאָמפּליצירט, הימליש ריינעם וועזען איז נאָך אַן׳עלעמענט צוגעקומען: ראַבע מיט ציניזם פערמישט.

עס מאַכט זיך שוין, דאָס אין מאָמענטען פון דעם העכסטען רעליגיעזען עקסטאַז ווערט זי פלוצלונג פערציטערט, ווייל אַ נאַקעטען אַבר האָט זי דערזעהן, אָדער אַ ברענענדען בליק דערשפירט... עס וואונדערט איהר זעהן זי לאַכט שוין זאָגאַר אויס דעם נאַאיווען לוקאַש׳ן, פאַר וואָס קענענדיג זי אַזוי לאַנג האָט ער צומאָל מיט זיינע איהרע ליפען ניט בעריהרט...

אַ צייט געהט פערביי.

ווידער אַמאָל טרעפען זיי זיך...

קיין שפור פון די געוועזענע עווא! פון דעם ברייטען „וועלט-מענש“ וועלכער פלעגט שטרעבען מיט זיינע אָרעמס די גאַנצע וועלט אַרומאַרמען איז אַ שמאָל ענגהאַרציגער „איך=מענש“ געוואָרען: די וועלט בין איך.

לוקאַש איז שווער פערוואונדעט געוואָרען: ער איז וועגען עווא׳ן אויף אַ דועל געגאַנגען מיט׳ן גראַף שטשערביץ.

אַרויסגעהענדיג פון שפּיטאַל האָט ער זיך אין אַ קליין שטעדטיל בעזעצט.

און עווא פערלאָזט דאָס עלטערן=הויז און איילט צו לוקאַש׳ן: פּפלעגען.

אַליין, אין אַ פרעמדע אומגעבונג, די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם אייגענעם „איך“ געווענדט, קומט זיי פיעל, פיעל אויס מיט די ליידענשאַפט צו קעמפּפען, לאַנג און שווער האָבען זיי מיט זיך געקעמפּפט, און דאָך...

עס איז געשעהן דאָס, וואָס ס׳האָט געמוזט געשעהן.

די ליידענשאַפט זיעגט...

ניִשט לאַנג דויערט דאָס זיסע פאַרגעסען זיך, דער ליעבע=נעקטאַר ווערט אויס, ווערט שוואַכער און דער ניכטערער „וואָס וויטער?“ נעמט ווי אַ וואָרעם זיי ביידען טאָטשען.

ניִשט געוויסענביסע פיהלען זיי, ניין, פערקעהרט: טיעף אין האַרצען גלויבען זיי ביידע אין די הייליגקייט פון דעם בונד, אין וועלכען די ליעבע האָט זיי פעראייניגט, נור פאַר פראַקטישע פאָלגען האָבען זיי מורא. ווי אַ מורא׳דיגע הידרע וואַקסט פאַר זיי אויס די „געזעלשאַפט“. דער העלדישער, קיין אויטאָריטעטען, פאָראורטיילען ניִשט אַנערקענענדער לוקאַש, דערשרעקט זיך פאַר די פּערספּעקטיווע אויסגעשלאָסען צו ווערען פון די אָרענטליכע געזעלשאַפט און אַנטלויפט.

אַלזאָ, ניט זייער ליעבע איז געווען אַ זינד, נור דער שמאָלער עגאָאיזם, די קליינליכע פחדנות, דאָס שטרעבען שלום צו מאַכען, אויף קאָמפּראָמיסען צו געהן מיט די געזעלשאַפטליכע דאָגמען, מיט די געזעלשאַפטליכע פאָראורטיילען, אָט וואָס ס׳איז דער קולמינאַציאָן פונקט! אָט וואָס ס׳איז די זינד!

זי—אַליין, פון אַלעמען פערלאָזען, אין אַ פרעמד שטעדטיל, אָהן מיטלען צו לעבען.

עפּהיש אפשר ניט בערעכטיגט, פּסיכאָלאָגיש אָבער יעדענפאַלס...
און דער קינדער=מאָרד געשעהט.

ווידער וועט זי ראוי זיין אין די „אָרענטליכע געזעלשאַפט" אויפגענומען צו
ווערען, איהר „הערץ־רעכט" איז בעקעמפט, דאָס „וועלט־רעכט" זיעגט.

זי לאָזט זיך אין די וועלט אריין איהר געליעבטען זוכען. געפינט איהם ניט,
ווערט זי שרעקליך וויטהענד, צובעסטיעט. דער „פרוי" אין איהר בעהערשט די
„זי"... עס ערוואַכען אין איהר אמת טיערישע אינסטינקטען...

איהרע מוטער=אינסטינקטען פאָדערן בעפרידיגונג: חאָטש וועמען עס איז גלע=
טען און לאַסקען, און זי געהט א שווינדזיכטיגען פפלעגען... די קינדער=מערדערין
געהט א פרעמדען סובאָטניק פפלעגען... האַראַקטעריסטיש...

פלוצלונג, ווי פון א קויל געטראָפען:
לוקאַש — דערוויסט זי זיך — איז ערגעץ וואו, ווייט, אין אויסלאַנד, האָט
רייך חתונה געהאַט און לעבט גליקליך...

איהר לוקאַש לעבט גליקליך מיט — אַנ'אַנדערע...
דעם ערשטען בעסטען גיט זי זיך איבער...
די ברוטאַליטעט זיעגט...
א בלוטיגע, שאַרלאַך=רויטע ברוטאַליטעט וואָס שמעקט מיט ראַכע...
די ברוטאַליטעט האָט זי אויך מיט'ן גראַף שטשערבין צוגויפגעפיהרט...
די אָרגיע פייערט איהר טריאומף...
ענדליך, אין א ליעבע־עקסטאַז האָט זי איהם דערהרגט.
פאַר וואָס? פּסיכאָלאָגישע בעגרינדונג?

א ים איז דאָס מענשליכע הערץ און נאָך טיעפער און אונפערשטענדליכער —
דאָס פרויען=הערץ, און מעכטיג איז עס, און ווי אין א ים שטורמען און בושעווען
דאָרט די געפיהלען... און אפשר... אפשר האָט זי אין זיין פערזאָן ראַכע גע=
נומען פון'ם „מאַן" איבערהויפּט, אָדער אפשר האָבען איהרע אונגעוועהנליכע
ליידענשאַפטען, א דאַנק די אוננאָרמאַלע בעדינגונגען, אין „סאַדיזם" זייער אויסדרוק
געפונען? אָדער אפשר גאָר האָט זי אין איהם געהרגט דעם מענש, וועלכער
האָט מיט זיין רעוואָלווער שאָס זי פון עלטערן=הויז אַרויסגעריסען און אין לוקאַש'נס
הענד איבערגעגעבען? — — — — — — — — — —

דאָס שרעקליכע פערברעכען האָט איהר צו'ם בעוואוסטזיין געבראַכט, דער
„מענש" אין איהר האָט ווידער ערוואַכט און גענומען נאָך ליכט בענקען.
מיט איהרע צובראָכענע פליגעל שטאַרקט זי זיך נאָך דעם שטאַג צוצו=
ברעכען, אין די פריי אַרויספליהען, אביסעל פרישע לופט אָטהמען, אָבער אַנ'אָהנ=
מעכטיגע פאַלט זי אין די אָרעמס פון די פראָסטיטוציע.

דער מענש איז געפאַלען, עס לעבט די בעסטיע.
דער קאַמפף איז א שווערער; ניטשט געשווינד געבען אזעלכע נאַטורען זיך
אונטער! נאָך אַמאָל ערוואַכט אין איהר די פרוי, ווען איינער האָט איהר אָנגעבּיע=
טען פאַר איהם חתונה צו האָבען, שנעל אָבער זינקט זי צוריק אַראָב אין דעם שרעק=
ליכען אָבגרונד... אויף איביג...

פערשטומפפט און צעשלאגען די געפיהלען און ליידענשאפטען , די פרוי און
די זי , דער מענש און די חיה ...
די געשיכטע פון א זינד ...

עס גיבט נישט קיין קונסט-ווערק אהן א פארם ; ווער ס'האט וואס צו זאגען ,
וויים ער אויך ווי אזוי עס צו זאגען : די ערצעהלונג איז אין די העכסטע שטופע
מייסטערהאפט אנגעשריעבען , די בילדער און סצענעס האבען אונטער זשעראמסקי'ס
קינסטלערישע פעדער אזא לעבעדיגקייט און פלאסטיק ערייכט ווי זעלטען
ביי ווערען , אלעס איז אזוי קאנסעקווענט און נויטווענדיג , אז דו קאנסט דיר גאר
נישט פארשטעלען דעם בוך אהן א וועלכע ס'איז איינצעלהייט אין איהם אדער אויף
אנ'אנדער ארט עס איבערזעצט . אמת , ביי'ם ערשטען מאל לעזען דאס ריזען-ווערק ,
דאכט זיך דיר אויס , דאס פיעל עפיזאדען וואלטען קאנען אוועקגעלאזען ווערען
אהן דעם הויפט-מיין , דעם גרונד-איינדרוק צו ענדערן , דאס קומט נור א דאנק
דעם וואס דאס ווערק איז צו פיעלזייטיג אום עס מיט איינמאל אלס גאנצעס ארומנעהמען
קאנען , און נור ערשט נאך א גרינדליכערען דורכליינען ווערט פאר אונז קלאר די
נויטווענדיגקייט פון יעדען בעזונדער .
און נים בלויז די קאמפאזיציע איז קינסטלעריש , נור אויך די שפראכע
זשעראמסקי איז א ווארט-קינסטלער .
ער אפערירט מיט ווערטער ווי דער פארבען-קינסטלער מיט די פארבען .
יעדעס ווארט איז א פארשטעלונג , א בילד און אזוי הארמאניש צוזאמענגעשטעלט
דאס לעזענדיג זיי פיהלסט דו זיך ווי אונטער דעם איינדרוק פון א סימפאניע . דו
פיהלסט ווי אויף יעדען בילד , יעדען פייזאזש שוועבט א ענטשפרעכענדע שטימונג
ארום און אליין נים בעמערקענדיג פאלסט דו זייער צויבער אונטער .

שמעון מאנפריעד .

ביסמארקס פאליטישע אפאריזמען .

ווען איך וויל א מאל א שמעק-טאבאק טהון , מוז איך ערשט זיעבען פרייסישע מיניסטארען פרעגען .

אין אונזער פאמיליע זענען דא דוימער גרויסע פרעסער . ווען אין אונזער לאנד וואלטען פיעל אזוינע פני געווען , וואלט די מלוכה נים געקענט קיין קיום האבען . איך וואלט געמוזט אויסוואנדערן .

מיניסטער ווערען נים געמאכט אויף עביג .

די אויפגעקלערטע זענען אויך נים טאלעראנט . זיי פערפאלגען די , וואס גלויבען .

Ред. изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература, Томъ II
Тип. Г. Пимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

דריטעס בוך

אייראפעאישע ליטעראטור.

אינהאלט.

1) עפּים. אנדערמען
2) אין א אויגוסט נאכט מ. סעראנא
3) ליעדער אין פראזע. טעטמייער.
4) ביזעזא. ד. קיפּלינג.
5) א גוטע נאכט שעללי.
6) פּיפּא ספּאנא. ה. מאן
7) רבי עזרא. ס. וועדעקינד.
8) פריילין מוטער ע. געארגי.
9) הומארעסקע מ. טווען.
10) אפאריזמען.
11) ליטעראַרישע נייעס.

ה. אנדערסען.

עפּים.

— איך וויל עפּעס ווערען! — האט געזאגט דער עלטסטער פון די פינף ברידער; — איך וויל אין דער וועלט נוצען ברענגען. און זאל אפילו מיין ארבייט נישט זיין זעהר וויכטיג, אבי נאר דאס, וואס איך טהו איז גוט, איז עס דאך שוין עפּים. איך וויל ציגעל מאכען, אהן ציגעל קאן מען זיך נישט בעגעהן, אויב אזוי וועל איך דאך שוין האבען עפּים אויפגעטהון!

— נאר דאס איז נישט אזוי וויכטיג! — האט דער צווייטער ברודער געזאגט — דאס, וואס דו ווילסט טהון, איז אלץ איינס ווי גארנישט. דאס איז א האנד-ארבייט פון משרתים, וועלכע קאן געמאכט ווערען מיט א מאשין. ניין, בעסער שוין צו ווערען א מויערער, דאס איז דאך עפּים, און דאס וויל איך ווערען. דאס איז דאך א שטאנד, דורך וועלכען מען קאן אויפגענומען ווערען אין די העכערע ערטער און ווערען א בירגער, בעקומען א אייגענע פאהן און א אייגענעם פלאץ. און וועט עס גוט געהן, אזוי קאן איך נאך אליין האלטען געזעלען און גערופען ווערען מייסטער און מיין פרוי — מייסטערין; דאס איז דאך עפּים!

— דאס איז דורכאוים גארנישט — האט דער דריטער ברודער געזאגט, — ווייל דאן שטעהסט נאך אלץ אויסער די געזעלשאפטליכע קלאסען, און אזעלכע קלאסען געפינען זיך אין א שטאדט זעהר פיעל און זיי זענען פיעל העכער ווי די מייסטער. דו קאנסט זיך זיין א גאנץ עהרליכער מענש, נאר קוים ביזטו א מייסטער, ביזטו נאך אלץ א גאנץ פּשוט'ער מענש. ניין, איך ווייס עפּים בעסערס! איך וויל ווערען א ארכיטעקטאר, איך וויל מיר מאכען א קינסטלערישע קאר-

יערע, זיך אויפצוהויבען ביז צו די, וואָס שטעהען הויך אין דער גייסטעס־וועלט. אמת, איך מיז אָנהויבען פון אונטען, יאָ, איך וויל דיר זאָגען גאַנץ אָפען: פריער מוז איך ווערען אַ געזעל ביי אַ סטאָליער, מוז טראָגען אויפן קאָפּ אַ פּראָסט מיצעל, האָטש איך בין געוואוינט צו טראָגען אַ זיידענעם הוט, מוז לויפען נאָך ביער און בראָנפען פאַר די איינפאַכע געזעלען און לאָזען זיי מיר „דו" זאָגען, דאָס איז טאַקי נישט אַנגענעהם. נאָר איך וועל מיר פאָרשטעלען, אַז דאָס איז אינגאַנצען נאָר אַזאַ מין מאַסקעראַד, אַזאַ מאַסקען־שפּיעל. מאָרגען — דאָס הייסט, ווי איך ווער נאָר אַ געזעל, אַזוי געה איך מיר מיין אייגענעם וועג, און וועגען די איבריגע געהט עס מיר גאָרנישט אָן. איך בעזוך די אַקאַדעמיע, לערן זיך אויס צייכנען, ווער אַ אַרכיטעקטאָר, — דאָס איז עפּיס, דאָס איז פיעל! איך קאָן דאַן דערגרייכען ביז צו'ם טיטעל „הויך־עדעל און וואוילגעבאָרען", יאָ, איך קאָן נאָך דערגרייכען עפּעס גרעסערס, און איך בוי און בוי, פּונקט ווי די אַלע, וואָס האָבען געלעבט פאַר מיר, דאָס איז שוין עפּיס, אויף וואָס מען קאָן זיך פערלאָזען. דאָס אינגאַנצען איז עפּיס.

— פאַר אַזאַ עפּיס קימער איך מיך כלל נישט! — האָט דער פיערטער געזאָגט; — איך וויל נישט געהן אויף אַ אויסגעטרעטענעם וועג, איך וויל נישט נאָכמאַכען אַנדערע, איך וויל ווערען אַ זשעניע. איך וויל זיין טיכטיגער ווי איהר אַלע צוזאַמען! איך וועל שאַפען אַ נייעם סאָרט בויען, איך וויל געבען אַ אידעע צו אַ נייעם מין בנין, וואָס זאָל צופּאַסען צו'ם קלימאַט און צו'ם מאַטעריאַל פון לאַנד, צו דער נאַציאָנאַליטעט פון לאַנד, צו דער ענטוויקלונג פון אונזער עפּאָכע, און איך וועל צובויען צו מיינע בנינים נאָך אַ מין בעזונדערן שטאָק, כדי צו בעוויזען מיין זשעניע.

— ווי איז אָבער, אַז דער מאַטעריאַל און דער קלימאַט טויגען נישט! — האָט געענטפערט דער פינפטער, — דאַן איז עס זעהר שלעכט מיט דיינע בנינים, וויל דער מאַטעריאַל און קלימאַט האָבען אויף זיי אַ ווירקונג. דער בעגריף וועגען נאַציאָנאַליטעט קאָן אויך ווערען אַזוי פאַנאַנדערגעצויגען, ביז ער פערליערט זיין בעדייטונג, די ענטוויקלונג פון דער עפּאָכע קאָן שטייגען אַזוי וויינט ביז זי געהט פערביי, אַזוי ווי עס געהט אָפט פערביי די יוגענד. איך זעה איין, אַז קיינער פון אייך קאָן נישט דערגרייכען צו עפּיס רעכטס; אַלענפאַלס נישט אין אַזאַ מדרגה ווי איהר מיינט. נאָר טהוט זיך ווי איהר ווילט; איך וויל נישט זיין גלייך צו אייך, איך שטעל מיך אויסער אייער קרייז און איבער אַלץ

וואָס איהר וועט מאַכען, וויל איך אַרויסזאָגען מיינע בעטראַכטונגען. יעדע זאַך האָט שטענדיג אין זיך עפּיס אַ שלעכטע זייט, אָט דאָס וועל איך אויסגעפינען און אַרומרעדען, דאָס איז שוין עפּיס!

און ער האָט אַזוי געטהון, און די מענשען האָבען געהערט וועגען פינפטען:

— אָט דער האָט זיך אַ גאַנץ בעזונדער שרייפּעלע! ער האָט אַ גוטען קאָפּ. נאָר ער טהוט גאָרנישט!

נאָר גראַדע דערפאַר איז ער געוועזען עפּיס.

זעהט, דאָס איז נאָר אַ קליינע געשיכטע. און דאָך ווערט זי נישט געענדיגט כל זמן די וועלט שטעהט!

נאָר צי דען איז פון די פינף ברידער מעהר שוין גאָרנישט געוואָרען? דאָס וואָלט דאָך געוועזען טאַקי גאָרנישט! הערט נאָר ווייטער דאָס איז אַ גאַנצע לעגענדע:

דער עלטסטער ברודער, וועלכער האָט זיך בעשעפטיגט מיט ציגעל מאַכען, האָט בעמערקט, אַז פון יעדען ציגעל, ווי ער ווערט פערטיג, קוילערט זיך אַראָב אַ דרייער, אמת טאַקי נאָר פון קופּער, נאָר פיעל קליינע דרייער, צונויפגעלעגט צוזאַמען, ווערען פערוואַנדעלט אין אַ טהאַלער, און וואו מען זאָל מיט דעם דאָזיגען טהאַלער נישט אָנקלאַפּען, ביים בעקער, ביים קצב צי ביים שניידער, אַזוי עפענט זיך גלייך אויף די טהיר, און מען בעקומט וואָס מען דאַרף. זעהט, דאָס וואַרפען אַראָב די ציגעל; איינִיגע פון זיי ווערען אַפילו אַ ביסעל אָבגעבּרעקעלט, אָדער ווערען צעבּראָכען אין סאַמע מיטען, נאָר זיי קומען אויך צו ניץ.

נאָר אין דאָרף האָט די אַלטע מאַרגאַרעטע, די אָרעמע פרוי, אַזוי גערן זיך געוואָלט אַ קליין הייזעל בויען; זי האָט בעקומען אַלע צעבּראָכענע ציגעל און אויך אַ פּאָר גאַנצע ציגעל, דען דער עלטסטער ברודער האָט אַ גוט האַרץ געהאַט, חאָטש ער האָט נאָר ציגעל געאַרבייט. די אָרעמע פרוי האָט איהר הייזעל אַליין אויפגעבּויט; שמאָל איז עס געוועזען, איין פענסטער איז געוועזען קרום, די טהיר איז געוועזען צו נידריג, און דער שטרויענער דאַך וואָלט געקאָנט געלעגט ווערען בעסער, נאָר דאָך האָט עס דער פרוי געגעבען שוץ און וואָהנונג און מען האָט עס געקאָנט זעהן ווייט איבּער'ן ים, וואָס זיין קראַפט איז ביים פלויט אָבגעהאַקט געוואָרען. די זאַלציגע טראָפּען האָבען געשפּריצט איבער דאָס גאַנצע הויז, וועלכעס איז נאָך געשטאַנען, ווען זי איז שוין טויט און פערשוואונדען געווען, דאָס אַלץ האָבען די ציגעל געמאַכט.

דער צווייטער ברודער, נו, ער האט שוין פערשטאנען אביסעל אנדערש צו טויערן, ער האט זיך דאך דאס אויסגעלערנט. ווען ער האט אבגעגעבען זיין געזעלען-עקזאמען, האט ער איינגעפאקט זיין רענצעל און געזונגען דאס געזעלען-ליעד:

„איך וואנדער, ווייל די יוגענד בליהט,
א שטעל געפינן איך דא צי דארט,
מיין האנד איז שטארק, איך זינג א ליעד,
און ארבייט גוט אויף יעדען ארט!

און קום איך דאן אהיים צוריק,
א וואו מיין מיידעל ווארט אויף מיר:
דאן שמייכעלט מיר שוין באלד דאס גליק:
איך בוי א שטיבעל אוים פאר איהר".

און אזוי האט ער טאקי געטהון. ווען ער איז צוריקגעקומען אין שטאדט און איז געווארען א מייסטער, האט ער אויסגעבויט איין הויז נעבען אנדערן, א גאנצע גאס. ווען די גאס איז שוין געשטאנען, שען אויסגעזעהן און בעשיינט די גאנצע שטאדט, האבען אלע הייזער פאר איהם אויסגעבויט א קליין הויז, וואס זאל זיין אייגענס ווערען. נאר ווי האבען די הייזער געקאנט בויען? יא, פרעג זיי נאר, און זיי וועלען נישט ענטפערן. נאר די מענשען ענטפערען און זאגען: „יא, געוויס האט איהם די גאס זיין הויז אויסגעבויט!". קליין איז עס געוועזן און מיט א לעהמענעם באדען, נאר ווען ער האט מיט זיין כלה און דאס דאזיגע הייזעל ארומגעטאנצט, האט זיין געזיכט געשיינט און געשטראהלט פאר שמחה, און פון יעדען שטיין אין דער וואנד איז ארויסגעשפרונגען א בלום, און דאס האט אויסגעזעהן נישט מיאוסער ווי די טייערסטע טאפעטע. דאס איז געוועזן א גאנץ שען הייזעל און א גליקליך פארעל. אין דרויסען האט געוועהט די פאהן פון זיין פראפעסיע און די געזעלען און לעהריונגען האבען געשריען: הורראַ! יא, דאס איז געוועזן עפיס, און דערנאך איז ער געשטארבען, דאס איז אויך געוועזן עפיס.

איצט איז געקומען דער ארכיטעקטאר, דער דריטער ברודער, וועלכער איז צוערשט געוועזן א שילער ביי א סטאלער, ארומגעגאנגען מיט א מיצעל און געדינט אלס משרת, נאר פון דער אקאדעמיע האט ער געשטיגען ביז צו ארכיטעקטאר און אויך „הויך-עדעל און וואוילגעבוירען", ער האט אויסגעפיהרט פיעל הייזער און אויך א הויז אין דער גאס וואס זיין

ברודער דער מויערער האָט געבויט, אַזוי אַז די גאַנצע גאַס איז איצט גע-
רופען געוואָרען אויף זיין נאָמען; און דאָס שענסטע הויז אין דער גאַז
איז געווען זיין אייגענס, דאָס איז געווען עפּיס. און ער איז אויך געווען
עפּיס — דערצו נאָך מיט אַ לאַנגען טיטעל פון פּאַרענט און פון הינטען.
זיינע קינדער זענען גערעכענט געווען פאַר פּאַרנעהמע קינדער, און ווען
ער איז געשטאָרבען איז זיין אלמנה געווען אַ אלמנה פון שענעם שטאַנד
— דאָס איז עפּיס. זיין נאָמען איז שטענדיג געשטאַנען אין ראָג גאַס און
האָט געלעבט אין מויל פון פאָלק אלס נאָמען פון גאַס — יאָ, דאָס
איז עפּיס!

דאַן איז געקומען דער זשעניע, דער פיערטער ברודער, וועלכער
האָט געוואָלט ערפינדען עפּיס נייעס, עפּיס גאָר נייעס און דערצו נאָך
אַ נייעס מין שטאָק, נאָר דער שטאָק איז איינגעפאַלען אויף איהם און
ער איז אראָבגעפאַלען און דאָס גענוק צעבראָכען, — נאָר ער האָט געזהאַט
אַ הערליכע לויה מיט פּעהנער און מוזיק, בלומען אין די צייטונגען און
אויף דעם גאַסען-ברוק. דריי הספדים האָט מען געהאַלטען איבער
איהם, איינער לענגער ווי דער אַנדערער. און ער וואָלט זיך געוויס גע-
פרעהט, ווען ער וואָלט זיי אַליין געקאָנט הערען, דען ער האָט ליעב
געהאַט צו הערען רעדען וועגען זיך. אויף זיין קבר איז אויסגעבויט געוואָ-
רען אַ מאָנומענט, אמת נישט מעהר ווי איין שטאָק הויך, נאָר דאָך איז
עס עפּיס.

איצט איז ער געווען טויט, ווי די דריי אַנדערע ברידער; נאָר
דער לעצטער, וועלכער האָט אַלץ בעקריטעוועט, האָט זיי אַלעמען
איבערגעלעבט, און אַזוי האָט עס טאַקי געמוזט זיין, דען איצט האָט
ער געהאַט דאָס לעצטע וואָרט, און עס איז פאַר איהם זעהר וויכטיג
געווען, ער זאָל דאָס לעצטע וואָרט האָבען. ער האָט דאָך געהאַט דעם
גוטען קאָפּ, ווי מענשען האָבען געזאָגט. ענדליך איז אויך זיין צייט געקו-
מען, ער איז געשטאָרבען און איז געקומען צום טויער פון הימעל. פאַר
דעם טויער פון הימעל ערשיינט מען שטענדיג נאָר פאַרוויז. איז ע
אַזוי דאָ געשטאַנען צוזאַמען מיט אַ צווייטער נשמה, וועלכע וואָלט
אויך גערן געוואָלט אריינגעהן, און גראָד איז עס געווען די אַלטע
מאַרגאַרעטע פונ'ם הייזעל נעבען פלויט.

— דאָס איז געוויס פון געגענזאַטץ וועגען, וואָס איך מוז
שדאָס ערשיינען אין דער זעלבער צייט צוגלייך מיט דיזער אָרעמער,
נשמה! — האָט דער גרויסער קריטיקער געזאָגט. — נו, אַלטיטשקע

ווער ביזטו דען? ווילסטו אויך אריינגעהן? — האט ער געפרעגט.

די אלטע פרוי האט זיך פערנייגט אזוי טיעף ווי זי האט נאר געקאנט, דען זי האט גערעכענט, אז דאס איז אברהם אבינו אליין, וועלכער רעדט צו איהר.

— איך בין א ארעמע, פשוטע פרוי אהן פאמיליע, די אלטע מארגארעטע פון שטיבעל נעבען פלויט!

— נו. און וואס האסטו דען דארט אונטען אויפגעטהון?

— איך האב ליידער אויף דער וועלט נישט אויפגעטהון קיין זאך, וואס וואלט מיר דא געקאנט עפענען דעם אריינגאנג. עס וועט זיין אנ'אמת'ער חסד, אויב איך וועל בעקומען די ערלויבניש, אריינצוגעהן אין טויער!

— ווי האסטו די וועלט פערלאזען? — האט ער געפרעגט. נאר כדי עפעס צו זאגען. דען עס איז איהם געווען לאנגווייליג, צו מוזען שטעהן אוןווארטען.

— יא, ווי איך האב זי פערלאזען, דאס ווייס איך נישט! קראנק און עלענד בין איך געווען אין די לעצטע יאהרען. און אזוי האב איך עס שוין מעהר נישט געקאנט אויסהאלטען, ארויסצוקריעכען פון מיין בעט און ליידען אין דרויסען פון פראסט און קעלט. און עס איז טאקי געווען א שווערער ווינטער, נאר אט בין איך שוין א דאנק גאט אלץ איבערגעקומען. אין די לעצטע טעג האט זיך אפילו די לופט נישט בעוועגט, נאר עס איז געווען ביטער קאלט, ווי אייער וואוילגעבארענהייט איז געוויס בעקאנט. די"ר אייז, אויף ווי וויט מען האט געקאנט זעהן, האט זיך פערשפרייט פון ברעג ביז וויט אין טייך; אלע מענשען פון דער שטאדט האבען זיך געלאזט צום אייז; זיי האבען זיך דארט פעראייניגט צום גליטשען און צום טאנצען, אמוועניגסטענס רעכען איך, אז אזוי האבען זיי דאס אנגערופען. איבעראל האט זיך געהערט מוזיק און בודקעס אויף ערפרישונג זענען אויפגעשטעלט געווארען. דעם גאנצען טומעל און גערודער האב איך געהערט אזש אין מיין שטוב, וואו איך בין געלעגען. אקעגען אבענד, די לבנה איז שוין געוועזן אויפגעגאנגען נאר זי האט נאך פערשפרייט א שוואך ליכט, האב איך ארויסגעקוקט דורך דאס פענסטער אויפ'ן גאנצען ברעג. גראד דארט, וואו הימעל און וואסער בעריהרען זיך, האט זיך פלוצלונג בעוויזען א מערקווירדיגער וואלקען. איך בין געלעגען און האב איהם בעטראכט, דאס הייסט איך האב בעטראכט דעם שווארצען פונקט אין וואלקען, וועלכער איז אלץ גרעסער

און גרעסער געוואָרען. דאַן איז מיר פּלוצלונג קלאָר געוואָרען, וואָס דאָס
האָט צו בעדייטען. איך בין אַלט און ערפאַהרען, האָטש מען זעהט דעם
דאָזיגען צייכען נישט גאַנץ אָפט. איך האָב עס דערקענט און אַ שווידער
האָט מיך אָנגעכאַפּט. צוויי מאָל אין מיין לעבען האָב איך שוין די דאָזיגע
זאַך געזעהן אַרויפקומען, און איך האָב געוואוסט, אַז עס וועט אויסברע-
כען אַ מורא'דיגער אָרקאַן און אַ מבול, וואָס וועט איבעראַשען אָט די
אַלע מענשען אין דרויסען, וועלכע האָבען געטרונקען און געשפּרונגען
און לוסטיג געוועזן. יונג און אַלט, די גאַנצע שטאָדט איז געווען דאָרט
אין דרויסען. ווער זאָל זיי וואָרנען, ווען קיינער פון זיי האָט נישט גע-
זעהן און נישט דערקענט, וואָס איך האָב איצט דערקאָנט. אַ געוואַלדיגער
שרעק האָט מיך אָנגעכאַפּט, נאָר ער האָט אויך אין מיר אַ נייַ לעבען
אַריינגעגאָסען, ווי איך האָב עס שוין זייט לאַנג אין מיר נישט געפיהלט.
עס איז מיר געלונגען אַרויסצוקריכען פון בעט און זיך דערשלעפּען ביז
צום פענסטער, נאָר ווייטער האָב איך שוין מעהר קיין כח נישט געהאַט.
דאָך האָב איך נאָך געקאָנט עפענען דאָס פענסטער. איך האָב געקאָנט
זעהן, ווי די מענשען זענען אין דרויסען אויפ'ן אייז אַרומגעלאָפען און
אַרומגעשפּרונגען, איך האָב געקאָנט זעהן אפילו די שענע פּאָהן, הערען,
ווי די יונגלעך שרייען הוררא און די מיידלעך און יונגע לייט זינגען.
עס איז צוגעגאַנגען לוסטיג, נאָר אַלץ העכער און העכער איז געשטיגען
דער ווייסער וואָלקען מיט'ן שוואַרצען פּונקט אין זיין מיטען. איך האָב גע-
רופען, ווי הויך איך האָב נאָר געקאָנט, נאָר קיינער האָט מיך נישט
געהערט, איך בין געווען צו ווייט פון זיי. באַלד מוז דער שטורם אויס-
ברעכען, דער אייז וועט זיך שפּאַלטען און אַלע אין דרויסען מוזען פער-
זינקען ווערען אָהן רעטונג. הערען האָבען זיי נישט געקאָנט, אַרויסצוגעהן
ביז צו זיי בין איך נישט געווען אימשטאַנד. ווען איך וואָלט נאָר געקאָנט
דורך וועלכען עס איז מיטעל זיי אַרויפציהען אויף דער יבשה? דאַן האָט
מיר דער ליעבער גאָט אַריינגעגעבען אין קאָפּ אַ געדאַנקען, אונטערצוצינדען
מיין בעט, זאָל בעסער מיין הויז פערברענט ווערען, איידער די דאָזיגע
גרויסע מאַסע מענשען זאָל אַזוי אונגליקליך אומקומען. עס איז מיר גליק-
ליך געלונגען אָנצוצינדען דאָס פייער. איך האָב געזעהן די רויטע פלאַם,
יאָ, איך האָב מיך אַרויסגעראַטעוועט ביז אויף יענער זייט טהיר, נאָר
דאָרט בין איך געבליעבען ליעגען, איך האָב שוין מעהר אויף די פיס
נישט געקאָנט שטעהן. גלייך ווי איך האָב דאָס הויז פערלאָזען, האָט די
פלאַם אויסגעבראָכען גאַנץ הויך, דערגאַנגען ביז צ'ם פענסטער, זיך

אַרויסגעריסען איבער'ן דאַך. אויפ'ן אייז האָט מען גלייך בעמערקט דאָס פייער און אַלע זענען געלאָפען, ווי שנעל זיי האָבען נאָר געקאָנט, כּדי צו העלפען מיר, אָרעמער קאַליקע, מיינענדיג, אַז איך געפין מיך אין אַ סכנה פערברענט צו ווערען. און עס איז נישט געווען קיין איינער, וועלכער איז צו מיר נישט געקומען צו לויפען. איך האָב געהערט, ווי זיי זענען געקומען, נאָר איך האָב אויך געהערט, ווי עס האָט אין דער לופט אָנגעהויבען רוישען, איך האָב געהערט, ווי עס האָט געדונערט, אַזוי ווי מען וואָלט געשאָסען פון האַרמאַטען, דער שטורם האָט אַ נעהם געטהון דעם אייז און איהם צעשפּאָלטען. נאָר אַלע מענשען האָבען דער־גרייכט דעם פלויט, וואו די פונקען האָבען געטאַנצט איבער מיר; איך האָב זיי אַלע בעקומען פאַר מיינע אויגען. נאָר ווי עס ווייזט אויס האָב איך נישט געקאָנט אויסהאַלטען די קעלט און דעם שרעק, און אַזוי בין איך אַרויפגעקומען אַהער צום טויער פון הימעל. אָפשר וועט ער געעפענט ווערען אויך פאַר אַזאַ אָרעמען וועזען ווי איך בין; און דערצו נאָך האָב איך דאָך שוין אונטען נישט מעהר קיין הויז בײ'ם פלויט, נאָר צוליעב דעם האָב איך נישט דאָס רעכט אַריינצוגעהן אַהער.

און דאַן האָט זיך געעפענט דער טויער פון הימעל און דער מלאך האָט אַריינגעפיהרט די אַלטע פרוי. זי האָט אין דרויסען פערלאָרען איין שטרוי פון איהר בעט. איינעם פון די שטרויען, אויף וועלכע זי איז געלעגען אין בעט, וועלכע זי האָט אונטערגעצונדען, כּדי צו רעטען די מענשען־מאַסע. ער האָט זיך פערוואַנדעלט אין ריין גאָלד, נאָר אין גאָלד, וואָס איז אַלץ גרעסער געוואָרען, ביז עס איז געוואָרען די שענסטע ציערונג.

— זעה, אָט דאָס האָט די אָרעמע פרוי געבראַכט! — האָט דער מלאך געזאָגט. — וואָס ברענגסטו מיט? דאָך איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דו האָסט קיין זאַך נישט אויפגעטהון, אפילו קיין ציגעל האָסטו נישט געברענגט. ווען דו וואָלסט נאָר געקאָנט וויעדער געהן צוריק און ברענגען חאָטש אַזוי פיעל ווי אַ ציגעל צו'ם טויערן. עס וואָלט אפילו געטויגט צו גאָרנישט, ווען דו וואָלסט עס געמאַכט, דאָך, ווען עס וואָלט נאָר געטהון געוואָרען מיט אַ גוטען ווילען, וואָלט עס שוין געווען עפּיס. נאָר דו קאָנסט נישט צוריקגעהן און איך קאָן פאַר דיר גאָרנישט טהון.

דאַן האָט פאַר איהם געבעטען די אָרעמע נשמה, די פרוי פון שטיבעל נעבען פלויט.

— זיין ברודער האָט געמאַכט און מיר געשענקט די אַלע

שטיינער און שטיקלעך, פון וועלכער איך האָב מײַן אָרעם הײַזעל אויפגע־בויט. פאר מיר, אָרעמע פרוי, איז דאָס געווען איבער גענוג. צי דען קאָנען איהם די אַלע ברעקלעך און שטיקלעך נישט פערגעכענט ווערען פאר איין ציגעל? דאָס וואָלט געווען א גרויסער חסד! איהם איז איצט נויטיג א חסד און דאָ איז דאָך די היימאַט פון חסד!

— דיין ברודער, דער יעניגער, וועלכען דו האָסט געהאַלטען פאר'ן אונוויכטיגסטען, — האָט דער מלאך געזאָגט, — ער, וואָס זיין ארבייט איז אין דיינע אויגען געווען די נידריגסטע, שענקט דיר א חלק פון זיין חלק לעולם הבא. דעריבער זאָלסטו נישט פערטריבען ווערען, זאָלסט בעקומען א ערלויבניש, צו בלייבען שטעהן אין דרויסען און צו קלע־רען און צוזעהן, ווי דו וואָלסט דיין לעבען דאָרט אונטען געקאָנט בעסער פיה־רען, נאָר אריינקומען קאָנסטו נישט, ביז דו האָסט נישט געטהון קיין גוטע טהאַט — חאָטש עפּיס.

„דאָס וואָלט איך בעסער געקאָנט אויסדריקען!" — האָט דער גרויסער קריטיקער א ק'ער געטהון, נאָר ער האָט דאָס הויך נישט געזאָגט, און דאָס איז דאָך שוין געווען עפּיס.

איבערזעצט לעאָן.

מאַטילדע סעראַאָ.

אַנ'אַוגוסט נאַכט.

(נאָוועלע.)

(איבערזעצט פון איטאַליעניש).

די טעראַסע איז פון דער העלער זומערדיגער לבנה-ליכט אַלץ ווייסער און ווייסער געוואָרען. אַלץ וואָס אַרום האָט פון דער דאָזיגער שטילער און צאַרטער בעלייכטונג אַ ווייסען אָבשיין בעקומען. די שטראַהלען פון דער לבנה האָבען זיך געגאָסען אויף די רוהיגע יאַשמין בלעטלעך, וועלכע האָבען אויסגעוויזען ווי פון זילבער געמאַכט און אויף דער פינקעלדיגער שטיינגעל, וואו די פויגעלעך זענען געשלאָפען, בעהאַלטענדיג די קעפּלעך אונטער זייערע פליגעלעך און אפשר נאָך אין חלום זייער גן עדן געזעהן. ווי שטיקלעך שנעע האָבען זיך די דאָזיגע שטראַהלען נעגאָסען אויך אויף קאַפּעלים געזיכט, און האָבען איהם געמאַכט אין גאַנצען אַ ווייסען אָהן אַ שום שאָטען, אויסער די שוואַרצע שטרייפען אונטער די אַראָבגעלאָזטע ברעמען. די הייזער זענען געווען איינגעוויקעלט מיט אַ שטעקענדיג מילך-ווייסען טהוי; דער ים איז זיך רוהיג געשלאָפען אָהן אַ שום ווינטעל; דער ווייטער בוכט פּאַזיליפּאָ, וועלכער איז אין אַ נעבעל בעהאַלטען געווען האָט אַלץ מעהרער און מעהרער בעקומען דאָס געשטאַלט פון אַ פאַנ-טאַסטישע חיה, וועלכע האָט זיך פערטיעפט אין הויכע געדאַנקען; אויפ'ן ריינעם הימעל, וואו די שטערען זענען געווען אויסגעשטאָרבען האָט זיך אין דער האַלב-פינסטערניש אויסגעמאָלען דער ריינער פּראָפיל פון דער בעפליגעלטער און נישט בעוועגליכער פיגור נצחון, און אויך זי, די בראָנזענע פיגור, האָט זיך געדאַכט, איז דורכגעזאַפּט מיט צערט-ליכקייט.

נאָר אויף צווייען פון דער טעראַסע האָט די דאָזיגע נאַכט קיין איינדרוק נישט געמאַכט און זיי האָבען זיך אונטער איהר ווייכקייט און

צערטליכקייט נישט אונטערגעגעבען: דאָס זענען געווען דער בריליאַנט אין קלעלים רונג, וועלכער האָט, ווי געוועהנליך, מיט דעם קאַלטען און גלייכגילטיגען שטאָלץ פון אַ טייערן שטיין, וואָס ווייסט זיין ווערטה, געשאָטען מיט שימערענדיגע שטראַהלען, עהנליך צו אַ שיטער פליסיג פייער, און דזשאָרזשיאָס ציגאַר, וועלכער האָט אין אַ פינצטערן ווינקעל געברענט, ווי אַ קליינינקער נאָך נישט פערלאָשענער וואולקאַן. די מעשה דערפון איז, וואָס דזשאָרדזשיאָ, אַ מענש מיט אַ שטאַרקען גייסט האָט נישט געהאַלטען פון די זומערדיגע אָבענדען, פאַנטאַזיעס, פּאָעזיע און נאָך אַזוינע זאַכען, וואָס בעצם טויגען זיי נישט מעהר ווי אַרויסצורייסען אַ ביסעל כּוחות ביים געזונדען מענשען. ווי קאָן מען אָבער זיין אַזאַ אירגענוואו גייסט־גראַזאַם, ווי קאָן מען זיין אַזוי מאַטעריאַליש געזונען אין אַזאַ עדעלע, ווייכע שטילקייט, וועלכע נעמט דעם מענשען אַלע אָדערן דורך, בערוהיגט די צופיעל אַנגעשטרענגטע נערווען און פערוואַנדעלט די שוואַרצע מרה־שחורה'־דיגע געדאַנקען אין ראָזיגע, אונדייטליכע און פאַנטאַסטישע חלומות? האָט זיך טאַקי דריבער דזשאָרדזשיאָ מיט אַ האַרץ פול מיט חשד און אונגלויבען געזעצט אין אַ ווינקעל, וואו די לבנה האָט זיך נאָך נישט געהאַט אַריינגעקליבען. איהם האָט זיך געוואָלט זיין פּראָטעסט געגען די שטילקייט אויסדריקען, האָט ער אָנגעצונדען אַ ציגאַר, נישט אויסרעדענדיג צו קלעלין קיין איינציג וואָרט. זי, קלעלי, האָט געפאַנטאַזירט, ווי איהר שטייגער איז, און עס האָט זיך אָבגעדאַכט, אַז זי האָט אין די גאַנצע וועלט פערגעסען, אַפילו אין איהר דזשאָרדזשיאָ וואָס איז יעצט דאָ, דען זי האָט אַפילו צומאָל קיין אויג נישט אויפגעהויבען אויף איהם אַ קוק צו טהון, זי האָט מיט קיין אבר נישט געריהרט, קיין איינציגע זילבע פון איהר מויל נישט אַרויסגעלאָזט און אויסגעוויזען ווי די ווייסע פיגור פון דער שלאָפענדיגער געטין, וועלכע וואַרט אויף פּיגמאַליאָן ער זאָל קומען זי אויפוועקען.

פלוצלונג האָט זיך אין דער דאָזיגער טיעפער שטילקייט געלאָזט הערען אַ שאַרפער ציטריגער קלאַנג, גלייך ווי עס וואָלט זיך ערגיץ וואו, ווייט ווייט, אַראָבגעלאָזט אַנ׳ ענטשלאָסענע האַנד אויף די קלאַווישען פון אַ ראָיאַל. קלעלי האָט זיך דערשראָקען, אויפגעמאַכט די אויגען, אַ וועקונדע זיך איינגעהערט, און דערנאָך ווענדענדיג זיך צו דזשאָרדזשיאָ, געזאָגט גאַנץ שטיל:

— ווער?

— איהר הערט ?

ווירקליך האָט די אומבעקאַנטע מוזיקאַנטין גענומען צוויי אָדער דריי אַקקאָרדען, גלייך ווי זי וואָלט געצווייפעלט, האָט זי אַ קורצע פּויזע געמאַכט, און אָנגעהויבען שפּילען אַ וואַלצער. דאָס זענען געווען געשווינדע בעצויבערנדיגע טענער, וועלכע זענען פון די סאַמע ערעלסטע צו די סאַמע שאַרפּסטע איבערגעגאַנגען; דאָס זענען געוועזען משונה'דיגע און רוישענדע געלאַפען, פרעהליכע און געשווינדע גאַמטען, טיפע און נידריגע, גלייך ווי דאָס קייקלען פון אַ דונער; מיט איין וואָרט, טענער פון אַ זעהר לעבעדיגען מאַרש, מיט אַלע געלענקען און געלאַפען, וועלכע דאָס אויער קאָן קוים אויפחאַפּען. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די הענד פון דער מוזיקאַנטין יאָגען זיך איינע די אַנדערע און ציהען זיך פּונקט ווי די משוגעים פון איין עק קלאַוויאַטור ביז צום אַנדערן, פעראייניגען זיך, כדי זיי זאָלען זיך קאָנען באַלד ווידער פונאַנדער געהן און פון דאָס ניי זיך נאָכיאָגען איינער נאָך דער אַנדערער אין פערצווייפעלטער לויפעניש. דערנאָך זענען די קלאַנגען שיטערער געוואָרען, איינצעלנע טענער האָבען דייטליך און קלאָר אָבגעקלונגען, פּונקט ווי עס וואָלט זיך אין אַ שנירעל-פּערל דער קניפּעל לויז געמאַכט און די פּערל שיטען זיך איינציגווייז איינס נאָכ'ן צוייטען אין אַ מעשענעם בעכער. עס האָט זיך געהערט אַ מעלאָדיע. דאָס איז געווען אַן עדעלע רוהיגע מוזיק מיט אַ שטילער, גאָר שטילער בעגלייטונג, עפּיס צערטליכעס, וואָס האָט געקאָנט זיין אָדער אַ וויעגליעד אָדער אַ ליעבעס-שעפּטשעריי. דאָס איז געווען אַ מוזיק אָהן ווערטער אַ מוזיק וואָס האָט אָבגעקלונגען אין די שוימיגע שנעע-ווייסע חוואַליעס וואָס האָבען אין דעם אווגוסט נאַכט געבלישטשעט. דאָס איז געווען אַ מוזיק אָהן ווערטער, אָבער דער הימעל, דער ים אין די בראָנזיגע פיגור נ צ ח ו ן האָבען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און גרויס פערגניגען געהאַט, ערגעץ וואו האָט זיך אויך אַ לייכטער שמייכעל בעוויזען.

נאָר דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. די טענער זענען לעבעדיגער, מונטערער געוואָרען, ווי אַ פרייש פרעהליך געלעכטער, דער טאַקט איז געוואָרען פייעריגער, די הענד זענען ווידער ווי משוגעים אויף די קלאַווישען געטאַנצט. די צערטליכע מעלאָדיע איז איבערגעגאַנגען אין אַ ליידענשאַפטליכען מאָטיוו, די רוהיגקייט — אין אויפרעגונג: עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ משוגענער ווילדער שטורם, רייסענדיגע קלאַנגען, גלייך ווי מויערן וואָלטען פּלאַצען. דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ שניידענדיגער שאַרפער אויסגעשריי! די מוזיקאַנטין האָט פּלוצלונג אָבגעהאַקט, דער-

גרייכענדיג כמעט דעם העכסטען פונקט פון איהר שטורעמדיגער ווילדער מוזיק.

— זי האָט אָבגעהאַקט, זי האָט אָבגעהאַקט! האָט קלעלי דערשראָקען געשריען.

איהר געזיכט האָט אויסגעדריקט שטאַרקע אויפרעגונג, די הענד איהרע האָבען געציטערט, פונקט ווי זי וואָלט פאַר די גרעסטע געפאַהר געשטאַנען.

— טאָ וואָס זשע איז? — האָט דזשאַרדזשיאָ מיט זיין געוועהנליכען איראָנישען טאָן געפרעגט.

— גאָרנישט... האָט זי געענטפערט און האָט זיך בעמיהט צו זיך צו קומען.

די מוזיקאַנטין האָט פון נייעם אָנגעהויבען איהר מוזיק, האָט ווידערהאָלט דעם גאַנצען שוין איינמאָל דורכגעגאַנגענעם וועג, אַריינלאָזענדיג אין איהם נאָך מעהר געפיהל, האָט איבערגעשפּילט די רוהיגע גאַממען מיט אַ זילבערנעם געלעכטערל. האָט זיך ווידער דערהויבען ביז צום מאָמענט פון אויפרעגונג, איז צוגעקומען צו דעם פריהערדיגען ווילדען שטורם, און ווידער האָבען זיך יענע שאַרפע אויסגעשרייען געהערט; זי האָט ווייטער פּלוצלונג אָבגעהאַקט, אָבער דאָס מאָל איז עס נאָך שניידענדיגער ווי פריהער געוועזען. זי האָט דאָס זעלבע שטיק מיט עקשנות פון אָנפאַנג אָן דריי אָדער פיער מאָל איבערגעשפּילט און האָט יעדעס מאָל געענדיגט גלייך; זי האָט אין איהר שפּילען איהר גאַנצע געדולד, איהר גאַנצע אויפמערקזאמקייט אַריינגעלעגט, אָבער דאָס אַלץ איז געוועזען אומזיסט, קוים איז זי צו דעם העכסטען פונקט צוגעקומען, איז איהר בעפאַלען אַ שרעק; זי האָט מעהר נישט געקענט הערשען איבער זיך און האָט אָבגעהאַקט, נישט זייענדיג אין שטאַנד דעם דאָזיגען פונקט אַריבערצוקומען; דאָס איז פאַר איהר געוועזען אַנ׳אויפגאַבע וואָס מען קאָן עס נישט אויפלעזען. עס איז געוועזען אַ קוואַל צוצוהערען זיך ווי זי הויבט אָן אַזוי געלויפיג, רוקט זיך אַלץ פאָרווערטס, פאָרזיכטיג, לעגט אַריין אין דער מוזיק אַלע איהרע כחות, אַלע איהרע קענטשאַפט און געאיבקייט, שפּילט עכט אַרטיסטיש און דערנאָך האַקט זי פּלוצלונג אָב אויף אַזאַ משונה׳דיגען אופן. אָט די אַלע פערשידענע איינדריקע האָבען זיך אויף קלעלען אָבגעשפּיגעלט. צום ערשטען האָט זי זיך צוגעהערט, געשמייכעלט, פערגניגען געהאַט, דערנאָך אָבער איז איהר רוהיגקייט פערשוואונדען, דאָס געזיכט איז אַלץ בלאַסער געוואָרען, די אויגען האָבען זיך ברייט אויפגע־

עפּענט, זי האָט געפּיבערט פאר אויפרעגונג, עס האָט זיך געדאכט, אז זי בענקט און גלייכצייטיג וויל זי אָבשטופּען פון זיך יענעם שווערען מאָמענט, דערנאָך האָט זי זיך אָבגעבויגען אהינטער, כמעט מיעד און אָהן כחות פון די אלע איבערראשענדיגע איינדריקע. ד ז ש א ר ד ז ש י א האָט אויף איהר געקוקט פערטראכטערהייד; דער ציגאר זיינער איז שוין געווען אויסגעלאָשען.

שפּעטער זענען די דאָזיגע איינדריקע אלץ שוואכער געוואָרען. זיך פונאנדערגעגאנגען און דערנאָך אין גאנצען פערשוואונדען. געבליבען איז נאָר א שאָטען פון קומער. די ווייטע מוזיקאנטין, זענענדיג איבערצייגט, אז איהר מיה און אָנשטרענגונג איז אומזיסט, איז איבערגעגאנגען אויף אַנ׳אנדער שטיק, וועלכע זי האָט אויסגעצייכענט גוט ביז צום ענדע אויסגעשפּיעלט, עס איז קענטיג געווען, אז זי בעמיהט זיך אוועקצורייסען, צו פערגעסען די ערשטע שטיק, וועלכע האָט זיך איהר נישט איינגעגעבען. זי איז צו א דריטע שטיק איבערגעגאנגען, האָט געפּרובט שפּיעלען ערנסטע אָדער לייכטע מוזיק-שטיקער, ביז די פינגער זענען איהר שוין מיעד געוואָרען, נאָר דערנאָך, גלייך ווי זי וואָלט צוריק אָנגעהויבען צווייפלען אין איהר מוזיקאלישען טאלענט, האָט זי זיך ווידער גענומען צו יענער געפעהרליכער שטיק, פּרובען טאָמער וועט איהר זיך דאָך איינגעבען עס אויסצושפּיעלען ביז צום סוף. נאָר דאָס מאָל האָט זיך אויסגעוויזען, אז דער ראָיאל גופא האָט זיך מיט פעראכטונג פונאנדערגעלאכט איבער איהרע עקשנות׳דיגע אונפעהיגקייטען. און זי איז אין גאנצען שטיל געוואָרען.

— טאָ וואָס זשע איז? — האָט ד ז ש א ר ד ז ש י א ווידער געפרעגט אָבער שוין א סך ווייכער.

— וואָס זשע? — האָט ק ל ע ל י געענטפערט, — די דאָזיגע מוזיקאנטין רעגט מיך אויף. אָט יענע שווערע שטעלע קוועלט זי שוין צעהן טעג און איך קוועל זיך מיט איהר צוזאמען.

— פאר וואָס?

— פאר וואָס? איך וויים אליין נישט פאר וואָס. וואָס אייגענטליך דאַרף מיר אָנגעהן ווי זי שפּיעלט? פאר וואָס לעב איך איבער די זעלבע איינדריקע, וואָס זי? וואָס פאר א פערבינדונג איז פאַרהאַן צווישען מיר און איהר? וואָס זאָגט מיר איהר מוזיק, וואָס בעדייטעט יענע שווערע שטעלע? איך פערשטעה דאָס נישט און דאָס רעגט מיך נאָך מעהר אויף.

ד ז ש א ר ד ז ש י א האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געווען פער-

טראכט, און זיך אַליין פרעגענדיג האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער ליידט אויך אַזוי ווי קלעלי.

— איך האָב שטענדיג וועגען דעם געקלערט, דזשאַרדזשיאַ, — האָט קלעלי ווייטער געדערט. — מיר דאַכט זיך, אַז מיר אַלע זענען סקעפּטיגער און מיר אַלע גלויבען, מענשען מיט אונשולדיגע הערצער, יונגע לייט, וואָס ווערען רייף פאַר דער צייט, מענשען וואָס האָבען אַ געזונדטען פערשטאַנד און אַ קראַנק הארץ, אַלע, אַלע טראָגען מיר טיעף אין הארצען אַ געהיימען געדאַנק, געהיים, אָפּשר פאַר אונז גופא אויך. דער געדאַנק איז בעהאַלטען, אָבער געהט אונז אומעטום נאָך; מיר פיהלען איהם, ווייסען איהם, מיר ווייסען אָבער נישט וואָס איז ער אַזוינס: איז דאָס די נישט קלאָרע פראַגע וועגען אונזער שיקזאַל, אָדער דער פראַגע־צייכען וואָס איז פון די אונענדליכקייט אונז געשטעלט געוואָרען, אָדער איז דאָס די אויפגאַבע פון לעבען, וועלכער קיינער קאָן נישט אויפלעזען? ווער ווייסט! מיר לאַכען, מאַכען זיך לוסטיג, ווייגען, לעבען, אָבער מיר טראָגען שטענדיג מיט זיך דעם דאָזיגען שרעקליכען, אומבעקאַנטען געדאַנקען מיט; פּלוצלונג שטעלט ער זיך אונז פאַר אַזוי בולט, אַזוי וואָרגענדיג אין זיין גאַנצער גרויסקייט. ער קוועלט אונז, ער צעפּרעסט אונז, ווייל מיר קענען זיין נאַטור נישט, מיר ווייסען נישט וואָס ער וויל פון אונז, און מיר ציטערן, גלייך ווי אונז וואָלט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אונזער גליק, וועלכעס אַנטלויפט פון אונז צוליעב אונזער אונוויסענהייט. קאָן זיין, אַז די דאָזיגע מוזיק דריקט דאָס טאַקי אויס יענעם קאַמפּף מיט דעם אומבעקאַנטען, דעם אונבעגרייפליכען, אַ קאַמפּף מיט אַ געהיימער קראַפט.

— ס'קאָן זיין, — האָט זיך אָבגערופען דזשאַרדזשיאַ, זיך ערנסט מאַכענדיג.

— ס'קאָן זיין; דאָס איז ריכטיג געזאָגט. מיר זענען בלינד, און ווען מיר עפענען שוין די אויגען, זעהען מיר די אונטערגעהענדיגע זון, און אונז וויקעלט ווידער איין די פינסטערע נאַכט; שוין ליעבער צו געהן שלאָפען...

און זי האָט זיך אָבגעקעהרט גלייך ווי איהר האָט שוין אַלעס צוגעגעסען, דער בריליאַנטענער רינג האָט געפינקעלט און העל געשימערט. די לבנה איז רוהיג צוגעקומען צום טונקעלן ווינקעל, וואו דזשאַרדזשיאַ איז געזעסען, ער האָט אָבער גאָרנישט בעמערקט. קלעלעס ווערטער האָבען זיך אין זיין הארץ פונאַנדערגעפלאַקערט און האָט אין איהם אויפגעפלאַמט

די פריהערדיגע שוין באלד פערלאָשענע ספקות. פערטיפענדיג זיך אין זיינע געדאנקען, צוזאמענקאָרטשענדיג די ברעמען, האָט ער מיט א פינ־סטערן אויסדרוק אין געזיכט זיך געשטעלט די זעלבינע פראגען, וואָס קלעלי האָט געפרעגט.

און דאמאָלס האָט זיך ווידער געהערט יענע טענער פונ'ם ראָיאל. די מוזיקאנטין האָט די לעצטע פראָבע געמאכט.

— גאָט מיינער! — האָט קלעלי געזאָגט, פערשטעלענדיג דאָס געזיכט מיט די הענד, — וועל איך זיך שוין גאָר קיינמאל נישט קאָנען בעפרייען פון דעם דאָזיגען שטארקען איינפלוס? וועל איך שוין גאָר קיינמאָל נישט דערווייסען זיך, וואָס דאָס הארץ וויל פון מיר?

דער מאָמענט האָט זיך דערנעהנטערט; ער איז שוין געווען נאָהנט, גאָר נאָהנט.

— אה, דזשאָרדזשיאָ, אויב איהר ווייסט דאָס וואָרט פונ'ם לעבען, אויב איהר ווייסט יענעם אומבעקאנטען געדאנקען, טאָ זאָגט זשע מיר, אום גאָטעס ווילען!

— די ליעבע! — האָט ער מיט אַנ'ערנסטער שטימע געזאָגט.

דער קלאַנג פון ראָיאל האָט זיך אין א פרעהליכען אויסגעשריי גע־לאָזט הערען. די לבנה האָט דעם לעצטען שאָטען פון דער טעראסע ארויבגעווישט, און אין די הערצער פון די יונגע מענשען האָט זיך צוגאָסען די טיעפע שטילקייט פון אַנ'אווגוסט נאכט.

לידער אין פּראָזע.

קאזימיערזש טעטמייער.

I.

די רויז.

כ'בין געשטאַנען אַ מאָל בײַם ברעג ים, האַלטענדיג אין האַנד אַ פּורפּור־רויז.

פאר מיר איז געווען דער ים, אַ גאָלד־בלאָהער, פּיאָלעט־זילבערנער, שטילער, זוניגער ים אין אַ זוניגען טאָג.

צעוויקעלטע פּעריל, שמאַראַגדען און פּאַליעם זענען מיר, אונטער די טריט אונטערגעלאָפען. רוישענדיג, איינטאָניג און ריטמיש, ווי אַ איינסטרוניגע האַרפּע בעריהרט מיט אַ פינגער.

אויפ'ן קלאָרען און זאפיר־גאָלדענעם הימעל, איז געשטאַנען אַ גרויסע פייערדיגע זון. ס'איז געווען פריה/ינג.

עטליכע ווייסע ים־פויגעל זענען געפלויגען איבער'ן וואַסער, דאָ גלעענדיג דעם ים מיט זייערע ברוסטען, דאָ אויפהויבענדיג זיך אין דער הויך אזוי פליהען זומער־פויגעל אויף דער לאָנקע.

ווײַט, אויפ'ן מזרח איז געגאַנגען אַ שיף, שלעפּענדיג נאָך זיך אַ גראָהען באַנד רויך, וואָס איז פערשוואונדען אין דער וואַסער־הויכקײַט.

איך האָב געוואָרפען מײַן רויז אויפ'ן וואַסער.

די פּאַליע איז געגאַנגען צוריק און צוריק האָט זי זי געטראָגען.

איך האָב געזעהן, ווי זי האָט זיך דערווײַטערט אַ פּורפּור־רויטע אויף דעם פערעלדיגער שוים, און דערנאָך אַ בלאַסערע אויף די ים־שמאַראַגדען.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריק צו מײַנע פיס געקומען.

איך האָב נאָר בעמערקט אַז עטליכע אָבגעריסענע בלעטלעך זענען געשוואומען בעזונדער.

און ווידער איז די פּאַליע צוריק געגאַנגען און צוריק האָט זי די רויז געטראָגען: אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז די רויז ווידער בײַ מײַנע

פּיס געווען; נאָר מעהר בעזונדערע, אָבגעריסענע בלעטלעך זענען צו־געשוואומען;

לאַנג בין איך בײַם ים געשטאַנען — די פאַליע איז געגאַנגען צו מיר און צוריק, ברענגענדיג מיר צו די פּיס, וואָס אַמאָל אַ קלענערע רויז און מעהר אָבגעריסענע בעזונדערע בלעטלעך.

ביז ענדליך עס איז פון דער רויז גאָר נישט געבליבען נאָר אַ הויפען בלעטלעך, געוואָרפענע אויפ'ן וואַסער.

און דער ים האָט זײ כסדר צו מיר געבראַכט, כסדר און כסדר...

איז עס נישט אַזוי מיט'ן האַרץ? ענדליך קומט עס צום ציעל אַ צובראָכענעם אויף אַ הויפען בלעטלעך.

II.

שוואַנען.

כ'האָב געזעהן אַמאָל שוואַנען, וואָס זענען געפלויגען אין אַ גרויסער סטאַדע צום מזרח.

ס'איז געווען אַ הערבסט־אָבענד. פיעל טרויער און שטילקייט, ווי שטענדיג אין דער צייט אין די טאַטרען.

די שוואַנען זענען געפלויגען לאַנגזאַם, שוואַרצענדיג זיך איבער די בערג, גערויטעלטע מיט דעם לעצטען זון־רויט.

איך האָב געקוקט נאָך זײ לאַנג, ביז זײ זענען פערשוואונדען מיט וואָס אַמאָל אַ גרעסערן טרויער. איך ווײס נישט פאַר וואָס ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די שוואַנען וועלען אויפ'ן ים פערבלאָנזען און וועלען שוין קיינמאָל נישט צוריק קומען.

זײ זענען געפלויגען ערגיץ אין דער אונענדליכקייט, אין דער ווייט־קייט וואָס איז אַזוי טריעב דעם אויג, ווי זײ וואָלטען געפיהלט, אַז זײ פליהען דורך דאַנען דאָס לעצטע מאָל, אַז זײ וועלען שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען, קיינמאָל.

אין דעם שטומען קרעכץ פון אַ צובראָכענע האַרפע איז נישטאָ מעהר טרויער, ווי אין דעם וואָרט: קיינמאָל.

דער טאַטרישער ווינד, קלאַפּענדיג מיט די פליגעל אָן אײז אויף די פערפרוירענע טײַכלעך, קרעכצט נישט טרויעריגער... דאָס קלאָגען זיך פון אונטערגעהאַקטע בוימער, וואָס ציהען אוים צו דער

זון זייערע ווארצלען, ליגט אין דעם ווארט און בליקען פון גוסס'דיגע מענשען.

און וואס זאל טהון א מענש, פון וועלכען דער גלויבען אין דער טייערסטער זאך פליהט אוועק, ווי די שוואנען, וועגען וועלכע איך וויים נישט, פאר וואס כ'האב געטראכט, אז זיי וועלען פערבלאנדזען אויפ'ן ים און נישט צוריק קומען קיינמאל...

ר. קיפלינג.

ביזעזא.

(פונ'ם ענגלישען).

א מענש דארף זיך אלע מאל און אומעטום האלטען ביי די זייניגע — ביי דער אייגענער קאסטע, אייגענעם שבט און אייגענער משפחה. זאל דער ווייסער געהן צו די ווייסע, און דער שווארצער — צו די שווארצע. וואס עס זאל זיך דאן ניט טרעפען מיט א מענשען, וועט אלעס בלייבען אין ארדנונג, און דאן איז ער אלענפאלס מעהרער אויסגעהיט פון אלע פלוצלונגדיגע, מערקווירדיגע און אונערווארטעטע געשעהענישען.

דא האט איהר א געשיכטע פון א מענשען, וואס האט מיט'ן אייגענעם חשק אריבערגעטראטען די רוהיגע גרענעצען פון דער אלטעג־ליכקייט און האט דערפאר בעצאהלט אויף אנ'אכזריות'דיגען אופן.

ערשטענס, האט ער א סך געוואוסט, און צווייטענס, האט ער א סך געזעהן. ער האט זיך צופיעל אינטערעסירט מיט דעם היגען לעבען, מעהר וועט ער עס שוין זיכער ניט טהון.

אין סאמע צענטער פון א היגער שטאדט, הינטער'ן קווארטאל זשיטכא מעגזשי, ליעגט, אזוי ווי אפגעזונדערט, א שטיל געסעל עמירא נאטא, און דאס געסעל ענדיגט זיך מיט א וואנד, און פון וואנד קוקט ארויס א פענסטער מיט א קראטע. ביים אריינגאנג אין געסעל געפינט זיך א גרויסער שטאל פון בהמות, און די זייטיגע וועגד פון געסעל האבען אפילו קיין פענסטער ניט. אזא מענש ווי סוטשעטסינגה, אדער למשל גאאור טשאנד ווילען בשום אופן ניט מסכים זיין, אז זייערע ווייבער זאלען ארויסקוקען אויף די ליכטיגע וועלט. ווען דורגא טשאראן װאָל האבען געהאט אזא מיינונג וועגען פרויען, וואלט

ער זיכער אַ סך גליקליכער געווען, און די קליינע ביזעזאַ וואָלט נאָך געווים אין שטאַנד געווען צו פערקנעטען אַ ברויט-געבעק. איהר צימער האָט געהאַט אַ פענסטער מיט אַ קראַטע, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין געסעל אַריין, אָבער אין געסעל פלעגט זיך קיינמאָל די זון ניט בעוויזען — דאָרטען האָט מען געקאָנט זעהן נאָר בופלאַקסען, ווי זיי וואַלגערן זיך אין דער בלאָהער בלאָטע. ביזעזאַ איז געווען אַן׳אלמנה, אַלט אַ יאָהר פופצעהן, און האָט געבעטען די געטער, טאָג און נאַכט געבעטען, זיי זאָלען איהר צושיקען אַ געליבטען: דאָס איינזאַמע לעבען האָט איהר ניט אָנגעהויבען צו געפעלען.

איינמאָל האָט פערבלאָנדזשעט אין געסעל אַ ענגלענדער — גערופען האָט מען איהם טרעזשאַגאַ, ניט האָבענדיג וואָס צו טהון, האָט ער זיך אומגעשלעפּט איבער דער שטאָדט און איז צופעליג אַריינגעפאַלען אין עמיראַ נאַטאַ געסעל, האָט זיך אָנגעשטויסען אויף די בופלאַקסען, ווי זיי האָבען זיך רוהיג געקייט זייערע פאַרציעס עסען. דערנאָך האָט ער דערזעהן, אַז דאָס געסעל האָט ניט קיין דורכגאַנג. און פלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי עמיצער האָט אַ לאַך געטהון הינטער דער קראַטע-פענסטער. דאָס איז זעהר אַ גראַציעזער געלעכטער געווען. טרעזשאַגאַ האָט געוואוסט, אַז אין אַלע פראַקטישע פראַגען זענען די אַלטע „אַראַבישע נעכט״ דער בעסטער וועגווייזער, איז ער אונטערגעגאַנגען צום פענסטער און האָט דורכגעלייענט אין דער שטיל יענע שורות פון „כּאַר דאַיאַל׳ס ליעבע-ליעד״, וועלכע קלינגען אונגעפעהר אַזוי:

קען דען בײַשטעהן אַ מענש פאַר׳ן פּנים פון דער נאַקעטער זון;
אָדער — אַ געליעבטער אין דער געגענוואַרט פון זיין געליעבטע?
אויב מיין פּוס ענטזאַגט זיך צו דיענען מיר, אָ דו האַרץ פון מיין תּאַוּוה,
קען דען ווער מיך פער׳משפט׳ען,
מיך, וואָס איך בין פערבלענדעט דורך דיין צויבער-בילד?

הינטער׳ן פענסטער האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטילע נעקליגגעריי פון פרויען-בראַסלעטען, און אַ שטילע שטימע האָט אונטערגעכאַפּט דאָס ליעד אויפ׳ן פינפטען פערז:

אוי, קען דען די לבנה ערקלערען דעם לאָטאָס איהר ליעבע,
אויב עס זענען פערשלאָסען די טויערן פון הימעל און די וואָלקענס בע-
וויזען אויף אַ רעגען?

מײַן געליבטע האָבן זײ אױסגעקרױבט און האָבן איהר אױפ׳ן צפון פערפירט.

די פּים, װעלכע האָבן אַ װעג אױף מײַן האַרצען געהאַט, װענען איצטער אין קײטען געשמידט.

זאָג די בױגען־שיסער, זײ זאָלען — — — — —

און פּלוצלונג איז די שטים אַנטשװיגען געװאָרען. טרעזשאַגאַ האָט אַ ביסעל געבגעװאַרט, און איז דערנאָך אַ פערטראַכטער אַרױס פון געסעל: װער האָט עס געקאָנט זײַן, װאָס האָט איהם נאָכגעזונגען דאָס ליעד?

אַז ער איז אױף מאָרגען אין דער פריה געפאָהרען אין קאַנטאָר, האָט איהם אַנאַ׳לטע אינדיאַנערין אַרײַנגעװאָרפען עפּעס אַ פּעקעל אין קאָטש. אַז ער האָט פאַנאַנדערגעװיקעלט דעם פּעקעל, האָט ער דאָרט געפונען אַ העלפט פון אַ איבערגעבראָכענעם גלעזערנעם בראַסלעט, אַ בלוט־רױטען בלימעל — דכאַקאַ, אַ בינטעל בכוזע — אַזאַ מין שפּײַז פאַר בהמות — מיט עלף שטיק קוירדאַ־מאָנעס. דאָס הײסט ניט קײן קאָמפּראָמעטירענדער ליעבע־בריעף, נאָר גלאַט אַזױ: אַ אונשולדיגע און רעטזעלהאַפטע ליעבע־װענדונג.

טרעזשאַגאַ האָט זיך אײַנגעצײַכענט פערשטאַנען אױף אַזעלכע זאַכען. אַ צװײטער ענגלענדער װאָלט בשום אופן ניט געקענט פערשטעהן די רעטזעלהאַפטע שפּראַך, אָבער טרעזשאַגאַ האָט זיך ניט מיאש געװען: ער האָט אױסגעלעגט די אַלע זאַכען אױף זײַן קאַנטאָר־טישעל און האָט אָנגעהױבען צו טײַטשען די רעטעניש.

אַ צובראָכענער גלעזערנער בראַסלעט סימבאָליזירט אין גאַנץ אינדיען אַ אַלמנה: אַז דער מאַן שטאַרבט, ברעכט דאָס װײַב איהרע בראַסלעטען — אַזױ איז זיער מנהג. אַזױ האָט עס טרעזשאַגאַ טאַקי פערשטאַנען. דאָס בלימעל דכאַקאַ האָט פערשידענע בעדײַטונגען: „אַ פערלאַנג“, „קום צו געהן“, „שרײַב“ אָדער „אַ געפאַהר“ — עס װענדעט זיך אָן דער בעדײַטונג פון די איבעריגע זאַכען, װאָס זענען בײַגעלעגט צום דכאַקאַ. אײן קאַרדאַמאָן הײַנט „אײפערזיכטיגקײט“, אָבער װען ער חזר׳ט זיך איבער עטליכע מאָל אין אַ בריעף, פערליערט ער זײַן סימבאָלישע בעדײַטונג און בעװײַזט נאָר די צײַט, און אױב ער געהט צוזאַמען מיט געװירציגן, קעז אָדער שאַפראַן, בעצײַכענט ער — אַנ׳אָרט. די װענדונג האָט אױף אַזאַ אופן, בעקומען פאָלגענדע בעדײַטונג: „אַנ׳אַלמנה — — אַ בלימעל דכאַקאַ און בכוזאַ — עלף דעם זײַגער“. דאָס בינטעל

בכוזאַ האָט אַלעם ערקלערט. ער האָט פערשטאַנען, אַז די בכוזאַ האָט אָנגעוויזען אויף די קופּע בופלאַקסען־שפּיין, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין געסעל, ווען ער איז דאָרט געווען; דאָס האָט געהייסען, אַז דאָס פּעקעל איז אָנגעקומען פון יענער פּערזאָן, וואָס האָט געוואוינט הינטער דער קראַטע־פּענסטער און אַם ענדע, אַז די פּערזאָן איז אַן אַלמנה. הייסט עס אַזוי: „די אלמנה אין געסעל, וואו עס געפינט זיך די בכוזאַ, פערלאַנגט, איהר זאָלט קומען עלף דעם זייגער".

טרעזשאַגאָ האָט אַריינגעוואָרפען דעם גאַנצען פּעקעל אין אויווען אַריין און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. ער האָט געוואוסט, אַז די איינוואָהנער פון די מזרח־לענדער זינגען ניט קיין סערענאַדעס עלף אַ זייגער און אַז די פרויען בעשטימען זיך ניט קיין זעהונגען מיט אַ וואָך פריהער. דעריבער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט דעם זעלבען אָבענד, עלף אַ זייגער, אין עמיר נאַטאַ'ס געסעל. ער איז געווען איינגעוויקעלט אין אַ בורקע, ווי עס טראָגען געוועהנליך אין מזרח אי מאַנזבילען אי פרויען. ווי נאָר דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען די בעשטימטע שעה, האָט אַ שטילע שטימע אָנגעהויבען זינגען הינטער דער קראַטע „כאַר־דאַיאַל'ס ליעבע־ליעד" — יענעם פערז, וואו דאָס פאַנטאַנישע מיידעל בעט כאַר־דאַיאַל'ן, ער זאָל זיך צוריקקעהרען צו איהר. דאָס ליעד קלינגט זעהר שען אין אינדיאַנישען. אין דער איבערזעצונג פערליערט עס אָבער אַ סך, און עס קלינגט אַזוי אונגעפעהר:

איינע אַליין, אַ שמאַכטענדע, אויף דער טרעפּ, וואָס קוקען אַרום אויפ'ן צפון,
קוק איך זיך דורשטיג איין אין די בליצען אויפ'ן הימעל, —
איך הער דעם אָבקלאַנג פון דיינע טריט אויפ'ן צפון,
קעהר זיך אום צו מיר, געליעבטער מיינער, ווען ניט, וועל איך שטאַרבען!

אונטער מיינע פיס ליעגט דער שלאָפענדער מאַרק,
ווייט, ווייט אונטען שלאָפען די פערמאַטערטע קאַמעלען, —
קאַמעלען און דיינע געפאַנגענע.
קעהר זיך אום צו מיר, געליעבטער מיינער, ווען ניט, וועל איך שטאַרבען!

מיין פאָטער'ס פרוי איז אַלט און בייז,
און איך בין אַ שקלאַפין פאַר אַלעמען אין הויז.
מיין ברויט — איז טרויער, מיין געטראַנק — איז טרעהרען,
קעהר זיך אום צו מיר, געליעבטער מיינער, ווען ניט, וועל איך שטאַרבען!

ווען דאס ליעד איז געקומען צו ענדע, איז טרעזשאגא אונטער־געגאנגען הארט צו דער קראטע און האט שטיל געזאגט:

— איך בין געקומען.

יענע נאכט איז געוועזן דער אנהויב פון א סך מערקווירדיגע זאכען און דער אנהויב פון אזא לעבען, וואס איז גיכער ענליך געוועזען צו א חלום. ביזעוא אדער איהר אלטע דיענסט, וואס האט איהם דאמאלסט אריינגעווארפען דעם „בריעף" אין קאטש, פלעגען אראבנעהמען די קראטע פון פענסטער, און דאס פענסטער פלעגט זיך פאנאנדערעפענען אויף אינוועניג. א בעוועגליכער מענש האט דאמאלסט לייכט געקאנט אריינדרינגען אין וואהנונג.

ביי טאג פלעגט טרעזשאגא זיין פערנומען אין קאנטאר, אין די פרייע צייט פלעגט ער זיך אויספוצען אין זיין וויזיטען־קאסטיום און בעזוכען די פרויען אויף דער סטאנציע, און דערביי פלעגט ער טראכטען, ווי אנדערש עס וואלט געווארען זייער בעציהונג צו איהם, ווען זיי ווייסען פון דער מעשה מיט דער קליינער ביזעוא, און ביי נאכט, ווען די גאנצע שטאדט פלעגט איינשלאפען, פלעגט איהם ערווארטען א שפאציר אין דער אויבען־דערמאהנטער בורקע, א בעגעגעניש מיט די נאכט־וועכטער, דערנאך האט ער געהאט דורכצוגעהן דעם קווארטאל זשיטבא מענזשי און דאן — א שנעלער קעהר אין עמיר נאט'ס געסעל אריין, דערנאך — ביזעוא און דער טיעפער רוהיגער אטהעם פון דער אלטער אינדיאנערין, וואס האט געשלאפען אין צווייטען לעדיגען צימער, וואס דורגא טשאראן האט אבגעטיילט פאר זיין שוועסטער'ס טאכטער. ווער איז דורגא טשאראן, וואס ער איז אזוינס — האט טרעזשאגא קיינמאל ניט געפרעגט. עס האט איהם אפילו ניט געוואונדערט, וואס קיינער איז איהם קיינמאל ניט בעפאלען מיט א מעסער... און אזוי האט זיך געצויגען ביז דאס וואהנזין איז אריבער און ביזעוא... אבער וועגען דעם שפעטער.

ביזעוא האט פערשאפט טרעזשאגא'ן דעם גרעסטען גענוס! זי איז געוועזן אונשולדיג, ווי א פויגעל; איהרע געשפרעכען וועגען די פערשיעדענסטע זאכען, וואס פלעגען דערגערן צו איהר אין געסעל, האבען איהם זעהר אמוזירט. זיין נאמען „כריסטאפאר" פלעגט זי ניט קענען ארויסזאגען שארף, און דאס איז איהם אויך געוועזן געפעלען, די ערשטע זילבע איז בשום אופן ניט געוועזן פאר איהרע כוחות; זי פלעגט יעדען מאל אונבעהאלפען א פיהר געבען אין דער לופטען מיט איהרע קליינע ראזע הענדטלעך און דאס פלעגט בעדייטען, אז זי ענטזאגט זיך

אַרויסצורעדען אַזאַ שווערען וואָרט. דערנאָך פלעגט זי זיך שטעלען פאַר ט ר ע ז ש אַ ג אָ'ן אויף די קניה, און פלעגט איהם פרעגען, פּונקט ווי דאָס וועלט געטהון די ערשטע בעסטע ענגלענדערין, צי איז ער זיכער, אַז ער ליעבט איהר. ט ר ע ז ש אַ ג אָ פלעגט זיך שווערען, אַז ער ליעבט איהר מעהר פון אַלע און אַלעס אויף דער וועלט. איבריגענס, איז דאָס אמת געוועזען.

נאָך אַ מאָנאַט אונזיניגער ליידענשאַפט האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז ט ר ע ז ש אַ ג אָ האָט זיך גענומען בעציהען אויפמערקזאַמער צו איינער פון זיינע בעקאַנטע. איהר ווייסט אַליין, אַז אַזאַ פאַל קאָן ניט דורכגעהן אומבעמערקט און דער עולם הויבט גלייך אָן שטאַרק צו רעדען, ניט נאָר איירע ענגלענדער אַליין, די אינדיאַנער האָבען אויך ליעב צו בעשפּרעכען אַזעלכע זאַכען. ט ר ע ז ש אַ ג אָ האָט געמוזט שפּאַצירען מיט זיין דאַמע, פערברענגען מיט איהר ביז דער מוזיק, אַ פּאָר מאָל איז ער אויך געפאָהרען מיט איהר שפּאַצירען, איהם איז אַפילו אויף אַ רגע קיינמאָל ניט איינגעפאַלען, אַז דאָס אַלעס קען זיך אָברופען אויף וואָס עס איז פאַר אַן'אופן אויף זיין לעבען, וואָס איז געשטאַנען אויסער דער אַלטעגליכקייט. אָבער די מעשה וועגען דער פרוי, וואָס ט ר ע ז ש אַ ג אָ פערברענגט מיט איהר, האָט זיך פערשפּרייט פון מויל צו מויל מיט דער גרעסטער געשווינדקייט, ביז עס האָט דערגרייכט צו דער ב י ז ע ז אַ. דאָס קינד איז אַזוי צוטומעלט געוואָרען, דאָס די שטוביגע אַרבייט איז איהר ממש געפאַלען פון די הענד און זי האָט דערפאַר ניט איינמאָל בעקומען געשלאָגען פון ד ו ר ג אַ ט ש אַ ר אַ נ'ס ווייב.

אין אַ וואָך אַרום האָט ב י ז ע ז אַ בעשולדיגט ט ר ע ז ש אַ ג אָ'ן, אַז ער איז איהר ניט טריי. דאָס קינד האָט ניט געוואוסט פון קיינע קונצען, האָט זי עס אַרויסגעזאָגט אָפען. ט ר ע ז ש אַ ג אָ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, אָבער ב י ז ע ז אַ האָט געטופּעט מיט איהרע קליינע פיסלעך, אַזעלכע קליינע און גרינגע, ווי די בלימלעך פון נעגעלעך, וואָס בייידע האָבען זיי זיך געקענט אויסשטעלען אויף איין מאַנסבילשע האַנד.

זעהר אַ סך פון דעם, וואָס עס איז בעשריבען איבער דער מזרח'שער ליידענשאַפט, איז איבערטריבען, גענומען „פון אַ צווייטער האַנד", עס גיט אָבער אויך אַ סך אמת אין די בעשרייבונגען, און ווען עס טרעפט זיך צונויף אַ ענגלענדער מיט אַ מזרח'ישער פרוי, זעהט ער, אַז די ליעבע אויפ'ן מזרח, דריקט זיך אויס אונגעפעהר אויפ'ן זעלבען אופן, ווי אין זיין איינגענעם לאַנד. ב י ז ע ז אַ האָט זיך געקאָכט, האָט געדראָהט, אַז זי

וועט זיך מאַכען אַ טויט, אויב ער וועט ניט אַוועקוואַרפען די פּרעמדע מעמסאַגיד, וואָס האָט זיך אויפגעשטעלט צווישען זיי, ווי אַ וואַנד. טרעזשאַגאָ האָט געפּרובט זיך צו ערקלערען איהר און דערוויזען, אַז זי פערשטעהט גאָר נישט, אַז ביי די ענגלענדער זענען אַנדערע בעגריפען בנוגע צו דער פראַגע. ביזעזאַ האָט זיך איבערגעשטאַרקט און האָט געזאָגט איינפאַך:

— איך פערשטעה גאָר נישט. איך ווייס נאָר איינס — עס טויג ניט, וואָס דו ביזט מיר געוואָרען טייערער פון מיין אייגענעם האַרצען, פריינד, דו ביזט אַן'ענגלענדער. איך בין נור אַ שוואַרץ מיידעל — אָבער אין דער אמת'ן איז זי שענער געוועזען פון די דימענטען אויפ'ן גאַלקאָנד — אין אַן'אַלמנה פון אַ שוואַרצען.

דערנאָך האָט זי זיך פאַנאַנדער געוויינט און געזאָגט:

— אָבער איך שווער דיר מיט מיין נשמה און מיט דער נשמה פון מיין מוטער, דאָס איך ליעב דיך. לאָזען דיך די געטער אויסהיטען פון בעז, וואָס עס זאָל ניט טרעפען מיט מיר.

טרעזשאַגאָ האָט זיך געסטאַרעט צו בערוהיגען דאָס מיידעל, אָבער זי האָט אויסגעוויזען צו זיין אויפגערעגט אונגעוועהנליך. עס האָט איהר קיין זאַך מעהר נישט געקאָנט בעפרידיגען. זי האָט געפאָדערט נאָר דאָס איינציגע: איבעררייסען מיט איהם אַלע בעציהונגען. ער מוז זי באַלד פערלאָזען. האָט ער זי טאַקי פערלאָזען. אַז ער איז דורכגעקראָכען דורך'ן פענסטער. האָט זי איהם ווידער צוויי מאָל אַ קוש געטהון אין שטערען; ער איז געגאַנגען אַהיים אַ פערטראַכטער.

עס איז אַריבער אַ וואָך, צוויי, דריי וואָכען — פון ביזעזאַ'ן הערט מען גאָרניט. טרעזשאַגאָ'ן האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז דער שפּיעל געדויערט צו לאַנג, האָט ער זיך איינמאָל ווידער געלאָזט גערן אין דאָס בעוואוסטע געסעל, שוין צום פינפטען מאָל פאַר דער גאַנצער צייט. ער האָט אַלץ געהאָפט אַז עמיצער וועט זיך אַם ענדע דאָך אָברופען אויף זיין קלאַפּען אין דער קראַטע. אויף דעם מאָל האָט ער קיין טעות ניט געהאַט.

אויפ'ן הימעל איז געשטאַנען די יונגע לבנה, און האָט אַריינגעקוקט מיט איהרע שטראַהלען אין עמיר נאַט'ס געסעל. אַז טרעזשאַגאָ האָט געגעבען דעם ערשטען קלאַפּ, האָט זיך דאָס פענסטער געעפענט, ביזעזאַ האָט איהם אויסגעשטרעקט פון דער פינסטערקייט איהרע אָרעמס אַנטקעגען, אין דעם ליכט-שטראָם פון דער לבנה. ביידע הענד זענען גע-

ווען ארומגעהאקט, און די וואונדען האבען שוין געהאלטען ביי פערהיילט ווערען, דערנאך, אז ב י ז ע ז א האט אראבגעלאזען דעם קאפ צו די צוקאלעטשעטע הענד און האט זיך צוויאמערט אין א ביטערן געוויין, האט זיך פון צימער געלאזט הערען א מורא'דיגעס ראווען, ווי פון א ווילדע חיה, און עפעס א שארפעס — א מעסער, א שווערד אדער א שפיז — האט דורכגעלעכערט ט ר ע ז ש א נ א'ס בורקע, דער שארף האט איהם ניט דורכגעשטאכען, ער האט נאר איבערגעשניטען איינעם פון זיינע פוס־מוסקעלען, און ער איז געבליבען א הינקעדיגער אויף זיין גאנצען לעבען.

די קראטע האט זיך באלד ווידער פערמאכט. פון אינוועניג האט זיך קיין סימן לעבען ניט דערטראגען — פון פארענט האט זיך נאר אויסגעטיילט א הויכע ווייסע וואנד אין די לבנה־שטראהלען, הינטען האט זיך דאס געסעל געוויקעלט אין פינסטערקייט.

ט ר ע ז ש א נ א האט געדענקט, אז ער האט זיך א צייט אומגעווארפען און געשריען, ווי א וואהנזיניגער, צווישען די צוויי אבזריות'דיגע ווענד, דערנאך האט ער זיך ארומגעזעהן, אז ער איז ביי א טייך, דאן האט שוין די זון בענומען אויפגעהן. ט ר ע ז ש א נ א האט אראבגעווארפען פון זיך זיין בורקע און האט זיך געלאזט געהן אהיים מיט א אראבגעלאזטען קאפ.

* *
*

ווי אזוי די טראגעדיע האט פאסירט — צי די פערצווייפעלטע ב י ז ע ז א האט אליין דערצעהלט איהרע אייגענע פון דער מעשה מיט'ן ענגלענדער, אדער מען האט איהר אויסגעשפיאנעוועט, צי ד ו ר ג א ־ ט ש א ־ ר א ן האט זיך דערוואוסט זיין נאמען, און וואס איז געווען דער סוף פון ב י ז ע ז א'ן — דאס ווייסט ט ר ע ז ש א נ א ניט ביז היינטיגען טאג. עס האט פאסירט עטוואס אויסערגעוועהנליכעס, און דער נידראנק, ווי אזוי און וואס אייגענטליך עס האט געטראפען, בעזוכט ט ר ע ז ש א נ א'ן זעהר אפט ביי דער נאכט און פערלאזט איהם ניט ביז זון־אויפגאנג. א וויכטיגע איינצעלהייט: ט ר ע ז ש א נ א ווייסט ניט, פון וועלכען זייט עס געפינט זיך די טיר פון ביזעזא'ס הייזעל. אומקעהרען זיך צו ב י ז ע ז א'ן קאן ער אויך ניט: ער האט איהר פערלארען אין דער שטאדט, וואו יעדעס הויז ווערט אבגעהיט און דאס וואס עס קומט פאר הינטער די ווענד, ווערט

בעגראָבען אין די זעלבע ווענד, ווי אויף אַ בית־עולם, און די קראַטע וואָס האָט ארויסגעקוקט אין עמיר נאַט'ס געסעל, איז די לעצטע צייט פערלעגט געוואָרען מיט ציגעל.

אָבער טרעזשאַגאָ גיט נאָך אָלץ אָב זיינע אַלטע וויזיטען, ווי געוועהנליך, און רעכענט זיך צווישען די בעקאַנטע פאַר איינעם פון די אנשטענדיגסטע מענשען.

און עס איז טאַקי ניטאָ וואָס צו בעמערקען אויף איהם אויסערגעוועהנליכעס — אַ מענש מיט מענשען גלייך, אויסער איין קלייניגקייט: פון אומפאָהרען רייטענדיג האָט זיך ביי איהם אַ פוס־אָדער עטוואָס צופיעל אויסגעצויגען...

אַגוטע נאַכט.

(נאָך שעללי).

— „אַגוטע נאַכט!" אָליעבסטע, ניין!
זי איז ניט גוט, ווען כ'בין אליין;
פערברענג מיט מיר אָהן שלאָף ביינאַכט,
וועט דעמאָלט זיין אַ גוטע נאַכט.

ווען דו ביזט דאָ, פערשווינדט מיין פיין.
איך בענק נאָך דיר... אָ רעש ניט איין
דעם ליעבע־פלאַם, וואָס האָט ערוואַכט,
וועט דעמאָלט זיין אַ גוטע נאַכט.

די נאַכט איז מילד מיט דעם אליין!
וואָס מיר בעקומען דאַן מעהר חן.
נור זאָל זי גאָר ניט זיין נעדאַכט,
וועט דעמאָלט זיין אַ גוטע נאַכט...

ז. סעגאלאוויטש.

דייַנריך מאַן.

פּיפּפּאָ ספּאַנאָ.

(איבערזעצט פונ'ם דייַטשישען).

(פאָרטזעצונג פון צווייטענס בוך).

מ א ר י אָ מ א י ל ו ו א ל ט אָ האָט זיך פערגעסען וואו ער איז און אָנגעהויבען העכער רעדען.

„נישט אמת, יענע פרוי וועט מיר אַרויסקומען ענטקעגען? גלויבסט דו אין דעם, פּיפּפּאָ ספּאַנאָ? זי וועט אַרויסגעהן...

פּלוצלונג האָט ער אויפגעהערט רעדען: די פרוי איז אין זיין צימער געשטאַנען.

אויף דעם שוועל פונ'ם קליינעם ווייס־געמאָלענעם גאַכט־צימער איז זי געשטאַנען, בעלייַכטעט פון צוויי לבנה־שטראַהלען, וואָס זענען פּלוצלונג אויף איהר געפאַלען. זי איז אין גאַנצען ווי די לבנה ווייס געווען. איהר בלייך געזיכט מיט'ן קורצען נעזעל און פעסטע ליפּען זענען מיט שוואַרצע לאָקען אַרומגעצוימט געווען. ווען זי האָט זיך בעוועגט האָט זיך פון איהר נישט גרויסע, שלאַנקע פיגור, פון איהרע אַקסעל און דעם רוקען זילבערנע אויסגעהאָפּטענע בלומען אַהין און אַהער געוואָרפען. אַז זי האָט איהר האַנד צום פאָרהאַנג ביין טיר אויפגעהויבען, איז איהר אַרבעל, וואָס איז פון בלומען קעל ישלעך אויסגעפלאָכטען געווען, פונאַנדערגעפאַלען אויף אַ סך קליינע ווייַסע בלעטלעך, און איהר האַנד, וואָס האָט פון אויבען אַרויסגעשטעקט איז ביי דער שיין פון דער לבנה, צו אַ בלומען־שטענגעל גלייך געווען.

מ א ר י אָ מ אַ י ל ו ו אָ ל ט אָ איז אָבגעשפּרונגען אַהינטער, האָט זיך פאַר'ן קאָפּ געהאַפּט. צי נאַרען איהם נישט אַמאָל די חושים זיינע? ער האָט הייַנטיגע נאַכט אַסך געטרונקען און נאָך מעהר פאַנטאַזירט. דאָס האַרץ אָבער האָט רוהיג און זיכער געקלאַפּט, און דער פערשטאַנד זיינער איז זאָגאַר קלערער און פרייער ווי געוועהנליך געווען. און דאָך איז דאָס בילד פון דאָרטען נאָך אַלץ נישט פערשוואונדען? ער איז מיט צוויי געשווינדע און פעסטע טריט צום בילד נעהנטער צוגעגאַנגען, דאָס בילד איז אָבער אויף זיין אָרט שטעהן געבליבען, עס האָט זאָגאַר אָנגעהויבען צו רעדען.

שטיל און זאנפט האט דאס יונגע מיידעל געזאגט:
— מ א ר י א מ א י ל ו א י ל ט א, איך בין אהער געקומען, מיר זאלען זיך קאנען איינער דעם אנדערן ליעבען.

2.

א נס.

ערשט יעצט האט ער דערקענט, אז דאס איז ד ז ש ע מ ט א ק א נ ט א ד ז ש י.

— איהר זייט צו מיר געקומען, גרעפין! איין איינציג ווארט אייערער וואלט דאך גענוג געווען, — האט ער זיפצענדיג געזאגט — איך וואלט געשווינד ווי א וואלקען צו אייך געקומען.

— איהר וואלט ערשט געקומען, און איך בין שוין דא, — האט די גרעפין געענטפערט.

— איהר קאמפראמיטירט אייך דערמיט!

— ניין. ניין. מיר האבען דאך דא נישט ווייט א ווילע. מע וועט מיינען, אז איך נעכטיג דארטען. ס'טרעפט טייל מאל, אז איך געה ביי נאכט אוועק פון אונזער הויז, וואס מיר האבען אין שטאדט; איך האב שוין אזוינע קאפריזען. מיין חברטע איז מיט מיר מיטגעקומען, זי ווייסט אלע מיינע סודות.

ער האט אויף איהר מיט חשד געקוקט. דאס איז געוועזען ק א נ ט א ד ז ש י, וואס האט געזאלט חתונה האבען מיט דעם אבגעלעבטען בומלער ל א נ ט י ן. זי איז געוועזען איינע פון יענע שענע פרויען, וועלכע אין א געוויסע צייט וואלטען אלע מאנסבילען זיי גערן געוואלט בעקומען און צוליעב איהר ווארפען א שנאה אויף אלע אנדערע פרויען; פון יענע שענע פרויען, צוליעב וועלכע א היציגער בחור'ל נעמט זיך דאס לעבען; פון יענע שענע פרויען, וואס אין פערלויף פון צוואנציג יאהר זענען זיי די מארע-מאכערינס און אלע טאנצען זיי נאך. אזוינע פרויען זאגען צו זייערע אונצעהליגע געליעבטע דאס גרעסטע גליק און פריידען און נאר אויסגעוועהלטע האבען דעם זכות, זיי זאלען האלטען זייער צוזאג; און געהט זייער צייט פארביי לאזען זיי איבער אין די קעפ פון זייערע אלטע ליעבהאבערס שפורען פון זיסען, וואהלשמעקענדיגען שכרות. וואס זענען אבער זיי גופא? וואס לעבען

זיי איבער? דאָס האָט מאַילוואָילטאָ געוואוסט: זיי לעבען מיט זייער ערפאָלג, מיט די ליידען, וואָס די מאַנסלייט שטעהען צוליעב זיי אוים און מיט די אפּלאָדיסמענטען פון דער מאַסע.

— אָבער וואָס אייגענטליך האָט אײַך געבראַכט אַהער?

— די ליעבע צו אײַך, מאַריאָ מאַילוואָילטאָ, — האָט זי אָבגעענטפערט, און איהר שטימע האָט לײַכט געציטערט.

— איהר זייט נאָך גאָר קינדיש, גרעפין. אויב איהר ליעבט מיך ווירקליך, וואָרום האָט איהר נישט געבעטען עמיצען פון אײַערע גוטע פריינד, ער זאָל מיך פאַר אײַך פאָרשטעלען. איך וואָלט זיך דאָך צו אײַערע פיס געוואָרפען.

— אין דער היים בײַ מיר וואָלטען מיר נישט געקאָנט אַזוי פרײַ זײַן, אום מיר זאָלען האָבען דאָס רעכט איינע די אַנדערע צו ליעבען, וואָלטען מיר געמוזט חתונה האָבען.

— אַח!

ער האָט אַ נישט־אַנגענעהמע בעפרידיגונג געפיהלט.

— דער גרעפין וואָלט זיך נישט געוואָלט מיר צו האָבען פאַר אַ מאַן!

נישט פערשטעהענדיג זײַנע רעד האָט זי געענטפערט:

— איהר וואָלט זיך מיר אָנפערטרויט, מאַריאָ, נישט וויסענדיג ווער איך בין. איהר וואָלט מיר פערזיכערט אַז איהר ליעבט מיך. און אפשר וואָלט איהר זיך גאָר פערשעמט. אַה, ווען איך וואָלט דאָס בעמערקט, וואָלט צו אַלעס אַ סוף גענומען, איך וויל מיר זאָלען זיך בײדע ליעבען און קיינער זאָל דערפון נישט וויסען. איהר קאָנט אײַך דאָס נישט פאָרשטעלען: איך בין דער געליעבטער פון די שענע קאַנטאַדזשי, און גאַנץ פלאָרענציע ווייסט עס. איהר הערט? איהר טאָרט עס קיינעם נישט אויסזאָגען.

ער האָט אָנגעהויבען שטאַמלען:

— איהר מיינט איך בין אַ נידריגער ערהגייציגער מענש?

— ניין, איך מיין דאָס גאָרנישט. ענטשולדיגט! איך בין שוין אין פאָראויס איינפערזיכטיג. איך האָב אײַך דאָ געוואָלט פערשפּאָרען.

מוטיג איז זי צו איהם נעהנטער צוגעגאַנגען און איז אין זײַן קאַבינעט אַרײַנגעקומען.

— איך וואָלט עס גאָרנישט געקאָנט אַריבערטראָגען, אַז מיר זאָלען זיך דאַרפען זעהן, ווען פרעמדע זענען דערבײַ, מיר זאָלען דאַרפען

רעדען איינער צום צווייטען פערשטעלט און איינגעהאלטען. פאר דיר וואלט איך געוואלט שטענדיג זיין... אה, איך ליעב דיך!

אז זי איז דעם ערשטען שרעק איבערגעקומען, האט זי האסטיג איהרע הענד אויסגעשטרעקט.

— פאר דיר וואלט איך געוואלט שטענדיג זיין... נאקעט!

א ליידענשאפטליכע אויפרעגונג האט איהם בעהערשט. ער האט זיך צו איהר א ווארף געגעבען.

— ווען איך וואלט געקאנט גלויבען, אז דו ליעגסט ווירקליך אין מיינע ארעמס!

צודריקענדיג זיינע ליפען צו איהרע האר האט ער לייכט אבגעזיפצט.

„די זעלטענע פרוי, וועלכע וויל איהם מיט איהר נישט איבערלעגטער ליידענשאפט מעכטיג מאכען, ליעגט יעצט אין זיינע ארעמס. אט איז דער נס געשעהן! איינס פון די יונגע מיידלעך, וועלכע קוקען ארוים מיט ליכטיגע אויגען פון דער וועלט, וואו עס איז קיין וועג נישטא; אט איז עס, אט איז דער נס!"

„ווען איך וואלט דאס געקאנט גלויבען!"

— אבער דו פיהלסט דאך מיר, — האט זי ציטערנדיג געזאגט, און אז איך ליעב דיך, דאכט זיך, דארפסט דו אויך פיהלען.

— איך פיהל — האט ער זיך אבגערופען מיט א רחמנות'דיג קול, מעהר אויף זיך גופא ווי אויף איהר.

— און דו ווילסט מיך ליעבען?

— איך וויל, צי וויל איך! האט ער מיט פערדרום אויסגעשריען.

בעהאלטענדיג איהר פנים אין זיין האלז האט זי געפרעגט:

— האסט דו ווען עס איז מיר געהאלטען פאר שען? האסט דו ווען עס איז מיר געוואלט האבען?

— נאר דיך איינע האב איך געוואלט האבען.

ער האט געוואוסט, אז ער ליגט. און דאך איז ער דערביי אויפריכטיג געווען. ער האט זיי אלעמען בעגעהרט, שטענדיג וואלט ער אלעמען בעגעהרט. אבער איז דען נישט אלץ איינס?

— און איך אויך, — האט זי איהם גלייך אנקוקענדיג געזאגט, — נאר דיך איינעם.

— הייסט עס, אז דו האסט געוואוסט, דאס היינט אבענד האסט

דו זיך, דורך דאָס לעבעל פונ'ם פאָרהאנג, מיט בליקען בעגעגענט, געוואוסט מיט וועמענס בליקען?

— קײן...

— נײן? האָסט דו מיר דען נישט פיעל מאָל אין פאָרטער געזעהן?

— נײן. ביז יעצט האָב איך נישט געוואוסט ווי דו זעהסט אוים. אז דו ביזט ארײנגעקומען האָב איך געצווײפעלט, טאָמער איז דאָס גאָר א פרעמדער, עמיצער פון דײנע גוטע פרײנד,

ער האָט ניט געפונען קײן ווערטער וואָס איהר דערזיף צו זאָגען.

— זעהר לאנג האָבען מיר אין ד ז ש י מ י נ י א נ א געוואָהנט, נאָר זײט דער פאָטער מײנער איז געשטאָרבען און דער ברודער דיענט אין פ ל אָ ר ע נ צ י א אין גארניזאָן וואהן איך דאָ.

— הײסט עס, ביזט דו צו מיר געקומען, ווײל איך בין בעריהמט?

— בעריהמט! איך ווײס נישט. ס'קאָן זײן, מען האָט אין מײן געגענוואַרט עפּים יאָ גערעדט וועגען דיר, נאַרישקײטען גערעדט; איך האָב אָבער נישט געוואוסט, אז מען מײנט עס דיך. איך האָב דײנע ביכער, וואָס דו האָסט פערפאַסט, געלעזען, נישט קוקענדיג ווי דער פער־פאַסער הײסט...

„אָט האָסט דו עס פון דאָס נײ"; האָט מ א ר י א ט א י ל וו אָ י ל ט א זיך געטראַכט.

— דאָרט ווערען געשילדערט מענשען, וועלכע איך האָב פער־שטאַנען. איך האָב לײענענדיג געטראַכט: אזוי וואָלט איך אויך געטהון, אזוי וואָלט איך אויך געפיהלט, ווען...

— ווען...

— ווען איך וואָלט בעגעגענט דעם דאָזיגען מענשען. מיט מײן חתן, האָב איך געוואוסט, וועט מיר קײנמאָל נישט אויסקומען אזעלכעס איבערצולעבען.

— יאָ, איהר זײט דאָך פערלאָבט.

— איך בין געווען פערלאָבט. אײדער איך בין צו דיר געגאַנגען, האָב איך איהם ענטזאַגט.

— דאָס הויב איך שוין גאָר נישט אָן צו פערשטעהן.

— דאָס איז גאַנץ אײנפאַך. אין דײן הײנטאָבענדיגען שטיק

האב איך געזעהן ווי עס לעבען און שטארבען די דאזיגע מענשען, וועלכע איך האב פון דיינע ביכער געקאנט. זיי זענען מעהר אויפגעברויזענדער געוועזן ווי די, מיט וועלכע איך עס מיטאג און שיק זיך אויף קארסא. זיי האבען נישט אזוי פיעל געשטייכעלט, און איך האב זיי געקאנט גלויבען, ווייל זיי זענען דאך שוין גע־שטארבען.

— ווייל זיי זענען דאך שוין געשטארבען.

— אז איך בין געקומען צו זיך אַ היים האב איך אַ קוק געטהון דעם נאמען פון פערפאסער. דאס איז דיין נאמען געוועזן, בין איך געקומען אהער צו פאהרען.

— ביזט דו געקומען אהער צו פאהרען.

ער איז ענטציקט געוועזן. וואס פאר אַן ענטשלאסענע צוטרויליכע ליידענשאפט! ווען מען זאל דאס אלעס קאנען גוט בעטראכטען, גוט אויסלערנען! אבער ער האט זיך באלד בעשלאסען איהר ליידענשאפט צו אונטערדריקען.

— דו מיינסט, הייסט עס, אז איך בין אַ זעלכער, ווי איך בעשרייב אין מיינע ווערק. ס'קען גאר זיין, אז גראד ווייל איך בין נישט אַ זעלכער האב איך זיי אזוי געשילדערט.

— אבער דו האסט דאך זיי בעשאפען, הייסט עס, אז דו האסט זיי אין דיין הארץ געטראגען. דאס איז דאך אזוי איינפאך; היינט אין אבענד איז מיר דאס אלעס פלוצלונג קלאר געווארען. ווען די מענשען, וועלכע מיר וואלטען געקאנט ליעבען, לעבען נישט אין אונזער וועלט, דארפען מיר זיי זוכען אין דאס הארץ פון דעם דאזיגען, וואס האט זיי מיט זיין פאנטאזיע בעשאפען. פאר וואס טהוען דאס אבער נישט די פרויען? עס וואלט פון מיין זייט זעהר נאריש געוועזן ווען איך וואלט צו דיר נישט געקומען.

איך בין נישט אזוי שטארק ווי דו מיינסט.

איהם האט בעהערשט אַ געפיהל, ווי ער וואלט געקעמפפט מיט דער זיבעצען־יעהריגעם מיידעל, גלייך ווי דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען פערהיטען זיך גופא פון אַן אומגליק.

(פארטזעצונג קומט.)

ה. וועדעקינד.

רבי עזרא.

(פון דייטשישען).

— משה, משה, דו געפעלסט מיר נישט ... צו וואס נוצט עס דיר, א מענש פון צוואנציג יאהר, זיך צו פערקנס'ן, אז דו רעכענסט חתונה האבען ערשט אין פינף יאהר ארום?

דער אלטער עזרא האט דעם זוהן אין די אויגען אריינגעקוקט, גלייך ער וואלט וועלען אויפלעזען עפעס א שווערען קבלה'שען כתב, וואס איז מיט פייערדיגע אותיות אויף זיין פנים אנגעצייכענט.

— איך ליעב רבקה'ן.

— דו ליעבסט רבקה'ן? און ווי אזוי ווייסטו, אז דו האסט ליעב רבקה'ן? כ'קאן גלויבען, אז דו האסט ליעב דאס קליינע פיסעלע, דאס קלארע לייב, דאס נישט-בארדיגע פנים'ל; אבער פון וואנען ווייסטו, אז דאס איז רבקה? דו האסט טאקי אויסגעשטודירט די רוימישע רעכט, די קריסטליכע רעכט, אבער די פרויען האסטו נישט קענען געלערענט. נאך וואס האב איך דיך אזוי געטריי צוואנציג יאהר ערצויגען, כדי דו זאלסט צום סוף אנהויבען א לעבען פול נארישקייט. וויפיעל פרויען, משה, האסטו עס געקאנט, וואס דו שטעלסט זיך איין צו קומען צום אלטען פאטער דיינעם און דערצעהלען א מעשה: „איך ליעב".

— איך קאן נור איינע און איך ליעב זי מיט'ן גאנצען הארצען.

— וואס הייסט מיט'ן גאנצען הארצען? האסטו דען דאס גאנצע הארץ דיינס אויסגעשטודירט?

— איך בעט דיך, פאטער, גאנץ ערנסט, נישט חוזק צו מאכען איבער מיינע געפיהלען.

— משה, משה, זיי נישט בעז! איך זאג דיר — זיי נישט בעז! לאז, איך וועל דיר דערצעהלען א געשיכטע. געה זעץ זיך אַוועק אויף דער

סאמעטענע סאפע, אט דא נעבען מיר. איך וועל דיר פון מיין פאטער דערצעהלען, וואס ער האט מיר געזאגט, אז איך בין צוואנציג יאהר אלט געוועזען. „עזרא, זאגט ער צו מיר, אז דו וועסט חתונה האבען, זאלסט דו נעהמען נאר א רייכע. גלויב דעם פאטער דיינעם: א פרוי ווערט אבגענוצט, אבער אט דער דאזיגער גלאנציגער טאלער, עזרא, דער קאן האבען א קיום אויף דורות״. — ער איז דאך שוין א זקן, האב איך זיך געטראכט און האב איהם געשוואוירען, אז מיין כלה וועט האבען דרייסיג טויזענד טאלער נדן. נאר איך וועל דיר ערקלעהרען, משה, פאר וואס איך האב זי ליעב געהאט, פאר וואס איך האב געהייראטעט די קליינע לאה, פאר וואס מיר האבען געלעבט אזוי טרויעריג צווישען זיך, ביז וואנען זי איז נישט פערשוואונדען, ווי שניי אין האנד, — דערפאר, וואס איך האב נישט די פרויען געקאנט; וואס איך האב נישט געקאנט עזרא'ן, זיך זעלבסט...

„משה, איך בין דאך שוין אלט און איך פערלאנג פון לעבען נישט מעהר, ווי דאס, אז דיר זאל גוט זיין אויף דער וועלט. נאר אז איך בין צוואנציג יאהר אלט געוועזען, אז איך בין אויף דער גאס געגאנגען און דארט בעגעגענט א קריסטין, אדער א יודיש-קינד, האבען זיך מיינע הענד צו זיי געצויגען און איך האב געגארט צו זיין שלמה המלך, וועלכער האט טויזענד פרויען געהאט. עס האט אבער געמוזט זיין אזעלכע, גלייך גאט וואלט זי פאר זיך אליין בעשאפען. משה, דו זאלסט נאר גוט בעגרייפען, וואס איך רעד צו דיר — זי האט געדארפט זיין בעשאנקען מיט אלדינג, אין וואס עס בעשטעהט די שענקייט פון די פרויען. אויב זי איז געוועזען א קליינע און א בלאסע, א דינע און א שנארכעדיגע, ווי א מויז, האב איך זיך פון איהר מיט מיין שירם פערשטעלט, ווייל די אויגען האבען מיר וועה געטהון, קוקענדיג אויף איהר. איז זי אבער געוועזען א שלאנקע, ווי א צעדער פון לבנון, דאן האב איך דעם שירם אין דער צווייטער זייט אבגעקעהרט און מיט זיך איהר געשטאלט אהיים געטראגען און עס האט פאר מיר ביי דער גמרא ארויסגעשוועבט און אין די הייליגע ווערטער האט מיר דער ריטם פון איהרע טריט געקלונגען. און ביי נאכט איז איהר געשטאלט אין מיינע חלומות ערשינען — גאט דערבארעמדיגער! זי איז פאר מיר ערשינען, פונקט, ווי עס איז ערשינען פאר משה רבנו'ן, לכבוד וועמען מען האט דיר א נאמען געגעבען, דאס לאנד, וואס גאט האט איהם פערשפראכען.

„זאָן דאַן האָב איך צו זיך געזאָגט — משה, דו שטויסט זיך דאָך שוין אָן, וואָס איך האָב צו זיך געזאָגט? נו, אָט וואָס איך האָב צו זיך געזאָגט — דו ביזט אַ זוהן פון שטן, און דאָס בין איך טאַקי געוועזען פון געבוירען אָן. אויב דו וועסט דיר דיינע תאוות נאָכגעבען, אויב דו וועסט אויף דער דאָזיגער פערשפּראָכענער ערד אַרויפטרעטען, וועט דיך גאָט'ס צאָרן טרעפען און דו וועסט שטאַרבען. ווייל דו דאַרפסט ניט געהן צו די פרויען, וואָס געפעלען דיין אויג, נאָר צו יענע פרויען, וואָס געפעלען דיין הארץ, אויב דו ווילסט ניט, אַז דיין גוף זאָל אַזוי ווי איוב'ס גוף ווערען, אויב דו ווילסט ניט, אַז דיין מיה פון אַזוי פיעל טעג און נעכט זאָל פערשאָלטען זיין, אויב דו ווילסט ניט קיינען קיין שטראָף אַזוי ווי נבוכדנצר. דאַמאָלס בין איך צו'ם אַלטען יחזקאל אַריבערגעגאַנגען און האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר זיין טאָכטער לאה געבען און געשוואָרען האָב איך איהר, אַז איך וועל מיינע הענד אונטער איהרע פיס לעגען. ווי אַ שאָטען פון אַ פענסטער האָט זי אויסגעזעהן, די לאה — מען האָט זי געקאָנט אַנשטאָט אַן'אַבאַזשור בענוצען. איך האָב זי אָבער ליעב בעקומען, ווייל, געטראַכט האָב איך זיך, אַז זי וועט מיך פון מיינע אייגענע הענד רעטען, פונ'ם שטן המשחית און פונ'ם מלאך־המות, וועלכען איך האָב טאָג און נאַכט איבער מיין קאָפּ געפיהלט. פון אָנפאַנג האָט זי מיך אַפילו ניט געוואָלט, ווייל איך בין הויך און ברייט געוועזען און זי — קליין און דאַר און זי האָט זיך געשעהמט מיט מיר אין גאַס צו ווייזען. אָבער אַזוי ווי עס האָט זיך איהר גראָד קיין צווייטער געמאַכט, האָט זי מיך גענומען.

„אַצונד הער אויס, משה, דעם פאָטער דיינעם, ווי בעגרענצט אונזער שכל איז און אויף וויפיעל נאַריש אונזערע בעאָבאַכטונגען זענען. איך האָב נאָך ניט געהאַט פערזוכט דעם טעם פון ליעבע, פונקט אַזוי ווי דו, משה; איך בין נאָך ריין געוועזען, ווי דער טהוי פון חברון, גלייך מיט דיר, כאָטש דו האָסט ערלערענט די רוימישע רעכט, די קריסטליכע רעכט און האָסט וויעדערשפּעניגט אין משה'ן און אין די נביאים, אָבער ווי־גיך איך האָב מיט לאה'ן דעם טעם פון ליעבע פערזוכט, אַזוי בין איך באַלד דערגאַנגען, אַז ליעבע איז אַ זינד געגען גאָט און געדאַנקט האָב איך דעם רבונו של עולם דערפאַר, וואָס ער האָט מיר אַ פרוי געגעבען, וואָס זי האָט מיך ניט געלאָזט אַראָבגעהן פון דרך הישר. אין די איינזאַמע נעכט האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אַז די ליעבע וועט אונז ברענגען גליק און פרייד, נאָר מיר מיט לאה'ן איז די ליעבע געפעלען ניט בעסער פון אַ רעצעפּט

פאר א קראנקען. און מיר האבען זי טאקי געגאסען, ווי א רעצעפט מיט פערמאכטע אויגען און מיט עקעל אין האלז און אין דאזען נישט גרעסערע, ווי עס פערשרייבט א דאקטאר; און פערזוכענדיג עס, האבען מיר געהאט דאס געפיהל, גלייך, מיר וואלטען פאר גאט'ס משפט גע־שטאנען, פערשאלטענע, אזוי לאנג ביז מיר זענען זיך אין פערשידענע וועגען צוגאנגען. ווי גנבים, וואס האבען זיך צוזאמען געטראפען צוליעב א פינסטערן טהאט פון שטן. און דאן האב איך צו זיך געזאגט: דו האסט זיך געווים אנגעשטויסען, עזרא, אז ליעבען הייסט דינען דעם טייוועל און ס'לוינט נישט, אז א מענש זאל זיך איהר אונטערגעבען, נאר גלויב משה, דיין אלטען פאטער, אז גליקליך בין איך נישט געוועזען...

„גליקליך בין איך נישט געוועזען, מיין זוהן, משה, גאט איז מיין עדות; דען איך האב מיט מיין לאה'ן אזוי וועניג רעדען געקאנט, פונקט ווי מיט דער בארשט, אדער מיט די נעגעל פון די פינגער! איהרע גע־דאנקען זענען נישט מיינע געדאנקען געוועזען, ווייל מיינע געדאנקען דאס זענען דאך מיינע געדאנקען און זי האט קיין געדאנקען איבערהויפט נישט געהאט. און דאן האב איך זיך דער איינזאמקייט איבערגעגעבען און די איינזאמקייט איז רעדעווידיגער פון מיין לאה'ן געוועזען; און איך האב געזאגט צו זיך: עזרא, דו האסט געקויפט א קאץ אין זאק; אויף דיין קאפ פאלט די פעראנטווארטליכקייט פאר דעם. דו האסט געוואלט זי אויספרובי־רען פריהער, אויב איהר גייסט פאסט צו דיין גייסט און צי איז איהר הארץ צו דיין הארץ עהנליך. זאל זי נישט בעמערקען, עזרא, אז דו האסט געקויפט א קאץ אין זאק, דען זי איז אונשולדיג, ווי דאס שעפעלע ווען ס'נעהמט טרינקען צו דער קארעטע. און פאר וואס האסט דו טאקי ביי'ם אויסוועהלען א פרוי נישט געזוכט מיט אזא פארזיכטיגקייט, ווי דאן, ווען דו נעהמסט אין קראם און קויפ'סט זיך א האלז־טוך פאר אנדער־האלבען מארק?!

„אזוי האב איך געלעבט און געליטען שטילערהייט צוויי יאהר דורכ־אנאנד און האב נאך אלץ ליעב געהאט מיין לאה'ן, ווייל זי האט מיך אבגעהאלטען פון שלעכטס; און געדויערט האט עס אזוי לאנג ביז וואנען עס איז נישט איהר צייט געקומען מיר א יונגעלע צו שענקען, איז אבער דעם אויבערשטענס רצון געוועזען זי צוזאמען מיט'ן יונגעלע צוצונעהמען.

„דאמאלס, משה, האב איך זיך געפיהלט, גלייך מען וואלט מיר מיט א גליהענדיגען אייזען די געדערם פון אינוועניג אויסגעברענט, גלייך

ווי די גאַנצע וועלט וואָלט מיט פייער אַוועק און אויסגעשטאָרבען, גלייך איך וואָלט איינער אַליין מיט מיין קלה געבליבען. און דאַן האָב איך צו גאָט מיין ביטער האַרץ אויסגעגאָסען, דאַן האָב איך אָנגעהויבען שרייען: פאַר וואָס האָסטו מיר צוגענומען מיין פרוי. וואָס איך האָב אויסגעוועהלט דיר צו דינען? פאַר וואָס ווערען נור דיינע קינדער געשטראָפט און דיינע שונאים געשוינט? קאָנסטו דען נישט נעהמען דאָס שעפעלע ביים רייכען; צי מוזסטו עס דוקא ביים אָרעמען אַוועקנעהמען, ביי וועמען עס איז זיין איינציגעס פערמעגען געוועזען? ווילסטו מיך ווידער צו אַ נסיון ברענגען, איך זאָל דוקא זינדיגען? ווילסטו מיך ווידער אין די הענד פון די רשעים איבערענטפערן, נאָך דעם, ווי איך האָב מיט אַזוי פיעל מיה און מאַטערניש מיין נשמה פון דיין צאָרן געראַטעוועט? און דאַמאָלס, כדי מיין וועהטאָג צו דערטרינקען בין איך צו די אויסגעלאַסענע טעכטער געגאַנגען. אוי משה, מעגסט עס וויסען, איך בין צו די אויסגעלאַסענע טעכטער געגאַנגען. איך זאָג עס דיר, נישט כדי דו זאָלסט אויך צו די אויסגעלאַסענע טעכטער געהן, טהו, ווי דו פערשטעהסט. אָבער איך, דיין פאָטער, עזרא, האָב זיך צו די אויסגעלאַסענע טעכטער אַוועקגעלאָזען און אָראָבשטייגענדיג האָב איך אָנגעהויבען גאָט צו לעסטערן: דו, גאָט, ביסט שולדיג אין דעם, וואָס איך געה מיין וועהטאָג ביי די אויסגעלאַסענע טעכטער דערטרינקען: פאַר וואָס האָסטו מיר מיין לאה'ן צוגענומען?

„און יעצט, משה, הער זיך איין אויפמערקזאַם, כדי דו זאָלסט מיך גוט פערשטעהן, וואָס איך רעד — סאַי קריסטליכע, סאַי יודישע, סאַי חמי'שע מיידלעך — אַלע האָב איך איבערגעהאַט. געזוכט האָב איך נישט דאָס, וואָס דאָס האַרץ פאָדערט און האָב אויסגעפונען דאָס, וואָס די געפיהלען פערלאַנגען, דען איך בין געקומען מיין אונגליק דערטרינקען, ווייל איך בין געקומען מיין לאה'ן פערגעסען. און אויסגעפונען האָב איך זיך אַזעלכע, וועלכע איז, ווי אַצעדער פון לבנון געוואַקסען, וועלכע איז בעשאַנקען געוועזען מיט אַלץ, און וואָס עס בעשטעהט די שענהייט פון די פרויען. און איך בין געקומען צום בעשלוס, אז וואָס מעהר זי האָט מיינע געפיהלען בעהערשט, אַלץ קליגער האָב איך מיט איהר רעדען געקאָנט, אַלץ קליגער האָט זי מיט מיר געשפּראָכען, אַלץ פריינדליכער איז זי צו מיר געוואָרען, אַלץ מעהר האָט זי מיין האַרץ געפאַנגען. און איך האָב זיך איבערצייגט, מיין זוהן משה. אז וואָס מעהר זי האָט מיינע געפיהלען געפאַנגען, אַלץ דייטליכער האָב איך דאָס פערברעכען בעגריפען, אַלץ גרינגער איז מיר אויף דער נשמה געוואָרען, אַלץ נעהנטער האָב

איך זיך צו'ם אַלמעכטיגען געפיהלט. משה, ווען דו וואָלסט מיר אַ האַלבען מיליאָן אָנגעבאָטען, וואָלט איך עס אויך נישט פאַר דעם בעוואוסטזיין געמווישט. ניין, איך וואָלט עס נישט גענומען, ווייל דער דאָזיגער בעוואוסטזיין טראָגט איין צוואַנציג פּראָצענט, דרייסיג פּראָצענט, הונדערט פּראָצענט פערדיענסט; און דער פערדיענסט — דאָס זענען די קינדער און קינד'ס־קינדער. מען קאָן זיין אונגליקליך, פערמאָגענדיג אַ האַלבען מיליאָן, ס'איז אָבער אונמעגליך צו זיין אונגליקליך ביי דעם בעוואוסטזיין, אַז די פּיזישע ליבע איז נישט קיין שפּיעל פאַר'ן טייוועל, אויב דער מענש פיהרט זיך נאָר בדרך הישר, ווי גאָט האָט געבאָטען, ווייל אַזוי האָט ער די מענשען בעשאַפען אויס גוף און נשמה איינער פאַר'ן צווייטען.

און איך האָב אַ נדר געטהון זיך צו קלאַפּען אין האַרצען על חטא און שרייען: אָ, גאָט, גאָט, איך האָב דיין פערבאָרגענעם ראַטה דערקאָנט; דו פאַנגסט די חכמים אין דער נעץ פון זייער אייגענער חכמה אַליין, אַזוי אַז ביי טאָג געהען זיי אום אין פינסטערניש און זיי טאַפען מיט די הענד אין מיטען העלען טאָג, אַזוי ווי נאָך האַלבע נאַכט. און דאַן, משה, האָב איך ערשט גענומען זוכען אַ פרוי נאָך אַלע מיינע געפיהלען און איך האָב געפונען שרה'ן, מרדכי'ס טאָכטער פון שענעם אויסזעהן און זי איז דיין מוטער געוואָרען. איך האָב גענומען זי אויספּרובירען, ביז וואַנען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז איהר האַרץ איז אַ ברודער צו מיין האַרץ און אין דער נאַכט פון דער חתונה, מיין זוהן, משה, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז אויך איהר קערפּער איז אַ צווילינג מיט מיין קערפּער; און איך האָב אָבגעגעבען אַ שבח צו גאָט, וועמעס גייסט עס איז נישט צו בעגרייפען, וועמעס אמת'ע חכמה דערקאָנט זיך נאָר אין זיינע מעשים...

רבי עזרא האָט אָבגעווישט דעם שוויס פון שטערן און האָט שווער אַ זיפץ געטהון. מיט אַן־אָראָבגעלאָזטען קאָפּ האָט ער זיך פון משה'ס שטער אַרויסגעגליטשט...

איבערזעצט י. בערנאל

ערנסט געאָרגי.

פּרײלײן מוטער.

(איבערזעצט פון דײטשישען).

(פאָרטזעצונג פון צװײטען בוך).

זײן גוט הארץ פּײניגט איהם יעצט. זײן פאנטאזיע שטעלט איהם יעצט פאָר דאָס מײדעל מיט איהר גאנצע גוטסקײט, װײכקײט און די קװאל פון איהר נשמה, אלס א רעזולטאט פון איהר לאגע. זי האָט א קינד! — זײן קינד! — עס איז צום לאכען! עס איז נישט שלעכט! אָבער אונטער פאָטערגעפיהל האָט ער זיך אבסאָלוט גאָר נישט געקאָנט פאָרשטעלען, גאָר נישט! קלײנע קינדער, שפּיעלעכלעך — — — ער קאָן זײ פון דער פאמיליע און בײ פרײנד, — און זײ זענען איהם שרעקליך געװעזן! שטענדיג שרײען זײ און שטערען! די נארישע פערװײלונג פון פאָטער׳ס מיט זײערע קלײנע קינדער דאָס האָט ער קײנמאָל נישט פערשטאנען! יאָ, די מוטערס האָבען א רעכט אויף די קינדער! אָבער די מענער? יאָ, געװיס, שפּעטער: װען מען קאָן שוין מיט זײ רעדען, װען מען דארף שוין פאַר זײ זאָרגען, דעמאָלט קומט פילײכט פאָטער-געפיהל; אָבער אזוי לאנג װי זײ זענען קלײן??? — און דאָך! עס איז גאנץ אײגענארטיג געװעזן װי איהם האָט אויפגערעגט דער געדאנק, אז אין דער װעלט עקזיסטירט פון איהם א קינד, דאָס הײסט אײנס, פון װעלכען ער װײסט. אָ אונבעקװעם איז דאָס געװעזן! —

און יעצט זאָל ער עס נאָך זעהן! צו װאָס האָט זי איהם װירקליך גערופען? זאָל אויזשען רעכט האָבען, זי ברויכט פילײכט געלד? ער האָט אָבגעזיפצט און זיך אויפגעזעצט. אין דרויסען איז די אײנגאנגס טהיר אויפגעשלאָסען געװאָרען. זײן דיענער איז צוריקגעקומען. צװײ מינוטען שפּעטער האָט ער זיך אָנגעמאָלדען. אויף דעם יונג׳ס געזיכט, װען ער האָט זײן הער אָנגעקוקט, איז געלעגען אן נאאיװע שרעק, פער-װאונדערונג און מיטלײד. אײנגעהאלטען איז ער ענדליך ארויסגעגאנגען פון צימער. אָטעם איז צוגעגאנגען צום שפּיגעל. יעצט האָט ער פראנצען פער-שטאנען. װי א געשפּענסט האָט ער זיך אין שפּיגעל געזעהן, אין גאנצען פערװיסט. נעשװיגר איז ער צום שאנק געגאנגען און ארײנגעגאָסען זיך װײן אין

אַ גלאָז, אָבער דרײַ גלעזער האָט ער געמוזט אויסטרינקען ביז ער האָט ערשט ווידער בלוט אין געזיכט בעקומען. פאַר'ן טואַלעט־טיש האָט ער זיך דעם אַנצוג אין אָרדנונג געבראַכט, צוגעקנעפּעלט דעם אוניפאָרם, גלאַט־פערקעמט די צופלאָסענע האָר און געקיהלט די ברענענדיגע אויגען. — און ווידער האָט ער געקוקט אין שפּיגעל. יעצט איז ער שוין מיט זיך צופריעדען געוועזען. פראַנץ האָט איהם נאָך צוגעהאָלפען ענדיגען זײַן טואַלעט. שטאָלץ אַרויפגעהויבען דעם קאָפּ, אונפערענדערט, האָט ער געאײַלט געשווינד צום קלוב. קײַן פרעמדער האָט נישט געקאָנט דערקענען ווי עס קאָכט אין איהם, ווי זײַנע געדאַנקען שטורמען און ווי עס רײַסט איהם אינווענינ! — אין עס־זאַל, האָט ער שוין דאָרט זײַנע קאַמעראַדען רוהיג און פרעהליך, ווי געוועהנליך בעגריסט! —

צווייטעס קאַפּיטעל.

עס איז געוועזען אַ הײסער זומערדיגער־אָקטאָבער־טאָג. די זון האָט איבער דער שטאָדט געשוועבט און הײסע שטראַהלען געוואָרפען, ווען ראָדעק מיט אָטטאָ זענען פון קלוב אַרויס.

„ווי לאַנג נאָך, דו גליקליכער מענש, און דו וועסט שוין נישט מעהר ברויכען פון דעם פרעסען צו געניסען און מוזען אויס־הערען די נאַרישע שמועסען בײַם טיש! מיר קריכט אויך שוין באַלד פון האַלז אַרויס די באַנאַלע פראַזען פון די הערען עלטסטע מיט דרך ארץ אויסצוהערען און פון איהרע שטומפּיגע קאַצען־וויצען גע־צוואונגען מיטצולאַכען!" — האָט אויזשען געזאָגט זיפצענדיג. קאָנטהאַגען האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: „בײַ דעם אַלעם איז מיר זעהר שווער זיך מיט'ן געוועהר צו שײדען. מיר וואָלט ליעבער געווען, ווען רענאַ וואָלט נאָך איהר פאָטער געהאַט, וועלכער זאָל די ווירטהשאַפט פון זעעבערג בעזאָרגען. איך קאָן מיר נאָך קײַן בילד דערפון אויסמאָלען, ווי איך וועל לאַנדווירט ווערען!" — — „גוט, וואָס דו וועסט ווי אַ הײם־הונגריגער אין די שול פון אייער אַדמיניסטראַטאָר לויפען און בײַ דײַן געוויסענהאַפטיגקײַט נישט פריהער רוהען, ביז דו וועסט איהם זײַן חכמה אויסנאָגען! איך שטעל מיר דאָס אַבסאָלוט נישט אונאַנגענעהם פאָר, דער הער פון דעם פּראַכט־פּאַלעץ זעעבערג צו זײַן, אויף וועלכען עס ליגען ניט קײַנע לאַסטען! און נאָך באַלד אַזאַ גרויס פערמעגען צו אויסנוצונג אונטער דער האַנד

צו האָבען! די שענע רענאַטע איז די גלענצענדסטע פּאַרטיע אין גאַנצען לאַנד געווען, ווי אַ שעיר לעזאזל ברויך איך דיך נישט צו בעדויערן!" „דאָס וויל איך אויך נישט! דערצו איז גאָר קיין גרונד נישט פערהאַן! עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס איך ברענג אין דער הייראַט גאָר נישט אַריין, וואָס איך ווער אַזוי איננאַנצען דער מאַן פון מיין פרוי!" — „דו ברענגסט אַריין מיט דיר די פּערזאָן, אין וועלכע די קאַלטע גרעפין פון זעעבערג האָט זיך מיט האַלז און נאַקען פערליבט — דאָס איז גענוג! נור זיי נישט קיין ענו, אָטטאָ! זיי בעוואוסט און שטאָלץ מיט זיך! יעדענפאַלס פערלאָזסטו דו דאָך אַ בערוף אין וועלכען דו העכסט און וועלכער זאָגט דיר צו די גלענצענדסטע אויסזיכטען! דו ביזט געווען, דערמאָהן זיך, דער ליעבלינג פון אַלע „עלטסטע" און בעזונדער דער פּראָטעזשירטער פון זיין מאַיעסטעט!" — —

נאָכטראַכטענדיג האָבען זיי געטרעטען איבער דעם פּלאַץ — „ווי גוט וואָס איהר וועט דעם ווינטער נישט אין זעעבערג אָבטרויערן! עס איז גאָר נישט איבעל איהם ביי דער ריוויערא און אין פּאַריז צו פערלעבען!" — „דאָס איז רענאַ'ס פערגניגען, אויזשען, איך וואָלט איהם זיכער ליעבער בענוצט, זיך מיט דער לאַנדווירטשאַפט אַביסעל צו בעקענען!" — „יאָ! דו?!" — ראָדעק האָט געלאַכט. ביים עק־גאַס איז ער שטעהן געבליבען. — „אַזוי מיין קינד, דיר איז בעסער צו געהן דורך דער וועטהער גאַס צום „שטאַדט־לאָנדאָן". הימעל, דו ביזט ווידער בלאַס, ווי אַ טוך! נעם די געשיכטע איינפאַך קאַלט בלוט, רוהע און ענערגיע צו דער דאַמע! אין איהר זיך אויפ'ס ניי פערליבען וועסט דו דאָך שוין זיכער נישט; פאַר דעם שיצט דיך רענאַ! זעה, איך בעט דיך, געדענק נור גוט! נו, און דיך זאָל ווידער עפּעס דאָס פּאַטערגעפיהל איבערנעמען?" — קאָנטהאַגען קוקט אונגעדולדיג אויפ'ן באָדען. „לעכערליך, מיר איז קיין זאַך נישט איבלער ווי קליינע יט־קעצעלעך און יונגע הינדטלעך! די ערשטע ווערען איבערהויפּט נור אין בעטראַכט גענומען ווען זיי זענען נייטיג צו דערהאַלטען דעם שטאַם!" — „זעהר קלוג געזאָגט! — האָט איהם אונטער געכאַפּט ראָדעק — „אַזוי ווייט האָב איך דיך טאַקי געוואָלט האָבען, — לאָז דיר נישט צופיעל אָבקנעפּלען! — — „פון דעם איז קיין רעדע נישט!" — אָבער, זיי נישט נאַאיוו, דו! צו וואָס רופט זי דיך? צו וואָס איז זי דאָ? וועלכע געשעפטען קאָן זי דאָ אין דעם פערזונקענעם נעסט האָבען? — די זאָגדערם שיינט מיר, איך האָב מיר דאָס אַזוי איבער־

געלעגט, איז אַ זעהר קלוגע קאָמעדיאַנטין. און דאַריבער זײַ נאָר פאָרזיכטיג, דיפּלאָמאַטיע און נישט קיין צוטרוי, דו! —— ווען זעהען מיר זיך ווידער? אין אָבענד אין דער האַרמאָניע, אין שטאָדט־גאָרטען, אָדער האָסט דו דיענסט?“ —— „ניין, איך בין היינט פרײַ! — „איך מײַן דײַן דיענסט בײַ דער דאַמע רענאַ!“ —— „אַך אַזוי! ניין, מײַן כּלה איז מיט די פּרינצעסין אין דער זומער־רעזידענץ. זײַ קומען ערשט מאָרגען אַהיים!“ — „זעהר גוט! זעהר שען, גראָד היינט! איך קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטען, ווי דער ראַנדעוואו וועט דאָ אָבלויפען. איך וועל דאַריבער נישט געהן אין האַרמאָניע נאָר כ'וועל בײַ מיר אויף דיר וואַרטען. קומסט דו?“ — „אונבעדינגט!“ — „גוט, אַלזאָ בלײַב נישט לאַנג! קורץ און געקניפּט! נור נישט די ריהרענדע־סצענעס, און ענערגיע! סערוואוס, אָטטאָ!“ — „אויף ווידערזעהן בײַ דיר!“ —

די פרײַנד האָבען זיך צעשיידט. ראָדעק האָט נאָכגעקוקט נאָך קאַנטהאַגען, וועלכער האָט זיך, קעגען זײַן געוועהנליכער אַרט, מיט לאַנגזאַמע קליינע טריט צו דער לענג פון דער גאַס געשלעפּט. אויפ'ן נאָהנטען קלויסטער האָט דער זייגער געשלאָגען צוויי. „אַ וועה“ — זאָגט ער — „אָטטאָ קומט צו פריה, ער איז ערשט אויף דרײַ אַ זייגער פרײַנדליך געלאָדען! זאָל איך איהם נאָכלויפען אָדער —— אַך וואָס! ווער ווייס, וואָס גוט איז?“ דער לײַכט שפּראָצענדער ראָדעק האָט דעם קאַמעראַד געלאָזט רוהיג ווײַטער זײַן וועג געהן און אַליין איז ער אַרײַן אין נאָהנטסטען קאַפּע הויז אום דאָרט די צײַטונגען דורכצולייענען. — נישט לאַנג איז קאַנטהאַגען געשטאַנען פאַר'ן האָטעל. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אין איהם גאַנץ אונרוהיג. ער האָט ניט געטראַכט דערפון, אַז אַננאַ האָט איהם אַ בעשטימטע צײַט אָנגעוויזען. נאָר דעם נומער פון איהר צימער האָט ער זיך דערמאַהנט. פירציג, אויפ'ן ערשטען שטאָק, באַלד לינקס פון דער טרעפּ. אויסערליך רוהיג איז ער מיט אַ קורצען מיליטערישען שריט פאַר דעם שווייצער און הויז־דיענער פערבײַגעגאַנגען. ביידע האָבען בעגריסט דעם עלעגאַנט־בעקאַנטען און בעליעבטען אָפיציר מיט טיעפער פערבויגונג, איבעראַשט האָבען זיי איהם נאָכגעקוקט, ווי ער איז שווער און אײַנגעהאַלטען אויף די טרעפּ געגאַנגען און זיך אָבגעשטעלט אויף יעדע טרעפּ, ווי ער וואָלט געמוזט לופט שעפּען.

„אוי, וואוהין וויל דאָס דאָ הערר קאַנטהאַגען געהן? פון זײַן געזעלשאַפט איז דאָך יעצט קיין מענש נישט דאָ אין דעם הויז?“ — „וואַרט נאָר, מאַקס, איך וועל דאָס באַלד געוואָר ווערען!“ — דער שווייצאַר

האָט אַרײַנגעקוקט אין בוך: „אַה? — האָט ער געזאָגט פערוואונדערט — „צו דער פרײַלײַן זאַנדערס, פרוי קאָך — ווײַסט, די מיט דעם שענעם יונגעל! וואָס וויל ער דען דאָרט? — — די קומען מיר עפּעס איבער־געריבען פאָר! די אַלטע מיט'ן אײַנגעשרומפּענעם געזיכט איז דאָך אייגענטליך שוין גאָר צו אַלט פאַר דעם קלײַנעם וואָרם? — נו, און די יונגע, שלאַנקע" — „נו, די איז דאָך פרײַלײַן זאַנדערס" — — „וואָס געהט דאָס מיך אָן!" זאָגט דער אַנדערער גלײַכגילטיג — „וואו איז יאָהאַננע? — „אויף צוועלף, דער פערזיכערונגס יוד איז אָבגערײַזט!" — „איך מוז איהר העלפען!" — „דו און העלפען? שמעקען ווילסט דו!" —

אָטטאָ שטעהט און שטעהט. איהם שלאָגט דער שווײַס אַרויס. אַ שטאַרקע שרעק פאַלט אויף איהם אײַנגאַנצען. ער האָט האַסטיג אָנגעקלאַפּט. איהם דאַרף מען דאָ נישט זעהן. עס הערט זיך אָבער קײַן אַנטוואָרט. — ער קלאַפּט נאָך אַ מאָל, און שוין פיעל שטאַרקער. יעצט האָט זיך דרינען עפּיס בעוועגט. מען שליסט אין שלאָס, די ריגעל ווערט אַוועקגערוקט. די קלונג הויבט זיך אויף. יעצט עפענט זיך די גרויסע האַלבע טהיר און אין העלען זונענשײַן שטעהט אַ שלאַנקעם, שוואַרצגעקלײַדעטעם פרויען־גע־שטאַלט. — זי שפּרינגט צוריק. ער פאַלט דערשלאָגען און דערשראָקען צוזאַמען. ער געהט שנעל אין צימער און פערמאַכט די טהיר אונטער זיך. אין קאָרידאָר זענען מענשען אָנגעקומען.

אויגען אויף אויגען זענען זיי פאַר זיך געשטאַנען. — בלײַ־שווער זענען איהרע פּיס אויפ'ן באָרען געזונקען. בײַדע זענען גלײַך בלאַס געווען, גלײַך אויפגערעגט.

„אַננאַ !?" — שלאָגט ער ענדליך דערשלאָגען אויס. זי האָט אין זיך לעבען בעקומען. פּלוצלונג האָט אַ דינע רויטקײַט אויף איהרע באַקען אַרויס־געשלאָגען און אַ שווידער איז איבער איהר קערפּער דורך. זי איז צוגע־גאַנגען צום טיש און געוויזען מיט דער האַנד אויף אַ שטוהל. ווי איבערגע־געבען אײַנגאַנצען אַ פרעמדען ווילען, לאָזט ער זיך אַראָב אויף אַ שטוהל. די רעכטע האַנד אויף דער גריף פון דער שווערד. אין דער לינקער — דעם הוט. — ווידער אַ שווערע פּויזע. זי פלעכט פעסט צוזאַמען די ווײַסע הענד און זאָגט לאַנגזאַם מיט גרויסער מיה:

(פאָרטזעצונג קומט).

מאַרק טווען.

ס'איז א סכנה צו ליגען אין בעט.

(סקיצע).

— איהר ווילט אויך א פערזיכערונגס־בילעט געגען אומגליקען? — פרעגט מיך דער מאַן, וואָס בייַ קאַסע.

— „ניין“ — האָב איך געענטפערט, טראַכטענדיג אביסעל, — „ניין, דוכט זיך, אז ניט היינט. היינט פאָהר איך א גאַנצען טאָג מיט'ן באַהן. נאָר — וואָרט אַביסעל— מאָרגען פאָהר איך ערגעץ ניט. גיט מיר א בילעט אויף מאָרגען.

דער מאַן האָט מיך אָנגעקוקט ווי צעמישט, דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— נאָר די פערזיכערונג איז דאָך גראָד געגען אומגליקען, און אויב איהר פאָהרט מיט'ן באַהן —

— דאָ האָב איך קיין מורא נישט. א סכנה איז נאָר, אַז מען איז אין דער היים און מען ליגט אין בעט.

איך האָב געהאַט גוט ערפאָרשט דעם גאַנצען ענין. פאַראיאָהרען בין איך אַויס־געפאָהרען צוואַנציג טויזענד מייל, דערהויפּט מיט'ן באַהן, מיט צוויי יאָהר צוריק בין איך אויסגעפאָהרען פינף־און־צוואַנציג טויזענד מייל, א טייל מיט'ן באַהן, א טייל מיט'ן שיף, מיט דריי יאָהר צוריק — אַנ'ערך צעהן טויזענד מייל, אינגאַנצען מיט'ן באַהן. אויב איך זאָל נאָך צורעכנען אלע פערשידענע קליינע נסיעות, וואָלט אויסגעקומען צוזאַמען באַלד זעכציג טויזענד מייל — און דאָס אַלץ אָהן וועלכער ס'איז אומגליקליכער סיבה.
באַעד זעכציג טויזענד מייל — און דאס אלץ אָהן וועלכער ס'איז אומגליקליכער סיבה.

איין צייט פלעג איך שטענדיג טראַכטען ביי זיך אין דערפריה: „מילא, ביז איצט פלעג איך שטענדיג אבקומען גוט, דערפאַר דאַרף מען אָבער בעשטימט רעכענען, אַז היינט וועט זיך טרעפען וואָס עס איז. אָט וועל איך אָבטהון א שפּיצעל און פערסטראָ־כירען זיך“. גאָר ווי אַפטט איך פלעג דאָס טהון, שטענדיג פלעג איך אַריינפאַלען אַון פלעג זיך אַריינלעגען אין אָבענד אין בעט מיט גאַנצע ביינער און ניט האָבענדיג זיך חאָטש אַנ'אָבער אויסגעלונקען. ענדליך האָט מיר דערעסען די פלאָגעריי און איך פלעג:

זיך קויפען בילעטען דורכאויס אויף א חודש. איך פלעג זאגען צו זיך אליין: אז מען קויפט א פעקיל פון דרייסיג שטיק אויף איין מאל, קאן מען דאך אונמעגליך ארייגפאלען מיט אלע!".

גאר איך פלעג האבען א טעות. אינ'ם גאנצען בינטעל איז ניט געווען האטש איין געווינס. טאג־טעגליך פלעג איך לייענען פון באהן־אומגליקען, ווי א נעבעל האבען זיי געלעגערט איבער דער גאנצער ציימונגס־אטמאספערע, נאר אויף מיין חלק איז קיינמאל גארנישט אויסגעפאלען. איך האב געמוזט זיך מודה זיין, אז איך האב אריינגעשטעקט אינ'ם סטראכירונגס־געשעפט א סך געלד און קיין פעולה איז ניט געווען. דא האט זיך דערוועקט מיין השד; איך האב אנגעהויבען זיך ארומצוקוקען נאך עמיצען, וואס זאל האבען געוואונען ביי דער דאזיגער לאטעריע. אמת, איך האב געפונען א סך מענשען, וואס פלעגען אנלעגען אין דעם זייער געלד, נאר קיינעם ניט, וואס ס'זאל האבען פערדיענט אן דעם עסק האטש א סענט, איצט האב איך קיין סטראכירונגס־בילעטען מעהר ניט געקויפט, נאר איך האב אנגעהויבען צו חשבונ'ען און בין געקומען צו א משונהדיגען רעזולטאט: די סכנה איז ניט אין רייזען, נאר אין בלייבען אין דערהיים.

איך האב בעקומען סטאטיסטישע בעריכטען און האב געפונען, צו מיין חידוש, אז גיט קוקענדיג אויף אלע גרויס־געדרוקטע ציימונגס־קעפלעך, וואס פלעגען אנווייזען באהן־אומגליקען, האבען איף דער אמת'ן פערלוירען זייער לעבען דורך באהן־אומגליקען אינ'ם משך פון די לעצטע צוועלף הדשים אפילו ניט קיין דריי הונדערט מענשען. די אירי־אייזענבאהן איז געווען די מורא'דיגסטע אינם גאנצען דין וחשבון. אויף איהר זענען אומגעקומען 46 אדער 26 מענשען — איך געדענק ניט אזוי גוט די צאהל, גאר איך וויס, אז ס'איז געווען אין צווייען אזוי פיעל, ווי אויף יעדע אנדערע ליניע. פאר דערביי האב איך זיך תיכף דערמאהנט, אז די אירי־באהן איז שרעקליך לאנג און האט דעם גרעסטען געשעפטס־פערקעהר אינ'ם גאנצען לאנד; דעריבער איז לייב צו פערשטעהן, פארוואס זי האט נאך אמאל אזוי פיעל טויטע, ווי די אנדערע.

אז איך האב גערעכענט ווייטער, האב איך געפונען, אז צווישען ניו־יארק און טשעסטער פאהרען טעגליך אויף דער אירי־ליניע 8 פערזאנען־צוגען אהין און צוריק, אינאיינעם אלזא זעכצעהן: וועלכע פיהרען דורכשניטליך זעקס־טויזענד פאסאשירען. אין 6 הדשים איז דאס אנ'ערך א מיליאן — אזוי פיעל, וויפיעל ניו־יארק האט איינוואוינער. אלזא — די אירי־באהן הרג'ט פון א מיליאן 13 ביז 23 מענשען אין 6 הדשים. און אין דער איינענער צייט שטארבען פונ'ם מיליאן, וואס וואוינט אין ניו־יארק, 13 טויזענד און זייערע בעטען.

איך האב זיך מורא'דיג דערשראקען. די האר האבען זיך מיר געשטעלט קאפויר. „ווי שרעקליך!" — האב איך אויסגערופען — „ניט דאס פאהרען אין באהן איז א סכנה פאר די מענשען, נאר דאס, וואס זיי האבען צוטרוי צו די טויט־ברענגענדע בעטען. קיינמאל

וועל איך ניט שלאפען מעהר אין א בעטו״.

נאך דעם איבענגדערמאגטען וועט זיך דער לעזער שוין ניט תרוש׳ען, וואס איך האב געגעבען דעם בילעט־פערקויפער אזא ענטפער.

מיט די בעטען, פאר וועלכע איך ציטער, וויל איך ניט פרובען נאך אמאל; איך האב די והותר פון די באהגען.

מיין עצה פאר יעדערן איז: בלייבט אין דערהיים אזוי וועניג, ווי נאר מעגליך; נאר אויב איהר מוזט פארט אמאל בלייבען אין דערהיים, קויפט זיך א בינטעל סטראכי־רונגס־בילעטען און לעגט זיך ניט שלאפען ביינאכט. מען קען גארניט גענוג פארזיכטיג זיין אין דעם.

די מאראל פון דעם דאזיגען אויפזאץ איז, אז מענשען, וואס נעהמען זיך ניט די ארבייט צו טראכטען, זענען איינגאנצען אומגערעכט מיט זייערע בעשולדיגונגען געגען די באהן־פערוואלטונג פון די פעראייניגטע שטאאטען. אויב מיר וועלען בעטראכטען אז א גאנץ יאהר טאג ווי נאכט, דונערן און יאגען דורכ׳ן לאנד מעהר ווי 14 טויזענד צוגען, בעלאדען מיט מענשען, וועמענס לעבען און טויט ס׳איז אין זייער האנד, וועלען מיר זיך חדוש׳ען ניט ווענען דעם, אז זיי ברענגען אום אלע יאהר דריי הונדערט מענשען, נאר, פערקעהרט, ווענען דעם, וואס זיי נעהמען ניט פאר א קרבן דריי־הונדערט מאל דרייאונדערט.

איבערזעצט דורך מ. וו. ד ר ײ ך.

אפאריזמען.

א פרוי מיט אלע מעלות איז א מעהר ערהאבענער טיפ אלס מיט אלע מעלות א מאן און פיעל מעהר זעלטען.

ניטשע.

צי לאנג איז די פרוי געווען שקלאף און טיראן. אט פארוואס די פרוי איז נאך ניט פעהיג צו פריינדשאפט: זי ווייסט נאר ליעבע אליין.

ניטשע.

מיר אלע אין לעבען זענען ווי פערד איינגעשפאנט אין חאמענט און אהלאבליעס. דו הייבסט אן זיך רייסען, ווילסט לעבען פאר זיך, לויט דיין אייגענעם רצון, ברעכסט דעם חאמענט, רייסט די לייצען, די שטריקלעך, נאר דו וועסט ניט ארויס, וועסט זיך איינמאטערן און ערשט דאן וועסטו זיך בערוהיגען. ווען דו וועסט פערגעסען אן דיין רצון און וועסט זיך אונטערגעבען דעם ה ע כ ס ט ע ן ווילען און וועסט פ י ה ר ע ן.

גראף טאלסטאי.

ליטעראַרישע נײַעס.

די ליטעראַרישע ירושה

פון הענריק איבסען.

די טעג איז אַרויס פון דרוק (אײַנצײַטיג אין חריסטיאַניאַ און אין בערלין) פיער גרויסע בענדער פון איבסען'ס שריפטען, וועלכע זענען ביז אַהער נאָך ערגיץ ניט געדרוקט געוואָרען. די אַרויסגעבער האָבען בעקומען אַ ערלויבניש פון איבסען'ס קרובים, צו פערעפענטליכען אַלע מאַנוסקריפּטען, וועלכע געפינען זיך אין אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין חריסטיאַניאַ; די מאַנוסקריפּטען האָט די פרוי פון פערשטאָרבענעם דיכטער איבערגעגעבען דער ביבליאָטעק מיט דער בעדינגונג, זיי זאָלען ניט געדרוקט ווערען, ווײַל זיי זענען ניט בעשטימט פאַר דער ברייטער לעזער־פובליקום. איצט אָבער זענען אויך די, ביז אַהער אונבעקאַנטע ווערק, אָבגעגעבען געוואָרען דער גאַנצער קולטורעלער וועלט, און וועלען העלפען צו ערלערנען דאָס לעבען און שאַפען פון גרויסען דיכטער.

דאָך איז אין די פערעפענטליכטע בענדער נאָך אַלץ ניט אַרײַן די גאַנצע ליטעראַרישע ירושה פון איבסען'ען. אַ טייל איז אויף ווײַטער געבליבען בעהאַלטען אין דער ביבליאָטעק, און די אַנדערע טייל איז פערפאַלען געוואָרען און ביז אַהער האָט זיך נאָך ניט אײַנגעגעבען זי צו געפינען. (נאָך בײַ'ם לעבען פון דיכטער איז דורך אַ ליציטאַציע, פערקויפט געוואָרען אין איטאַליען אַ טייל פון זײַן פערמעגען צוזאַמען מיט די פּאַפּיערען).

די פיער ערשיענענע בענדער זענען זעהר אינטערעסאַנט און שטעלען מיט זיך פאָר אַ אונאָבשאַצבאַרען ווערטה פיר דער וויסענשאַפט און ליטעראַטור. מיר געפינען דאָרט די יוגענד־ווערק פון דיכטער, זײַנע פּאָעזיע, סקיצען, רעדען און פערשיעדענע רײַזע־נאָטיצען.

פון די פערעפענטליכטע בענדער קענען מיר זעהן ווי עס האָט געלעבט און געאַרבייט הענריך איבסען. די בענדער, דאָס איז אַ שפּאַציערגאַנג איבער דעם שאַפונג'ס־ווערקשטאַט פון גרויסען דיכטער. זיי בעקענען אונז מיט זײַן קינסטלערישער מעטאָדע. מיר זעהען פאַר זיך זײַנע דיכטונגען אין זייער ערשטער פאָרם און זייער גאַנצע ווײַטערע ענטוויקלונג. מיר דערוויסען זיך וויפיעל קינסטלערישע מיה האָט דער דיכטער פערשווענדעט אויף יעדע פון זײַנע ווערק איידער ער האָט דאָס אָבגעגעבען צום דרוק.

מאָנאַטען לאַנג פלעגט ער טראָגען אין קאָפּ זײַנע קינסטלערישע פּלענער, איידער ער פלעגט זיי אויפ'ן פּאַפּיער ברענגען און נאָכהער פלעגט ער ניט ווענינגער פון דרײַ מאָל איבעראַרבייטען זײַן יעדע ווערק איידער ער פלעגט עס אָוועקגעבען דעם אַרויסגעבער.

Ред. изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература, Томъ III
Тип. Г. Пимэнтъ Варшава Ул. Остроковская № 4

איינהאלט:

1) ס'איז געשעהן (פון פראנצויזישען), — זש. ראדענבאך.
2) דער ריעז-עגאאיסט (פון ענגלישען), — אסקאר אוואילד.
3) דו וועסט מיך געדענקען (פון דענישען) — הערמאן באנג.
4) אויפ'ן ברעג פון אבגרונד (פון ענגלישען), — ר. קיפלינג.
5) פרייליין מוטער (ראמאן, פון דייטשען), — ע. נעארגי.
6) פיפא ספאנא (ראמאן, פון דייטשען), — ה. מאן.
7) * * * (געדיכט, פון פאלנישען), — נאך סלאוואצקי.
8) די געשיכטע (הומארעסקע), — אנאטאל פראנס.
9) ליטערארישע נייס.

זש. ראדענבאך.

ס'איז געשעהן.

מען דארף נישט בעדויערען קיין משוגעים. אפט פערווירקליכען זיי בלויז זייער רעאליטעט, זייער ווירקליכקייט. זיי ווערען דאס, וואס זיי האבען לאנג געפאנטאזירט און וואס זיי וואלטען אין נארמאלען צושטאנד קיינמאל נישט געווען. זיי זעהען דאס, וואס זיי האבען מיט גרויס מאטירניש לאנג ערווארט. זייערע געדאנקען בעקומען אלעבעדיג געשטאלט. זייערע חלומות ווערען שוין פערווירקליכט. פונקט ווי דאס ערשיינען פון בעהאלטענע געדאנקען, פון פערצויבערטע בענקשאפט.

דער עהרגייציגער זעהט אין קראנקען עקסטאז, ווי עס פער-ווירקליכט זיך זיין גדלות און זיינע שטאלצע פערלאנגען: ער בעזיצט אונ-געהויערע רייכטהימער, בעצווינגט גרויסע קעניגרייכען, אונטערהאנדעלט בלויז מיט געקרוינטע.

דער אמתיר פרומער, בעת ער ווערט צומישט פאַלט אַריין אין אַ צושטאַנד פון מיסטישעם גליק און די רעליגיעזע אידעע רעאַליזירט און דערנעהנטערט איהם צו גאָט און גן־עדן.

דאָס משוגעת רעאַליזירט שטענדיג דעם ציעל, וועלכער רייסט שטענדיג מיט דעם קראַנקענס אַלע געדאַנקען, פיהרט זיי צו ביז צום סוף, צו פולער ענדע. עס ערשיינט, ווי אַ לייטזעליגקייט פון גאָט ווייכע צו מאַכען דאָס צופיעל פערוועדטיגטע און אונזיניגעס לעבען. נאָר דורך משוגעת איז אָפט מעגליך דאָס פערווירקליכונג פון דעם, וואָס דער קראַנקער רעדט אין היץ, זיינע כונות און אויף אַזאַ אופן אַלץ, פון וואָס גאָר בעגר שטעהט דעם מענשענס גייסטיגע לעבען.

דאָס האָב איך זיך פאָלקאָם איבערצייגט נאָך דער מאָדנער געשיכטע, אין וועלכער איך בין צופעליג פערמישט געווען, ווען איך האָב דעם זומער פערבראַכט אויף אַ זומערוואָהנונג, אין קעניגרייך פון בערג און פעלדער, וואָס איך האָב זעהר ליעב געהאַט. אַ אָבגעזונדערטער געגענד. אָבער ביי יעצטיגע צייט לאָזט די נאַטור קיין איין אָרט נישט אַדורך אונבערירט. נאָהנט האָט זיך אַ דאָרף פערשפרייט מיט האָטעלען און פריוואַט־פאַנסיאָנען, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרען סך־הכל פאַריגעס יאָהר, ווען איך האָב אין דעם געגענד שוין געוואָהנט. יעצט זענען די וועגען און שטעגלעך נישט גאַנץ פוסט געוועזען. צייטענווייז האָט מען געקאָנט זעהן שפאַצירענדע פערבייגעהן.

האָב איך איינמאָל אַ יונגע פרוי בעגעגענט, וועלכע איך האָב שוין אַ ביסעל געקאָנט פון מיין ערשטען מאָל קומען אין די בערג. מען האָט זי גערופען מאַדמואַזעל דיאַנזשי. זי איז געווען דאָ אַ געבורטיגע, נאָר געוועהנליך האָט זי אין שטאָדט געוואָהנט. זי האָט אויך ליעב געהאַט די נישט־אָנגערירהטע ערטער, אויף וועלכע ס׳איז נאָך קיין באַהן־שינעס געלעגען, ערטער ווילדע פון אייגענאַרטיגער שענהייט, מיט טייכען און וואַסערפאַלען, מיט פעלזען, וועלכע דערמאָהנען לויט זייער צייכנונג אָן מענשליכע געזיכטער. מיר האָבען זיך אַביסעל פונאַנדערגערעדט. צוזאַמען מיט איהר מוטער האָט זי זיך אָבגעשטעלט אין אַ קליינעם האָטעל פון דאָרף. כמעט יעדען טאָג איז זי געקומען אויף איין און דעם זעלבען אָרט, וואו מיר האָבען זיך טאַקע געטראָפען, איהרע בילדער צו מאָהלען. זי איז געזעסען פאַר׳ן מאָלברעט מיט אַ פּינזעל אין דער האַנד.

— ליעבט איהר מאַהלעריי? האָב איך זי געפרעגט.

— יאָ, און אויסער דעם, איז דאָס אַ מאַטעריעלע שטיצע.

ד׳אַנזשי האָט אַ זיפץ געטהון, עס האָט אויסגעוויזען, אַז אַנ׳אונבעשטימטער טרויער האָט זיך ערוועקט אין איהר, איז באַלד אין גאַנצען פערשוואונדען ווי בלעזלעך, וואָס זענען פערפאַלען געוואָרען אויף דער אויבערפלעכע פון אַ קליינעם פלוס, וועלכע קומען אונבעוואוסט אויף פון טיעפען אָבגרונד. איך האָב זי בעטראַכט, ווי זי האָט זיך עס געענדערט אַביסעל זינט מיין ערשטען מאָהל קומען אַהער! עס איז גענוג צוויי דריי יאָהר, אַז די צאַרטע געזיכטער זאָלען פערוועלקען. קיין גרויסע שענהייט איז זי פריהער אויך נישט געוועזען, נאָר אַ הנ׳ודיגע מיט געלבע האָר און אַ זעלטען איבערפליסענד־דורכזיכטיגער געזיכטס־פאַרב און די הויט מיט אַ פּערלמוטער־גרינליכען אָבשיין, ווי די ווייסקייט פון אַ ליליע, וואָס האָט אויפגעבליהט אין גאָרטען, אָדער פון וועש, וואָס איז צעוואָרפען אויף אַ שמאַראַנד־קאַליזשע. און נאָך איין קלייניגקייט: בלויע זיך איבערוואַרפענדע אָדערלעך אויף די הענד. יעצט איז דאָס אַלץ, ווי פערשוואונדען געוואָרען. אַזוי שנעל! זי איז נאָך קיין דרייסיג יאָהר נישט אַלט געוועזען און האָט געמאַכט דעם איינדריק פון אַנ׳אַלטער מויד. די ווייסע ליליע איז געלב געוואָרען וואו־נישט־וואו ה,אָבען זיך בלויע שאָטענס בעוויזען; די בלויע אָדערלעך האָבען זיך מיט אַ וואָלקענדעל פערצויגען.

בלויז די האָר זענען געבליבען די זעלבע און זענען ענהליך געוועזען מיט זייער בלענדענדען גלאַנץ צו די בלעטער הערבסט־צייט אין וואַלד. איבערגאַנגס פאַנען פון זומערדיגער זון צו די טויטע בלעטער, שפּעט אין הערבסט.

אַ קוואַל ברענענדיג גאָלד, אַ פערשפּעטיגטער גלאַנץ.

גאַנץ אָפט האָב איך זי אין אַלע ווינקעלעך פונ׳ם דאָזיגען וואַלד געזעהן, ווען איך זעלבסט האָב גאַנצע טעג פערברענגט אונטער פרישען שאָטען פון אַלטע בוימער. שטענדיג פאַרן מאַלבערט אויף אַנ׳אויפגעלעגטע באַנק מעהלענדיג אונערמידליך נישט קיין גאַנץ גרויסע פּאָרטרעטען, וועלכע האָבען פערשידענע פּייזאַזשען פון וואַלד פאָרגעשטעלט. אין איינינע סעאַנסען האָט זי אַ פּייזאַזש געמאַכט.

—קוקט נישט; דאָס איז שרעקליך, האָט זי געזאָגט, ווען איך בין אַמאָל צו איהר נאָהנט צוגעגאַנגען, דאָס איז צום פערקויפען. מען מען דאַרף דאָך לעבען! איך האָב נישט די מעגליכקייט זיך איבערצוגעבען דער קונסט.

איך האָב ווירקליך זיך דערוואוסט פון אַ שרעקליכער דראַמע: אַ זעלבסטמאָרד פון איהר פאָטער, ווען זי איז נאָך קיין צוואַנציג יאָהר נישט

אַלט געװען; ער איז געשטאָרבען זײַענדיג פון חובות רואינירט צוליעב נישט געלונגענע ספּעקוליאַציעס, און איבער דעם, װאָס דאָס גרױסע געשעפטס־אונטערנעהמונג, אין דער שפּיץ פון װעלכען דער פערשטאָרבענער איז געשטאַנען, איז שלעכט געגאַנגען. נעהמענדיג זיך דאָס לעבען, האָט ער גערעכענט זיך צו בעפרײַען דערמיט פון טורמע. די מאַדמאַזעל ד׳אַנזשי פערברענגענדיג די יוגענד אין לוקסוס און פערגעניגען איז געבליבען אײַנזאַם מיט איהר אַלטער מוטער, אַ קראַנקע און אונפעהיגע צו אַרבײַטען.

דאַן האָט דאָס יונגע מײדעל גענומען ציהען פּרנסה פון דעם, װאָס זי האָט אַמאָל צוליעב פערגעניגען געלערנט. װינטער האָט זי אין שטאָדט לעקציאָנען געגעבען און זומער האָט זי געמעהלט בילדער אין דעם װאַלד און פאַר דעם געלד האָט זי אויפגעהאַלטען זיך מיט איהר מוטער. זי איז שנעל געעלטערט געװאָרען נאָכ׳ן אונגליק, װעלכעס האָט איהר גאַנצע צוקונפט דערשלאָגען. זי איז געװען שען און גוט ערצויגען, אָבער אָרעם; און נאָך דעם, װי דער פאָטער האָט זיך רואינירט, איז לוי׳ט מײנונג פון די אָרטיגע בורזשואַזיע, דאָס פאַר איהר דער גרעסטער פאָרװאורף געװען, אַ פלעק, װאָס איז שװער אָבצוװײַבען. אַ דאַנק די לעצטע צװײ אורזאַכען האָט קײנער איהר האַנד נישט געבעטען. לאַנג האָט זי, נישט קוקענדיג אויף אַלץ, געהאָפט. אַצונד האָט זי זיך שוין מיאש געװען. אָט פאַר װאָס זי האָט זיך אַזוי געענדערט. און דאָס אַלץ האָבען נאָר די געלבע האָר אױ־געלעבט!

— װי שען אײַערע האָר זענען, האָב איך אײנמאָל זיך בעשלאָסען איהר זאָגען. זײ האָבען װירקליך פאַר מײַנע אױגען געברענט, געגלאַנצט אין שװערען װעהטהיג, װי די זונען־שטראַהלען צװישען די חורבות.

איהר לאַכט פון מיר. איך בין שוין אַן אַלטע פרוי, נאָך ערגער — איך בין אַן אַלטע מויד.

זי האָט די צװײ װערטער „אַלטע מויד" מיט אַ קאַלטע געדריקטע שטימע אויסגעשפּראָכען, מיט אַ שטימע, װי עס זאָגט אַרוים אַ קראַנקער „איך בין פערלוירען".

— ניין, האָב איך איהר געענטפערט, איהר זענט נאָך זעהר יונג; איהר װעט נאָך הײַראַטען.

זי האָט זיך פונאַנדערגעװײנט.

מיר האָבען זיך נאָכהער אָפט בעגעגענט. איך בעקום שטענדיג אַ פערקלעהרטען ערנסטען אויסזעהן פאַר דעם ליבען. זי, זי איז נאָר טרויעריג געװען. אונז האָט אַ נאָהנטע פרײַנדשאַפט פערבונדען. עס אין

געקומען דערצו, אז מיר זענען זעהר אינטים געווארען, איינער האט דעם אנדערען דערצעהלט די פערבאָרגענסטע איבערלעבענבונגען, וואס זענען זאגאר פון זיך זעלבסט בעהאלטען, מיר האבען די לעצטע רוה פון אונזער נשמה געעפענט, וואו יעדער לעבט געוועהנליך איינזאם. אבער כמעט שטענדיג נאך פערשידענע זייטיגע זאכען, זענען מיר ווידער אויף איין און זעלבען הויפט-פונקט ארויפגעקומען, אויף איהר זעלבסט, צו א שמועס וועגען איהר איינזאם פערלוירענעם לעבען, אויף איהרע פאנטאזיען וועגען פאמיליען לעבען, אויף די טרוימען, וואס זענען שוין געשטארבען, נאר האבען זיך נאך אלץ אויפגעהאלטען אין איהר. דאס איז געווארען דער אונפערמיידליכער איינציגער געדאנק, וואס האט זי בעהערשט. פיעל מאל האט זי געמיינט, אז זי עררייכט עס.

עס זענען פארגעקומען זעהונגען, ס'איז געווען כמעט א ליעבע און איינמאל זאגאר שטארקע ליידענשאפט, וועלכע איז דאך צוריק פער-גליווערט געווארען.

האט מען דען התונה אהן גדן? זי האט מיר אלץ דערצעהלט, האט מיר אנגערופען נעמען, אויסגעמאהלט דאס ארט און ערקלערט די פערשידענע אורזאכען, אז מיר זאל גאר קיין צווייפעל נישט זיין.

דאס איז געווען א קאפריז פון איהר אייגענליעבע, וואס איז נאך פערבליבען פון א מאהליגער קאקעטעריע, וואס האט זיך אנגעצונדען פון אמאליגע ערינערונגען. זי האט זיך יעדעס מאל מיט דער ערצעהלונג דורכגענומען. איהר שטימע האט אזש ציטערען אנגעהויבען, די בעווע-גונגען זענען עפטער געווארען, אונרוהיגע, די אויגען קינדערישע און פערנעבעלטע. אליין האט זי זיך פערקוקט אין דער ווייטקייט.

אנפאנגס בין איך נישט געוועזען אויפמערקזאם אויף איהר מארנער האלטונג. נאר אבענדס, בעת זי האט פאר דעם אוועקגעהן צונויפ-געלעגט די לייוונט מיט די פענזלען, האט זי אונערווארטעט געפרעגט:

— דא די טעג האט איהר געזאגט, אז איך וועל הייראטען. איהר ווייסט דען עפעס פון א פאסיגער פארטיי?

זי האט געענדיגט דערמיט, וואס זי האט געטמען רעדען וועגען הייראטען, וועגען יענע, וואס דארפען איהר א פארשלאג מאכען, וועגען דעם, וואס זי האט אליין ערווארטעט און ווער עס וועט באלד צו איהר קומען. זי האט בלויז מיט דעם איינציגען געדאנק געלעבט און איז אזוי צערודערט געוועזן און געציטערט, ווי אין פיעבער, אז מיר האט זיך אויסגעוויזען, ווי ציינענס פון אונרוהיגקייט. א צווייטעס מאל אבענדס, ווען איך האב ע

אין דאָרף בּעגלײט, וואו זי האָט געוואָהנט איז זי אַזוי דורכגעטמען געוואָרען און האָט אָנגעהױבּען רעדען מיט אַזאַ פערדרוס און לײדענשאַפט, וועלכע האָבּען מיר שוין גענוג דײטליך אױסגעוויזען.

— איהר ווײסט ניט, איהר קאָנט נישט פערשטעהן, וואָס איך האָבּ איבּערגעליטען און ווי איך לײד. איהר האָט בּעליעבּטעס געהאַט לויט אײער פערלאַנג. יעצט זעגט איהר פערהײראַטעט. אָבּער לעבּען אַלײן, קײנעם נישט צו הבּאָנע, קײנעם נישט געהערען! איך וואַרט, איך האָבּ שטענדיג געוואַרט און בּין נאָך אַזוי דום ווײטער צו וואַרטען. איך בּין אײנזאַם! דאָס איז שרעקליך. און דאָס איז צו שווער איבּערצוטראָגען, מײן קערפּער קאָן שוין מעהר אײנזאַם נישט בּלײבּען. איך האָבּ זיך זעלבּסט אין שפּיגעל געקושט, מײנענדיג, אַז איך קוש דאָס פרעמדע ליפּען. בּײ נאַכט אין בּעט האָבּ איך דאָס קישען אומאַרמט, זיך פאָרשטעלענדיג, אַז דאָס איז אַלעבּעדיגער קערפּער. איך וועל שטאַרבּען נישט ווײסענדיג דעם ציטער פון קושען, וועלכע דו גיעסט און בּעקומסט אַלײן. און דאָס מויל און די ליפּען זענען פול מיט קושען. זײ שטיקען מיך... איך קוש מײנע הענד, מײנע שולטערן, די בּרוסט מײנע, אַלץ, וואָס איך קאָן נאָר. איך בּעטראַכט זיך. איך קוק אויף דעם אײנזאַמקײט פון מײן קערפּער.

אונגערן האָבּ איך אַבּע...נג פון פערוואונדערונג געמאַכט, ערשטוינט זײענדיג פון דער דרײסטער אָפענהערציגקײט; אָבּער נאָך מאָדנער איז געוועזען די אויסדריקליכע בּעוועגונגען און דאָס פיבּערהאַפטע ציטערניש, וואָס איז איבּער איהר געזיכט הורכגעלאָפען און האָט די בּאַקען פעררויטיגט.

עס איז מיר געוואָרען אונאַנגענעהם און איך האָבּ געוואָלט דאָס געשפּרעך ענדערען.

— ס'אַראַ זעלטענע אָבּענד — האָבּ איך אַ שעפּטשע געטהון און צײגענדיג אויף די סאָסנעס אָן דער זײט פון וואַלד, וואו עס האָט זיך אַטיעסער נעבּעל אויפגעהויבּען. זײ טרוימען און אַרום זײ איז גלײך עס וואָלט זיך ווײרויך געריכערט.

זי האָט מיך אויסגעהערט, האָט ווײטער דאָס זעלבּע געטראַכט און פעטאַנענדיג די ווערטער האָט זי געזאָגט:

— בּערעכענט נאָר, צו וואָס איך בּין דערגאַנגען. איך קוק אויף דער אײנזאַמקײט פון מײן קערפּער.

אין אײניגע טעג אַרום איז מען נאָך מיר געקומען, ווײל זי איז

אונגערווארטעט פון זינען אראב. א נאקעטע איז זי אין וואלד אריין געלאפען. מען האט גערעכענט, אז איך קאן אויף איהר ווירקען זי זאל זיך אנטהון די קליידער און אין דארף צוריקקעהרען, וואו עס וואלט שוין נישט שווער געווען די נויטיגע מיטלען אנצונעהמען. איך האב זיך ערינערט אונזער לעצטען געשפרעך, וואס איז זעהר מאדנע געוועזען. און ערשט יעצט איז זי געגצליך ערמידעט געווארען פונ'ם לאנגער איינזאמקייט.

דאס משוגעת האט ווידער אויפ'ם ניי בעשאפען אויף דער וואך איהרע שייפע חלומען, האט פערווירקליכט פאר איהר דאס, וואס זי האט אליין פערלאנגט. ווי זאל מען זיך עס אנדערש ערקלעהרען, אז א יונגע פרוי, — א שעהמעוודיגע, בעשיידענע און אונשולדיגע, האט איהר קערפער ענטבלויזט; זי האט געגלויבט, אז זי האט התונה געהאט און האט זיך פאר דער ליעבע אויסגעטהון.

ווען איך בין צו איהר צוגעגאנגען האט זי מיר גערעדט, פון דעם: עמיץ איז געקומען און האט מיט איהר געהייראטעט, האט איינגעפונען, אז זי איז שען, האט זי געקושט, געהאלזט און זיך שטארק ענטציקט מיט איהר ברוסט, מיט איהר קערפער, מיט דעם גאנצען קערפער...

די צומישטע פערליערען דעם געדאנק און דעם פערשטאנד פון אנדערע זאכען, כדי זיי זאלען זיך מיט אויסנאהמליכער קראפט איבערגעבען זיך ביז צו פאראקסיזום דאס, וואס האט זיי בעצווינגען.

אָסקאַר אואיילד.

דער ריעז־עגאָיסט.

טאָג־טעגליך, מיטאָגס־צייט, נאָך דעם, ווי עס האָבען זיך געענ־דיגט די למודים אין שול, פלעגען קומען די קינדער צום ריעז אין גאָרטען, אום צו שפּילען זיך דאָרטען.

און גרויס און שען איז געווען דעם ריעזים גאָרטען. געדיכט און ווייך גראָז האָט איהם בעדעקט, און ווי קליינע, שענע שטערענדלעך, האָבען פון 'ס גראָז בלומעלעך אַרויסגעקוקט. צוועלף בוימער האָבען זיך אויף די גרינע בייטען געוואַקסען. אין פרִיהלינג האָבען זיי זיך מיט צאַרטע ראָזעווע בלומען בעפּוצט, און אין הערבסט האָבען זיי זיך מיט פיעלע זאַפטיגע פרוכטען בעהאָנגען. אין נעסטען פאַר זיך האָבען פויגעלעך אין זייערע צווייגען געמאַכט. און פול מיט כשוף איז געווען דאָס זינגען פון די פויגעלעך, אין אַלעם האָבען די קינדערלעך דאַן פערגעסען, און נאָר אוֹנים זינגען פון די פויגעלעך זיך איינגעהאָרכט.

— אָח ווי גוט דאָ איז! — האָבען גערעדט צווישען זיך די קינדער.

איינמאָל איז דער ריעז צוריק אַהיים געקומען. זיעבען יאָהר גאַנצע האָט ער פערבראַכט ביי זיין חבר אַ מענשען־פרעסער. זיעבען יאָהר איז אַ סך צייט, האָבען זיי אוֹנים משך פון די זיעבען יאָהר איבער אַלעם, וואָס געווען זיי האָבען נאָר בעדאַרפט רעדען, געענדיגט זיך אָנגערעדט, — און דער ריעז האָט בעשלאָסען צו זיך אין פּאַלאַץ זיך אומקעהרען. און קומענ־דיג אַהיים האָט ער שוין באַלד דערזעהן די קינדער שפּיעלען זיך ביי איהם אין גאָרטען.

— וואָס טהוט איהר עפּיס דאָ? — האָט אויף זיי דער ריעז אַ געּ־

שריי געטהון, האבען זיך די קינדער דערשראקען, און זענען זיך אהיים געלאפען.

— דער גארטען איז מיינער, מיין אייגענטום, — האט געטענה'ט ווייטער דער ריעז. נאר איך אליין קאן פערברענגען אין גארטען. אלע מוזען עס פערשטעהן.

און מיט א גרויסען פארקאן האט ער דעם גארטען ארומגעצוימט. און א אויפשריפט האט ער אויפ'ן פארקאן געמאכט: „ווער עס וועט אויף דעם אייגענטום-רעכט עובר זיין, דער וועט שטרענג לוי'ן געזעץ בעשטראפט ווערען. א שרעקליכער עגאאיסט איז ער געווען, דער ריעז.

און פון דאמאלס אן האבען די קינדער קיין ארט נישט געהאט, וואו צו שפיעלען זיך. זיי האבען עפעס יא געפרובט איינארדנען זיך אויפ'ן שאסע. נישט לאנג האט דאס אבער געדויערט. צו פיעל שטויב און שטיינער איז דארט געווען. אבלערנענדיג, ארויסגעהענדיג פון שולע, פלעגען זיי זיך זעהר אפט ארומדרעהען ארום דעם הויכען פארקען, און דערמאנענדיג זיך אן דעם וואונדערבארען גארטען, פלעגען זיי זאגען איינער צום אנדערען מיט א טרויעריגער שטימע:

ווי גוט דאמאלס איז אונז געווען!

איז דער פריהלינג געקומען. אלעס ארום און ארום האט זיך מיט פערשיעדענפארביגע בלומען בעדעקט, אלעס ארום און ארום האבען די פויגעלעך מיט זייער זינגען פרעהליך און לעבעדיג געמאכט. נאר אינ'ם גארטען פונ'ם בעזען ריעז האט נאך אלץ דער ווינטער געוועלטיגט.

נישט זעהענדיג מעהר די קינדער אינ'ם גארטען, האבען די פויגעלעך נישט געוואלט אין איהם זינגען.

און די בוימער מיט גרינס צובעדעקען זיך — נישט געוואגט. נאר איינמאל האט זיך עפיס א גוט בלומעלע פונ'ם גראז אין דער הויך אויפגעהויבען. אז עס האט אבער איבערגעלעבט דעם אכזריות'דיגען אויפשריפט אויף דער וואנד, האט זיך עס אראבגעלאזט צוריק אין גראז און איז טיעף איינגעשלאפען. נאר ביים פראסט און ביים שניי האבען אויסגענומען די מעשים טובים פונם' ריעז.

— דער פריהלינג האט דעם גארטען פערלאזט, — האבען זיי מיט פרייד צווישען זיך גערעדט, — דערפאר וועלען מיר דא א גאנץ יאהר פערברענגען.

דער שנע האט מיט א גרויסען ווייסען דעק דאס גראז בעדעקט, און דער פראסט האט מיט זיין זילבערנעם אייז-שנע די בוימער בעפוצט. אויך

דעם צפון-ווינט האָבען זיי פערבעטען צו זיך. איז ער טאַקי באַלד געקומען. איינגעוויקעלט אין וויַיס פוטער, האָט ער אַ גאַנצען טאָג אַרומגעשפּאַציערט אין גאָרטען, אָפּט מאָל אויך אויס׳ן דאַך זיך אַרויפגעהאַפּט, און שטיקער קוימענס פון דאָרטען געוואָרפען.

וואָס פאַר אַ טייַער אָרט דאָ איז — האָט ער זיך געקוויקט, — פאַר וואָס זאָל מען טאַקי דעם האָגעל אויך נישט פערבעטען אַהער?

איז טאַקי דער האָגעל אויך געקומען. טאָג-טעגליך פלעג ער אין אַ משך פון גאַנצע אַכט שעה קלאַפּען אינ׳ם דאַך פונ׳ם פּאַלאַץ און האָט איבערגעבראָכען כמעט אַלע טשערעפּעס אויף איהם; נאָכדעם האָט ער מיט אַ שרעקליכער שנעלקייט אָנגעהויבען צודרעהען זיך איבער דעם גאָרטען. אין גראָהע מלבושים איז ער געווען אָנגעטהון, און אייז איז געווען דער אָטעם זייַנער.

— איך פערשטעה נישט פאַר וואָס האָט עפּיס אַזוי פערשפּעטיגט דער פריהלינג, — האָט געזאָגט דער ריעז עגאָאיסט, זיצענדיג בייַ׳ם פענסטער און קוקענדיג אויף זייַן פערגליווערטען און מיט שנעע בעדעקטען גאָרטען. — איך רעכען אָבער, אַז גאָר גיך וועט דאָס וועטער זיך פערבעסערען.

נאָר נישט דער פריהלינג, נישט דער זומער זענען געקומען. יעדען גאָרטען האָט דער הערבסט גאָלדענע פרוכטען מיט זיך געבראַכט, נאָר דעם ריעז׳ס גאָרטען האָט ער פערפעהלט.

— ער איז צו אַ גרויסער עגאָאיסט — האָט דער הערבסט געזאָגט.

אָט פאַר וואָס עס האָט אין גאָרטען אַ שטענדיגער ווינטער געהערשט, און דער צפון-ווינט, האָגעל און פראָסט האָבען אין איהם זייערע ווילדע טענץ כסדר געטאַנצט.

ויהי היום אין דער פריה, אַז דער ריעז האָט זיך פון שלאָף אויפגעהאַפּט, האָט ער ליגענדיג נאָך אין בעט, דערהערט אַ שענע, צאַרטע מוזיק. „עס חיוּת אויס, אַז די קייזערליכע מוזיקאַנטען געהען עס פערבייַ“, — האָט ער אַ טראַכט געטהון. דאָס איז אָבער גאָר בסך הכל אַ קליין פויגעלע געווען. און אָט דאָס פויגעלע האָט עס זיך אונטער׳ן פענסטער צווונגען. דאָס זינגען זייַנס איז אָבער געווען בייַ׳ם ריעז, ווי די שענסטע מוזיק אין דער וועלט, וואָרום לאַנג לאַנג האָט ער שוין קיין פויגעלעך בייַ זיך אין גאָרטען נישט געהאָרכט. באַלד נאָכדעם האָט דער האָגעל אויפגעהערט אויף דעם דאַך אַרומצושפּרינגען, דאָס געוויין פונ׳ ווינט האָט אויך אויפגעהערט און דער וואונדערבאַרער בלומען-ריח האָט זיך אינ׳ם אָפענעם פענסטער אַרייַנגעריסען.

— ענדליך איז דאָך דער פריהלינג געקומען, — האָט געזאָגט דער ריעז. ער איז פונ'ם בעט אויפגעשטאַנען און אַרויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער.

און וואָס זשע האָט ער דאָרט דערזעהן.

אַ וואונדערבאַר בילד איז פאַר זיינע אויגען געשטאַנען. דורך ניט קיין נאָר גרויסע לאָך זענען די קינדער אינ'ם גאָרטען אַריין און האָבען זיך אויף די צווייגען פון די בוימער אויסגעזעצט. אויף פיעל דער ריעז האָט געזעהן, איז אויף יעדען בוים אַ קינד געזעסען. און מאָמענטאַל האָבען די בוימער אָנגעהויבען בליהען און ליעבליך זייער צווייגען בעוועגט איבער די קינדערס קעפּ — אויף אַזוי פיעל האָבען זיי זיך דערפרעהט, וועהענדיג נאָכאַמאָל ביי זיך די קינדערלעך. פאַר גרויס ענטציקונג האָבען אויך די פויגעלעך אין איין טרעלען גיסען געהאַלטען. אויפגעלעגט האָבען אויך די בלומען אין גראָז געשמייכעלט. אַ כשוף בילד איז דאָס געװען. נאָר אין איין ווינקעלע פונ'ם גאָרטען גאָר אינ'ם ווייטסטען, האָט נאָך אַלץ דער ווינטער געוועלטיגט. דאָס יונגעל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען, איז נאָך צו קליין געוועזן. ער האָט נישט געקאָנט אַרויפקלעטערן אויף די צווייגלעך פון בוימ'ל; מיט אַ ביטער געוויין האָט ער זיך אין אַלע זייטען אַרומגעקוקט. דאָס אָרעמע בוימעלע איז נאָך אַלץ אין שנע געבליבען און אַכזריות'דיג האָט עס דער בעזער קאַלטער ווינט אַהין און אַהער געשאָקעלט.

— קלעטער אַרויף, פיצעלע! — האָט זיך דאָס בוימעלע געבעטען, אָנבויגענדיג צום קינד די צווייגעלעך זיינע. צו קליין איז אָבער נאָך געוועזן דאָס יונגעל.

און פּלוצלונג האָט זיך דאָס האַרץ פונ'ם ריעז מיט ווייכקייט און רחמנות דערפילט.

וואָס פאַר אַ עגאָאיסט איך בין עס געוועזן — האָט ער צו זיך געזאָגט, — איז אַט פאַר וואָס דער ווינטער האָט זיך צו מיר נישט בעוויזען! איך וועל דאָס קינד אויפ'ן שפּיץ פון בוים אַניעדערזיצען, איך וועל דעם פּאַרקען פערניכטען און פון היינט און ווייטער וועט דער גאָרטען מיינער ווערען אַ שפּיעל-אָרט פאַר די קינדער.

און גרויס איז געוועזן ביי איהם דער חרטה געפיהל אויף דעם, וואָס ער האָט ביז יעצט געטהון.

איז ער פון די טרעפּ דאַן אַראָבגעגאַנגען, שטיל האָט ער די טהיר אויפגעעפענט און איז אין גאָרטען אַריינגעגאַנגען. ווי די קינדער האָבען איהם נאָר דערזעהן, זענען זיי זיך אין גרויס שרעק בעהלה צעלאָפען, און

אין גאָרטען האָט זיך ווידער דער ווינטער באַוויזען. נאָר דאָס קליינע יונגעל איז אין גאָרטען געבליבען. ער האָט נישט באַמערקט דעם ריעז, וואָרום פול מיט טרערען זענען די אויגען זיינע געווען. אונבאַמערקט איז דער ריעז צום יונגעל צוגעגאַנגען, ליעבליך האָט ער איהם אויסגעהויבען און האָט איהם אויף דעם בוים אַניעדערגעזעצט. דאָמאָלס האָט זיך דאָס בוימעלע מאָמענטאַל מיט בלומען באַדעקט, און מיט אַ פרעליכען געזאַנג האָבען זיך די פויגעלעך אין גאָרטען אַלאָז געטהון. מיט זיינע הענדטלעך האָט דאָס קינד דעם האַלדז פונים ריעז אַרומגענומען און האָט איהם אַ קוש געטהון. די איבעריגע קינדער, דערזעהענדיג, אַז דער כעס פונים ריעז איז שוין איבערגעגאַנגען, האָבען זיך צוריקגעקעהרט אין גאָרטען, און מיט זיי אינאיינעם האָט זיך אויך דער פריהלינג צוריקגעקעהרט.

— פון היינט אָן געהערט אָט דער גאָרטען צו אייך קינדער! — האָט געזאָגט דער ריעז און האָט צעוואָרפען דעם פּאַרקאַן. און ביי טאָג האָבען געזעהן די מענשען, וואָס זענען געגאַנגען אויפ'ן מאַרק, ווי דער ריעז שפּיעלט זיך מיט די קינדער אין זיין שענעם גאָרטען.

די קינדער האָבען זיך געשפּיעלט אַ גאַנצען טאָג, און אַז עס איז אָנגעקומען דער אָבענד, זענען זיי געקומען געזעגנען זיך מיט'ן ריעז.

— וואו זשע איז אייער קליינער חבר, — האָט ער געפרעגט ביי די קינדער, — וואו איז אָט יענער יונגעל, וועלכען איך האָב געהאָלפען זיך אַניעדערזעצען אויף דעם בוים?

דער ריעז האָט ליעב געקראָגען דאָס קליינע יונגעל מעהר ווי אַלע, דערפאַר, וואָס עס האָט איהם אַ קוש געטהון.

— מיר ווייסען נישט — האָבען געענטפערט די קינדער — ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען.

— זאָגט איהם, ער זאָל קיין מורא נישט האָבען און זאָל מאָרגען ווייטער קומען.

די קינדער האָבען אָבער געענטפערט, אַז זיי ווייסען נישט, וואו ער וואָהנט, אַז פריהער האָבען זיי איהם קיינמאָל נישט באַגעגענט. זעהר טרויעריג איז דעריבער געוואָרען דער ריעז.

יעדען טאָג נאָך די לעקציאָנען זענען די קינדער געקומען שפּיעלען זיך צום ריעז; נישט געזעהן האָט מען נאָר דאָס קליינע יונגעל, וועלכען ער האָט אַזוי ליעב באַקומען.

זעהר ליעב איז זיך באַגאַנגען דער ריעז מיט אַלע קינדער, כסדר

אָבער האָט ער דערמאָהנט און גערעדט וועגען יענעם קליינעם חבר זיינעם.

האָטש נאָך איינמאָל וואָלט איך איהם וועלען זעהן! — האָט ער געזאָגט.

פיעל יאָהרען זענען אוועק; דער ריעז איז געוואָרען אַלט און די כּחות האָבען איהם שוין פערלאָזט. שווער איז איהם שוין געוועזען פערברענגען מיט די קינדער. ער איז נאָר געזעסען אין אַ גרויסען שטוהל און האָט געשעפּט נחת פונ'ם גאָרטען און פון די קינדער.

— אין מיין גאָרטען איז פערהאַן פיעל שענע בלומען, נאָר די די קינדער זענען שענער פון זיי, — האָט געזאָגט דער ריעז.

איינמאָל, ווינטער, האָט דער ריעז אָנטהוענדיג זיך, אַ קוק געטהון אין פענסטער.

דער ווינטער האָט איהם שוין יעצט מעהר נישט געשראָקען; ער האָט דאָך געוואוסט, אַז אין דער צייט שלאָפט אַיין דער פריהלינג און עס רוהען זיך אָב די בלומען.

פלוצלונג האָבען זיך די אויגען זיינע. ברייט אויפגעעפענט פאַר גרויס וואונדער. אינ'ם ווייטען ווינקעל פונ'ם גאָרטען האָט ער דערזעהען. אַ קליין בוימעלע בעדעקט מיט צאַרטע ווייסע בלומען; זיינע גאָלדענע צווייגען זענען געווען בעהאָנגען מיט זילבערנע פּירות; און אונטער דעם בוים איז געשטאַנען אָט יענס קליין יונגעל, וועלכען דער ריעז האָט אַזוי ליעב געקראָגען. דער ריעז האָט זיך דערפרעהט, האָט זיך אַוועקגעטהון אין גאָרטען און איז צוגעלאָפען צום קינד.

נאָר צוקומענדיג נאָהענט צו איהם איז ער אַזש רויטיג געוואָרען פאַר כּעס און האָט אָנגעהויבען צושרייען:

ווער האָט עס געוואַגט דיר צו פערוואונדען?

מיט צוועקעס זענען געווען דורכגעלעכט די הענטלעך פונ'ם קינד; דאָס איינגענע האָט מען אויך אויף די פיסלעך בעמערקט.

— ווער האָט עס דאָס אַכזריות געהאַט אַזוי פיעל וואונדען דיר מאַכען? — האָט געשריען דער ריעז — זאָג מיר, איך וועל מיין גרויסען שווערד נעהמען און איהם אויף שטיקלעך צעשניידען.

— מע בעדאַרף נישט, — האָט געענטפערט דאָס קינד, — דאָס איז וואונדען פון ליעבע.

— ווער ביזט דו? — האָט געפרעגט דער ריעז און פּלוצלונג האָט איהם אַ מין געפיהל פון יראת הרוממות דורכגענומען און איז אויף די קניע פאַר דעם געפאַלען.

און מיט אשמייכעל האט דאס קינד צום ריעז געזאגט:

— א מאל האסט דו מיר ביי זיך אין גארטען געלאזט שפילען זיך; היינט וועסט דו אריינקומען צו מיר אין גארטען, דער נאמען פון וועלכען איז גן עדן.

און די קינדער קומענדיג יענעם טאג אין גארטען, האבען דעם טויטען קערפער פונ׳ם ריעז אונטער דעם בליהענדען בוימעל געפונען.

הערמאן באנג.

אבער דו וועסט מיך געדענקען.

———

אנ'ערצעהלונג וועגען צוריקגעקומענע טוידטע?

אבער איך האב קיינמאל אזעלכע טוידטע נישט געזעהן. און בכלל עקזיסטירען גארנישט אזעלכע רוחות. ווער קאן זיך אומקעהרען און ווער קאן צוריקקומען פון יענער וועלט? טוידטע זעגען טוידט, און דאס וואס אוועק איז אוועק. האמלעט האט קיינמאל נישט געזעהן דעם שאטען פון זיין פאטער, נאר די שרעק פון מאקבעט אליין האט ביי דער זייט פון טיש אויפ'ן באל אוועקגעזעצט דעם גייסט פון דערהרג'עטען.

רוחות, שאטען.

ווער קאן צוריק קומען און ווער קאן זיך אומקעהרען פון יענער וועלט?

מיינער א פריינד האט ארויסגענומען איינמאל ביי נאכט, אין פאריז, אויף א באל, — דעמאלט ווען אלע האבען געטאנצט א וואלס אונטער די קלאנגען פון א שפאנישען ארקעסטער, אנ'ארקעסטער, וועלכער איז געווען געקליידעט אין העל-געלב און רויט, אנ'ארקעסטער, אויף וועלכען דער ויידענשטאף האט געגלאנצט נישט ווייניגער ווי פון די געסט — האט מיין פריינד ארויסגענומען פון אונטער דעם הויכען קראגען א גאל-דען הערצעל, וואס ער האט געטראגען אויפ'ן האלז, אויף א קייטעל. דאס איז געווען בעזעצט מיט טייערע שטיינער. אונטער'ן גלעזעל האט זיך געפונען א ביסעל חייסע אש אדער א ווייסער פראשעק, אזוי פיעל, וויפיעל מיר נעהמען אויף א טעה-לעפעלע פאר אינפלוענציע. — „קוקט", — האט ער געזאגט: „דאס איז די, וועלכע איך האב געליעבט מעהר פון אלעם".

אַ קאָפּ ווייסע שטויב, וואָס איך וואָלט געקאָנט אויף מיין האַנדשוה אויסשיטען און צעשפּריטען עס מיט איין בלאָז צווישען אַלע טאַנצענדע און קיינער, קיינער וואָלט אַפילו דאָס נישט דערשפּירט.

„דאָס איז די, וועלכע איך האָב געליעבט מעהר פון אַלעם".

אַביסעל אַש, אַביסעל ווייסע שטויב.

נ ר מיין פריינד האָט צוגעמאַכט דאָס גאָלדענע, מיט טייערע שטיינער באַפּוצטע הערצעל.

— קיינער ווייסט נישט, — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט, — ווי שטאַרק מיר האָבען געליעבט איינער דעם צווייטען.

שפּיעלט שפּאַנישע מוזיקאַנטען, שפּיעלט פרעהליך און לאַנג. אייער וואַלס איז דאָך אַזוי קורץ און געהט אַזוי געשווינד צו ענדע...

וואָס זאָגט האַמלעט, רעכענענדיג זיך מיט דער גרעסטער מעג־ליכקייט? וואָס איז געבליבען פון גרויסען אַלכּסנדר? אַביסעל שטויב, האָראַציאָ, אַזאַ ביסעל שטויב, וויפיעל עס קאָן אַריינגעהן אין אַ שפּאַלט פון אַנ'אַיימער.

ווער וועט אומקעהרען זיך און ווער וועט צוריקקומען פון יענער וועלט?

און פון דעסטוועגען, צי זענען די טוידטע — טאַקי טוידט? אינגאַנצען טוידט? אויף אַזוי פיעל טוידט, אַז זיי קאָנען נישט, צום ביישפּיעל רופען?

יאָ, צי קאָנען זיי נישט רופען? מיט אַ קלאַפּ, אַ קלאַפּ מיט דער האַנד אין דער טהיר אָדער מיט'ן פינגער, מיט'ן דאַרען, ווי ביי אַ גייער, — מיט אַ פינגער — אין אונזער פענסטער?

מיין אָרעמער ברודער, וועלכער איז נאָר 20 יאָהר אַלט געוואָרען און וועלכער איז שוין לאַנג געשטאָרבען, האָט פונדעסטוועגען געגלויבט, אַז מען האָט איהם גערופען, און ער איז קראַנק געוואָרען, איז גע־שטאָרבען און אַהינגעגאַנגען צו דער, וועלכע האָט איהם גערופען.

דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען די מוטער איז געשטאָרבען. מיר, מיין ברודער און איך, זענען געלעגען יעדער אין זיין צימער, נאָר די טהיר צווישען אונזערע שלאָפצימער איז געווען אָפען. מיר זענען נישט געשלאָפען אין אַ לייזיג הויז. דער טיעפער יוגענד־טרויער האָט געקוקט אויף אונז, ווען מיר זענען געלעגען און נישט געקאָנט איינשלאָפען. איינמאָל האָב איך געהערט, ווי מיין ברודער זיפצט — ער, וועלכער האָט אַזוי זעלטען ווען גערעדט.

דערנאך איז אינגאנצען שטיל געווארען.

— דו שלאפסט אלויץ? — האב איך געפרעגט, שרעקענדיג זיך פאר דער פינסטערניש.

— ניין, — האט ער געענטפערט, — און דו האסט געשלאפען?

— יא.

און מיר זענען ווידער געלעגען און נישט איינגעשלאפען.

נאר פלוצלונג בין איך אויפגעשפרונגען: פון אויסהייניג, אין פענסטער, אין מיין ברודער'ס פענסטער, האט זיך געהערט א קלאפ און דערנאך נאך און נאך — דריי שטארקע פעסטע קלעפ, קלעפ ווי פון א פינגער, פון א דארען פינגער, א הארטען נאקעטען פינגער.

און עס איז ווידער שטיל געווארען און איך האב געציטערט מיט'ן גאנצען קערפער.

און איך האב נישט באלד גערעדט, און ווען איך האב אויסגערעדט, האב איך נאר געזאגט — און איך ווייס נישט פאר וואס איך האב נישט געפרעגט וועגען די קלעפ.

— דו שלאפסט אלויץ?

מיין ברודער האט נאר געענטפערט אזוי ווי פריהער:

— ניין — — און דו ביזט יעצט געשלאפען?

ער האט אויך נישט גערעדט וועגען די קלעפ, וועגען די דריי ק...ג. צי האט ער זיי געהערט? יא, זיי האבען זיך געלאזט הערען. זיי האבען אהי געקלונגען: איינס און איינס און איינס, דריי קלעפ, דריי קלעפ מיט א פינגער, מיט'ן נאגעל.

אלוף האט זיי געהערט, זיי האבען געקלאפט אין זיין פענסטער.

אויף מארגען האט ער געזאגט צו דער אלטער מויד, א געבוירענע אין א ל ס, וועלכע האט איהם אויף דער האנד געטראגען, ווען ער איז א קינד געוועזען.

— מאריא, היינט ביינאכט האט די מאמע מיך גערופען...

און פון דעם טאג איז ער קראנק געווארען, ער, אזא שטילער, מיט איבערגעשראקענע אויגען — און אזוי ווייט, עפים אזוי וואונדערליך ווייט פון אונז אלע איבריגע, ווי ער וואלט געגאנגען צווישען אונז און דאך צווישען אונז נישט געווען, נאר ווייט, ווייט — — ערגעץ וואו דארט.

און אין 6 חדשים ארום (יא, פונקט זעקס חדשים פון יענע קלעפ) האבען מיר איהם בעגלייט אהין, — א'פ'ן בית הקברות, דארט, אין

דער ערד, פֿאַרײַנגעלעגט אין קבר צוזאַמען אין דער רײַהע נעבען דער מוטער, נעבען דער, וועלכע האָט איהם גערופֿען.

אָבער דאָס איז נאַרישקײַטען, אַבערגלױבען, דאָס איז אונמעגליך, דאָס איז געגען דעם אַלעם וואָס איך גלױב טיעף אין מײַן נשמה, און וועגען אַזעלכע זאַכען דאַרף מען נישט דערמאָנען, נישט רעדען און נישט שרײַבען.

צו וואָס זאָל דאָס נוצען? דער וואָס שרײַבט, דאַרף שטאַרקען דעם מענשליכען געדאַנק און נישט צומישען איהם.

טױדטע — זענען טױדט; זײ — זענען נאָר שטױב, אַזױ פֿיעל שטױב, וויפֿיעל עס געהט אַרײַן אין אַ גאָלדען הערצעל, אַזױ פֿיעל שטױב, וויפֿיעל מען קאָן אַרײַנשטופּען אין אַ שאַכטעל. וואָס טױדט, איז טױדט, און טױדטע קאָנען נישט רופֿען.

און זײ קאָנען זיך גאָרנישט באַווײַזען — באַווײַזען זיך אַזױ ווי זײ זענען געגאַנגען און געשטאַנען, באַווײַזען זיך אַזױ ווי זײ זענען געווען בײַ'ם לעבען, באַווײַזען זיך אַזױ ווי זײ וואָלטען יעצט געלעבט?

קומען אום אונז אָנצוקוקען, באַווײַזען זיך אום וועגען זיך צו דערמאָנען.

אָ, וואָס פֿאַר אַ נאַרישקײַט איז דאָס, און ווי קאָן עפּיס וואָס פֿאַר אַ מענש עס זאָל נישט זײַן טראַכטען דערוועגען...

צי קאָן שטױב אָנעהמען אַ געשטאַלט? צי קאָן דען דאָס וואָס איז שױן נישט — זײַן? דער פֿערשטאַנד לאַכט דערפֿון. טױדטע זענען טױדט. און די וואָס מײנען, אַז זײ האָבען זײ געזעהן, האָבען אײנפֿאַך געזעהן דאָס בילד, וואָס זײערע אײגענע געהירן האָבען בעשאַפֿען אונטער דעם אײַנדרוק פֿון אַ קרענק, וואָס זײערע אָנגעשטרענגטע נערווען האָבען בעשאַפֿען: זײ האָבען געהאַט האַלוצינאַציע, זײ האָבען געזעהן אַ פּאָר פֿון די בילדער, וועלכע, ווער ווײס ווי אַזױ, שטײַגען אַרױס פּלוצלונג פֿון דער טיפֿטיגער בלאָטע פֿון אונזער בעוואוסטזײַן, הײבען זיך אױף ווי פֿערפֿלעקטע שוואַמען, און האָבען געזיכטער, ווי די האַלב אָנגעבלאָזענע רױטע וואַסער געשפּענסט...

יאָ, דאָס איז האַלוצינאַציע, נישט אַנדערש, נישט אַנדערש, ווי האַלוצינאַציע.

אָבער די, וועלכע האָבען האַלוצינאַציע דאַרפֿען דאָך געהן צו אַ דאָקטאָר...

אָדער קאָן זײַן בעסער לאָזען דעם דאָקטאָר צו רוה. אין אונזערע

צייטען מוז מען זיין פארזיכטיג מיט'ן דאקטאר. פארהאנדען, אזעלכע זאכען, וועלכע עס איז בעסער צו בעהאלטען פאר זיך. דער, וועלכער עס וואלט אלץ אויסגעזאגט, וואלט כ'ין זיין הויז-דאקטאר געקאנט בעקומען אנ'עצה צו געהן אין א קליניק אדער ערגיץ וואו אנדערש, וואו עס איז נאך ערגער...

... און אזוי אלזא, טוידטע בעוועגען זיך נישט.

ווי קאן שטויב פון א גאלדען הערצעל זיך בעוועגען?

און פונדעסטוועגען — —

יא, זיכער — איך האב שוין דאס געזאגט — איך האב נאך קיינמאל נישט געזעהן קיין שום צוריקגעקומענע טוידטע. דאס בילד, וואס איך האב צוויי מאל געזעהן, דאס בילד פון מיין פערשטארבענעם פריינד, איז געווען פערשטעהט זיך, הילוצינאציע, נישט אנדערש, ווי הילוצינאציע...

נאר עס זענען אבער פונדעסטוועגען פערהאנדען צוויי אומשטענדען, צוויי בעזונדערע אומשטענדען אין דער זאך. ערשטענס: ווען איך האב געזעהן דעם פערשטארבענעם פריינד, אדער ניין, זיין בילד, איז דעמאלט מיין געהירן געזונט, ווי ווייט א מענש קאן א געהירן קאנטראלירען, און בעזונדער זיין אייגען געהירן (וואס איז דאך זיכער שווערער פון אלעם זיין), פאלשטענדיג, אבסאלוט געזונד. און צווייטענס: מיין פריינד האט מיך פריהער נאך געשראקען...

ער האט מיך, ווי זאל איך זאגען, פארבערייט...

נאר עס לוינט זיך נישט אריינצולאזען אין געדאנקען.

איך וועל נאר דערצעהלען, וואס עס האט זיך געטראפען און ווי אזוי דאס האט זיך געטראפען. יא, אט ווי.

איך האב געקענט מיין פריינד א דייטש, פון דער גאנץ פריהער קינדהייט. און איך האב אויך בעטראכט די ליידענשאפט, וואס האט איהם איינמאל אנגענומען, באלד פון ערשטען אויגענבליק.

צו'ם בעדויער האב איך אויך געקענט דאס פרויענצימער, וועלכעס ער האט געליעבט — און איך האב געוואוסט בעסער, ווי נאר איינער, האב געוואוסט זעהר גוט, אז זי איז נישט ווערט געווען זיין שטאלץ...

און פונדעסטוועגען האב איך געשוויגען. איך האב איהם גאר נישט געזאגט. איך האב געשוויגען — אויס זארג פאר איהם, אויס זארג פאר איהר — וואס ווייס איך? קאן זיין איך האב נאר געזארגט פאר זיך אליין. די פון אונזערע האנדלונגען, וועלכע וואלטען געקאנט אויסווייזען,

די אידעלסטע, טרעפט אמאל, אז בעהאלטען זענען זיי די שענדליכסטע, דערשראקענע...

נאר אין דעם טאג, ווען מיין פריינד האט זיך פון אלעם דערוואוסט, איז ער געגאנגען און האט זיך דערשאסען. דאס איז געווען ביי נאכט און ער האט זיך ארייגעלאזט די קויל גלייך אין הארץ, דורך דורך איהר פארטרעט, וועלכעס ער האט אויף זיין ברוסט געטראגען.

אזא ארט ענטשלאסענהייט טרעפט זעלטען. אבער זי, ווי עס ווייזט אויס, טרעפט זיך.

ווען איך האב פון זיין טוידט געהערט האב איך געהאט דאס געפיהל, פונקט ווי איך וואלט איהם דערהרגעט, און (דאס איז נאך שרעקליכער פון אלעם געווען), איך האב זיך נאך דערוואוסט, אז ער איז ווירקליך אוועקגעגאנגען פון אונז מיט א פעס קעגען מיר אין זיין הארץ.

דען פארן טוידט האט ער צו מיר געשריעבען א בריעף. אין דעם בריעף זאגט ער:

„איך געה אוועק דערפאר, וואס צוויי האבען מיך בעטריגען", ווי עס שטעהט דארט: „זי און דו, נאר דו וועסט מיך געדענקען"!

„דו וועסט מיך געדענקען".

ער האט רעכט געהאט. ער האט געהאט רעכט. זיין לעבען און זיין טוידט זענען מיר לאנג נישט ארויס פון געדאנק... נאר די צייט האט זיך גערוקט און זיין בילד איז אבגעריבען געווארען. דען לעבעדיגע מוזען זיך מיט לעבעדיגע בעשעפטיגען.

אונזערע פערשטארבענע פריינד, נו, זייער שאטען זיצט נאר ווי אנארעם מאן אין ווינקעל פון אונזער וועג (דעם וועג, אויף וועלכען מיר געהען נאך ביים לעבען), און ווי אפט ווארפען מיר מיט א פערביי-לויפענדען געדאנק א נדבה אין זייער אויסגעשטרעקטער האנד?

עס זענען אדורכגעגאנגען וואכען, עס זענען אדורכגעגאנגען הדשים, אין וועלכע איך האב מיין פריינד נישט קיין איין געדאנק געשאנקען.

נאר אט... יא, אזוי האט דאס געטראפען, דאס וואס איך האב איהם איינמאל ביינאכט געזעהן... איבריגענס ניין, לאזט איך וועל דערצעהלען פון אנהויב.

נו, ווירקליך דאס האט מיין געהירן נישט גוט געארבייט און איז נישט אין ארדנונג געווען — פונקט דעמאלט ווען ער האט זיך אויסגעוויזען גאנץ געזונד. נאר דא איז יעדענפאלס געהען א ווייטיגער אומשטאנד, וועלכער האט מיך דעמאלט טרויעריג געמאכט, און איך בעקען דאס, וועלכער מאכט

מיך נאך יעצט טרויעריג, ווען איך צווינג זיך צו טראכטען דערוועגען.

איך האב דעם גאנצען אבענד פערברענגט מיט לעזען, און איידער צו געהן שלאפען, האב איך געשפיעלט מיט'ן קליינעם הינטעל פון דער בעל־הבית'טע. איך האב אבגעגעסי'ן נאכט־עסען און האב זיך געפיהלט ביים בעסטען, מיט גאר נישט וועריהרטען גלייכגעוויכט. ווען איך בין איינגעשלאפען, האט דאס קליינע ז'עמפעל, ווי געוועהנליך, אויפ'ן קליינעם טישעל ביי מיין געלעגער געברענט.

און איך האב געשלאפען גאנץ רוהיג, אהן א חלום, זעהר רוהיג.

נאר פלוצלונג האב איך זיך אויפגעהאפט און האב דערשפירט, ווי איינער האט אויפגעמאכט די טהיר און איז אריינגעקומען אין צימער.

איך האב אומגעדרעהט דעם קאפ און געזאגט (גאנץ אונפערזארגט):

— דאס זענט איהר, אנדרעי?

אנדרעי האט מען גערופען דעם דינער און איך האב געמיינט, אז דאס איז ער.

אבער ביי דער טהיר האב איך קיינעם נישט געזעהן און קיינער האט מיר נישט געענטפערט.

און פלוצלונג, — ווייסט גאט, א סעקונדע פריהער האב איך אפילו נישט געטראכט דאס צו טהון — איך האב זיך איבערגעדרעהט אויפ'ן געלעגער, אויפגעהויבען דעם קאפ, און דארט א, אויפ'ן שטוהל, אויף וועלכען איך בין געוועהנליך געזעסען און געלעזען, דארט אין ווינקעל, גלייך קעגענאיבער מיר — איז ער געזעסען, ער, מיין פריינד, וועלכער האט זיך דערשאסען, ער, וועגען וועלכען איך האב שוין נישט געטראכט פון לאנגע וואכען — איז געזעסען ל'עבעדיג:

אין א גרויהען מונדיר, מיט זיין גלאט טרויעריג געזיכט, אונבעוועגליך — ער איז געזעסען אין שטוהל און האט געקוקט אויף די שפיצען פון זיינע אייגענע שיך, ווי ער האט איביג געהאט זיין געוואהנהייט. און איך האב געזאגט הויך, אין דער לופט, אין דער ריכטונג צו איהם:

— דאס זייט איהר, ארנאלד — וואס דארפט איהר?

איך האב זיך נישט געשראקען, איך האב זיך גארנישט געשראקען. נאר איך האב געזעהן, אז ער זיצט דא, האב איך געפרעגט.

איך האב אלץ געקוקט אויף איהם און נישט געפיהלט זויך עטוואס עהנליכעס צו שרעק, ביז ער איז נישט פערשוואונדען.

ער איז פערשוואונדען? ער, ער —

ווירקליך נישט. דאס איז נישט געווען ער. ניין, דערווייל איז נאך

די האַלוצינאַציע נישט פּאַראיבער. דען, האָטש איך בין געווען אין דער בעסטער אָרדנונג, בין איך דאָך וואַהרשיינליך געווען קראַנק... אויפגערעגט, טיעף אין דער נשמה; דאָרט אין דער „בלאָכע", האָט זיך מיין בעזאָוסטזיניגעס לעבען פלוצלונג אויפגערעגט. אַזאַ אַרט אויפרעגונגען קומען פאָר אין אונזער געהירן און מיר וויסען אַפילו נישט דערפון. זיי עקזיסטירען פונדעסטוועגען — און זיין בילד, דאָס בילד פון מיין פריינד, געשאַפען אין מיין פאַנטאַזיע, איז געקומען פון אַזאַ אויפרעגונג. אָ, זיכער, זיכער.

טוידטע — זענען טוידט. אַביסעל שטויב, אַזוי ווייניג, אַז דאָס וואָלט אַמאָל נישט געקאָנט צודעקען מיין גאַנצע האַנד, אַזאַ קאָפּ שטויב קאָן נישט אָננעהמען קיין געשטאַלט, און „ערשיינען" — און קאָן נישט דערמאָנען וועגען זיך...

אָבער פונדעסטוועגען...

עס איז דאָך געווען אַ וויכטיגער אומשטאַנד און דער וויכטיגער אומשטאַנד — — נו, איך האָב שוין געזאָגט, לאָזט מיך דעם גאַנצען אומשטאַנד דערצעהלען!

די פלוצלינגע קראַנקהייט פון מיין געהירן איז גאַנץ זיכער געווען אַנ'אָנשטעקענדע. דאָס איז שוין גאַנץ פעסטגעשטעלט: די ענטצינדונג פון מיין געהירן איז איבערגעגאַנגען צו אַנ'אַנדער געהירן אין דעם הויז, אַזוי אַז דער האָט אויך אויפגעהערט נאָרמאַל צו אַרבייטען און איז קראַנק געוואָרען אין דער זעלבער צייט.

אָט דאָס — אָ...

נאָר ווייטער.

ווען איך בין צו מאָרגענס אַראָבגעגאַנגען אונטען האָט די בעל-הבית'טע מיט מיר גערעדט, האָטש איך האָב קיינעם פון דער וואונדערליכער קראַנקהייט פון נאַכט נישט דערצעהלט (וועגען אַזעלכע זאַכען דאַרף מען נישט רעדען, נישט מיט זיין דאָקטאָר, וועלכער, ווי שוין געזאָגט, קאָן אונז נישט פערשטעהן, און נישט מיט וועלכע עס איז אַנדערע געוועהנליכע מענשען: זיי קאָנען בעקומען אַ גאַנץ איבערגעקעהרטע פאָרשטעלונג וועגען דעם נאָרמאַלען גאַנג פון די זאַכען אויף דער וועלט):

— ווי פיהלט איהר זיך? — האָט מיך געפרעגט מיין בעל-הבית'טע אין דער פריה, ווען איך האָב געטרונקען מיין טעה, — איך האָב זיך אַזוי בעאונרוהיגט וועגען אייך. איך בין נעכטען ביי נאַכט געזעסען און געוואַרט ביז עס וועלען אַוועקגעהן די לעצטע געסט; איך בין געזעסען אין קליינעם עס-צימער און האָב געלעזען.

— נאָר פּלוצלונג האָט, איך ווייס נישט פאַר וואָס — אָנגעהויבען מיר עפּיס נישט גוט צו ווערען, איך האָב אויפגעלעגט דאָס בוך און געטראַכט:

„געה בעסער אַריין אין זאַל צו די געסט. דעמאָלט, קאָן זיין, וועלען זיי פּיעללייכט אַוועקגעהן און דו וועסט קאָנען געהן שלאָפען”...

— פּלוצלונג האָט זיך אין הויז דערהערט אַ גערויש, אַ ווינד איז דורכגעגאַנגען אין גאַנצען הויז, און אַלע טהירען האָבען זיך געעפענט.

— און „וויפּס”, — ווי דאָס איז נישט אונאַנגענעהם געווען, איז אַרויסגעשפּרונגען פון איהר קויש און אָנגעהויבען מיאַקעצען... זי איז געשטאַנען פאַר מיר גלייך און געמיאַקעצט, ווי אין הויז וואָלט געווען אַ טוידטער...

(„אַ טוידטער אין הויז”, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין און די האָר האָבען געשטאָכען די הויט אויף מיין קאָפּ, גלייך ווי אייז-נאָדלען).

— מיר איז איינגאַנצען קאַלט געוואָרען, — האָט געזאָגט מיין בעל-הבית'טע (און עס האָט אויסגעוויזען, אַז איהר איז נאָך יעצט קאַלט), האָטש איך בין נישט קיין אַבערגלויבישע... איך האָב מיר געטראַכט, אַז דאָס איז זעהר וואונדערליך — און בין אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן הויף, אום צו זעהן, צי האָט זיך טאַקי אַזוי פּלוצלונג אויפגעהויבען אַזאַ שטאַרקער ווינד. אָבער עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז עס איז איינגאַנצען שטיל געווען. נישט דאָס קלענסטע ווינדטעל.

— דאָ האָב איך מיר [illegible]:

„ווייסט גאָט, פּיעללייכט איז איינע פון די איינוואָהנער קראַנק געוואָרען...”

— איך בין אַרויף אויף די טרעפּען און מיר האָבען די קניען געציטערט, און געציטערט, — און איך האָב געהאָרכט צו אייער טהיר. אָבער ביי אייך איז אַליץ שטיל געווען, איך בין ווידער אַראָב אונטען, איז מיר אַביסעל פרעהליכער געוואָרען... — דאָס אַליץ איז דאָך זיכער נאַרישקייטען... (און זי האָט פּראָבירט לאַכען), אַמאָל טרעפט זיך, אַזעלכע געדאַנקען קומען ביי נאַכט אין קאָפּ... — האָט געזאָגט מיין בעל-הבית'טע. איך האָב נאָר געפרעגט:

— אונגעפעהר אין וועלכער צייט זענט איהר צוגעגאַנגען צו מיין טהיר?

— עס איז פּונקט געווען 40 מינוט אויף איינס, — האָט זי געזאָגט, — איך האָב געזעהן אויפ'ן זייגער אין עס-צימער, ווען איך בין אַראָבגעקומען אונטען.

40 מינוט אויף איינס. אין דעם אויגענבליק, פּונקט אין דעם אויגענ־בליק, האָב איך אים געזעהן, מיין פריינד, דעם טױדטען — אָדער ניין, ניין, זיין בילד... איך האָב אויך געקוקט אויפ'ן זייגער: פּונקט 20 מינוט צו איינס..

דאָס איז געווען וואונדערליך, זעהר וואונדערבאַר, דאָס איז נישט לייכט צו ערקלעהרען אָדער מען קאָן דאָס אינגאַנצען נישט ערקלעהרען...

נאָר ווען מען קאָן עפּיס אַ זאַך נישט ערקלעהרען, הייסט דאָס נאָך נישט, אַז זי דאַרף אונז שרעקען.

און דערביי איז די גאַנצע זאַך בכלל, אַזוי לעכערליך; ווען ער האָט ווירקליך געוואָלט מיך אָן אים „דערמאָנען", נאָך וואָס האָט ער געמוזט דאָס טהון פּינקט אין דעם טאָג, ווען איך בין אַזוי צופריעדען, אַזוי רוהיג געווען — צי האָט ער דען טאַקי געמיינט נאָר צו צו־שטערען מיין רוהה?

קאָן זיין. אויב ער איז ווירקליך געקומען, איז ער נישט צום גוטען געקומען. דאָס וואָס ער האָט געשריבען איז דאָך געווען צו שרעקען. איך האָב דאָס זעהר גוט פערשטאַנען דעמאָלט, ווען ער האָט מיך גע־שראָקען.

נאָר, ווען איך זאָל זיך פּערטיפען אין דער געשיכטע וועט עס זיך ענדיגען, דערמיט, אַז איך וועל אָנהויבען צו גלויבען דאַרין —, אַז איך וועל גלויבען אין רוחות, דאָס איך —

פונדעסטוועגען איז דאָך וואָהר, אַז איך בין קיינמאָל נישט אַזוי רוהיג געווען אין גאַנצען לעבען, ווי דעמאָלט, ווען איך האָב אים געזעהן צום ערשטען מאָל... און ווען איך האָב אים צום צווייטען מאָל געזעהן.

איך האָב דאָך אים נאָך אַ צווייטעס מאָל געזעהן.

צוויי מאָל האָב איך אים געזעהן. און דאָס איז דאָך די גאַנצע זאַך, וואָס... ניין, ניין, מען דאַרף זיך נישט צולאָזען געדאַנקען. לאָזט מיך, אום גאָטעס ווילען, אַלץ כסדר דערצעהלען.

און אַזוי, איך האָב אים צום צווייטען מאָל געזעהן.

איך מיין: זיין בילד.

דאָס איז געווען אין פּאַריז.

איך בין אַהיים געגאַנגען פון אַ גרויסען באַל.

איינער אַ בעקאַנטער האָט מיך אָבגעפיהרט אַהיים מיט זיין עקיפּאַזש. מיר זענען זעהר אויפגערוימט געווען און גערעדט פון די אונשולדיגסטע

זאַכען אויף גאַט׳ס וועלטיל. און מען מוז צוגעבען, אַז מיר האָבען גאָר נישט געהאַט געטרונקען. אויף אַ פּאַריזער באַל קאָן מען פון געטרענקען גאָר נישט בעקומען. דאָס איז איבריגענס יעדען בעוואוסט. אויף די פּאַריזער ימים־טובים׳לעך הייסט עס, ווער עס וויל עפּיס טרינקען, מוז זיך שטויסען אַרום דעם בופעט און אין דעם געשטויסעריי קאָן ער קוים בעקומען אַ גלאָז משקה.

מיין בעקאַנטער איז אַרויס פון עקיפּאַזש, און מיר האָבען נאָך אַביסעל געפּלוידערט, שטעהענדיג אויפ׳ן טראָטואַר פאַר מיין הויז. מיר האָבען גערעדט, — איבריגענס, איך געדענק שוין נישט וועגען וואָס מיר האָבען גערעדט...

דערנאָך האָב איך אָנגעקלונגען צום שווייצאַר, די פאָרטעריר האָט זיך געעפענט, און איך בין אַריין אין פאָדער הויז, זינגענדיג, — איך געדענק גוט, איך האָב געזונגען דעם וואַלס. איך בין מיר אַריין אין מיין גאַסטצימער אַראָבגעוואָרפען פון זיך דעם מאַנטעל, און נאָך אַלץ געטראַכט וועגען איהם, וועגען מיין בעקאַנטען און וועגען זיינע פערד — און דאָ האָב איך זיך אומגעדרעהט — און דאָרט, אָ, אין ווינקעל, אין שטוהל, מיט׳ן געזיכט גלייך צו מיר, איז ער געזעסען — ער מיין דייטשער־פריינד, מיין געשטאָרבענער פריינד, דער, וועלכער האָט זיך דערשאָסען...

אין זיין מונדיר, אויסגלאָצענדיג די אויגען אויף מיר... גלייך אויף מיין געזיכט.

יאָ, יעצט האָט ער זיי אַזוי פגעהו בען פון די שפּיצען פון זיינע שיך...

און אָהן שרעק, אָהן פערוואונדערונג — גלייך ווי זיין בילד וואָלט פאַר מיר געווען עפּיס, אויף וואָס איך האָב געוואַרט, האָב איך געזאָגט:

— דאָס זייט איהר, אַרנאָלד? וואָס פערלאַנגט איהר?

ער האָט זיך נישט גערירט, ווען איך האָב געהערט דאָס גערויש פון דעם אָבפאָהרענדען בעקאַנטען אין דרויסען אויף דער גאַס (איך האָב דאָס קלאָר געהערט), איך האָב אַלץ געקוקט אויף איהם ביז ער איז פערשוואונדען.

ניין, ניין, ביז, הייסט עס, זיין בילד איז פערשוואונדען. האָטש די אויגען, וועלכע האָבען געקוקט אויף מיר, גלייך אויף מיין געזיכט — איך קאָן שווערען, — האָבען געלעבט, נישט ווי מיין לעבען, נאָר אַנאַנדער לעבען, וועלכעס איז שטאַרקער געווען פון דעם לעבען פון מיינע אויגען — ווי האָבען געלעבט...

יא, אויף דעם קאן איך געבען מיין ערען-ווארט און איך בין בערייט צו שטארבען...

... איך ווייס נישט צי איז פיעל צייט אוועק, אדער צי איז בכלל עפּיס צייט פאראיבער, ווי איך האב פלוצלונג א ציטער געטהון, מען האט געקלאפּט אין מיינע לאדען.

ווער איז דארט?

איך האב געעפענט — איך מוז מודה זיין, מיינע הענד האבען געציטערט, ווען איך האב דאס געטהון — און איך האב דערזעהן פאר'ן פענסטער דאס געזיכט פון מיין פאריזער בעקאנטען.

— איהר זייט נישט קראנק? — האט ער אריינגעשריען אין פענסטער.

— ניין, אינגאנצען נישט, פאר וואס? — האב איך געענטפערט, רעדענדיג זעהר רוהיג.

(ווי איך האב שוין דריי מאל געזאגט: דארף מען פאר קיינעם אזעלכע זאכען נישט ענטדעקען, און יעדען פאלס נישט פאר איגענע פריינד. אזא פריינד וועט קוקען מיט מיטגעפיהל, ווען דו וועסט איהם דערצעהלען, און ווען ער וועט אראבגעהן פון די טרעפּען וועט ער צו זיך אליין זאגען: אט יעצט הייבט זיך דאס אן. אוי דער אונגליקליכער, איך האב דאך שוין דאס לאנג געוואוסט, אז עס וועט אזוי זיין")

— א, — האט געזאגט מיין בעקאנטער אונטערן פענסטער, — הייסט דאס, אז עס איז נאר געווען א נארישער געדאנק... פלוצלונג, זיצענדיג אין עקיפּאזש, האב איך צו זיך אליין געזאגט, איהר מוזט זיכער זיין קראנק, — — — און האב געהייסען דעם שמייסער אומקעהרען.

— נו, גאט זיי דאנק; א גוטע נאכט.

און ער איז ווידער ארויף אויפ'ן עקיפּאזש און איז אוועקגעפאהרען...

און אזוי די קראנקהייט פון מיין געהירן איז געווען אן אנשטעקענדע: זי האט אנגעשטעקט, האט אנגעשטעקט, ווי אין ערשטען מאל, אנגעשטעקט דעם פערהעלטניסמעסיג פרעמדען מענש, וועלכער איז זיך גלייכגילטיג געזעסען אין זיין וועגעלע.

יא, דאס איז איינענטליך וואונדערבאר.

אבער פאר וואס זאל דען די פלוצלינגע קראנקהייט פון געהירן נישט זיין אנשטעקיג? דאס איז דאך גאנץ נאטירליך. דאס איבערגעבען געדאנקען (קראנקע געדאנקען) איז אזוי גוט ווי יעדע אנדערע קראנקהייט.

א קראנקהייט — נאר א קראנקהייט, וועלכע איז אנשטעקענדיג.

אבער פונדעסטוועגען פאר וואס זאל איך זיך נישט מודה זיין אין דעם,

אין דער צייט ווען איך האָב פון אַלעם אנדערען גערעדט? יאָ, איך אָב מיר אַליין געזאָגט: ווען ער וועט זיך וועגען מיר נאָך צו׳ם דריטען מאָל דערמאָנען—צי וועט דאָס ניִשט זיין. צי וועט דאָס ניִשט זיין דאריבער ווייל ער וויל מיך ענדליך דערמאָנען,

און דאָס דריטע מאָל וועט זיין דאָס לעצטע מאָל.

קאָן זיין, ער וועט צו׳ם לעצטען מאָל מיך רופען, וועט ווינקען מיט דער האַנד (זיין האַנד איז שטענדיג געוועזן ווייס, אויך דעמאָלט ווען ער האָט געלעבט איז זי געוועזן ווייס) און ער וועט רופען?

און איך וועל איהם נאָכגעהן און וועל געהן מיט איהם, וועל אוועק-געהן מיט איהם ווייט-וועל אוועקגעהן, ווי מיין ברודער איז אוועקגעגאנגען.

אויפ'ן ברעג פון אבגרונד.

אַמאָל איז געווען אַמאַן, אַ ווײַב און טערצים קויד.

אַלע דרײַ זענען געווען ניט איבעריג קלוג, אָבער די נאַרישסטע פון אַלע איז געווען דאָס ווײַב. דער מאַן האָט געדאַרפט אַכטונג געבען אויף זײַן פרוי, און די פרוי האָט זיך געדאַרפט אויסהיטען פון טערצים קויד'ן; און דער לעצטער ווידער האָט געדאַרפט נעהמען אַ זאַויגענע ווײַב — איבערהויפט נאָך דעם אָרענטליכען און אָפענעם פליכט, וואָס ער ער פלעגט פיהרען אויפ'ן שפאַציר אין די געגענדען פון זשאַקאַ און דער אָבסער-וואַטאָריען בארג.

אַז איהר זעהט אַ יונגען מאַן, ווי ער פליהט ריטענדיג אויף אַ פערד בארגאַרויף, דאָס היטעל פעררוקט אַהינטער, מיט דער שנעלקײַט, 15 מײַל אין אַ שעה און איהר ווייסט, אַז דאָס הײַלט ער זיך צו בע-געגענען מיט אַ מעדעל און איבערראַשען איהר מיט דער אונערוואַרטעטער בעגעגעניש, געפעהלט אײַך, נאַטירליך, אַזאַ מעשה; איהר ווינשט איהם אַ גוטע שטעלע, אינטערעסירט זיך מיט זײַן מאַטעריעלער לאַגע און אַז קומט די געהעריגע צײַט, שיקט איהר איהם אַ מתנה אַ צוועגגעל צו אַ צוקער-פושקע אָדער אַ פרויען-זאָטעל — ווי גאָט האָט אײַך געהאָלפען.

טערציום קויד איז אויך געפלויגען בארג אַראָב פײַל אויסען בויגען, כדי צו בעגעגענען דעם מאַנ'ס פרוי. מיט'ן זעלבען ציעל פלעגט ער פליהען אַמאָל אויך בארג אַרויף. דער מאַן איז געווען אין אַ מאָל און האָט דאָרט פערדיענט געלד, כדי דאָס ווײַב זאָל האָבען וואָס אויסצוגעבען אויף קליידער, בראַסלעטען צו פיער הונדערט רופי אַ שטיק און אַנדערע קלייניגקײַטען. ער האָט געאַרבײַט זעהר פלײַסיג און פלעגט איהר טאָג-טעגליך שרײַבען אַ בריעף אַמאָל אָפענעם אָדער אַ פערמאַכטען. זי פלעגט איהם אויך שרײַבען טאָג אין טאָג און פלעגט זיך קלאָגען, אַז זי בענקט זעהר נאָך איהם און פערלאַנגט, ער זאָל קומען קײַן סימלע. טערציום קויד פלעגט שטעהן געוועהנליך איבערגעבויגען איבער איהר אַקסעל,

פלעגט אריינקוקען אין בריעף, וואס זי פלעגט שרייבען, און פלעגט לאכען. דערנאך פלעגען זיי זיך צוזאמען צוקלאָזען רייטענדיג אויף דער פאסט.

מען דארף בעמערקען, אַז סימלע איז אַמערקווירדיג אָרט, און אין איהרע מנהגים — זענען אויסערגעוועהנליכע. און אויב איהר האָט דאָרטען פערבראכט וועניגער פון צעהן סעזאָנען, וועט איהר נאָך קיינמאָל ניט וויסען, וואו איהר זענט אין דער וועלט מיט אייערע בעגריפען — די אויסערליכקייט קאָן אייך גאנץ לייכט אריינפיהרען אין אַ טעות. צוליעב דער און נאָך איינינע סבות, איז אונמעגליך צו דערגעהן, צי איז טאקע געווען עפּעס מיט אַנ'אמת שלעכטעס אין די בעציהונגען פון טערציום קוויד און דעם מאנ'ס ווייב. אויב עס איז עפּעס געוועזען — טראַכט, ווי איהר ווילט, — איז זי איינע געווען שולדיג. זי האָט געהאַט געצעשע גאַנגען מיט אַנ'אויסזעהן פון דער שטילסטער אונשולדיגקייט. אָבער זי איז געווען שדי'ש ערפאַהרען און איז שוין געוועסט דורכגעגאַנגען פייער און וואַסער; און אַז עס פלעגט זיך אַמאָל מאַכען, זי פלעגט אַראָבוואַרפען פון זיך די מאַסקע, פלעגען זיך די מאַנסבילען דערשרעקען פאַר איהר און — כמעט וואָס זיי פלעגען איהר פערלאָזען. די מאַנסבילען האָבען אָפטמאָל ליעב אויסצוקלייבען, און די וואָס קלייבען אַם וועניגסטען שטעלען שטענדיג די גרעסטע פאָדערונגען.

סימלע איז זעהר היציג אין איהרע בעציהונגען צו פריינדשאַפט, מיט געוויסע בעציהונגען, וואָס האָבען זיך איינגעשטעלט און זענען קלאָר געוואָרען אין אַ משך פון אַ האַלבע טוץ סעזאָנען, רעכענט מען זיך, ווי מיט אַ חתונה. איז אָבער פאַרהאַן אַנ'אַנדער סאָרט בעציהונגען, וואָס זענען אפשר ניט יונגער פון די פריהערדיגע און ניט וועניגער עהרען-וואָרט וואָס זי איז קיינמאָל ניט בעשערט אַנערקענט צו ווערען אַלס געזעצליכע; אויך טרעפט זיך אַמאָל, אַז אַ בעקאַנטשאַפט, וואָס ציהט זיך ניט מעהר ווי אַ צוויי מאָנאַטען, פערנעהמט דעם אָרט, וואָס דאַרף אייגענטליך געהערען פאַר „עלטערע". דאָס געזעץ, וואָס ווירקט אויף די אַלע מערקווירדיגע ערשיינונגען, לאָזט זיך ניט בעגרייפען אַזוי לייכט.

עס גיעבען מענשען, וואָס האָבען שוין אַזאַ מזל, אַז אַלע בעציהען זיך צו זיי טאָלעראַנט. אַנדערע ווידער האָבען פונקט אַ פערקעהרטען מזל. דעם מאַנס, פון וועלכע מיר דערצעהלען, האָט דעם מזל ניט געהאַט. אויב זי האָט למשל, אַרויסגעקוקט איבער'ן פאַרקאַן, פלעגען איהר די פרויען בעשולדיגען, אַז זי גנב'עט אויס ביי זיי זייערע מאַנען. זי פלעגט זיך שטענדיג בעקלאָגען, אַז מען ערלויבט איהר ניט אויסצוקלייבען זיך

פרײַנד, ווי זי וואָלט וועלען. אַז זי פלעגט רעדען וועגען דעם און פלעגט דערבײַ צודרוקען צו די ליפּען איהר ווײַסע מופּטע און פלעגט וואַרפען אויף אַ׳ייך בליקען פון אונטער די אַראָבגעלאָזענע ברעמען, האָט איהר ניט ווילענדיג געפיהלט, אַז מען האָט איהר אָהן אַ שום גרונד בעלײדיגט און בעשמוצט און אַז די איבעריגע פרויען בעגעהען אַ פערברעכען קעגען איהר... מען פלעגט אָפט שטערען איהר רוהיג לעבען מיט טערציום קוידן. אָבער זי איז שוין אַזוי מערקווירדיג בעשאַפען געוואָרען, אַז אויב מען וואָלט איהר ניט געשטערט, וואָלט זי פון איהם קיין הנאה געהאַט. איהר פלעגט געפעלען זיין, אַז די מינדעסטע קלייניגקייט פון איהר אַלטעגליכען לעבען זאָל אַרויסרופען וואָס מעהרער רעדענישען און אינטריגעס.

נאָך די לאַנגע אומפאָהרענישען דורך גאַנצע צוויי מאָנאַטען איבער פערשיעדענע וועגען — די ערשטע צייט אַרום זשאַקאָ, דערנאָך אַרום דעם זימערדיגען באַרג, פאַרבײַ דער אָבסערוואַטאָריום, און אַם ענדע איבערין שאָסע אַרויף און אַראָב ביז טאַראַדעווי — האָט זי איינמאָל זיך אָבגערופען צו טערציום־קוידן:

— פראַנק, מענשען רעדען, אַז מיר פערברענגען צוזאַמען צופיעל צייט; די מענשען זענען אַזוי גראָב.

טערציום־קויד האָט אַדרעה געטהון זיינע וואָנסעס און האָט בעמערקט, אַז גראָבע מענשען זענען ניט ווערט צו רעדען וועגען אויסגעבילדעטע.

— זיי האָבען זיך אָבער ניט בעגרענעצט מיט בלויזע רעדענישען — זיי האָבען געשריבען צו איהם — איך בין זיכער, אַז זיי האָבען געשריבען — האָט געזאָגט דעם מאַנ׳ס ווייב.

דערבײַ האָט זי אַרויסגעצויגען פון זאַטעל־קעסטעל, אַ בריעף פון איהם און האָט איהם דערלאַנגט טערציום־קוידן.

דאָס איז געווען אַן אָרענטליכער בריעף פון אַן אָרענטליכען מענשען, וואָס איז דאַן אויסגעגאַנגען אין די טאָלען פון היץ פאַר 200 רופּי אַ חדש (ווייל דעם ווײַב פלעגט ער אָבשיקען אַכט הונדערט ־רופּיען), אַרבייטענדיג אין אַ ווײַדענער טוזשורקע מיט פאַפּירענע הויזען. דער בריעף האָט אָנגעוויזען, אַז זי האָט אפשר ווייניג געטראַכט וועגען דעם, אַז עס איז ניט איבעריג בעקוועם צוזאַמענצובינדען אַזוי אָפט איהר נאָמען מיט׳ן נאָמען פון טערציום־קוידן, אַז זי איז נאָך צופיעל קינד און קאָן אויך אַזוי פיעל ניט פערשטעהן די געפעהרליכקייט פון אַזאַ לאַגע, אַז ער, איהר מאַן, וועט זיין דער לעצטער אויף דער וועלט, וואָס וועט זיך אַריינמישען אין איהרע

קליינע און אונשולדיגע פערגעניגענס, ווייל ער איז ניט איבערזיכטיג, דאָך וואָלט גלייכער געווען, זי זאָל בעזייטיגען פון זיך טערציום־קוידן — צוליעב דעם אייגענעם מאַן. דער בריעף איז פערזיסט געוועזען מיט אַ סך ליעבע־ווערטער, און אין אויסגעקומען זעהר קאָמיש אין טערציום־קווידים אויגען. האָבען זיי זיך ביידע אַזוי שטאַרק צולאַכט איבער'ן מאַן דאָס איהר האָט געקאָנט זעהען אויף אַ שטח פון פופציג יאַרד, ווי זייערע אַקסלען האָבען זיך פון געלעכטער־ספּאַזמען געטרייסעלט, און דער צייט, וואָס זייערע פערד האָבען פויל געשטעלט זייערע טריט. זייער געשפּרעך אויף דער טעמע, איז ניט אויף אַזוי פיעל אינטערעסאַנט, כדי עס זאָל לוינען איהם איבערצוגעבען. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אויפ'ן צווייטען טאָג האָט קיינער שוין נישט געזעהען דעם מאַנ'ס ווייב מיט טערציום־קוידן צוזאַמען. זיי זענען אַוועקגעפאָהרען אויפ'ן בית־עולם, וואו די סימלעיר איינוואָהנער פלעגען קומען נאָר אין בעשטימטע אָפיציעלע טעג.

די לויות אין סימלע מיט'ן פריסטער, וואָס פאָהרט רייטענדיג, מיט די קברות־לייט, וואָס פאָהרען רייטענדיג, און דער אָרון סקריפּעט ביי די טרעגער אין די הענד — דאָס איז איינס פון די טרויעריגסטע בילדער, וואָס קאָנען געבען אויף דער וועלט, — איבערהויפּט ווען די פּראָצעסיע ציהט זיך דורכ'ן נאַסען פינסטערען גראָבען, הינטער'ן האָטעל ראָקליף, וואוהין די זון גיט קיינמאָל ניט אַ קוק, וואו אַלע בערג־שטראָמען גיעהען זיך צוזאַמען, וויינען און קלאָגען, איידער זיי פאַלען אַראָב אין טאָל אַריין.

אין אייניגע ערטער איז מען זיך מעהרער מתעסק מיט די קברים און מען בעזוכט זיי. אָבער מען פיהרט אונז איבער אין אינדיען פון איין אָרט אויפ'ן צווייטען מיט אַזאַ שנעלקייט און אַזוי אָפּט, אַז צום ענדע פון צווייטען יאָהר בלייבען שוין אונזערע מתים אָהן פריינד — עס בלייבען נאָר אַמאָל בעקאַנטע, וועלכע זענען צופיעל פערנומען מיט זיך אליין און עס פאַלט זיי גאָר ניט איין צו בעזוכען אלטע בעקאַנטע. דער געדאַנק צו בעגעגענען זי אויף אַ בית־הקברות געהערט, נאַטירליך, צו אַ פרוי. אַ מאַנסביל וואָלט פשוט געזאָגט:

— לאָז מען רעדען, מיר פאָהרען אין אַלעען.

אַ פרויענצימער איז אַנדערש געבויט, — איבערהויפּט איז זי עהנליך צו דעם מאַנ'ס ווייב. זי האָט פערבראַכט מיט טערציום־קוידן צווישען די קברים פון פרויען און מאַנסביל. וועלכע זיי האָבען געקענט, מיט וועלכע זיי פלעגען פיהרען טענץ אַמאָל — מיט אייניגע זעהר ניט לאַנג.

זיי פלעגען געוועהנליך זיך אויסזעצען אויף אַ פערדישע דעקע, וועל־

בע זיי פלעגען לכתחלה נעהמען מיט זיך פון דער היים און פלעגען איהר אויסבעטען אויפ'ן גראז עטוואס לינקער פון דעם ארט, וואו די אלטע קברים ווערען צופיהרט און מען בויט נייע אויף דעם ארט. אויף יעדען גוט איינגע־ארדענטען אינדיאנ. ען בית־עולם וועט איהר שטענדיג געפינען ביי א האלבע טוץ אפענע קברים אויף א פאל פון א צופעליגער סבה און אומגע־ריכטע טרעהרען. אין די בערג גרייט מען צו מעהרסטענטייל קינדערשע קברים, ווייל די קינדער, וואס מען ברענגט פון די טאלען, ווערען דאס רוב קראנק פון די רעגענס אדער זיי בעקומען אלונגען־ענטציהונג פון אטמען אין די נאסע סאסנע־וועלדער נאכ'ן זון־אונטערגאנג. אבער אין די פעסטונגען און לאגערן פארערט זיך, נאטירליך, מעהרער קברים פאר דערוואקסענע.

קומענדיג איינמאל אויפ'ן בית־עולם האט דעם מאנ'ס ווייב מיט טערציום קוויד'ן דערזעהן, ווי זעקס קולי גראבען א קבר. עס איז געוועזען קלאר, אז דער קבר איז געווען פאר א דערוואקסענעם, און טער־ציום־קוויד האט א פרעג געטהון, איז דען ווער געפעהרליך קראנק אויף דער סטאנציע?

האבען די קולי געענטפערט, אז זיי ווייסען ניט, מען האט זיי בעפאהלען אויסצוגראבען א קבר פאר א סאגיב. מעהר ווייסען זיי גאר נישט.

„טהוט זשע אייער ארבייט" — האט געזאגט טערציום־קויד און מיר וועלען א קוק טהון, ווי אזוי דאס ווערט געמאכט.

די קולי האבען געטהון זייער ארבייט און דעם מאנ'ס ווייב מיט קוויד'ן האבען זיך צוגעקוקט און האבען געפיהרט א שמועס צווישען זיך ביי א צוויי שעה, און דער קבר איז דערווייל געווארען טיעפער און טיעפער. דער קולי, וואס האט צונויפגענומען די אויסגעגראבענע שטיקער ערד אין א קארב, האט געגעבען א שפרונג איבער דער קארב.

— מערקווירדיג — האט געזאגט טערציום־קויד: וואו איז מיין אולס־טער?

— וואס אזוינס איז מערקווירדיג? — האט געפרעגט דעם מאנ'ס ווייב.

— איך פיהל א קעלט אין די פלייצעס — פונקט ווי מען וואלט אומגעגאנגען ביי מיר איבער'ן קבר.

— וואס זשע דארפט איהר זיך צוקוקען צו אזא שרעקליכער אר־בייט? — האט דעם מאנ'ס ווייב געפרעגט:

— לאָמיר אוועקגעהן פון דאַנענט.

טערציום-קוויד האָט זיך אָבגעשטעלט ביים ראַנד פונ'ם קבר און האָט אַריינגעקוקט. דערנאָך האָט ער געזאָגט: — שמוציג און קאַלט; זעהר קאַלט. מעהר געה איך ניט אַהער. מען קאָן ניט זאָגען, אַז קברנות זאָל זיין אַ אַנגענעהמע אַרבייט.

נאָך אַ קורצען געשפּרעך זענען זיי געקומען צו'ם בעשלוס, אַז אַ בית-עולם ווירקט שווער אויף דעם מענשליכען גייסט. דעריבער האָבען זיי אָבגערעדט, אַז מאָרגען נאָכדעם ווי זיי וועלען זיך בעגעגענען אויפ'ן בית-עולם, וועלען זיי גלייך אַוועקפאָהרען קיין פּאַג'ן, דורכ'ן טונעל פון מאַשאָבראַ, דערנאָך צוריק — מאָרגען וועט זיין אַ שפּאַציער אין וויצעקעניג'ס גאָרטען, וועט די גאַנצע בעפעלקערונג פון מאַשאָבראַ זיין אָבגעפאָהרען.

פאָהרענדיג פון בית עולם אַרויפ'ן באַרג, האָט זיך טערציומ'ס פערד געפלייסט צו לויפען וואָס געשווינדער — איהם האָט דערעסען צו שטעהן אַזוי לאַנג אויף איין אָרט — און קוויד איז ממש אַ פערמאַטעטער געבליבען, אַזוי פיעל מיה האָט ער אָנגעווענדעט, איידער ער האָט איהם איינגעהאַלטען.

— מאָרגען נעהם איך די קליאַטשע — האָט טערציום קוויד געזאָגט: — צו'ם פערד האָב איך שוין קיין כוח ניט.

יענעם אָבענד איז אַרויסגעפאַלען אַ געדיכטער רעגען, און אַז קוויד איז געקומען אויף מאָרגען אין דער בעשטימטער שעה אויפ'ן בית-עולם, וואו זיי האָבען געדאַרפט איבערוואַרטען, ביז די שפּאַצירענדע וועלען וועלען דורכגעהן פון מאַשאָרבאַ ביז סימלע, האָט ער בעמערקט, אַז אין קבר שטעהט דאָס וואַסער אויף אַ פוס די הויך, און די ערד אינוועניג איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ שיטערע קאַשע.

— איך שווער ביי יופּיטער'ן, אַ שוידערליך בילד — האָט געזאָגט טערציום-קוויד:

— איך שטעל מיר פאָר, ווי גוט עס איז אַראָבצולאָזען זיך אין אַזאַ ברונען פאַר אַ פערשטיקטען צווישען ברעטער.

זיי האָבען זיך געלאָזט פאָהרען אויפ'ן וועג צו פאַגו. די קליאַטשע איז געגאַנגען, ווי אַ פליסענדעס וואַסער, און די זון האָט געטליך געשיינט. דער וועג צווישען מאַשאָבראַ און פאַגו רופט זיך אויפ'ן אָפיציעלען לשון דער הימאַלאַי-טיבעטישער וועג, אָבער ניט קוקענדיג אויף אַזאַ קליינגענדיגען נאָמען האָט ער אין דער ברייט ניט מעהר פון זעקס פוס, און געהט הויך, אויף אַ הויך פון 2009 פוס איבער'ן טאָל.

— אזוי זענען מיר איצט אויס'ן וועג קיין טיבעט — האט פרעהליך געזאגט דעם מאנ'ס ווייב, ווען די פערד זענען אונטערגעלאפען נאהענט צו פאגו. זי איז געפאהרען פאזע די פעלזען.

— קיין טיבעט — האט געענטפערט טערציום-קוויד: — וואס ווייטער פון מענשען, וואס רעדען גראבע רעד און פון מאנען, וואס שרייבען גראבע בריעף. מיט אייך — אויף עק וועלט!

פון הינטער א פעלזען איז ארויסגעגאנגען א קולי, וואס האט גע־טראגען א גראבען שטיק האלץ. די קליאטשע האט זיך א קעהר געגעבען אן א זייט — מיט די פאדערשטע פיס אויף אינווייניג, האט זי זיך צוגעזעצט אויף די הינטערשטע, ווי יעדע קלוגע קליאטשע וואלט געטהון אין אזא פאל.

— אויף עק וועלט — האט איבערגע'חזר'ט דעם מאנס ווייב און האט געווארפען אויף קוויד'ן אזא בליק, וואס זיין בעדייטונג איז אונמעגליך איבערצוגעבען אין ווערטער.

ער האט א שמייכעל געטהון, אבער כל זמן זי האט געקוקט אויף איהם, איז דער שמייכעל אויף זיין פנים פערגליווערט געווארען אין א גרימאסע — עס האט געהאט אנ'אויסזעהן, ווי ער וואלט זיך געפיהלט שלעכט אויפ'ן זאטעל זיצענדיג. די קליאטשע פלעגט זיך יעדען מאל ווי אראבלאזען אויף די הינטערשטע פיס, און די נאוליכער איהרע פלעגען זיך יעדען מאל פאנאנדערבלאזען — זי האט ניט פערשטאנען, וואס אזוינס מיט איהר האט געטראפען. דער רעגען פון נעכטען ביינאכט האט דורכגעוואשען דעם וועג, פלעגען די פערדישע פיס איינזינקען אין דער בלאטע.

„וואס טהוט איהר" האט דעם מאנ'ס ווייב אויסגעשריען.

טערציום-קוויד האט גאר נישט געענטפערט. אויפ'ן פנים איז נאך ביי איהם געלעגען ווי פערגליווערט די פריהערדיגע לאכענדיגע מינע, ער האט נאכאנאנד אנגעיאגט די קליאטשע מיט די שפארען, און די קליאטשע האט זיך געשטעפעט מיט די פארערשטע פיס אן דער ערד, — און עס האט זיך אנגעהויבען א קאמפף.

דעם מאנ'ס ווייב האט ארויסגעזיפצט:

— א, פראנק, געהט אראב!

אבער טערציום-קוויד איז געזעסען אין זאטעל אזוי ווי אנ'איינגע־קלייעטער — ער איז געווארען דא בלאה, דא בלאס — און האט גלייך געקוקט דעם מאנ'ס ווייב אין די אויגען אריין. זי האט געפרובט אנכאפען זיין קליאטשע פאר'ן צוים, אבער זי האט ניט געטראפען, און האט איהם

אָנגעהאַפּט פאַר דער נאָז. די קליאַטשע האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַהינטער און האָט זיך באַלד אַוועקגעקײַקעלט אַראָב — אַראָב מיט אַ קוויטשענדער הירזשען, — און טערעציום-קוויזה איז געבליבן זיצן אויף דער קליאַטשע מיט דער פריהערדיגער לאַכענדער מינע אויפ'ן פּנים.

דעם מאַנס װײַב האָט געהערט אַ געקלינגערײַ פון קלײנע שטײנדלעך און אַ געקלאָפּערײַ פון גרויסע שטיקער ערד, װאָס האָבן זיך געקײַקעלט פון װעג אַראָב-צו, און אַ מענש מיט אַ פערד האָבן זיך געקײַקעלט איבער דער משפּע'קײַט אַראָב, אין אָבגרונד אַרײַן. דערנאָך איז אַלץ װידער געבליבן שטיל, און זי האָט אָנגעהויבן שרײַען צו פראַנקן, ער זאָל איבערלאָזן די קליאַטשע און זאָל אַרויפקלעטערן צוריק אויפ'ן װעג. אָבער פראַנק האָט גאָר נישט געענטפערט. ער איז געלעגן אונטער דער קליאַטשע, אויף נײַן-הונדערט פוס נידעריגער פונ'ם װעג, אויף אַ פעלד, װאו ער האָט צובראָכן אַ היבשע ביסעל קוקורוזע-זאַנגען.

אַז די שפּאַצירענדע האָבן זיך אין בײַנאַכטיגן נעבעל אומגעקערט פון װיצעקעניגס גאָרטען, האָבן זײ באַגעגנט אויפ'ן װעג, אַ װאַהנזיניגע פרוי איז געפלויגען פאַזע די פעלזען אויף אַ משוגע געװאָרענעם פערד, זײַערע אויגען און מײַלער זענען געװען פאַנאַנדערגעעפענט, און זײַערע קעפּ זענען געגליכען געװעזען צו אַ קאָפּ פון אַ מעדוזע. אײנער פון די דורכגעהער האָט אָבגעשטעלט דעם פערד, ריזיקירענדיג מיט'ן אײגענעם לעבען, און האָט אַראָבגענומען די פרוי פון זאָטעל, און האָט איהר אַװעקגעזעצט אויף דער ערד, זי זאָל איהם דערצעהלען, װאָס דאָ האָט פּאַסירט. דאָס האָט אָבגענומען צװאַנציג מינוט אויפ'ן זײגער. דערנאָך האָט מען איהר אָבגעשיקט אַהײם אין אַ טראָג-װעגעלע, איהר מויל איז נאָך אַלץ געװעזען אָפען, און די הענט האָבן זיך אומגעװאָרפען, װי אין פיעבער.

זי איז אָבגעלעגען אין בעט נאָך גאַנצע דרײַ טעג, די גאַנצע צײַט איז געגאַנגען אַ רעגען, און זי האָט דורכגעלאָזט טערציום-קוידים לויה, װעלכען מען האָט אַראָבגעלאָזט אין אַ קבר, װאו דאָס װאַסער איז געשטאַנען אויף אַ הויך פון אַכטצעהן דיומען אָנשטאָט צװעלף.

ערנסט געאָרגי.

פריילין מוטער

ראָמאַן

(פאָרטזעצונג פון העפט 3).

„איך האָב אַייך ערשט אויף דריי דעם זייגער עָרוואַרט. — איך האָב געוואָלט אוועקגעהן! איהר זאָלט נאָר דאָס קינד זעהן! יעצט איז עס נישטאָ; אָבער — — — עס מוז באַלד — —"

מיט דער גרעסטער ריהרונג און פערוואונדערונג, מיט אוייך, היים געפיהל אין זיך האָט ער בעטראַכט די, וועלכע איז פאַר איהם געשטאַנען. וואָס איז פון איהר געוואָרען? ווי פערענדערט האָט זי זיך! איהר גאַנצעס שאַרפקייט, דאָס גאַנצע פעסטקייט איז פערשוואונדען געוואָרען. די פאָרמען פון דעם הויכען געשטאַלט, האָטש אויך נאָך אייביג שלאַנק, ווייזען שוין יעצט צאַרטע, פרויליכע רונדיגקייט. דאָס פולע געזיכט איז אַזוי פון ליידען בעריהרט געוועזן, אַזוי אונענדליך אַנציהענד מיט זיין מילדען נשמה=אויסדרוק. די האָר זענען שוין נישט אַזוי שטרענג-גלאַט אין צווייי העלפטען אויפ'ן קאָפּ געלעגען, נאָר עס זאָל קליידען, הויך אַרויפגעקעמט. פון דעם קלאָרען שטערן האָט זיך אַרויף אַ ווייסע שטאַנג דורך די ברוינע קאַמען געצויגען און פיעל ווייסע פעדעם האָבען צווישען די טונקעלע האָר געשימערט. די איז געוועזן אַ רייצענדע כמעט אַנ'אָנציהענדע פרויען= געשטאַלט. גאָר נישט צו פערגלייכען מיט דער גובערנאַנטין פון דעמאָלט! אין איהם האָט אַלץ געציטערט. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און אוועקגעלעגט דעם הוט.

— „צי זאָלען מיר נישט האָבען זיך — — — — פיעל צו דערצעהלען, אננאַ?" — האָט ער געפרעגט בעקלעמט.

„יעצט נישט מעהר!" — האט זי געזאגט פעסט. —

„דעמאלסט האב איך אויף אנטווארט געווארט! אין אויגוסט אין פערגאנגענעם יאהר!"

„איך האב דיין בריעף נישט דערהאלטען; ווי פון וואלקען אראב איז מיר הייגט דאס געפאלען. איך שווער עס דיר — — איך שווער עס אייך, אננא!" — האט ער נאך אמאל געזאגט, וויל זי האט ווי אונ-ווילליג די ברעמען צוזאמענגעצויגען. —

„עס איז גאר נישט צו קלערען דערוועגען, אז איך וואלט באלד געשריבען; איך האב אבער פון גאר נישט געוואוסט! ווי האב איך גע-קאנט?" — האט ער ווייטער געזאגט ענטשולדיגענדיג און אבגעווישט די שוויים-פערל פון זיין שטערן.

אננא האט זיך רוהיגער אניעדערגעזעצט און אבגעעהטעמט פרייער.

„איך האב אייער שווייגען נישט פערשטאנען, אבער איך האב זיך געמוזט צוגעוועהנען!"

זי האט אראבגעלאזט דעם קאפ און געקוקט אויפ'ן שוים. ווי צו-רייצט האט איהם דאס זיצען איהרי'ס אין דער פויזע. אם בעסטען וואלט ער — — — —ער האט אנגעהאפט מיט ביידע הענד דעם גריף פון שווערד, ווי ער וואלט איהם וועלען צוברעקלען.

„וואס האט איהר אלץ געמוזט ליידען, אננא?!"

„פורכטבאר!" — בעשטעטיגט זי, נישט קלאגענדיג. —

„ווען האט איהר בעמערקט דעם אמת?" — האט ער הייזעריג געפרעגט ווייטער.

„פאר וואס האט איהר באלד נישט געשריבען? — דאס איז דאך שרעקליך! — פאר אייך".

„יא, עס איז געווען שרעקליך! — איך האב געמיינט, איך וועל משוגע ווערען פאר שרעק און שאנדע! — האט זי געזאגט האסטיג מיט א ציטערנדיגער ברוסט. — צוערשט האב איך געמוזט דעם פינסטערן עקעל און די הרטה איבערווינדען און זיך צוריקגעפינען. און דעמאלט האב איך בעמערקט דאס אונפערשטענדיגע, און דערנאך — — — זי האט איבערגעהאקט.

„רעדט ווייטער, דערציהלט אלץ!" — ער איז אויפגעשפרונגען און געשעפט לופט — „ווי האט איהר מיך דאס געמוזט האסען, שעלטען! אננא, ארעמע אננא!" —

„יא, איך בין אויסער זיך געווען! איך האב געשאלטען אייך, וואס

האט מיר — — — — — — דאס מזל, וואס האט אויף אונז פרויען אלץ שווערע ארויסגעווארפען און אייך פערפיהרער פערגינט עס נאר די לוסט!" — און זי איז אויך אויפגעשטאנען און צארניג געבליבען פאר איהם שטעהן, ווי א ריכטערין. ער האט שטיל געקרעכצט. „זיי האבען די לוסט, וועלכע זיי פערגעסען אזוי געשווינד און אונז" — — — זי לעגט צוזאמען די הענד אויפ'ן פנים — „בלייבט נאר דעה און חרטה! בלוטיגע געוויסענס=פיין!" — —

אינגאנצען דערשראקען און פערשעמט איז ער צוגעגאנגען צו איהר און געגלעט איהרע ווייכע האר; ביז זי האט זיך ארויסגערידען פון איהם:

„אננא, איך שעם מיך, איך לייד! פאר וואס האסטו נישט — — — פאר וואס האט איהר קיינמאל נישט געשריבען?" — דא האט זי זינקענדיג אראפגעלאזט די הענד און אנגעקוקט איהם מיט טרויעריגען שפאט:

„וואלט איהר מיר מיין עהרע צוריקגעגעבען? האב איך אייך געזאלט איערע שולדען פערגרעסערען? וואס האט איהר מיר געקאנט העלפען? ניין, מיט דעם האב איך אליין געמוזט פערטיג ווערען! נאר איהר זאלט וויסען, אז איהר האט א קינד, וועגען דעם האב איך אייך געשריבען!

און אכט זאלט איהר זיך נעמען, פיהלייכט פון אנדערע פערפיהרונגען זיך אבהיטען! וואס קאנט איהר אויסער דעם טהון?"

קאנטהאגען איז געשטאנען ווי א גע'משפט'ער, דען ער איז געוועזען א גוטער מענש.

„ווי זענען די מענשען צו אייך געוועזען, אננא?" — — זי האט זיך געמאכט רוהיגער, שטאלצער און אניערגעזעצט זיך. איהר געוועהנליכע פעהערשונג קומט איהר ווידער צוריק. קלאר הענגען אויף איהם די בליקען פון איהרע שענע אויגען. איהר האט אויסגעוויזען ווי א גאנץ=פרעמדער וואלט דא יעצט פאר איהר געשטאנען, נישט דער מענש, וועמענס שענהייט און שטעלונג און די גאנצע פערזאן, וואס זי האט אמאל פערגעטערט. ביי זיין גאנצער אויפרעגונג האט אטטא דאך בעמערקט איהר נייע ארט. דאס האט איהם כמעט גערייצט. האט ער געקוקט און געקוקט — — — די איז נישט קיין ווייב, וועגען וועלכער ער האט גאנצע צוויי יאהר גאר נישט געדאכט, נאר א פרוי, וועלכע ווירקט אויף איהם, מיט איהר אויפגעשפראצטע, פערענדערטע פערזענליכקייט, ווי זי האט נאך אויף איהם קיינמאל פריהער נישט געווירקט. די פולסען אין איהם האבען געקלאפט, ווי מיט האמערס.

„ווי זאלען די מענשען זיין" — האט זי געזאגט, נישט קלאגענדיג.

— „די ערשטע, וועלכע האָבן מיך פֿערשטויסן און זיך פֿון מיר אין פֿון מיין שאַנד אָבגעוואַנט, זענען געווען די פֿערוואַנדטע און די נאָהענטסטע פֿריינד. דאָ האָט מען גאָר נישט געוואָלט פֿרעגן, גאָר נישט געוואָלט פֿערשטערן, נאָר הענגען. איין־איינציגער פֿעטער האָט מיך געפֿרעגט, אויב ער זאָל דעם פֿערפֿיהרער צו געריכטיגקייט ציהען און צווינגען איהם זיין חוב צו ערפֿילען?"

אָטטאָ האָט זיך צוזאַמענגעקורטשעט, ווי געשלאָגן מיט אַ בייטש. שוואַך איז ער געפֿאַלען אויף דער שטוהל. אַננאַ האָט דאָס בעמערקט: „אייער נאָמען האָט זיך נאָך קיין מענש נישט דערהערט!" האָט זי צוגעגעבן, שלעכט פֿערשטעהענדיג זיין בעוועגונג. — נישט אַכטענדיג אויף זיין אָבוועהרענדע האַנדבעוועגונג, האָט זי ווייטער גערעדט: „מיין גוטע לאַגע האָט נאַטירליך געמוזט אויפֿגעגעבן ווערען. איך האָב אַלץ פֿערקויפֿט, אַלץ צו געלד געמאַכט און האָב גענומען דאָס וואָס איך האָב מיר געהאַט אָבגעשפּאָרט אום ווייט, אין דער פֿרעמד, אין אַ קליינע געסט — — געגנוג! צו וואָס דאָס אַלץ? עס אינטערעסירט אייך נישט!"

„עס אינטערעסירט מיך ביז אין די קליינסטע איינצעלהייטען, אַננאַ, איך בעט אייך!" — האָט ער געענטפֿערט בעטענדיג.

ניין, ניין, עס איז שוין אַוועק! גוט, וואָס די צייט איז שוין אַריבער! נאָר, איינס זאָלט איהר נאָך וויסען, ווען איך בין שוין אויפֿ'ן לעצט פֿערצווייפֿעלט געווען און האָב זיך מיט טויט־געדאַנקען אַרומגעטראָגען, איז מיר הילף געקומען גאָר פֿון אַן־אַנדער זייט, פֿון וועלכער איך האָב קיינמאָל נישט געדאַכט! — אַ פֿריינד פֿון מיין פֿערשטאָרבענעם פֿאָטער, אַ זעהר הויכגעשטעלטער מאַן, האָט זיך, ווי מען זאָגט דאָס אַזוי שען: פֿערפֿלעמפֿערט. ער איז אַן אַ באַלעטניצע הענגען געבליבען און האָט זי געהייראַט. און דאָס האָט איהם געקאָסט זיין שטעלונג און פֿערקעהר. זי האָט איהם דעם הימעל אויף דער ערד געמאַכט; נאָר ער האָט דאָס נישט אַנערקענט און איז פֿערביטערט געשטאָרבען. די פֿרוי, וועלכע איז יאָהרען־לאַנג נאָר זיין געליבטע געווען, וועלכע האָט איהם אַ טויטע קינד געבוירען און האָט נעבען איהם ווי אין דער העל געלעבט, די איז איהם טריי געבליבען ביז איבער'ן קבר. זי איז מיין רעטערין געוואָרען, מיין צווייטע; אָבער בעסערע מוטער!" — צאָרניג האָט זי איהם אָנגעקוקט, ווי זיי וואָלט וועלען ווידערשפּרוך אָדער פֿעראַכטונג פֿון זיין מינע לייענען. ער האָט געהאָרכט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. דערנאָך האָט ער גע־

זאָגט בעטענדיג: „איך בענש די פרוי. און וואָס מיינט איהר יעצט ווייטער צו טהון, אננא?" — — .

„מיר רייזען קיין לאָנדאָן, וואו איך וועל מיר א פאָטאָגראַפישעס אַטעליע איינריכטען. דאָרט ברויך מען קיין פאַפּירען און קיינע פאָרמאַליטעטען, דאָרט וועל איך לויז ווערען פון דער פיינענדיגער שאַנד, פריילײן צו זיין און א קינד צו האָבען! דאָרט וועט מען מיר דעם פרויענטיטול פערגינען!"

ביידע האָבען געשוויגען. אָטטאָ האָט געפיהלט אַן אונקלאָרע בענק־שאַפט, זיך פאַר איהר אַניעדערע צוואַרפען, איהר די הענד צו קושען און בעטען ביי איהר פערצייהונג. ער האָט געקוקט אויף איהר נישט רעדענדיג קיין וואָרט. פערגעסען איז געוועזען די שענהייט פון די גרעפין זעעבערג. פערגעסען וואָס ראָדען האָט איהם געוואָרענט. ער האָט נאָר געזעהן די רייצענדע אַננאַ זאַנדערס. און זי האָט אויסגעוויזען, ווי זי פיהלט וואָס פון זיינע אויגען שטראַהלט. שוועך איז זי אויפגעשטאַנען און איז אַרויף אויפ'ן באַלקאָן. זי האָט געקוקט אויף די גאַס: „דאָס קינד מוז באַלד קומען. איהר זאָלט עס זעהן! איך וויל דאָס! — — מיר זענען דאָ אין דער בעריהמטער אָפּטישער פאַבריק דריבען" — מיט'ן פינגער האָט זי אויפ'ן פאָראָרט געוויזען — צו מאַכען אונזערע איינקויפע. און די טאַנטע בע־זוכט דאָ נישט ווייט די קברים פון איהרע עלטערען. אַלץ האָט זיך אַזוי גוט צוזאַמענגעפּאַסט!" נערוועז האָט ער געריבען די הענד און האָט ווייטער גע־זאָגט: „דאָס הייסט, איך אַליין האָב אייך שוין נישט מעהר געוואָלט זעהן, איך האָב געוואָלט אַוועקגעהן, איידער איהר וועט קומען!" —

ער איז צו איהר צוגעלאָפען און אַ ניעדער געקניעט: „פאַר וואָס, אַננאַ קאָנט איהר נישט פערצייהען? האַסט איהר מיך דען?" — פלאַמענדיג האָט ער איהרע ביידע הענד אָנגענומען און געדרוקט זיי הייס. אַ סעקונדע האָט זי די אויגען פערמאַכט. — „איהר זייט אַ גליקליכער התן, הער פאָן־קאַנטהאַגען!" —

ער האָט זי פריי געלאָזט און צוריק געפאַלען: „עס איז וואָר!" — האָט ער געזאָגט, שטאַרק געקרענקט, דען רענאַס עקזיסטענץ איז איהם יעצט ווידער אויפ'ן געדאַנק געקומען. זי איז איהם אין דער מינוט כמעט פערגעסען געוועזען. — „די גרעפין פון זעעבערג האָט זיך אין מיר פערליעבט, זי איז רייך און שיין און — —

(פאָרטזעצונג קומט).

היינריך מאַן.

פּיפּא ספּאַנא.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 3)

—————

— איִער התן, גרעפּין, איז אין פערגלייך מיט מיר אַ העלד; אמת, ער האָט מעהר געקינסטעלטען כּה ווי אמת'ן, איך ווייס, אַז נאָר די פּיעלע איבונגען אין ראַנגלען און גימנאַסטיק האָט איהם דאָס וואַסערדיגע בלוט אויפגעקאָכט, קיין ריעזיגע מוסקולען, קיין שטייפע נערווען זענען ביי איהם נישטאָ, אָבער זיין אויסערליכעס אויסזעהן בעווייזט אויף אַ ריטער, אַנ'אונטערנעהמער, וואָס שרעקט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָב. זי קענען פון איהם פיעל, זעהר פיעל ערוואַרטען.

— איך ווייס אונגעפעהר וואָס איך קאָן פון איהם ערוואַרטען, — האָט זי זיך אָבגערופען הויבענדיג די אַקסלען. זי האָט זיך אויף זיין אַרבייטס־שטוהל אַראָבגעלאָזט, נעבען זיין טיש, האָט זיך מיט די שרייב־געצייג געשפּיעלט, איין העפט מיט פערשידענע נאָטיצען האָט זי שפּיעלענדיג זיך אויף דער פּאָדלאָגע אַראָבגעוואָרפען און דערנאָך דעם קאָפּ אויף איהר האַנד אָנגעשפּאַרט.

— ווען מיין התן האָט מיר אין סען ד ז ש י מ י נ י א נ אָ בעזוכט, ווען איך בין מיט איהם אויף דעם טהורם, וואָס איז אין גאָרטען, געשטאַנען און אונטער אונז איז דער בלויער שטה געווען; ווייסט דו ווי ער איז מיר דאַמאָלס פאָרגעקומען? ווי אַ ווילד פּרעמדער, ווי דער ענגלענדער וואָס פּאָטאָגראַ־פירט דאָ אַלעס אָב. אָה, וואָס האָב איך דאַמאָלס דורכגעפיהלט, וואָס האָב איך דאַמאָלס איבערגעלעבט, ווי האָט מיין יונג זעכצעהן יעהריג האַרץ געפלאַטערט און געציטערט זענענדיג מיט איהם אויפ'ן טהורם, קוי־קענדיג אויף די דורכגעלעכערטע וואַרימע ווענד וואו יאַשצעריצעס האַלטען זיך אויף; און מיינסט דו, אַז ער האָט פון דעם האָטש די קלענסטע פאָרשטעלונג געהאַט? איך וואָלט זיך געשעמט איהם האָטש איין וואָרט אַרויס צו זאָגען... הער...

— מיר? האָט מאַריאַ מאַילוואַילטאַ געפרעגט.
— דיר וועל איך דאָס זאָגן.
זי איז פון איהר אָרט אויפגעשפרונגען.
— אָבער דו ווייסט דאָך שוין דאָס אַלעס, דו האָסט דאָך אַליין דאָס זעלבע געפיהלט, פון דיר האָב איך דאָך זיך דאָס אַלעס דערוואוסט.
ער האָט איהר נישט צוגעשטימט.
— מיר פּאַטעען פערנעהמען זיך מיט אַ געפעהרליכער אַרבייט, מיר לעגען אייך פאַר אַלערליי פרייזען, דערמיט אָבער זאָגען די פרייזען נאָך נישט אונזערע.
— דו ווילסט זיך פאָרשטעלען פאַר בעשיידען. דו ביזט קאָקעטיש.
ער האָט אַ בעוועגונג פון אונצופריעדענהייט געמאַכט.
— אָדער דו גלויבסט מיר נישט?
גלייכצייטיג האָבען זיי ביידע איינער דעם אַנדערן די האַנד אויסגעשטרעקט.
— דיר נישט גלויבען!
דאָס איז אונמעגליך געווען. איהר אָטהעם, איהר בליק, זאָגאַר די ליניען פון איהר קערפּער האָבען בעוויזען אַז זי זאָגט אמת. די ליניען פון דעם דאָזיגען עדלען קערפּער האָט איהם אין אַ שוים פון ליידענשאַפט דערטרונקען, ער האָט געפיבערט, ער האָט זעהר געוואָלט, אַז איהרע ליידענשאַפטען זאָלען זיין האַרץ אינגאַנצען בעצווינגען, זיי זאָלען דאָס קינסטלערישע אין איהם צובּרעכען; ער זאָל אַ הויץ זיי קיין שום אַנדער זאַך נישט פיהלען! און זאָל ער אפילו דורך דעם ליידען די גרעסטע שמערצען!
— הער נאָר, — האָט ער מיט אַ הייזעריגער שטימע פאַר גרוים אויפרעגונג געבעטען, — דו ביזט זיך טועה אין מיר, הזשעממאַ. איך בין נישט אַזוי עהרליך ווי דו. איך קאָן אַזוי נישט זיין.
— וואָלסט דו דען דאָס געזאָגט ווען דו זאָלסט נישט זיין עהרליך?
— אין דעם אויגענבליק בעמיה איך מיר עס צו זיין. אָבער דו בעדאַרפסט מיר נישט אַזוי שטרענג עקזאַמענירען. גלויב מיר, דיין התן — ווי קאַלט ער זאָל נישט זיין — בעזיצט מעהר אמת׳דיגען געפיהל פאַר מיר. ער איז מיט דיר פון איין בלוט און דו קאָנסט ביי איהם דאָך אויף מעהר האָפען.
— איך ווייס אויף וואָס איך האָב ביי איהם געקאָנט האָפען.
— דו בעדאַרפסט גאָר צופריעדען זיין וואָס ער פערשטעהט נישט

דײַנע קינדערשע חלומות, וואָס ער דיר מיט מעהר טרײַשאַפט ליעבען.

זי האָט זיך ווידער מיט אײניגע טריט פון איהם אָבגערוקט, האָט זיך אויפ'ן דיוואַן געזעצט, אַרונטערלעגענדיג די האַנד אונטער אײנעם פון די קישענס און זיך מיט דער ברוסט דערויף אָנגעשפּאַרט.

— נישט נאָר דאַמאָלס האָב איך איהם דערקאָנט, — האָט זי געצויגען די ווערטער, קוקענדיג אין דער לבנה'דיגער נאַכט מיט ווײַט אויפגעריסענע אויגען. איך ווײס פון איהם און פון זײַן געליעבטע.

— פון טראַפּעטטי? — האָט ער האַסטיג געפרעגט.

— איך בין צו איהר אַהינגעגאַנגען. דאָס וואונדערט דיר? זי איז אַ בערימטע זינגערין און אַ שענע פרוי. איך האָב מיר געקלערט, אַז זי האָט נישט קײן גרונד, דעם אמת פון מיר צו בעהאַלטען. און זי איז די אײנציגע, וואָס קאָן מיר דעם אמת וועגען איהם זאָגען... נו, ער איז שוואַך... ער איז זעהר וועניג פעהיג. ווי זאָל איך עס דיר ערקלערן?

ער איז אָבגעשפּרונגען אַהינטער: „צי האָלט זי מיר דען פאַר אַני-אָקס" — האָט ער בײַ זיך אין האַרצען געטראַכט. זי האָט זײַנע געדאַנקען פערשטאַנען.

— איך בין דאָך שוין נישט מעהר קײן קינד, איך מעג מײַן מײנונג פרײַ אַרויסזאָגען. ער בעניצט זיך מיט געקינסטעלטע אויפרײַצונגען, מיט הילפסמיטלען, ער פאָדערט פון זײַנע געליעבטע בעדינונג, וועלכע... וועלכע טראַפּעטטי האָט מיר פאָרדעם געמוזט ערקלערן.

— אַה! אַה! זי האָט עס דיר ערקלערט?

און ער האָט זיך געטראַכט: „אַ יונג מײדעל, וואָס געהט צו אַ קאָקעטקע, אום זיך צו דערוויסען פון איהר וועגען איהר חתן'ס פעהיגקײטען! נײן, דאָס וואָלט איך נישט געקאָנט אויסקלערען, דאָס וואָלט קײנעם נישט אײנפאַלען אין געדאַנקען!"

זי האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט ברײט געעפענטע אויגען.

— און דו... דו בענוצט זיך נישט מיט זײ?

ער האָט געענטפערט ערשטוינט:

— נײן.

זי האָט אויסגעאָטהעמט.

— איך פערשטעה, אַז דו קלערסט וועגען מיך, דאָס איך האָב נאָר די נידריגע לוסט אין זינען; איך זעה עס גאַנץ גוט, בעהאַלט זיך נישט. דו קאָנסט מיר דאָך נאָך נישט. דאָס אומגליק בעשטעהט נישט אין דעם, וואָס ער איז אַ שוואַכער מאַנסביל. ער בעזיצט אָבער נישט קײן ליעבע.

טראַספּעטי ליבּט איהם, זי האָט געוויינט פאַר מיר, ווען זי האָט דאָס מיר דערציילט.

— ער האָט דאָך אָבּער גאָרנישט לאַנג צוליעב איהר אַ דועל געהאַט, האָט מאַילוואַילטאָ נישט קלערענדיג געזאָגט.

— איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז עמיצער זאָל אויף אַזאַ אופן צוליעב מיר געהן אויף אַ דועל. די גאַנצע צייט פונ'ם דועל, האָט ער זיך קאַלט און רוהיג אויף זיין פּאָזיציע געהאַלטען, האַלטענדיג דעם שווערענדיגען געגנער דיינעם אויף אַ געוויסע שטרעקע אָבּגערוקט פון זיך און נישט אַראָבּגעלאָזט די אויגען אויף אַ מינוט פון זיין שווערד — אַזוי לאַנג ביז ער האָט סוף כל סוף זיין געגנער בּעזיעגט. ווער עס וויל זיך נוקם זיין פאַר זיין בּעליידיגטער געליעבּטע בּעגעהט זיך אַנדערש בּיי אַ דועל; איך זאָג דיר, ער ליעבּט נישט.

„איז ווידער נישט". האָט מאַילוואַילטאָ זיך געטראַכט און אין האַרצען זיך אָבּגעזאָגט פון דעם געדאַנק צו ראַטעווען דעם דאָזיגען חתן. ער האָט געקוקט ווי דאָס יונגע מיידעל האָט זיך לויזגעשנירט דעם קאָרסאַזש איהרען. איינינגע שמוקזאַכען זענען אויף דער ערד אַראָבּגעפאַלען. פון צווישען די שפּיצען האָט אַ צאַרט ווייסער קערפּער מיט בּלאָע אָדערען אַרויסגעבּלישצעט. זי האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ קליין קינד, וועלכע געפינט זיך צוריק בּיי זיך אין דער היים, נאָך לאַנגגען אַרומלויפען און אַרומיאָגען זיך, מיעד און גליקליך.

— זיין נשמה וועל איך קיינמאָל נישט דערפיהלען. דיין נשמה האָב איך זעהר אָפט געפיהלט און מיין נשמה שענק איך דיר אַוועק.

זי האָט זיך אויפגעהויבּען:

— און מיין גוף אויך.

ער האָט זיך צו איהר אַ וואָרף געטהון, איז אויף די קניע געפאַלען און איהרע קליידער מיט איהרע הענד בּעשאָטען מיט קושען. פּלוצלינג איז ער אינגאַנצען דורכגעגליהט געוואָרען מיט דער ליידענשאַפט פון דער דאָזינער נשמה, וואָס האָט גאַנצע חדשים נאָכאַנאַנד פון איהם געטראַכט, וואָס האָט זיך צוליעב איהם בּעפרייט פון געפענקניש, זיך לויז געמאַכט פון די קייטען פון אַ פרעמדער נשמה; בּלאָנדזשענדיג איהם אין דער פינסטער געזוכט, און דורך געדיכטע, מיט לבנה-שיין בּעגאָסענע וועלדער האָט זי מיט ליידענשאַפטליכע געפיהלען צו איהם אַ וועג געפונען! אָט איז זי אָט געגעהט זי פון ווייסען צימער אַרויס, אינגאַנצען מיט לבנה-שטראַהלען בּעלויכטען.

(פאָרטזעצונג קומט).

נאָך סלאָוואַצקי.

* * *

שלאף איין! — שלאף איין, מיין זעלע,
וואס האט אזוי געליטען;
פארביי די טעג די העלע,
דאס גליק האט דיך געביטען. —
שלאף איין, מיין הארץ! — געוויטער...
די וועגען אבגעשניטען;
דיין גוטער כרוב, דיין היטער,
ער וויל דיך מעהר נישט היטען. —
שלאפט איין! — שוין אליץ פערפאלען,
ניטא מעהר וואס צו האפען,
ביז גאט'ס א קול, א שאַלען,
זועט וועקען אייך פון שלאָפען...

שלאפט איין, שלאפט איין, אָ, ליעדער,
— קיין גליקען מעהר, קיין פריידען;
צו וואס זיך וועבען וויעדער
אויף אנגסטען און אויף ליידען?...
אומזיסט, אומזיסט, מיין הארפע,
דיין טרויעריגעם שפילען;
דער קבר וועט די שארפע
און הייסע מענער קיהלען. —

ווי פאר'ן טוידט דער וואַנדרער,
וואס האט אין זיך געצויגען
א ניפט... דעם .כוס געבויגען;
דער קערפער קראַמפפט — אַנ'אַנדרער!
נאר אָפען נאך די אויגען...
פון קוואלען גליק געטרונקען,
געזאפפט דאס ריח פון בלומען,
דורך זיי דעם טוידט גענומען...
אח, וועה — אח, וועה, מיין הארץ, די'ר
ביז וואנען נאך ער וועט קומען!... —

מ. ברכה̇ן.

אַנאַטאָל פראַנס.

די געשיכטע.

(הומאָריסטישע מעשה'לע).

ווען דער יונגער פּרינץ זעמיר איז נאך זיין פאטערס טוידט אויפ'ן פּערסישען טהראָן ארויף, האט ער גערופען צונויפרופען אלע געלעהרטע פון זיין קעניגרייך, און, ווען אלע האבען זיך פערזאמעלט, האט ער צו זיי געזאגט:

— דער געלעהרטער זעב, מיין לעהרער, האט מיר ערקלערט, אז די מאָנאַרכען וואלטען וועניגער פעהלער בעגאנגען, ווען זיי וואלטען זיך א ביישפּיעל גענומען פון דער פערגאנגענהייט. איך דעריבער טאקע וויל איך שטודירען די געשיכטע פון די פעלקער. איך בעפעהל אייך צו פערפאסען א וועלט-געשיכטע, און איהר זאלט קיין זאך נישט דורכלאזען, כדי זי זאל פאלשטענדיג זיין.

די געלעהרטע האבען צוגעזאגט צו ערפילען דעם פּרינצס פערלאנג און, ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען, האבען זיי זיך באלד גענומען צו דער ארבייט. אין צוואנציג יאהר ארום האבען זיי זיך פארגעשטעלט פאר'ן שאך און מיט זיך האבען זיי גע־בראכט א קאַראַוואַן, וואס איז בעשטאנען פון צוועלף קעמלען, און יעדער קעמעל האט געטראגען פינף הונדערט ביכער. דער ראש פון די געלעהרטע איז אויף די טרעפּלעך פון טהראָן איהם צו די פיס געפאלען און האט אזוי געזאגט:

— אדוני-מלך, די געלעהרטע פון אייער קעניגרייך האבען די עהרע צו לעגען צו אייערע פיס די וועלט-געשיכטע, וועלכע זיי האבען פערפאסט לויט'ן פערלאנג פון אייער מאַיעסטעט. זי בעשטעהט פון זעקס טויזענד טאָמען און ענטהאלט אַלץ, וואס אונז איז נאר מעגליך געווען צונויפצוזאמלען בנוגע צו די זיטען פון די פעלקער און די געשעהענישען פון די מלוכות. מיר האבען צו דעם אלעם צוגעגעבען די אַלטע כראָניקעס, וואס זענען צום גליק נאך געבליבען, און מיר האבען זיי ערקלערט מיט רייכע געאגראפישע, כראָנאָלאָגישע און דיפּלאָמאטישע נאָטיצען. די איינלייטונג אליין טראגט איין קעמעל און א צווייטער קעמעל קאן קוים דערטראגען די ביילאַגען.

דער שאך האט געענטפערט:

— מיינע העררען, איך דאנק אייך פאר דער טרחה, וואס איהר האָט זיך געגעבען. אָבער איך בין זעהר בעשעפטיגט מיט די אנגעלעגענהייטען פון דער מלוכה. איבער דעם בין איך שוין אלט געווארען, וועהרענד איהר האט געארבייט. איך שטעה שוין, ווי דער פּערסישער פּאָעט זאָגט, אויפ'ן מיטען וועג פון לעבען, און אפילו מיר וועלען צוגעבען, אז איך וועל שטארבען זעהר אַלט, דאך קאָן איך נישט האפען, אז מיר זאָל נאָך צייט בלייבען אויף דורכצולייענען אַזאַ לאַנגע געשיכטע. זי וועט אריינגעלעגט ווערען אין קעניגליכען ארחיוו. און איהר וועט אזוי גוט זיין מיר צו פערפאַסען א קורצערע געשיכטע,

וואס זאל בעסער זיין צוגעפאסט צו דער האסטיגקייט פון מענשליכען לעבען.

האבען די געלעהרטע פון פערסיען געארבייט נאך צוואנציג יאהר; דערנאָך האָבען זיי געבראכט צופיהרען צום שאַך פינפצעהן הונדערט ביכער אויף דריי קעמלען.

— אדוני־מלך, האט דער אַלטער ראש געזאגט מיט א שוואַכער שטימע, אָט איז א גיי ווערק. מיר רעכענען, אז מיר האבען נישט דורכגעלאזט קיין וויכטיגע זאך.

— ס'קען זיין, האט דער שאַך געענטפערט, גאר לעזען וועל איך זי נישט. איך בין שוין אלט; קיין גרויסע אונטערנעהמונגען פאסען שוין נישט פאר מיר אין מיינע יאָהרען; פערקירצט זי נאך מעהר און פערשפעטיגט נישט.

זיי האבען אזוי וועניג פערשפעטיגט, אז שוין אין צעהן יאהר אַרום זענען זיי געקומען צום שאך מיט א יונגען עלפאנט, וועלכער האט געטראגען פינף הונדערט ביכער.

— איך בין איבערגליקליך, וואס מיר איז דאס אזוי גוט געלונגען, האָט דער אלטינקער ראש געזאגט.

— איהר האט עס נאך צו וועניג פערקירצט, האט דער שאַך געענטפערט. איך האַלט שוין ביי דער ענדע פון מיין לעבען. פערקירצט, פערקירצט, אויב איהר ווילט, אז איך זאל נאך פאר מיין טוידט וויסען די געשיכטע פון דער מענשהיים.

אין פינף יאהר אַרום האט מען דעם אלטינקען ראש געזעהן שטעהן פאַר דעם פאַלאַץ. געהענדיג אויף קוליעס, האט ער געפיהרט א קליינעם עזעל, וועלכער האט אויפ'ן רוקען געטראגען איין דיקען בוך.

— איילט זיך צו, האט אנ'אפיציער צו איהם געזאגט, דער שאך האלט ביים שטארבען.

ווירקליך, דער שאך איז שוין געלעגען אויף זיין שטערבע-בעט. ער האט א קוק געטהון אויפ'ן געלעהרטען און אויף זיין דיקען בוך מיט א כמעט שוין אויסגעלאשענעם בליק און האט זיפצענדיג געזאגט:

— איך מוז, ווייזט אויס, שטארבען, נישט וויסענדיג די געשיכטע פון דער מענשהייט!

— שאַך, האט איהם געענטפערט דער געלעהרטער, וועלכער האט שוין אויך אזוי ווי ער געהאלטען ביים שטארבען, איך וועל זי אייך ערקלערען אין דריי ווערטער: זיי זענען געבוירען געוואָרען, זיי האָבען געליטען, זיי זענען געשטאָרבען.

אט אזוי האט דער פערסישער שאַך ענדליך אויסגעלערנט די וועלט־געשיכטע.

איבערזעצט פון פראנצויזישען דורך ל. בראסבערג.

ליטעראַרישע נייס.

עמיל זאָלא וועגען קריטיקער.

„ליטעראַרישע עהאָ" האט געפונען צווישען די פערגעסענע ארטיקלען פון עמיל זאָלא, אנ'ארטיקעל געווידמעט די קריטיקער.

זאָלא זאגט אזוי:

„אז צו מיר קומט צוגעהן אנ'אָנפאנגער, וואס עס טרעסט זעהר אפט, נעהם איך איהם אויף נאָר פריינדליך און מיין ערשטע עצה, וואָס איך גיב איהם איז אזאָ:

— איהר זאלט ארבייטען אָהן אויפהער, רעגוליער, און יעדען טאג, ווי ס'איז נאר מעגליך, א בעשטימטע צייט. זייט גערולדיג צעהן יאהר צו ווארטען אויף אנ'ערפאלג, מאכט קיינעם נישט נאך און פערגעסט וועגען די, וואס זענען געווען ביז אייך.

די צווייטע עצה איז אומפערבייטליך פאלגענדע:

— איהר פערמאגט עפעס א גוטען ליטעראַרישען מאָגען? איך מיין, פערשטעהט זיך, אזא מאָגען, וואס זאָל זיין ביכולת צו פערדייען די אלע נארישקייטען און פלאַכ-הייטען, וואס מ'וועט אנשרייבען וועגען אייך און אייערע ווערק? ניין, זאגט איהר? דאן מוזט איהר זיך בעמיהען אזא מאָגען צו בעשאפען — ס'איז נישט אַזוי שווער. צוליעב דעם מוזט איהר נאר יעדען פריהמארגען דערשלינגען אויס'ן ניכטערנעם הארצען א גרויסע לעבעדיגע זשאבע. קאָסטען, קאסט עס ווייניג, דערהויפט אז מ'זאל זיי איינקויפען מיט אמאל, טוצענווייז, דערפאר אבער וועט איהר אין עטליכע יאָהר אַרום זיך בעשאַפען אַנ'אויסגעצייכענטען ליטעראַרישען מאָגען, וועלכער וועט אהן שום איבעל פערדייען דעם שרעקליכסטען ארטיקעל פון א קריטיקער. אַ לעבעדיגע זשאבע וועט אזוך מא-כען אומוניטעט צו אלע פלוידערייען פון זיי! איך פון מיין זייט שלינג די דאזיגע זשאבעס יעדען טאג, צייט דרייסיג יאהר. איידער איך זעץ זיך צו דער ארבייט, איבער-לייענענדיג זיבען-אכט בלעטער — שלינג איך לעבעדיגע זשאבעס. די דאזיגע ערוואַרטען מיך שוין אויף מיין שרייב-טיש. און אויב נישט אין דעם ערשטען, געפין איך אין דעם צווייטען בלאט אזא מין זשאבע. אין דעם געשטאלט פון אַ גראָבען שטאָך-וואָרט, פון א קאריקאַטור. וואס בעליידיגט דיך טיעף, פון א בארג לינען און ווילדע אויס-טראכטונגען מיט אנפאלען און פלוידעריי.

מיט מיין אייגענעם גוטען ווילען שלינג איך די דאזיגע זשאבעס איין. אויב ס'איז מיר פון אנפאנגס געווען אביסעל שווער און איבעלדיג, אבער דערפאר בין איך צו דעי דריטער, פיערטער טוץ געוואוינט געוואָרען אזוי, אז מיר האט נאר נישט געקאסט זיי צו שלינגען. לאכענדיג האב איך דאס געטהון. און איצט, אויף דער עלטער, פערדייהע איך זיי אויס'ן בעסטען אופן. נאך מעהר, אז איך בעקום אנ'אנדער טאג אַ קלענערע פארציע זשאבעס, פיהל איך, אז זיי פעהלען מיר... ווען איך שלינג זיי איין, ארבייט איך נאר בעסער, און נאר זיי, די זשאבעס, האב איך צו פערדאנקען פאר סי'על גוטע זייטען פון מיינע ווערק, וואס איך האב ווען עס איז געשריבען.

Редиэд. Я. ЛИДСКIИ, Европейская Литература, Те 4
Тип. Г. Пимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

5 טע העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט:

1)	דעם שכור'ס טויט.	טשארלז דיקענס.
2)	די ליעבעס פוטען (פון פראנצויזישען)	קאמיל לעמאניע.
3)	א נאכט-געשיכטע (פון אונגארישען).	קאלמאן מיקסצאט.
4)	די פערשוואונדענע וועלדער	יאהאנעס וו. יענסען.
5)	פריילין מוטער (ראמאן פון דייטשען)	ע. נעארני.
6)	פיפא ספאנא (ראמאן, פון דייטשען).	ה. פאן.
7)	דער בלאזען (הומארעסקע).	יאנוש קארטשאק.

טשארלז דיקענס.

דעם שכור'ס טויט.

מיר קאנען דרייסט בעהויפטען, אז פון די אלע, וועלכע וואנדערען טעגליך דורך די לאנדאנער גאסען, וועט קוים זיין איין און איינציגער, וועלכער זאל זיך נישט דערמאהנען פון צווישען די אלע, וואס ער קאן פון אויסזעהן, עפעס א טרויעריג-אויסזעהענדען אינדיווידואום, וועלכען ער האט נאך געקענט אין זעהר פערשידענע לאגען, וועלכען ער האט געזעהן, ווי ער איז כמעט אונבעמערקט געזונקען אלץ טיעפער און טיעפער, און וואס זיין געגצליך פערענדערטע טרויעריגע, עלענדע געשטאלט ערוועקט אין איהם עקעל אדער שמערץ, ווען ער בעגעגענט איהם. ווער פון די אלע, וועלכע בעוועגען זיך פיעל אין דער געזעלשאפט, אדער קומען אין בעריהרונג מיט פיעל מענשען צוליעב זייער בערוף אדער צוליעב זייערע געשעפטען, ווער פון די אלע קאן זיך נישט דערמאהנען, אין

יענער צייט, ווען עפּעס אַ שמוציגער, אַ לומפּען געקליידעטער מענש, וועלכער לויפט איצט דורך פאַר איהם אַזוי ווי אַ בילד פון הונגער און אונגליק, איז דאַן געוועזען אַ בכבוד׳יגער בעל מלאכה אָדער אַ שרייבער, אָדער אַ בעאַמטער מיט גוטע האָפנונגען אויף דער צוקונפט און מיט נישט שלעכטע מיטלען צו לעבען דערוויל; אָדער צי דען זאָלען זיך אונזערע אַלע לעזער נישט קאָנען דערמאָהנען פון צווישען זייערע אַמאָליגע בעקאַנטע עפּעס אַ פערפאַרעמטען, געזונקענעם מענשען, וועלכער קומט אום אין קימער און עלענד, פון וועלכען יעדער מענש דרעהט זיך קאַלט אָב, און קיינער קאָן נישט זאָגען, ווי אַזוי ער ווערט ניצול פון הונגער-טויט? אַה, אַזעלכע מיני פעלע זענען צו פיעל, דאָס יעדער זאָל זיי נישט האָבען אַליין געזעהן, און מיר מוזען זיי אַלע ערקלערען מיט איין און דער זעלבער סבה — מיט׳ן טרינקען, מיט יענער אונגעהויערער נייגונג, מיט יענער מורא׳דיגער תאוה צו דעם פאַמעלעכען, נאָר זיכערען גיפט, וועלכער בעטויבט און בעהערשט יעדעם בעקלערען זיך, יעדען ישוב-הדעת אַזוי אַז איהר אונגליקליכער קרבן פערגעסט ווייב און קינדער, קרובים און פריינד, זיין עהרע און גוטען נאָמען, פערזוימט און פערניכטעט זיין לעבענס-גליק, ביז ער קומט אום דורך אַ שענדליכען טויט.

פיעל טרינקער דערגעהען צו׳ם טרונק, וואָס דערנידריגט זיי, דורך אונגליק און עלענד. פאַלש-געבליבענע האָפנונגען אין דער וועלט, דאָס פערליערען די יעניגע, וועלכע זיי האָבען געליעבט, דער קומער, וועלכער נאָגט ביי׳ם האַרצען, נישט צעברעכענדיג עס אינגאַנצען, האָט זיי פון זייער וועג אַראָבגעפיהרט, זיי פון זינען אַראָבגעבראַכט, און זיי שטעלען פאַר דאָס שרעקליכע בילד פון משוגעים, וועלכע שטאַרבען פאַמעליך דורך זייערע אייגענע הענד. דאָך דאָס רוב פון זיי האָבען זיך מיט בעוואוסטזיין און מיט אָפענע אויגען אַריינגעוואָרפען אין דעם אָבגרונד, פון וועלכען קיינער, אויסער זעלטענע אויסנאַהמען, קומט שוין נישט צוריק אַרויף, נאָר זיין אָפענער פרעסער ציהט אַרונטער די פערזינקענדע אַלץ טיעפער און האָפנונגס-לאָזער.

אַזאַ אונגליקליכער איז געשטאַנען ביי׳ם טויטען בעט פון זיין ווייב, וועהרענד די קינדער זענען געלעגען אויף די קניע און האָבען זייער קינדעריש בעטען צו גאָט מפסיק געווען נאָר מיט שטילע שלאָכצען. דער צימער איז געווען זעהר אָרעם מעבלירט, און עס איז גענוג געווען צו וואַרפען איין בליק אויף די בלאַסע געשטאַלט, פון וועלכער דאָס לעבען האָט זיך געשיידט, כדי צו וויסען, אַז דלות און נויט און אַנגסטפולע

זארגען האבען נישט איין טרויעריג יאהר גענאגט אין איהר הארצען, וועלכעס האט איצט נאך געשלאגען אין איהר וועהר מאט און שוואך. א אלטע אין טרעהרען געשוואנקטע פרוי האט מיט איהרע ארעמס געשטיצט דעם קאפ פון דער שטארבענדער — פון איהר טאכטער. דאך נישט צו איהר איז געווען געווענדעט דאס בלאסע געזיכט, נישט איהר האנד האבען ארומגענומען די קאלטע ציטערנדע פינגער — זיי האבען געדריקט דעם מאנס ארעם, אויף איהם האבען גערוהט די צעבראכענדע אויגען, און ער איז דערציטערט געווארען פון איהר בליק. זיין אנצוג איז געווען שמוציג, זיין געזיכט האט געפלאמט, די אויגען זענען געווען אונטערגעלאפען מיט בלוט, די בליקען שטאר. ער איז פון א ווילדער שענק געריפען געווארען צום בייט פון שמערצען און טויט.

א לאמפ מיט א שיין פארין בעט האט געווארפען א דונקעל ליכט אויף די געשטאלטען ארום און ארום, און האט איבערגעלאזט דעם איבעריגען טייל פון צימער אין געדיכטע שווארצע שאטענס. אין דרויסען האט געהערשט דאס שווייגען פון דער נאכט, און אין צימער די שטילקייט פון טוידט. אויפ'ן גזימס פון קאמין איז געשטאנען א זייגער, וואס זיין שטילעס טיקען איז געווען דער איינציגער לויט, וועלכער האט איבערגעהאקט די טיפע רוהיגקייט, און ער האט אלעמען געקלונגען פייערליך אין די אויערען, דען זיי האבען גוט געוואוסט, אז נאך איידער עס וועט פערבלייבען איין אנגסטפולע שטונדע, וועט ער בעצייכנען די שטונדע פון טוידט פון א אבשיידענדען גייסט.

עס איז שוידערהאפט צו ווארטען אויף דעם אנקומען פון טוידט — צו וויסען, אז קיין האפנונג איז שוין מעהר נישטא, אז דאס געזונד ווערען איז שוין נישט מעגליך — און זיצען דערביי און אין לאנגע לאנגע נעכט צעהלען די פאמעלעך פערבייגעהענדע שטונדען — אין וויסטע, טרויעריגע נעכט, וועלכע עס קענען נאר די יעניגע, וואס האבען געוואכט ביי קראנקען־בעטען. עס מאכט די בלוט אין די אדערען פריערען, צו זיצען און אויסהערען פון קראנקען, וואס ליעגט בעוואוסטלאז און הילפלאז, די טייערסטע סודות פון הארצען, די פערבארגענסטע געהיימניסען, וועלכע זענען יאהרענלאנג געווען אין דער ברוסט פערשלאסען, און דערביי צו פערשטעהן, ווי וועניג עס נוצט דאס שווייגען און דאס פאלשע פערשטעלען זיך אינים משך פון גאנצען לעבען, ווען פיעבער און פיעבערפאנטאזיע רייסט ענדליך ארונטער די מאסקע. זעהר מערקווירדיגע זאכען האט מען געהערט פון שטארבענדע, ווען זיי האבען פון היץ גערעדט —

אודוי פון שולד און פערברעכען פון אזא אונגעהויערער, שרעקליכער ארט, אז די ארומשטעהענדע צוהערער וואלטען שוידערנדיג געדארפט אנטלויפען, כדי זיי זאלען נישט משוגע ווערען דורך דעם גרויל פון דאס, וואס זיי זעהען און הערען; און נישט איין עלענדער, וואס איז איינזאם געשטארבען, האט זיך אין זיין קאמפף מיט'ן טוידט מודה געווען אין זאכען, וואס זייער נאמען אליין וואלט פערטריבען אפילו די אונערשראקענסטע.

דאך ביי דעם בעט, פאר וועלכען די קינדער האבען געקניעט, האט מען אזעלכע זאכען נישט געהערט. דאס מויל פון דער שטארבענדער איז שטום געווען. און ווען איהר האנד איז ענדליך אראבגעפאלען אויף דער דעק, און ווען זי האט די בליקען פון די קינדער צום פאטער געווענדעט, זיך אומזיסט בעמיהט צו רעדען, און איז צוריקגעפאלען אויפ'ן קישען, דאן האט נאר א שטילעס, האלב דערשטיקטעס שלאכצען איבערגעהאקט די טיעפע שטילקייט. כמעט אונבעמערקט איז זי איינגעשלאפען. די קינדער האבען זיך אריבערגעבויגט איבער איהר און האבען גערופען איהר נאמען צום ערשטען שטיל, דערנאך העכער און ענדליך אין דורכדרינגענדע טענער פון דער ביטערסטער פערצווייפלונג, וועלכע זענען דאך אהן ענטפער געבליבען. זיי האבען זיך צוגעהערט — נאר זיי האבען שוין קיין אטעמצוג מעהר נישט געהערט. זיי האבען זיך געפרובט צוהערען צום הארץ-קלאפען פון זייער מוטער — נאר דאס הארץ האט שוין מעהר נישט געקלאפט — עס איז געווען געבראכען — און זי איז געווען טוידט.

איהר מאן איז געפאלען אויף א שטוהל ביי'ם בעט, און האט צוזאמענגעדריקט די הענד איבער דעם ברענענדען שטערן. ער האט שטאר אנגעקוקט די קינדער איינס נאכ'ן אנדערן, און האט א ציטער געטהון פאר'ן בליק, ווען איינס פון אין די טרעהרען שווימענדע אויגען האט זיך מיט זיינע אויגען בעגעגענט. קיין ווארט פון טרייסט איז אין זיין אויער נישט איינגערוימט געווארען, קיין ליעבעס-בליק איז איהם נישט צוגעווארפען געווארען. אלע האבען איהם מיט מורא אויסגעמיידעט, און ווען ער האט זיך ענדליך ארויסגעוואקעלט פון צימער, איז איהם קיינס פון די קינדער נישט נאכגעגאנגען צו לינדערען זיין שמערץ.

עס איז געווען א צייט, ווען מאסען פריינד האבען אין זיין טרויער צו איהם געאילט, און פיעל הערצליכע טרייסט-ווערטער זענען צו איהם גערעדט געווארען. וואו זענען זיי איצט געווען? איינער נאכ'ן אנדערן, פריינד, קרובים, יא אפילו די געוועהנליכסטע בעקאנטע האבען זיך פון איהם אבגעווענדעט, האבען דעם טרינקער דעם רוקען צוגעקעהרט. נאך

זיין פרוי האט טריי אויסגעהאלטען ביי איהם אין גוטע און שלעכטע טעג, אין מאנגעל און קראנקהייט — און ווי האט ער עס איהר בעלוינט? ער איז וואקלענדיג פון שענק צו איהר בעט געקומען, גראדע נאך אזוי בעצייטענס, דאס ער האט געקאנט זעהן, ווי זי איז געשטארבען.

ער איז ארויסגעלאפען פון הויז און האט האסטיג געאיילט גאס איין גאס אויס. געוויסענביסע, אנגסט און חרפה זענען איהם שטורמיש בעפאלען. האלב שכור, מיט א צעמישטען קאפ, בעטויבט פון דעם, וואס ער האט קוים געזעהן און געהערט, האט ער זיך וואקלענדיג געשלעפט צו דער שענק, וועלכע ער האט ערשט נישט לאנג פערלאזען. איין גלאז האט געפאלגט דאס אנדערע. דאס בלוט האט איהם ווי פייער געברענט אין די אדערען, און אין זיין געהירן האט עס געדרעהט ווי אין א מיהל. טוידט! מיר מוזען דאך אלע שטארבען, פארוואס נישט אויך זי? זי איז געוועזען צו גוט פאר איהם — איהרע קרובים האבען דאס איהם אפט געזאגט. פערפלוכט זאלען זיי ווערען! האבען די דאזיגע קרובים זיי נישט פערלאזט אין פערשטויסען, אז זיי מוזען זייערע טעג איינזאם פערטרויערען? זי איז געוועזען טוידט, און אפשר גליקליך. עס איז אזוי בעסער געוועזען. נאך — און נאך א גלאז! הורא! כל זמן דאס גלאז איז פול לעבט זיך עס לוסטיג דערביי — און פארוואס זאל מען דעם בעכער פון לוסט נישט אויסלעדיגען ביז צום לעצטען טראפען?

די צייט איז פערגאנגען; די דריי קינדער זענען אונטערגעוואקסען און זענען שוין מעהר קיין קינדער געוועזען; דער פאטער איז געבליבען דער זעלביגער — דער זעלביגער טאגטעגליכער אונפערבעסערליכער שכור, נאר ער האט אויסגעזעהן נאך ארעמער, שמוציגער און וויסטער. די זיהן, וועלכע האבען זיך ארומגעשלעפט איבער די גאסען האבען איהם שוין לאנג פערלאזען, די טאכטער אליין איז געבליבען ביי איהם, האט געארבייט טאג און נאכט, און גוטע ווערטער און קלעפ האבען דעם פאטער שטענדיג פערשאמט אביסעל געלד פאר דער שענק. אזוי האט ער געלעבט אויפ'ן אלטען שטייגער ווייטער און ווייטער, און דאס לעבען, וואס ער האט געפיהרט, איז געוועזען א לוסטיג לעבען. איין מאל אין אבענד, פריה, ארום צעהן א זייגער — דען די טאכטער איז שוין לאנג קראנק געלעגען און דעריבער האט ער געהאט ווייניג צו פער'שכור'ן — האט ער זיך געלאזט אהיים, און אויפ'ן וועג האט ער זיך בעטראכט, אז אום זי זאל זיין אימשטאנד צו פערדינען געלד, וואלט ער זיך געדארפט ווענדען צום דאקטאר פון געגענד, ארער ער וואלט זיך אמווייניגסטענס געמוזט געבען די מיה צו פרעגען,

וואס איהר פעלט. עס איז געווען א רעגענדיגער און א שטורמישער דעצעמבער־אבענד. ער האט אויסגעבעטעלט א קליינינקייט פון א פערביי־גייענדען, געקויפט א ברויט — דען עס איז פאר איהם וויכטיג געווען, דאס מיידעל זאל מעגליך צו דערהאלטען ביים לעבען — און האט זיך קוים מיט מיה חייטער געשלעפט, אזוי שנעל ווי ער האט נאר געקאנט ביים רעגען און ווינד. צווישען דער פליטסטריט און דעם טעמזע־ברעג ליעגען מעהרערע פינסטערע ענגע געסלעך, און אין איינס פון די דאזיגע געסלעך האט ער זיך נעלאזט געהן. די איז געווען אזוי שמוציג און יעדעס הויז אזוי ארעם ווי נאר מעגליך, און פון אלע הייזער האט זיך געהערט א לארעם פון קריגענדיגע אדער פון שכורים.

דער ווינד אדער א ליעבהאבער פון חונקעלהייט פון צווישען די איינוואוהנער, האט אויסגעלאשען די איינציגע לאטערנע אין דער גאנצער גאס, וועלכע איז איצט נאך דא און דארטען אביסעל בעלויכטען געווארען דורך א מאטען ליכט־שימער פון די פענסטער; דער ווינד האט געפייפט דורך די האלב־איינגעפאלענע הייזער, די טהירען און די לאדענס פון די פענסטער האבען געסקריפעט, די פענסטער האבען געציטערט אין זייערע ראהמען, און עס האט אויסגעוויזען, ווי דער גאנצער שטאדט־טהייל האלט יעדען אויגענבליק ביים איינפאלען.

ער איז ווייטער געגאנגען אין דער פינסטערניש, זיך פון צייט צו צייט אריינגעוואקעלט אין דער הויפט־רינע פון גאס, און האט ענדליך דער־גרייכט דאס לעצטע הויז, די טהיר, אדער ריכטיגער דאס, וואס איז נאך איבער־געבליבען פון א טהיר, איז געשטאנען אפען צו דער בעקוועמליכקייט פון די פיעלע איינוואוהנער, און ער איז טאפענדיג ארויפגעקראכען אויף די שמוציגע אויסגעקרימטע טרעפ, כדי אנצוקומען אין אויבערשטען שטאק. ענדליך איז ער געשטאנען א פאר טריט פאר דער טהיר פון זיין צימער; די איז געעפענט געווארען, און א מיידעל האט מיט אנגסט ארויסגעקוקט, א שרעקליך בילד פון עלענד און פיין, האלטענדיג אין האנד א ארעם ליכט.

— ביזטו דאס, פאטער? — האט די אונגליקליכע געפרעגט.

— ווער דען זאל דאס זיין? — האט דער פאטער גראב געענטפערט.— וואס ציטערסטו? איך האב היינט געהאט צו וועניג צום טרינקען, דען מען קריעגט נישט קיין געטראנק אהן געלד, און קיין געלד אהן ארבייט. וואס צום טייוועל איז איצט מיט דיר?

— איך בין נישט געזונד, פאטער — זעהר נישט געזונד, — האט די טאכטער געענטפערט אויסברעכענדיג אין טרעהרען.

— המ! — האט דער פאטער געזאגט אין א טאן, ווי בשעת מען מוז מודה זיין אין עפעס א אונאנגענעהמע זאך, אקעגען וועלכער מען וואלט דאך גערן געוואלט בלינד בלייבען. — דו מוזט און מיזט געזונד ווערען, דען מיר מוזען געלד האבען. דו מוזט געהן צו'ם דאקטאר פון געגענד און זיך לאזען עפעס פערשרייבען. די הילטאיעס בעקומען דערפאר בעצאהלט. וואס שטעהסטו דא פאר דער טהיר? מאך פלאץ, איך זאל קאנען אריינגעהן.

— פאטער, — האט דאס מיידעל געזאגט שטילערהייד, צומאכענדיג די טהיר הינטער זיך און זיך שטעלענדיג איהם אין וועג; — וויליאם איז צוריק געקומען.

— ווער? — האט דער פאטער אויסגערופען, אבטרעטענדיג.

— ששש! וויליאם — דער ברודער וויליאם, — האט די טאכטער געזאגט.

— און וואס וויל ער דען? — האט דער פאטער געענטפערט, קוים הערשענדיג איבער זיך. — געלד, עסען, טרינקען? אויב אזוי איז ער אריינגעגאנגען נישט אין דער ריכטיגער טהיר. גיעב מיר דאס ליכט — אהער דערמיט, נאר — איך וועל איהם גארנישט טהון.

ער האט דעם מיידעל ארויסגעריסען דאס ליכט פון דער האנד און איז אריינגעגאנגען.

אויף א האלב צעבראכענעם שטוהל, דעם קאפ אויף די האנד אנגעשפארט, די אויגען אנגעשטעלט אויף די אויסגעהענדע קויהלען אין קאמין, איז געזעסען א ארעם-געקליידעטער יונגער מאן פון אנ'ערך צוויי און צוואנציג יאהר. ער איז אויפגעשפרונגען, ווען דער פאטער איז אריינגעגאנגען.

— פערריגעל די טהיר, מערי, — האט ער האסטיג געזאגט, — פערריגעל די טהיר. דו קוקסט מיך אן, פאטער, אזוי ווי דו האלסט מיך נישט דערקענט. עס איז שוין נאטירליך פערביינעגאנגען א לאנגע צייט פון זייט דו האסט מיך פון שטוב ארויסגעיאגט, און דו האסט מיך שוין געמוזט פערגעסען.

— נאר וואס ווילסטו דא איצט? — האט זיין פאטער געפרעגט, זיך זעצענדיג איהם געגענאיבער. — וואס זוכסטו דא?

— שוץ, — האט דער זוהן געענטפערט. — איך בין אין א צרה, און אין א גוטער. האפט מען מיך, אזוי מוז איך הענגען; דאס איז אזוי געווים, אזוי ווי צוויי מאל צוויי איז פיער. און מען וועט מיך האפען,

אויב איך וועל דא נישט ליעגען בעהאלטען; דאס איז אויך אזוי געווען.

— וואָל דאס בעדייטען אזוי פיעל, אז דו ביזט בעגאנגען רויב אָדער מאָרד? — האט דער פאטער געזאָגט.

— נו, יאָ, — האט דער זוהן געענטפערט. — וואונדערט עס דיך?

ער האט דעם פאטער אנגעקוקט פעסט אין געזיכט, און דער פאטער האט פון איהם אבגעדרעהט די אויגען און זיין אראבגעלאזט צו דער ערד.

— וואו זענען דיינע ברידער? — האט ער געפרעגט נאך א לאנגען שטיל-שווייגען.

— דארט, וואו זיי וועלען דיר שוין קיין לאסט און קיין אונרוהע מאכען, — האט דער זוהן געענטפערט. — דזשאָן איז אוועק קיין אמעריקע, און העגרי איז טויט.

— טויט! — האט דער פאטער אויסגערופען און האט זיך נישט געקאָנט אבהאלטען פון א שוידער צו טהון.

— טויט! — האט דער יונגער מאן ווידערהאָלט. — ער איז געשטאָרבען אין מיינע אָרעמס — ווי א העלד איז ער פון וואלד-וועכטער דערשאָסען געוואָרען צום טויט. ער איז אומגעפאלען, איך האב איהם אויפגעהויבען, און זיין בלוט האט איבערגעשטראָמט איבער מיינע הענד. עס איז איהם געראָנען פון דער זייט אזוי ווי א וואסער. ער איז שוין געוועזען נאָהענט צו פאלען אין חלשות, נאָר דאך האט ער זיך א ניעדערגעוואָרפען אויף די קניע, און האט געבעטען צו גאָט, אויב זיין מוטער איז אין הימעל, זאל גאָט דער בעסטער דערהערען איהר בעטען פאר איהר יונגסטען זוהן. „איך בין געוועזען איהר ליעבלינג,” — האט ער געזאָגט, — און איך טראכט איצט מיט פריידע וועגען דעם, אז בשעת זי האט געהאלטען ביים שטארבען, וואָס איך בין נאך דעמאלט געוועזען א קליין יונגעל, האב איך אניעדער-געקניעט פאר איהר בעט און האב גאָט געדאנקט, דאס ער האט מיר אין הארץ געגעבען אזוי פיעל ליעבע צו איהר, אז איך האב קיינמאל נישט עפעס א זאך, איבער וועלכער זי וואלט געמוזט וויינען; — אך, וויל, פארוואס האט זי געמוזט שטארבען און דער פאטער לעבען בלייבען?” — דאס זענען געוועזען זיינע לעצטע ווערטער — נעהם דערפון ארויס, וואס דו ווילסט און קאנסט. אין דעם טאג, ווען מיר זענען אנטלאָפען געוואָרען, האסטו איהם שכור'ערהייד געשלאָגען איבער'ן קאָפ — און אָט איז איצט די ענדע דערפון!

דאס מיידעל האט הויך געוויינט, דער פאטער האט בעדעקט מיט די הענד דאס געזיכט און האט זיך געוויעגט אהין און אהער.

— וועט מען מיך האפען, — האט דער יונגער מאן ווייטער גערעדט, — אזוי ווער איך געהאנגען, ווייל איך האב דעם וואלד-וועכטער דערשאסען. דא וועלען זיי מיך נישט געפינען, אויב דו וועסט מיך נישט אויסגעבען, פאטער. אויב דו וועסט דאס נישט טהון, אזוי רעכען איך צו בלייבען דא בעהאלטען, ביז איך וועל קאנען פון לאנד אנטלויפען.

צוויי טעג האבען זיך אלע אויפגעהאלטען אין דערהיים אין עלענדען צימער. דעם דריטען אבענד איז אבער די טאכטער געווארען נאך קראנקער, ווי זי איז ביז איצט געווען, און די ווייניגע לעבענס-מיטעל זענען שוין אויסגעגאנגען. עס איז אונבעדינגט געווען נויטיג, אז עמיץ זאל ארויסגעהן, און אזוי ווי די טאכטער איז צו שוואך געווען, איז דער פאטער געגען אבענד ארויסגעגאנגען.

ער האט אויסגעבעטעלט א רפואה און אביסעל געלד, וואס וואלט דאך גענוג געווען, אום צו דערהאלטען א פאר טעג ביים לעבען איהם און זיינע קינדער. ער האט זיך געלאזט געהן אהיים. ווען ער איז פערבייגעגאנגען פאר דער שענק, איז ער איין אויגענבליק געבליבען שטיל שטעהן, דערנאך איז ער פערבייגעגאנגען, דאן האט ער ווידער צוריק געקעהרט, נאך א מאל געבליבען שטעהן איין אויגענבליק, און ענדליך האט עס איהם אריינגעצויגען. ער האט נישט בעמערקט צוויי מענער, וועלכע זענען געשטאנען און האבען געלויערט. זיי האבען שוין האפנונגסלאז געוואלט זיך ענטזאגען פון זייערע נאכשפירונגען, נאר זיין שטיל-שטעהן און זיין צוריקקעהרען האט ערוועקט זייער אויפמערקזאמקייט. ווען ער איז אריינגעגאנגען אין די שענק, זענען זיי איהם נאכגעגאנגען.

— ס׳איז קאלט— טרינקט א גלעזעל מיט מיר, — האט איינער געזאגט און איהם פארגעלעגט א פולע גלאז.

— און מיט מיר אויך איינס, — האט דער אנדערער געזאגט, און האט דאס גלאז ווידער אנגעפילט, גלייך ווי עס איז אויסגעלעדיגט געווארען.

דער אונגליקליכער האט געטראכט פון זיינע אונגליקליכע קינדער, פון דער סכנה, אין וועלכער זיין זוהן שוועבט. דאך וואס גערט דאס אלץ אן דעם שכור? ער האט געטרינקען — און גאנץ שנעל איז די בעקלערונג פון איהם פערשוואונדען געווארען.

— עס איז א נעבעלדיגער, דונקעלער אבענד, מיסטער הארדען, — האט איהם איינער פון די מענער אריינגערוימט אין אויער, ווען ער האט שוין ענדליך געוואלט געהן אהיים, נאכדעם ווי ער האט פערשכורט א

העלפט פון דעם געלד, פון װעלכען עס איז פילײכט געװען אנבעלאנגט זײן טאכטערס לעבען.

— גראד אזא אבענד, װי ער איז נויטיג פאר די יעניגע, װעלכע ליעגען בעהאלטען, מיסטער װארדען, — האט דער צװײטער געזאגט שטילערהײד.

— הערט, — האט זיך אנגערופען דער, װעלכער האט צום ערשטען גערעדט, און האט איהם אװעקגעצויגען אין א װינקעל אריין; — מיר האבען אומעטום ארומגעזוכט דעם יונגען בחור. מיר האבען איהם געװאלט זאגען, אז איצט איז די רעכטע צײט און אלץ איז אין ארדנונג, נאר מיר האבען נישט געװאוסט, װאו איהם צו געפינען, דען ער האט עס אונז אלײן נישט געקאנט זאגען, װאו ער װיל זיך בעהאלטען, װען ער האט צוריקגעקעהרט אין לאנדאן. ער איז דאך דא?

דער פאטער האט געענטפערט: נײן.

די בײדע מענער האבען זיך בגנבה איבערגעקוקט.

— עס שטעהט א שיף בערײט אבצופאהרען ארום האלבע נאכט, אויב דאס װאסער װעט זײן גינסטיג, און מיר װילען איהם העלפען קומען צום ברעג. מיר האבען איהם אײנגעארדענט די רײזע אונטער א פרעמדען נאמען, און נאך בעסער, עס איז שוין פאר איהר בעצאהלט. עס איז א גליק, װאס מיר האבען אײך דא געטראפען.

זײ האבען איהם אונטערגעשטעלט נאך א גלאז און נאך א גלאז, אין פינף מינוט ארום האט דער פאטער, אלײן ניט װיסענדיג, איבערגעגעבען דעם זוהן אין דעם הענקערס הענד! —

לאנגזאם און װיסט זענען פאר שװעסטער און ברודער פערגאנגען די שטונדען אין זײער טרויעריגער בעהעלטעניש, און אין שרעקליגער שפאנונג האבען זײ זיך צוגעהערט צום שטילסטען גערויש. ענדליך האבען זײ דערהערט שװערע טריט אויף די טרעפ, און באלד דערנאך האבען זיך ארײנגעשלעפט דער פאטער.

די טאכטער האט געזעהן, אז ער איז געװען שכור און איז איהם געגאנגען אקעגען מיט א ליכט אין דער האנד; פלוצלונג איז זי געבליבען שטעהן, הויך א געשרײ געטהון און איז געפאלען אין חלשות צו דער ערד. זי האט דעם שאטען פון א מאן געזעהן. אין צװײ אויגענבליקען ארום איז איהר ברודער געװען א געפאנגענער און געבונדען אין קײטען.

— עס איז צוגעגאנגען זעהר גוט און שטיל, א דאנק דעם אלטען, — דאס איין געהײם-אגענט געזאגט צום אנדערען. — הױב דאס מײדעל אויף, טאם — נאר רוהיג, א יונגע פרויענצימער; דאס װײנען װעט גארנישט

העלפען. ס'איז שוין איצט פערביי און עס איז שוין אונמעגליך אנדערש צו מאכען.

דער יונגער מאן האט זיך איין אויגענבליק אראבגעבויגען איבער דאס מיידעל, און האט זיך דאן געווענדעט מיט הויהלע און פינסטערע בליקען צו זיין פאטער, וועלכער האט זיך דערשלעפט ביז צו דער וואנד, און האט שטאר און בעטויבט געקוקט ארום זיך שטומפזיניג.

— הער מיך אויס, פאטער, — האט ער געזאגט מיט א שטימע, וועלכע האט דעם פיאניצע שוידערן געמאכט. — דאס בלוט פון מיין ברודער און מיין אייגען בלוט פאלט אויף דיין קאפ. איך האב קיינמאל פון דיר נישט געהאט קיין פאטער-בליק, קיין ליעב ווארט, דו האסט זיך קיינמאל נישט געקימערט פאר מיר, און נישט אין לעבען נישט אין טויט וועל איך דיר קיינמאל נישט מוחל זיין. שטארב ווי אנדער ווען דו ווילסט, איך וועל ביי דיר זיין ווי דיין בייזער גייסט. איך רעד שוין איצט אלס א טויטער, און איך זאג עס דיר פאראויס, פאטער: אזוי געוויס, ווי עס וועט קומען א טאג, ווען דו וועסט שטעהן פאר דיין שעפער, אזוי אונבעדינגט וועלען דיינע קינדער האנד ביי האנד פאר זיין טהראן שטעהן, און וועלען פערלאנגען פון איהם גערעכטיגקייט געגען דיר!

ער האט סטראשענדיג אויפגעהויבען די געשמידעטע הענד, אנגעשטעלט אויפ'ן אלטען א פאר דורכבויערנדיגע בליקען און איז לאנגזאם ארויסגעגאנגען; און נישט פאטער נישט שוועסטער האבען איהם שוין קיינמאל אויף דער זייט פון קבר נישט געזעהן.

ווען דאס טריבע ווינטער-ליכט פון ענגען געסעל האט אויף צו מארגענס אין דער פריה אריינגעדרונגען דורך דאס בעשמוצטע פענסטער פון ארעמען צימער, האט זיך ווארדען אויפגעהאפט פון זיין טיעפען שלאף און זיך געזעהן איינעם אליין אין צימער. ער איז אויפגעשטאנען און האט זיך ארומגעקוקט ארום זיך. אלץ איז נאך געלעגען און געשטאנען אזוי, ווי ער האט עס געזעהן אין פאריגען אבענד, און קיין שפור האט נישט בעוויזען, אז אויסער איהם אליין זאל נאך עמיץ האבען געשלאפען אין צימער. ער האט זיך נאכגעפרעגט ביי די איבריגע שכנים און איינוואהנער; נאר קיינער האט גארנישט געזעהן נישט געהערט וועגען זיין טאכטער. ער האט דורכגעוואנדערט די גאסען און פול מיט אנגסט איז ער זוכענדיג נאכגעלאפען יעדען בלייכען קרענקליכען געזיכט אין דער שטויסעניש — נאר אלץ איז געוועזן אומזיסט, און איינזאם און דערשלאגען האט ער צוריקגעקעהרט, ווען דער אבענד איז אנגעקומען, אין זיין בודעם-שטיבעל.

נאך אין פיעל אנדערע טעג האט ער נישט אויפגעהערט זי צו זוכען און זיך נאכפרעגען וועגען איהר, נאר ער האט נישט ענטדעקט קיינע שפורען פון זיין טאכטער, און קיין ווארט וועגען איהר האט נישט דער־גרייכט זיין אויער. ער האט זיך ענדליך מיאש געווען און האט זי אויפגעהערט צו זוכען. פריהער האט ער אפט וועגען דעם געקלערט, אז ס'איז זעהר לייכט, יא, עס איז זאגאר וואהרשיינליך, אז זי וועט איהם פערלאזען, און וועט זיך געפינען א פלאץ ערגעץ אנדערש, וואו זי וועט רוהיג און שטיל זיך קאנען פערדינען צום לעבען. און אט האט זי איהם ענדליך פערלאזט, ער זאל אליין שטארבען פון הונגער. ער האט געקריצט מיט די צייהן און האט זי פערפלוכט.

ער האט אויסגעבעטעלט זיין ברויט אין די הייזער, און האט אויף זיין אלטען געוואהנטען שטייגער אויסגעגעבען יעדען האלב־פעני, וואס ער האט געוואוסט ארויסצורייסען פון אנדערע דורך זייער מיטלייד אדער לייכט־גלויביגקייט. א יאהר איז פערגאנגען, און דער דאך פון א געפענג־גניש איז געווען דאס איינציגע, וואס האט איהם געגעבען שוץ זייט מאנאטען. ער איז געשלאפען אונטער שייערען אדער טויערן פון ארייננפאהר־הייזער — אומעטום, וואו נאר עס איז מעגליך געווען צו געפינען דעם מינדעסטען שוץ פאר רעגען אדער שנעע, און ער איז געבליבען א טרינקער אויך נאך אויף דער טיעפסטער שטופע פון היימלאזען דלות, פון דער גרויזאמסטער נויט, פון דער שרעקליכסטער קערפערליכער אבגעלאזענהייט. ענדליך איז ער אין א ביטער־קאלטער נאכט אהנמעכטיג אניעדערגעפאלען פאר א הויז־טהיר אין פיקאדילי. ער איז געוועזען אבגעמאגערט פאר דער צייט, און בלויז הויט און ביינער איז ער געווען גלייך צו א רוח. זיינע באקען זענען געווען פוהל און בלויליך, זיינע אויגען איינגעזונקען, אהן גלאנץ, טויט; זיינע פיס האבען געציטערט אונטער איהם, און א קאלטער שוידער איז איהם איבערגעלאפען פון קאפ ביז צו די פיס.

און איצט האבען פלוצלונג אנגעהויבען פאר איהם פערבייצושוועבען אזוי פורכטבאר־לעבעדיג די פערשיעדענארטיגע סצענעס פון זיין שענדליך פערלעבטען לעבען. ער האט זיך דערמאהנט אן דער צייט, ווען ער האט נאך גענאסען די פרייד פון פאמיליען־לעבען אין זיין הויז — זיך דערמאהנט אן די ליעבע, וועלכע האבען דעמאלט זייני טעג פערזיסט, ביז עס איז איהם אויסגעקומען, ווי די געשטאלטען פון זיינע קינדער שטייגען ארויס פון זייערע קברים און שטעהען פאר איהם — אזוי דייטליך, אזוי בעשטימט, אזוי גאר ווי אליין, דאס ער וואלט זיי געקאנט בעריהרען און פיהלען. בליקען,

וועלכע ער האָט שוין לאַנג פערגעסען, זענען ווידער אויף איהם אָנגע־שטעלט געוואָרען; שטימען, וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט מעהר געהערט, האָבען געקלונגען אין זיינע אויערען. נאָר דאָס האָט געדויערט נאָר איין אויגענבליק. דער רעגען האָט שטראָמענווייז אויף איהם גע־גאָסען, און הונגער און קאַלט האָבען איהם ווידער אָנגעהויבען דורכצו־נעהמען דורך און דורך.

ער האָט זיך מיט מאַטערניש אויפגעהויבען און האָט זיינע ציטערנדע גליעדער איינינע טריט ווייטער געשלעפּט. די גאַס איז געווען וויסט און שווייגענד; די ווענינע מענשען, וועלכע זענען נאָך אַזוי שפּעט פערבייגע־גאַנגען, האָבען מיט שנעלע טריט געאיילט פאָרווערטס, און זיין הייזעריגע שטימע האָט זיך פערלאָרען אין ווינד־געהייל. ווידער האָט איהם דורכגענומען דורך און דורך דער שרעקליכער פראָסט, וועלכען ער האָט שוין פריהער געפיהלט, און דערביי האָט דאָס בלוט איהם אויסגעוויזען צו ערפריערען.

ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אין אַ ווינקעל פון אַ אַריינפאָהר־טויער און זיך געסטאַרעט איינצושלאָפען. נאָר דער שלאָף איז געפלויגען פון זיינע שטאַרע טויטע אויגען. ער האָט אָנגעהויבען צו הלומ'ען מערקווירדיגע הלומות, און דאָך איז ער געווען וואַך און האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס מיט איהם איז. אין זיינע אויערען האָט געקלונגען דאָס גוט־בעקאַנטע געפילדער פון זיינע שענק־חברים, דאָס גלאָז איז געווען ביי זיינע ליפּען, דער טיש איז געווען אויסגעשטעלט מיט אויסגעקליבענסטע צובייסעכצען — ער האָט דאָס אַלץ דייטליך געהערט און געזעהן און האָט נאָר געדאַרפט די האַנד דערצו אויסשטרעקען — און דאָך האָט ער געהערט, ווי די שווערע רעגען־טראָפּענס פאַלען אויף די שטיינער, געוואוסט, אַז ער וואַלגערט זיך אַליין און פערלאָזען אויף דער איינזאַמער גאַס, אַז דער טויט קומט צו איהם טריט ביי טריט, און אַז קיינער וועט זיך פאַר איהם נישט אָננעהמען, קיינער וועט איהם קיין הילף נישט ברענגען.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען, אַרומגעהאַפּט פון דעם פורכט־באַרסטען שרעק. ער האָט זיין אייגענע שטימע אין דער נאַכט־לופט גע־הערט — ער האָט נישט געוואוסט וואָס, נישט פאַרוואָס. האָרך! אַ קרעכ־צען! נאָך אַמאָל! ער האָט פערלאָרען דעם זינען; נאָר האַלב געענדיגטע, נישט צוזאַמען געבונדענע ווערטער האָבען זיך אַרויסגעריסען פון זיינע ליפּען, און זיינע הענד האָבען קראַמפּפהאַפט געווילדעוועט און האָבען גע־וואָלט דאָס אייגענע פלייש פון די פיס אַראָבּרייסען. ער איז געווען נאָהענט צו משוגעת, און האָט געשריען צו הילף, ביז די שטימע האָט איהם שוין מעהר נישט געדיענט.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט געקוקט אַראָפּ איבער דער לאַנגער ווייסטער גאַס. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז פיעל פון די פערוואָרפענע, וואָס זענען געוועזען פערזאָרטיילט ווי ער דורכצוּוואַנדערן נאַכט און טאָג די דאָזיגע שרעקליכע גאַסען, זענען דורך זייער איינזאַמקייט משוגע געוואָרען — ער האָט זיך דערמאָהנט, דאָס מיט פיעל יאָהרען צוריק האָט ער געהערט, אַז איין מאָל איז אַ אונגליקליכער היימלאָזער מענש געפונען געוואָרען אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל, און מען האָט געזעהן, ווי ער האָט אַ פעררואָסטען מעסער געשאַרפט און איהם זיך אין האַרץ אַריינגעשטאָכען, ווייל ער האָט בעסער געוואָלט אַזאַ טויט, איידער זיך אַרומצושלעפען און אונענדליך אַרומוואַנדערן הין און צוריק. אויגענבליקליך האָט ער אָנגענומען אַ בעשלוס, ער האָט אָנגעהויבען לויפען און האָט זיך נישט אָבגעשטעלט, ביז ער איז קייכענדיג און אָהן אָטעם געבליבען שטעהן ביים ברעג פון טייך. ער איז זאַכט אַראָבגעגאַנגען די טרעפּ ביי דעם אויספאָהר פון דער וואַטערלאָאָ-בריק, און האָט זיך אַניעדערגעוואָרפען און איינגעהאַלטען דעם אָטעם, ווען די נאַכט-וואַך איז פערבייגעגאַנגען. נאָך קיינמאָל האָט דאָס האַרץ פון אַ געפאַנגענעם, ווען עס איז פול מיט דער האָפנונג, צו רעטען פרייהייט און לעבען, נישט געקלאַפּט אַזוי שטאַרק און פול מיט בענקשאַפט, ווי דאָס האַרץ פון דעם דאָזיגען עלענדען מענשען, זעהענדיג פאַר זיך דעם טויט. ער איז געבליבען אונבעמערקט און גלייך, ווי דער קלאַנג פון די פוס-טריט, פאַר וועלכע ער האָט מורא געהאַט, איז פערלאָרען געוואָרען אין דער ווייטקייט, איז ער אַרונטערגעגאַנגען אונטער דעם דונקעלען בויגען, וועלכער בילדעט דעם פּלאַץ פון אויפשטייגען פון וואַסער אויפ׳ן ברעג.

דאָס וואַסער איז געוועזען הויך און האָט איהם בענעצט די פיס. דער רעגען האָט אויפגעהערט, דער ווינד האָט זיך געלעגט און אַלץ איז געוועזען רוהיג און שטיל — אַזוי שטיל, אַז ער האָט דייטליך געהערט דעם לייכטסטען געראַוש פון דעם יענזייטיגען ברעג. פאַמעליך-קריכענדיג האָט דער שטראָם געפליעסט אַראָב-צו. מערקווירדיגע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען זענען אַרויסגעשטיגען פון די וועלען און האָבען געוואונקען צו איהם; טרויעריג גליהענדע אויגען האָבען זיך אַרויסגעגוקעט און האָבען אויסגעזעהן, ווי זיי וואָלטען געשפּאָט פון זיין אונענטשלאָסענהייט, וועהרענד אַ הויהלעם געמורמעל הינטער איהם האָט איהם געשטופּט פאָרווערטס. ער האָט אָבגעטרעטען איניגע טריט צוריק, געמאַכט אַ קורצען זביעג, און זיך פערצווייפעלט אַראָבגעוואָרפען אין די וועלען אַריין.

עס זענען קוים פערביי פינף אויגענבליקען, איז ער ווידער ארויסגעשוואומען, און וואס פאר א פערענדערונג עס איז אין דער קורצער צייט פארגעקומען אין זיין דענקען און פיהלען: לעבען, לעבען אונטער יעדער בעדינגונג, אין דלות, אין עלענד, האלב פערשמאכטען — אליץ, אליץ, נאר נישט שטארבען! ער האט פערצווייפעלט געקעמפפט מיט די וועלען, וועלכע האבען זיך צוזאמענגעשלאגען איבער זיין קאפ, און האט געשריען אין שוידערנדער שרעק און אין ציטערנדער אנגסט פאר'ן טויט. זיין זוהנ'ס קללה האט איהם געקלונגען אין די אויערען. די יבשה, די יבשה, א, נאר איין פוס טרוקען ערד — ער האט דאס נאהנטע טרעפעל שוין כמעט געקאנט אנהאפען. נאך איין האנד בריים נעהנטער, און ער וואלט געווען געראטעוועט — נאר דער שטראם האט איהם אוועקגעריסען אונטער דעם בויגען פון בריק, און ער איז אראבגעזונקען צום גרונד.

נאך איין מאל האט ער זיך אויפגעהויבען און האט פון דאס נייאנגעהויבען דעם קאמפף צוליעב דאס לעבען. און אויף איין אויגענבליק — איין קורצען אויגענבליק — האט ער געזעהן דעם ברעג פון טייך, די ליכט אויף דעם בריק, וואס דורך איהרע בויגענס האט איהם דער שטראם ווייטער געריסען, די דונקעלע וועלען, די העלע שטערען און די שנעל פערביי פליהענדע וואלקען — בליצען האבען פון דער ערד צום הימעל ארויסגעשאסען און איהם געגלאנצט פאר די אויגען, וועהרענד איהם האט דאב וואסער געדונערט אין די אויערען און איהם בעטויבט מיט זיין גערויש.

איין וואך שפעטער און איינינע מיילען ווייטער נידריגער האט דער שטראם ארויסגעווארפען א טויטען קערפער — א געשוואלענע מאסע כמעט אהן א געשטאלט — אויפ'ן ברעג, און אונערקענט און נישט בעקומענדיג קיין מיטליידה פון קיינעם איז דער שכור בעגראבען געווארען.

איבערזעצט: לעאן.

קאמיל לעמאניע.

די ליעבעס־פופע.

שטענדיג מוז איך פון דער קליינער קעע טראכטען. דאס איז געוועזען איינע פון די שענסטע מיידלעך אין דער אלטער שטאדט וועערע. זעהר אפט פלעג איך אין יענער שטאדט קומען, טייל מאל זומער, טייל מאל ווינטער. עס איז שוין א היבש ביסעל יאהרען אריבער. איך קאן מיר שוין ניט אזוי גוט דערמאנען ווי זי האט אויסגעזעהן. עס דאכט זיך מיר, אז מיט דער צייט איז זי עטוואס געזעצטער און עהרווירדיגער געווארען.

ווען די קליינע קעע האט געלאכט, האט מען געקאנט מיינען, אז דאס הערט מען ווי א גאנצע מחנה קאטשקעס ביין ברעג פון שטאדט־גראבען האבען זיך צולאכט. זי האט דאמאלס געקאנט אלט זיין א יאהר צוואנציג. עס איז מיר קיינמאל נישט איינגעפאלען צו פרעגען זי ווי אלט זי איז. וואס פאר א פערגניגען איז דאס געווען צו זעהן ווי זי געהט זיך ביי דער גאלדענער אבענד־רויטקייט שפאצירען אויף דעם קוואי! איהר גאנג איז אויסגעקומען גלייך ווי זי וואלט זיך געהוידעט און מיט איהר גלאקען־קלייד, פון אונטער וועלכען עס האבען זיך די שענע ווייסע קאמאשעלעך ארויסגעזעהן, האט זי גראציעזע בעוועגונגען געמאכט. איינס, צוויי... איינס צוויי. פון דער ווייטענס האט זיך שוין פון די שוועבעל־געלבע און זאפראן פארביגע קלינקערפלאטען איהרע, פון קורצע פויזען איבערגעריסענע טריט, געלאזט הערען. אויף די צארטע בלומען פון איהר ברוסט־טיכעל האט אנעדלע רויטע ליכטיגקייט געשימערט. די פיינע האר פון איהר היטעלע האבען פונ'ם לייכטען ווינדטעל, וואס האט זיך פונ'ם ים געטראגען, געציטערט ווי די ווייסע מאהנ־בליהונג אונטער דעם פליהען פון א שמעטערלינג. אין איהר ברוינעם האר האבען קופער־שימערירענדיגע שפילקעס געבלישצעט. אין גראז האבען די גרילען מיט זייער גאלדענעם צירפען זיך צוגאסען אין א זעהר זאנפטע מוזיק.

אט די קלײנע קעע, אט דאס שענע מײדעל מיט די דיקע געבלויזטע אָרעמס און די בלענדענד װײסע ציזהן אונטער די גלוטה רויטע בעקלעך, א רויטקײט, װאס דערמאנט דאס רויטקײט פון אַנ׳אָבגעקאָכטען ראַק, האט הירקליך אויסגעזעהן װי א בעמאלטע פיגור אין דער דאָזיגער שטאָדט, װאס האט זיך מיט א שפּיעלצײג געקאָנט פערגלײכען, אין דעם דאָזיגען ענטציקענדען שפּיעלצײג, װאס דאס װי אַנ׳אַלטע שטאָדט אויסגעזעהן. יעדען אָבענד האט עמיצער דאס שאַכטעל מיט די שפּיעלצײג פערשלאָסען, און פריהמאָרגענס, װען די פרישע ים-לופט האט אַריבערגעװעהט, האט זי זיך װידער געעפענט. דאַמאָלס האט מען, אין פרישען מאָרגען-װינד, די גוטע, אַלטע פופען-הײזלעך בײ׳ם ברעג פון ים געזעהן, צוזאַמען מיט די שפּיצענפאָרהאַנגען, װעלכע האבען אין גלאַנץ פון דער זון געשימערט אין די שטאַכעטען מיט די פיק-טויז פאָרמיגע צײכנונגען, װעלכע האבען זיך אין די העלע פענסטער-שויבען געשפּיעגעלט. מײן גאָט! הונדערטער יאָהרען שטעהן זײ שוין דאָ און קוקען שטענדיג אין דער װײטקײט אַרײן, אויף דער גרינער װאסער-ליניע, אויף װעלכע עס זעגען לאָדקעס, קלײנע װי די מעװען, אַריבערגעשװאומען. מען האט מעהר נישט, אין די צאָהל פון די שטעדטישע אײנװאָהנער, אַרײנגערעכענט די יונגע לײט, װעלכע זענען אין א געװיסען טאָג אַװעק, נאָכדעם װי הינטער זײערע שװערע טריט האט זיך געלאָזט הערען דאס צופאַלען פונ׳ם שטאָדט-טויער אין שלאָס און ריגעל, און צוריק זענען זײ שוין נישט געקומען. אמת! דאָ איז, אויף א געװיסען פלאַץ, אויך א טהורם געװעזען, אין װעלכען עס איז אַנ׳אַלטער גלאָק געהאַנגען, און װי דאס געזאַנג פון אַנ׳אַלטע פרוי געקלונגען. פון דאָ אויס האבען די שטונדען זײער צאָהל אין צאַרטע, האַרמאָנישע טענער איבער דאס אַלטע װעערע אַזוי טרויעריג אויסגעשלאָגען, אַז מען האט געקאָנט מײנען, אַז דאס האט שוין די לעצטע שעה געשלאָגען.

דאס איז א פערגניגען געװעזען, װען אין מיטען דער דאָזיגער שטילקײט האט זיך פּלוצלונג דאס קלאַפּען פון קעעס העלע שיכעלעך געלאָזט הערען. פון אונטער איהר לאַנגעם קלײד האט זי איהרע קלײנעטשקע פיסעלעך אײנס נאָך דאס אַנדערע אַרויסגעשטעקט, און איך האב דאַמאָלס געקלערט פון א פופע מיט א הילצערנעם קאָפּ און רויט בעפוצטע בעקלעך, װעלכע איך האב זײענדיג נאָך גאָר א יונג קינד זעהר שטאַרק געליעבט. קעע איז געװען אײנע פון די פופען אין דער דאָזיגער שפּיעלצײג-שטאָדט, נאָהנט בײ׳ם ברעג פונ׳ם ים.

אָפּט זענען זיי זאַלבע צווייט געוועזען. איהר שוועסטער מ י ע ט י ע איז נעבען איהר ווי אַ ים־ראַק אין זאַמד אַרומגעלאָפען. זי איז קוים צוועלף יאָהר אַלט געווען. איהר ראָזיג געזיכט איז פון צווייטע בלאָס־בלויע אויגען בעלייכטעט געווען. צוויי רונדע באַלען האָבען איהר דאָס אויסזעהן פון אַ יונגע קאַץ געגעבען. זי האָט זעהר ליעב געהאַט זיך צו דרעהען אַרום איהר קליידעל, וועלכע זי האָט ווי אַ גלאָק אויפגעשטעלט און פון אונטער איהר האָט זי איהרע ווייסע שיכלעך אין דער לופט געוואָרפען. אין ווערע איז אַ מנהג, אַז באַלד ווי עס ווערט געבאָרען אַ מיידעל וויקעלט מען איהר איין אין זיעבען אָדער אַכט אונטערקליידלעך און איין מאָל אין יאָהר שטיקט מען די אונטערקליידלעך צו מיט אַ האַנדברייט צייג. מ י ע ט י ע האָט פּונקט ווי ק ע ע געלאָזט איהרע האָהרשפּילקעס, וועלכע האָבען שטיל ווי גאָלדענע פלאַטען געקלונגען, אויף איהר שטערען פאַלען.

דיביידע שוועסטער זענען שטענדיג פון דעם אַלטען קאָמפּערלאַנד־טהורם ביז צום אַנדערען ענד פון קוואַי געגאַנגען און האָבען זיך, צוליעב זייערע גרויסע אויפגעשטעלטע קליידער, מיט ווייט אויסגעשטרעקטע אָרעמס ביי די הענד געהאַלטען. זיי זענען ביז צום גרינעם ים־ברעג געגאַנגען און אויף די פערביי־געהענדיגע שיפען געקוקט. פּונקט דאָס זעלבע וואָס די הייזער האָבען געטהון. דער גאַנצער ריה פּנים ים האָט זיך אין זייערע לייכט אויפגעשאַרצטע נעזלעך אַריינגעשלאָגען.

מ י ע ט י ע מיט איהר ראָזיג היבש מיילכעל אין איהר צאַרטער אַמאַליע־קעפּיל איז נישט לאַכענדיג אַרומגעשפּרונגען, און האָט מיט איהר שענע יוגענד־פאַרבע לוסטיגקייט אַלט־קלוג אויסגעזעהן. אָבער ווען ק ע ע האָט געלאַכט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַלע קאַטשקעס פון אַרום שטאָדט האָבען זיך צולאַכט אויפ׳ן קול. שטענדיג און אָהן אַנ׳אויפהער האָט מען געהערט דאָס גרעלע געשריי פון אַ קוליק. אָט דאָ זענען ביידע שוועסטער אַ לאַנגע צייט געבליעבען זיצען אין גראָז אויף זייערע קליידער, וועלכע זענען אַזוי רונד ווי קיה־גלעקלעך געוועזען.

ווינטער בין איך אַמאָל קיין צעלאַנד געקומען שליטשוה צו לויפען. דער קאַנאַל, אין וועלכען עס האָבען זיך זומער־צייט אָבגעשפּיעגעלט דער גרינער ווינד און דער זילבערגלאַנץ פון די וואָלקען, האָט זיך מיט אַ דיקע, טריבע אייז־דעק בעצויגען. מיידלעך און יונגלעך זענען פון איין דאָרף צום אַנדערן געגאַנגען, די באַקען פערפרוירען פון קעלט, און האָבען זיך אויף זייערע קרומע שליטשוה אייזען ווי אין דער לופטען געהאַלטען.

די קלײנע הײַזלעך פון װעעהע זענען װי מיט מעהל-צוקער בעשאָטען געװען, און האָבען מיט זײערע װײַסע אראָבגעלאָזטע קעפּ און צוזאַמענגעלעגטע הענד װי זײדעס פון די הײַזער אום זומער אױסגעזעהן. די בױמער פון קװאַי זענען װי מיט ברילליאַנטען בעהאַנגען געװען. אַ שװער שטיקעל אַרבײַט איז דאָס פאַר דעם אַלטען מאַן געװעזען די זעגעל-שטריק מיט זײנע גראָבע פּױסטענע הענדשקעס פעסט צו האַלטען, װען ער האָט זיך פאַרבײַ די מענשען פון קאַמפּערלאַנה געשיפּט.

יאָ קלײנע קעע, װען איך האָב זיך געאײַלט צו קומען צו אײַך, האָב איך גערעכענט, אַז איך װעל זיך געפינען נעבען דעם בריק, װאו עס דרעהען זיך די מיהלען. איהר זיצט זיך דאָרט אין הײַזעל בײַם װאַרימען אױװען מיט די שענע קאַכלעס, אַרום װעלכען עס הענגען בלױע לאַנדשאַפטס-בילדער. איהר זײט דאָרט געװיס דערהיצט פון די פײַער-רעדער אױף אײַערע ראָזיגע אָרעמס, איהר זיצט דאָרט אױף אַנידריגען בענקעל, פון װעלכער עס זעהען זיך אַרױס אײַערע קניע, װאָס אונטער אײַערע אַכט אונטער-קלײדער. איך געדענק נאָך הײַנט גאַנץ גוט, אַז זי האָט מיט מיר אַמאָל װעגען דעם ראָזיגען צאָהל גאַנץ אָפען און פרײַ גערעדט, און נאָך דערבײַ אַביסעל שטאָלץ געװען. מיעטיע איז אודאי בעשעפטיגט מיט אַ װיכטיגע אַרבײַט, איהר װילט זיך ניט אַנדערש אָנהאַפּען די קאַץ פאַר'ן עק. מיר שטעהט עס נאָך הײַנט קלאָר פאַר די אױגען. אַ לײַכטער, װירציגער הױך טראָגט זיך איבער'ן קלײנעם שטיבעל פון דעם צינערנעם טשאַיניק, װאָס שטעהט אױפ'ן טיש. און מיט אַמאָל דערזעה איך זי גאָר פּלוצלונג מיט אַ היטעלע אױף די האָהרנאָדלען מיט די קופּערנע שפּיצען, פלינק און פריש װי דער װינד. זי בעמיהט זיך אױף די שליטשוה גלײַך צו האַלטען, דײַענדיג אָנגעלעהנט אױף דעם שענעם בחור מיט די סאַמעטענע װעסט און הױזען און מיט די זילבערנע קנעפּ אױף דער ברוסט. װי די אײַזפױגעל זענען זײ בײדע אַװעק.

„נו, מײַן קלײנטשינקע!" האָב איך אױסגערופען.

איך האָב געװאָלט װיסען, צי טראָגט זי טאַקע דעם רינג אױף איהר פינגער. באַלד האָט זיך דערהערט פון דער װײַטענס דאָס לאַכען פונ'ם קלײנעם מײדעל.

דאָס ראָזיגע נײַעס האָט מיר דער אַלטער פוהרמאַן דערצעהלט: בײַ קעע איז אין הײַ-שניטס-צײַט תנאים געװען מיט דעם גרױסען מאַנע, אײנער פון די שיפס-לײַט, װאָס אַרבײַטען בײַם שיפסבױער באַרענה, װעלכער האָט זײנע שיפען אױף יענער זײַט קאַנאַל געהאַט. באַרענה

האָט אויך צווײ קלײנע לאָדקעס געהאַט. מאַנע פלעגט מיט נאָך אַר־בײטער, די־נסטאָג אין דער פלוט־צײַט מיט אַ לאָדקע אַוועק און ערשט ענדע וואָך צוריקקומען.

מיר האָט זיך נישט געוואָלט גלויבען, אַז די ליעבע, קלײנע קעטע וועט מיר אַזוי פיעל יסורים אָנטהון. דעם גאַנצען זומער איז זי נאָכאַנאַנד יעדען זונטאָג מיט מאַנע׳ן געאַרעמט שפּאַצירען געגאַנגען. זײ האָבען שפּאַצירט איבער די גרינע לאָנקעס, וועלכע האָבען דעם ברעג פון קאַנאַל געציערט, אָדער בײַם שטראַנד, לענגסט דעם ים, און אײנער האָט צום אַנדערען קײן אײנציג וואָרט נישט גערעדט. זײ האָבען זיך דאָרט אָנגעקוקט די שטילקײַט, וואו מאַנע איז יעדען די־נסטאָג ווידער אויפ׳ן וואַסער אַוועק. שטענדיג האָבען זיך פינגער אײנס אין אַנדערען פערשלונגען, ווי זײ וואָלטען אין זײער ליעבע תפלה געטהון. מי־עטיע איז נעבאַך געצוואונגען געווען אײנער אַלײן אין שטיבעל זיך אַרומצוטרײַבען.

אַ צײַט לאַנג האָב איך גאָר אויפגעהערט אין דער אַלטער שטאָדט ווערע צו קומען. — זי פיהרט אודאי, — האָב איך מיר געטראַכט, — פאַר זיך אַ ווירטשאַפט אין אײנעם פון די קלײנע הײַזלעך, וועלכע האָבען אויסגעזעהן גלײַך ווי מען וואָלט זײ פון אַ שיפס־בויג אַראָבגעשניטען און פון פאָרענט די פאַרב פון אַ געבראָטענעם שיל אָדער געדויכערטען לאַקס געהאַט. אפשר בין איך טאַקע טיעף אין האַרצען אַביסעל אײפערזיכטיג געווען אויף דעם גליקליכען מאַנע. דאָך האָב איך איהם אַמאָל, ווען איך בין ביז צום שטראַנד געקומען, געזעהן ווי ער איז מיט קלײנע טריט אַרומגעגאַנגען אַרום דעם מײדעל, וועלכע האָט זיך געטראָגען איהר שענע געבלימטע ברוסט־טוך, און דאָס היטעלע מיט די קופּערבלישצענדיגע שפּיל־קעס מיט די שמעטערלינגס־פליגעלעך, ווי עס וואָלט גאָר מיט איהר קײן שום פערענדערונג נישט פאָרגעקומען.

און אײנמאָל האָב איך איהר געטראָפען שפּאַצירענדיג אײנע אַלײן.

„הײַדאַ, קלײנטשינקע!“

אַזוי האָב איך איהר גערופען און בין שוין נישט מעהר אַזוי אומעטיג געווען. איך האָב איהר האַנד אָנגענומען און זאַנפט דעם רינג אויף איהר פינגער געלעגט. זי האָט אָנגעהויבען לאַכען. פאַר וואָס זי האָט געלאַכט האָב איך נישט געוואוסט. עס קאָן זעהר זײַן, אַז זי האָט זיך דאָס גע־וואָלט איבער מיר לוסטיג מאַכען. זי האָט צומאָל אויף מיר אַ קוק נישט געגעבען. די גאַנצע צײַט האָט זי די אויגען געהאַלטען ווײַט געגען ים געווענדעט. איך האָב נאָך קײנמאָל אַזעלכע שענע אויגען נישט געזעהן.

ווידער איז עס זומער-לעב געווען. א ווארימער ים-ווינדטעל האט געלעגט די לאנקעס ביים שטראנד, וועלכע האבען ווי מיט רובינען און שמא-ראגדען געשטיקטען טעפיך אויסגעזעהן. קעע האט איהר האנד אין מיינע געלאזען און געלאכט. מעהר האב איך נישט געוואוסט. דאס אלטע גלא-קענשפיעל אויפ'ן טהורם האט זיך ווידער געלאזט הערען. יא, יא, א היבש ביסעל יאהרען זענען שוין פון דענסטמאל אוועק!

א פרוי, וואס האט א נעץ פערלאטעט האט מיר לאכענדיג געזאגט: „איהר פערלארען הארץ זוכט זי!"

צוערשט האב איך אנגעהויבען שטארק ציטערן און איהר געפרעגט, אויב עס איז נישט עפיס פארגעקומען. איך האב געמיינט, אז מאנע האט איהר אוועקגעווארפען.

די פרוי האט ווידער איהר געהיימניספולען געשפרעך אנגעהויבען און מיט'ן פינגער דעם שטערען אנגערירט:

„איינמאל איז מאנע אוועקגעפאהרען" — האט די פרוי דערצעהלט.— קיינער האט איהם שוין מעהר נישט געזעהן. פון דאמאלס אן איז קעע נישט מעהר ביי די געדאנקען".

נון האב איך פערשטאנען, וואס עס איז געלעגען טיעף בעהאלטען אין איהרע אויגען, וועלכע זענען שטענדיג געגען דעם האריזאנט געריכטעט געווען: דעם ים, די וואלקען און דער ווינד. עס איז דארט א לאדקע געווען, וועלכע איז שוין נישט מעהר צוריק אין דעם האפען געקומען.

איינמאל — עמיצער האט עס מיר א צייט שפעטער דערצעהלט— איז די רייצענדע קעע, אומעטיגערהייד צום שפיץ פון זאמד-היגעל גע-גאנגען, אויף יענער זייט שטראנד-טייל, וואס הייסט דראווענפאלדער. דאס איז נאך געווען אום זומער, און ביז פארנאכט האט מען זי געזעהן, ווי זי האט געקוקט אויפ'ן ים, אויף דעם ים, וואס אט האט עס בעקומען די פארב פון א דיסטעל און אט האט עס אויסגעזעהן בלייך ווי די אויגען פון שיפבריכיגע. און צוריק איז זי שוין מעהר נישט געקומען. פיליכט האט איהר דער שענער מאנע פון טיעפען וואסער צו זיך גערופען. צוזאמען האט מען זיי אראבגעצויגען, זיי זאלען ביי דעם שטילען הארמאניקא-שפיעל אין דעם שפיגעל-פאלאץ טאנצען.

ווער האט עס געקאנט גלויבען, אז די קליינע פופען פון דער אלטער שטאדט ווערע האבען אזעלכע ווילדע נשמות?

קאלמאן מיקסזאט.

א נאכט־געשיכטע.

(פון אונגארישען).

איך האב שטענדיג מקנא געווען די מענשען, וועלכע קאנען דערצעהלען געשיכטעס פון די געשעהענישען פון זייערע לעבען. שוין דאס צוהערען אליין איז אינטערעסאנט, היינט דאס ערצעהלען איז פשוט א מחיה, ביים דערצעהלען לעבט מען אלץ איבער נאך אמאל.

נאר איך מוז זאגען דעם אמת, אז איך בין אויך נישט בעסער ווי אנדערע און איך האב אויך א געשיכטע פון דער צייט, ווען איך האב נאך געלעבט אין צוגלא און געווען א יונגער מאן, וועלכע איך האב געמוזט בעהאלטען פון מיין פרוי, און איצט וויל איך זי דערצעהלען.

איך האב מיר אין צוגלא געדונגען אויפ'ן זומער א שענע ווילא, וואס פון איהר פענסטער האט מען געקאנט קוקען אויף די וועלעגדיגע ווייץ-פעלדער און די פראכטפולע לאנקעס, — פאר אונז, גרויסשטאדטישע, איז דאס א גרויסער געניס. פון דער אנדערער זייט האט זיך געהערט דאס רוישען פון די בוימער פון גארטען און דאס זשומען פון טויזענדער און ווידער אמאל טויזענדער בינען, וועלכע זענען ארומגעפלויגען ארום די הויכע בלומען ביים הויז.

צוגלא ליעגט אין דעם וועסטען טייל פון שטאדט-וואלד און איז א אנגענעהמער און בילליגער וואהנונגס-ארט, נאטירליך נאר פאר די יעניגע, וועלכע קעהרען צוריק פון שטאדט נאך א לאנגען ארבייטס-טאג, אום צו

פערברענגען דעם אבענד אין דער היים, צווישען אייגענע.

נאר פאר מענשען פון מיין שטייגער, וועלכע פערברענגען דארט דעם גאנצען טאג, און ערשט אין אבענד לאזען זיי זיך אין שטאדט צו דער רעדוטע (באל), מאכט עס אויס אין צוגלא טייערער ווי אין דעם טייערסטען בארע-ארט, דען צופוס איז ביינאכט נישט גוט צו געהן דורכ'ן וואלד, און די דראשקעס מוז מען לאנג בעטען, ביז זיי ווילען פאהרען אהין ביינאכט פאר א גאנץ הויכען פרייז.

אין יענעם אבענד, וועגען וועלכען איך וויל דערצעהלען, האט ארום האלבע נאכט אויסגעבראכען א מוראדיגער שטורם. דער הימעל האט גע-עפענט זיינע פענסטער און דער שטורם האט זיך געטראגען דורך די גאסען און געקלאפט אין טהירען און פענסטער.

— העי קוטשער, וואס וועט מיך קאסטען צו פאהרען ביז צוגלא?

— זאל מיך גאט היטען, איך נעהם מיך נישט אן צו מאכען אזא נסיעה.

אזוי בין איך דורכגעגאנגען די גאנצע שורה פון די דראשקעס, וועלכע זענען געשטאנען פאר דער רעדוטע. ענדליך האט זיך איינער געמאכט א הארץ און זיך בעשלאסען צו פאהרען.

— נו, שטייגט איין.

— וואס פערלאנגט איהר.

— דער הערר וועט געוויס אליין וויסען, וואס איך זאל פערדינען פאר אזא נסיעה.

איך בין איינגעשטיגען און מיר זענען אבגעפאהרען, נאר די ביידע פערד האבען זיך אלע ווײלע אויסגעגליטשט, דען איצט איז געפאלען אויך א שטארקער האגעל.

— שענע ניסלעך ווארפט איהר דארט פון דער הויך, — האט דער קוטשער געזאגט אונצופריעדען.

די פערד האבען זיך איינגעעקשנ'ט און נישט געוואלט ווייטער אפילו קיין טריט.

— צי ווילט איהר נישט בעסער דא בלייבען, הערר?

— אבער מיין גאט, איך קאן דאך נישט אויפ'ן מיטען גאס בלייבען איבער נאכט.

דער קוטשער איז געווען א גוטמיטיגער מענש און האט נאכגעגעבען. נאר אונזער נסיעה איז געגאנגען זעהר פאמעלעך. צו מיין גרעסטען פערדרוס האב איך ביי זיך אפילו קיין ציגאר נישט געהאט, כדי זיך דערמיט

אַבּיסעל צו פֿערטרייבען די צייט אויף דער דאָזיגער לאַנגווייליגער נסיעה. אַ גאַנצע מלוכה וואָלט איך אָבגעגעבען פֿאַר אַ ציגאַר!

די גאַסען זענען געווען ווי אויסגעשטאָרבען, די האָטעלען און קאַפֿע־הייזער געשלאָסען; עס האָט געהערשט אַ שטאַרקע פֿינסטערניש, דען דער האָגעל האָט צעקלאַפּט די לאַטערנעס און אויסגעלאָשען די ליכט.

האַ, אָט איז נאָך אַ ערלויכטענע ציגאַרען־קראָם.

— קוטשער, נעהמט אַבּיסעל לינקס צו דער אָפענער קראָם.

דאָס געשעפֿט, אין וועלכעס איך בין אַריינגעגאַנגען, איז נאָר אַ האַלבּ׳ס געווען בּעשטימט צום ציגאַרען־פֿערקויף, אויסער דעם האָט מען דאָרט געקאָנט בּעקומען אויך ליקער, וואורשט און שינקע. אַ רייצענדע בּרונעטקע איז געזעסען אַליין אין קראָם, טיעף פֿערזונקען אין לייענען אַ בּוך. בּיי מיין אַריינקומען האָט זי אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ.

— וואָס ווינשט איהר?

— בּיטע מיר געבען „רעגאַליאַ״.

— העלע אָדער דונקעלע?

— איך ליעב בּעסער דונקעלע.

ווען זי האָט זיך אָבגעדרעהט צום שראַנק האָבּ איך בּעמערקט, אַז זי האָט אַ שענע שלאַנקע פֿיגור און האָט געלייענט איינס פֿון מיינע ווערק „אַ לייכטזיניגע טהאַט״.

„הם... אַ אינטערעסאַנט מיידעל. (זעלבּסטפֿערשטענדליך איז זי מיר גלייך געווען אינטערעסאַנט). איך מוז מיט איהר מאַכען אַ געשפּרעך, הם...״

— אַ שרעקליך וועטער היינט, מיין פֿריילין.

— ווי פֿיעל שטיק?

— פֿינף. אַזאַ מיאוס וועטער איז שוין לאַנג נישט געווען.

— דאָס איז אמת, — האָט זי געזאָגט געצויגען, — עס רעגענט נאָך?

— און נאָך ווי! איהר האָט דאָס נאַטירליך נישט בּעמערקט, אַזוי פֿערטיעפֿט זענט איהר געווען אין אייער בּוך. וואָס לעזט איהר?

— „אַ לייכטזיניגע טהאַט״.

— אַ גוט בּוך?

— דער פֿערפֿאַסער מוז זיין אַ גרויסער שווינדלער.

— איהר האָט ליעבּ ראָמאַנען?

— אָ זעהר.

— אפשר זאָלען מיר...

איהרע שענע, ווייסע ציינער האָבען געבּליצט צווישען די ליפּען, אַלס

זי האָט שמייכעלנדיג געעפענט דאָס מויל, און מיט איהרע פולע, ווייסע הענד האָט זי געמאכט אַ כלומרשט סטראשענדע בעוועגונג.

מיר האָט דאָס צוגעגעבען מעהר מוט. צום טייוועל, ווען עס וואָלט נאָר אויף מיר אין דרויסען נישט געוואַרט די פערפלוכטע, טייערע דראָשקע אין אַזאַ מיאוסען וועטער.

אָט קומט שוין דער אונגעדולדיגער קוטשער. ער האָט אָפּגעטריי-סעלט זיין מאַנטעל, און עס האָט זיך פון איהם אַ גאַנצער טייך אראָבגעגאָסען.

— אַ גוט מאָרגען אייך.

— ווי, שוין טאָג?

— די צייט בלייבט נישט שטעהן, גנעדיגער הערר.

— נו, איך געה גלייך, נאָר ווילט איהר נישט אַ שנאַפּס נעהמען?

— פאַרוואָס זאָל איך נישט ווילען? — האָט ער געזאָגט שמייכלענדיג.

די קראַם-פעע איז אויפגעשפרונגען און איהם אָנגעגאָסען, און איך האָב דערווייל געהאַט צייט מיט איהר צו פּלוידערן נאָך אַביסעל.

— די קראַם איז שטענדיג אָפען אַזוי שפּעט?

— טיילמאָל נאָך לענגער.

— נאַטירליך האָט איהר פיעל קויפער?

— אויף דער אַדראַס-גאַס איז אויך ביינאַכט פיעל לעבען, און די ערלויכטענע קראַם צירט שטענדיג צו קויפער.

— און אויך די ראָזע צווישען די ציגאַרען.

— די ראָזע איז נישט צו פערקויפען און גלויבט נישט די מענער.

— איהר גלויבט נישט אין מענער-טרייהייט? אונמעגליך.

— און איהר גלויבט יאָ דערין?

— געוויס, איך בין דערפון איבערצייגט. נאָר, וואָס זאָגט איהר, אַלטער, איהר וועט מאַכען נאָך אַ שנעפּסעל?

— צוויי מאָל שניידט דער אונגאַר, — האָט דער געפרעגטער געזאָגט שמייכלענדיג, און דאָס האָט געהייסען, אַז ער קאָן נאָך אַמאָל טרינקען.

— ווי הייסט איהר?

— פאָל שפּערלינג, צו דיענען.

— נו, פערדויכערט איהר אויך, אָט נעהמט טאַבאַק פון קאַסטען, און ווי האַלט עס מיט נאָך אַ גלעזעל?

— דריימאָל טרינקט דער אונגאַר, — האָט שפּערלינג געענטפערט און אראָבגעשלונגען נאָך אַ שנאַפּס.

— יאָ, מיין פריילין, איך גלויב אין די עבּיגע ליעבּע און טריי־הייט. איך בּין אַ לעבּעדיגער בּיישפּיעל דערפאַר.

— אַזוי?

— הערט אויס מיין געשיכטע. ווען איך האָבּ אין עפּעריעס די שולע בּעזוכט, האָבּ איך מיך פערליעבּט אין אסתר איטשעפּי. זי האָט געהאַט גרויסע, פּייכט־גלאַנצענדע בּלויע אויגען און טיעפע גריבּעלעך אין די בּאַקען און אין קין. נאָר איהר נעזעל איז געווען אַבּיסעל צו פיעל פערריסען.

שפּערלינג, אויבּ איהר זענט הונגעריג, אַזוי גיעט אַ קוק, צי סאיז נישטאָ עפּעס צום עסען, אפשר ווערט איהר טרינקען נאָך אַ גלעזעל?

— פיער מיערטעל שלאָגט דער זייגער, — האָט דער אַלטער געענט־פערט. ווי עס ווייזט אויס האָט ער אויף יעדען נומער געוואוסט קלוגען שפּרוך.

— אסתר איז געווען מיין ערשטע ליעבּע. בּוכשטאַבּען פון איהר נאָמען האָבּ איך געשריבּען אין אַלע בּיכער און זי אויסגעשניטען אין די בּוימער פון וואַלד, און ווען איך האָבּ געמוזט פערלאָזען עפּעריעס און פאָהרען קיין סעלמעץ, האָבּ איך געמיינט, אַז מיין האַרץ וועט מיר פּלאַצען פאַר שמערץ, וואָס איך מוז מיך שיידען פון איהר. וואָכעלאַנג האָבּ איך קיין פרויענצימער נישט אָנגעקוקט, אויסער מיין ווירטין, יאָזעפע קאַטקאַ, אַ מאָגערע, מיאוסע פרוי מיט אַ בּולט'ען קין, און אין האַרצען האָבּ איך בּעוואונדערט איהר מאַן, ווי האָט ער זיך געקאָנט אויסזוכען אַזאַ לעבּענס־בּעגלייטערין. נאָר קומט דאָך צו אַבּיסעל נעהנטער.

— איך הער פון דאַנען אויך גאַנץ גוט. וואָס איז דערנאָך געשעהן?

— איין מאָל האָבּ איך אין דער קירכע דערזעהן אַ שען, יונג מיידעל. זי האָט אפילו נישט געהאַט קיין ראָזיג געזיכט, נישט קיין גריבּלעך אין די בּאַקען ווי אסתר, נאָר איהר נאָז איז אויך געווען פערריסען און איך האָבּ מיך אין איהר פערליעבּט צוליעבּ דער נאָז.

— אַזאַ לייכטזיניגער ווי איהר זענט, און דאָס וואַגט איהר זיך נאָך צו דערצעהלען?

— איהר וועט הערען בּיים סוף און הערט ווייטער... טהי־הי־הי, שוין דריי דער זייגער. עס וועט בּאַלד טאָגען. נו, אַלץ איינס. שפּערלינג, טרינקט און גיעסט זיך אַליין אָן.

— אָהן אַ צאָהל זענען די שטערען, — האָט ער בּעמערקט, זיך ריי־בּענדיג די הענד מיט פערגניגען.

— מאַרגאַרעטע האָט געהייסען דער נייער אידעאַל. זי האָט געהאַט אַ שמאָל בלאַס געזיכט און אַ אַרבעס אונטער דער לינקער אויג, און דאָס האָט זי אַביסעל מיאוס געמאַכט.

— אַזוי, איך מיין, אַז אַ אַרבעס פערשענערט.

— געדט שוין געהט, איך וואָלט דאָס נישט וועלען אפילו געקאָכטער-הייד. איך האָב לכבוד פון מאַרגאַרעטע ליעדער געשריבען און בעזונגען אידרע האָר, אידרע אויגען און אידר נאָז אין העקזאַמעטערען, נאָר וועגען דעם אַרבעס האָב איך קיין וואָרט נישט דערמאָהנט, און דאָך ווען איך האָב געמוזט פערלאָזען סעלמעץ און מאַרגיט, כדי צו ענדיגען מיין יוריסטישען שטודיום אין פעסט, האָט דער ערשטער אַרבעס, וועלכען איך האָב דער-זעהן אויף אַ פרויען-געזיכט, מיך געמאַכט פאַר אידר שקלאַף. אידר שמייכעלט שפּאָטיש. נאָר זעהט אידר שוין, אַז איך האָב אייגענטליך נאָך אַלץ געליעבט אסתר אוטשעפּי.

— נו אודאי, אודאי.

— זי האָט געהייסען קאַטהינקאַ שפּערבאָ און איז געוועזען אַ רייצענד קליין פיגורעלע, מיט אַ לעבהאַפטען, אויסדרוקס-פולען געזיכט, אַ פיינעם שטערן און בלאָנדע האָר.

— נאַטירליך האָט זי אויך געהאַט אַ פעהלער?

— אידר האָט געטראָפען. אידר קין איז געוועזען אַביסעל צו שטאַרק בולט, נאָר איך האָב מיך פערליעבט אין אידר אַזוי ווי זי שטעהט און געדט.

— אַ, איך וואַרט אויף אַ נייע איבערראַשענדע פערליעבונג.

— עס קומט גלייך. נאָך עטליכע יאָהר בין איך צוריק געפאָהרען קיין סעלמעץ, און ווי מיינט אידר, וועגען וועמען האָב איך איצט גע-טרוימט?

— וועגען מאַרגיט.

— אַ ניין, די העסליכע פרוי קאַטקאַ האָט אָנגעצונדען מיין האַרץ, דען ביי אידר איז דאָס קין אויך געוועזען אַזוי בולט ווי ביי קעטהע. דאָס האָט מיך צו מייסטען אָן זי דערמאָהנט. דער לאָגישער אָרדנונגס-גאַנג פון דער עביגער ליעבע איז בעוויזען.

— אַ שענע לאָגיק.

— נאָר איך גלויב דערין, און איך פיהל, אַז אויב איך קוק אויף אייך איצט מיט ענטציקונג, ליעב איך נאָך אַלץ אסתר אוטשעפּי, מיין ערשטע ליעבע, ווייל פרוי קאַטקאַ האָט אויך געהאַט אַזאַ קליין נעזעל

און אַזאַ טאַליע ווי איהר.

ביי די דאָזיגע ווערטער האָב איך זי געוואָלט אַרומנעהמען, נאָר זי האָט זיך צאָרניג אַרויסגעריסען און אַוועק געלאָפען צו דער טהיר פון דער־בייאיגען צימער. איך בין איהר נאָכגעלאָפען, אומווילקיהרליך הינטער זיך שטופּענדיג שטוהלען און כלים.

— צוריק, — האָט זי געשריען געריצט און דונקעל־רויט, — צוריק, מיאוס'ער מענש, — און זי האָט מיר צוגעקלאַפּט די טהיר פאַר דער נאָז. איך בין געשטאַנען ערשטאַרט, ווערענד דער אַלטער שפּערלינג האָט טוידט־שכור געגאָסען און געקייט.

— אַ שען ווייבעלע, — האָט ער הייזעריג געזאָגט, — שטאַרק און קרעפטיג, אַזאַ סחורה צעברעכט זיך נישט לייכט. זי וועט שוין ווידער אַרויסקומען.

דאָס איז געווען די איינציגע געשעהעניש אין מיין איינפערמיגען האָבען נישט אַזוי שעלכט געקלונגען און דעריבער האָב איך לייכט אָנ־קלאַפּט אין טהיר און אָנגעהויבען בעטען.

— האָב איך אייך ערצירנט? קומט אַרויס און לאָמיר זיך איבער־בעטען. איך האָב הרטה אויף מיין חוצפּה. לאָזט מיך נאָך איין מאָל אייערע שענע אויגען זעהן. קומט אַרוס, איך בעט אייך.

קיין ענטפער. אינווענינג האָב איך געהערט אַ פערשטיקטען גערויש, אַזוי ווי זי וואָלט גערעדט מיט זיך אַליין, און אפשר האָט זי אויך געוויינט, דאָס אָרעמע קינד איז געווען בעלייזיגט. איך האָב אויסגעקלערט נאָך זיסערע און הניפה'דיגערע ווערטער, נאָר אויף דערויף האָט זי נישט געענטפערט. דאַן האָב איך ענדליך פערלאָרען די געדולד און האָב אַ קלאַפּ געטהון מיט דער פויסט אין טהיר: „צאָהלען!"

דער אַלטער האָט ערשטוינט אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ.

— עס רעגענט נאָך אין דרויסען, גנעדיגער הערר.

נאָר גלייך דערויף האָט זיך דערהערט דער קלאַנג פון שליסעל און די טהיר האָט זיך געעפענט. מיין האַרץ האָט געציטערט. אָט קומט דאָך סוף כל סוף דער קליינער פויגעל אַרויס פון קליעטקע.

נאָר איין בליק... און איך בין ערשראָקען אָבגעשפרונגען צוריק. דער קליינער פויגעל האָט געהאַט אַ פערפלאָנטעטע באָרד, אַ לאַנגע, רויטע נאָז און פּאַנטאָפעל אויף זיינע בלויזע פיס.

— וואָס איז? — האָט ער גראַד געפרעגט. — גאַנץ שען, אפילו שלאָפען לאָזט איהר נישט.

— ווער צום טייוועל האט אייך דען געהייסען אויפשטעהן? — האב איך געררייצט אויסגערופען.

ער האט צו ערשט א געגעץ געטהון, דאן האט ער געענטפערט, מיך שפעטיש אנקוקענדיג: — געווים איז מיט מיין פרוי צו פערברענגען אייך פיעל אינטערעסאנטער.

מיר האבען בערעכענט דאס אויפגעגעסענע און אויסגעטרונקענע, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז הערר שפערלינג האט א דאנק גאט געהאט א געבענשטען אפעטיט. נאר וואס געשעהן איז געשעהן. ס'איז נאטירליך א שאד נישט נאר דאס געלד, נאר אויך די צייט. דען עס איז שוין טאג געוועזען, די פוהרען מיט מילך זענען רוישענדיג געפאהרען דורך די גאסען און דא און דארט האט מען געהערט, ווי מיין ווארפט אב די ריעגלען פון די קראמען-טהירען. נאר דער רעגען און שטורם זענען נאך געבליעבען ווי פריהער. די ערד האט מיר אונטער די פיס געברענט.

— לא'מיר געהן, שפערלינג, לא'מיר געהן.

— וואוהין? — האט דער אלטער געפרעגט פערוואונדערט.

— נו, קיין צוגלא.

— קיין צוגלא? צו וואס?

— צי זענט איהר משוגע געווארען, איך האב דאך אייך געדונגען.

— ווי? איך ווייס נישט פון קיין פותר חלום. דא אין קראם זעה איך דעם גנעדיגען הערן צום ערשטען מאל.

— אט האסטו דיר א שענע מעשה. זענט איהר דען נישט דער קוטשער, וועלכער האט מיך אהער געפיהרט פון דער רעדוטע?

— איך? ניין, מיין טאטע עליו השלום איז אמאל געוועזען א קוטשער גראסווארדיען.

— און ווער זענט איהר דען?

— איך האב דאך אייך שוין געזאגט, איך בין פאל שפערלינג, דער קראמען-וועכטער אין דער דאזיגער גאס.

* *

*

דאס האב איך אויך געהאפט, דען די ווערטער „מיאוס'ער מענש" לעבען, און איך קאן זאגען, אז אי בכלל אי אין די איינצעלהייטען איז עס מיר נישט גאנץ געשמאק אנגעקומען.

איבערזעצט: לעאן.

יאהאנעס וו. יענסען.

די פערשוואונדענע וועלדער.

קאררא האט געהאט א שם פאר א מענש, וואס גיט זיך אב מיט אקערבוי. אז ער האט אבגעשפארט אביסעל געלד, האט ער זיך געלאזען אין שטאדט אריין קויפען א שקלאף.

דער סוחר האט איהם געוויזען פערשידענע שקלאפען, נאר קאררא האט זיך מיט אויפמערקזאמקייט בעטראכט יעדען איינציגען.

„טהו נאר א טאפ אט דעם", האט געזאגט דער סוחר א פערשלעפענדיג איינעם פון די שקלאפען, — נו וואס? ס'געפעלט דיר? האסט שוין געזעהן אמאל אזא געזונדטען ברוסט־קאסטען, טהו נאר א קלאפ! און בעטראכט דעם געלענק פון די הענד, די אדערין ליעגען, ווי סטרונעס אויפ'ן העלזעל פון א פידעל — מאך נאר אויף ס'מויל!"

דער סוחר האט אנגעהאפט מיט א פינגער ביי'ם ווינקעל פון שקלאפ'ס מויל און האט איהם אויסגעדרעהט צו דער ליכט.

„וואס זאגסטו צו די צייהן?"

און דער סוחר האט געשווינד אפיהרגעטהון מיט'ן לינקען דוים־מעסער איבער דעם שקלאפ'ס פארערשטע צייהן.

„זעהסט, ליעבער פריינד, ס'איז אייזען, א טשוואק וועלען זיי דיר דורכבייסען".

קאררא האט זיך נאך א ווייל בעטראכט, דורך און דורך, גוט דורכגעטאפט דעם שקלאף און געקוועטשט מיט די שפיץ־פינגער די מוס־קולען, וועהן צי ס'ליגען געדיכט די אדערען. צו'ם סוף האט ער זיך בעשלאסען, דער שקלאף איז אבגעבונדען געווארען, און נאכדעם, ווי ער האט מיט אזוי'ערע מינע בעצאהלט פאר איהם האט ער איהם מיט־גענומען אהיים.

אין עטליכע טעג ארום איז דער שקלאף קראנק געווארען. ווייל דא גישט זייענדיג מעהר אויפ'ן מארק אונטער'ן צוים, האט ער אנגעהייבען צו בענקען נאך די וועלדער פון זיין היים. — קאררא האט זיך גוט פער־

שטאנען אויף דער דאזיגער קריק און האט עס געהאלטען פיר א גוטען סימן. ער האט זיך אוועקגעזעצט נעבען שקלאף, וואס איז געלעגען אויפ'ן רוקען און האט נישט געוואלט לעבען, און האט מיט פערשטאנד גע־רעדט צו איהם.

„וועסט זיך געהן צוריק אין דיינע וועלדער אריין," האט ער געזאגט. „פערשטעהט זיך. איך זאג עס דיר צו און קאנסט זיך פערלאזען אויף מיין ווארט. — דו ביזט נאך יונג... אויב דו וועסט מיט'ן גוטען ווילען און ערענטליך בעארבייטען מיין פעלד — איך האב דאך בעצאהלט פאר דיר, אבער איך רעכען דאס דיר נישט — נאכדעם וועל איך דיר פריילאזען. פינף יאהר".

און דער שקלאף האט געארבייט מיט אלע כחות, ווי א רוח האט ער זיך געווארפען אויף זיין טאג־ארבייט. עס איז געווען פשוט א פערגעניגען פאר קאראן'ן צו זיצען פאר'ן הויז־טהיר און צו קוקען, ווי ס'האבען זיך בעוועגט און געציטערט די שווארצע מוסקולען אונטער דער הויט. עס איז גארנישט געווען קיין בעסערער בעשעפטיגונג פאר קאראן, ווי צו זעהן ארבייטען זיין שקלאף, וויל ערשט יעצט האט ער אנגעהויבען צו פערשטעהן, או דער מענש איז א שעהן בעשעפעניש, א פרעהליכע ערשיינונג.

פינף יאהר — דער שקלאף האט אבגעצעהלט — פונקט אזוי פיעל מאל, דארף זיך די זון ארומדרעהען, וויפיעל פינגער ער האט. צעהן מאל דארף זיך די זון ארומדרעהען. יעדען אבענד האט ער געזעהן אונטער־געהן די זון און האט זיך געמאכט סימנים אויף שטיינער און בערגלעך, כדי צו וויסען, ווי וויים די זון איז אבגעגאנגען.

ווען די זון האט זיך דאס ערשטע מאל ארומגעדרעהט, האט ער אראבגערעכענט דעם גראבען פינגער פון דער רעכטער האנד. און בשעת ס'האט זיך דאס צווייטע מאל די זון ארומגעדרעהט — עס האט אהן צוויפעל געדויערט שרעקליך לאנג — איז דער וויז־פינגער געווארען פריי. און ער האט ליעב געהאט די דאזיגע ביידע פינגער מעהר פון אלע, וואס האבען נאך געהאט פאר זיך אזא לאנגע, לאנגע צייט.

אט דער דאזיגער גרויסער צופאל איז געווארען דעם שקלאפ'ס פער־מעגען, זיין אינערליכסטער אייגענטהום, וואס קיינער האט דאס נישט געקאנט אוועקנעהמען ביי איהם.

און דערווייל איז די צייט זיך געגאנגען. דאס בערעכענטסטע האט זיך צונויפגעמישט אין א פינסטערע פוילקייט. די יאהרען האבען זיך געצויגען שרעקליך לאנג, ווי צייטען, וואס האבען גאר קיין סוף נישט, וועלכע

ער האט גארנישט געקאנט מיט'ן אויג האפען. אבער יעדען אבענד, ווען די זון איז אונטערגעגאנגען, האבען אויפגעלעבט אויף סניי זיינע האפנונגען...

די צייט, וואס האט איהם פריהער אויסגעזעהן שרעקליך לאנג, ווען זי איז געשטאנען, האט איהם אויסגעזעהן קורץ, ווען זי איז פארבייגעגאנגען. אבער די נייע צייט, האט זיך געשלעפט לאנגזאם, לאנגזאם.

אויף אזא אופן איז געווארען טיעפער דעם שקלאפ'ס וועלט. ווייל דאמאלס, ווען זיין בענקען האט זיך אהן א סוף געשלעפט אין דער צייט איז אויך ברייטער געווארען דער רוים, וואס איז ארום איהם. יעדער נייער אבענד האט מיט זיך מעהרער און מעהר טיעפקייט מיטגעבראכט.

אלעס איז געוועזען אזוי ווייט, דאס וואס עס האט זיך אלע מאל איבערגע'חזר'ט וועט קיינמאל נישט דערגרייכט ווערען.

יעדען אבענד האט דער שקלאף געשטארט אהין קיין מערב, דארט וואו סיגעהט די זון אונטער.

— אזוי איז עס ענדליך קוים די פינף יאהר פארביי — עס רעדט זיך אזוי לייכט — איז געקומען דער שקלאף צו קארא'ן און האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהם פריילאזען. ער האט געוואלט געהן צוריק אהיים.

„דו האסט זעהר גוט בעארבייט מיין פעלד", האט געזאגט קארא צעטראגען. —

„זאג מיר, וואו איז דיין היים — אין מעריב, דאכט זיך? כ'האב דיר געזעהן קוקען אין יענער זייט."

יא, דער שקלאף איז פון יענעם קאנט געוועזען.

„עס איז ווייט דארט אהין", האט געזאגט קארא. דו קוקסט צו ווייט! — און האסט קיין געלד נישט."

דער שקלאף איז געבליבען שטעהן פערוארגט. ניין, דאס איז טאקע אמת געוועזען.

אויב דו ווילסט ארבייטען ביי מיר נאך דריי יאהר —ניין צוויי יאהר וועלען גענוג זיין, צוויי יאהר, וועל איך דערנאך געבען אויף הוצאות.

דער שקלאף האט אראבגעלאזען דעם קאפ און האט ווייטער געארבייט. אבער ער האט שוין נישט מעהר געהאלטען רעכענונג מיט דער צייט, ווי פריהער. דערפאר אבער האט ער א סך געטרוימט, קארא האט איהם געהערט א סך מאל אין שלאף בילען און בעטשען. און אין א קורצע צייט ארום איז ער קראנק געווארען.

דאמאלס האט זיך קארא גענומען איהם אויסגעזוכט און האט אין

איהם אַרײַנגערעדט. זײַנע ווערטער האָבען געקלונגען אַזוי בכבוד'יג, אַזוי אמת'דיג:

„איך בין אַנ'אַלטער מאַן. איך האָב אויך געבענקט יונגערהייד נאָך די מעריב-וועלדער. אָבער כ'האָב נישט געקאָנט אָבשפּאָרען אַזוי פיעל געלד אויף רייזע-קאָסטען. און אַצונד וועל איך שוין נישט קומען אין דעם לאַנד פון מיין בענקשאַפט, פריהער, ווי מיין נשמה וועט דאָרט אַהין שוועבען, פריהער ווי כ'וועל שטאַרבען. אָבער דו ביזט נאָך יונג און קאָנסט פלייסיג אַרבייטען, אַסך פלייסיגער, ווי איך אין דיינע יאָהרען. לעג עס דיר איבער און פאָלג אַקלוגע עצה. זעה, אַז דו זאָלסט ווערען צוריק געזונד.

דער שקלאַף איז געוואָרען געזונד, אָבער אָהן חשק. און אַז ער האָט זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט, האָט ער אָנגעהייבען אַביסעל צו פוילען זיך און איז אַסך מאָל געשלאָפען ביי דער אַרבייט, דאָ האָט איהם קאָררא אַמאָל מכבד געווען מיט ריטער, דאָס האָט איהם גוט געשמעקט, און ער האָט זיך צעוויינט.

און די צוויי יאָהר זענען פאַרביי געגאַנגען.

און דאַמאָלס האָט איהם קאָררא אין אמת'ן פרייגעלאָזען. דער שקלאַף איז געפאָהרען קיין מערב. אָבער אין עטליכע חדשים אַרום, איז דער שקלאַף, נישט געפינענדיג אין יענעם קאַנט זיינע וועלדער, צוריק געקומען מיט אַטרויעריגען פנים.

„זעהסט שוין", האָט געזאָגט קאָררא, „אָבער איך בין אַגוטער, קיינער וועט דיר עפּעס אַנדערש נישט זאָגען אויף מיר. פאָהר נאָך אַמאָל און זיך אין מזרח, אפשר געפינען זיך דיינע וועלדער אין יענער זייט".

דער שקלאַף איז געפאָהרען און ער האָט טאַקי געפונען זיינע היימישע וועלדער, נאָר ער האָט זיי שוין נישט דערקענט מעהר. ער איז צוריגעקומען און האָט דערצעהלט, אַז ער האָט טאַקי אין מאַנכע ערטער געפונען בוימער, אַסך בוימער, נאָר נישט זיינע אייגענע פעלדער.

„הום!" האָט קאָררא געהוסט.

„מיין הויז איז שטענדיג אָפען פאַר דיר", האָט געזאָגט קאָררא וואַרעם, „בלייב נאָר ביי מיר, וועסט קיינמאָל נישט זיין היימלאָז. און ווען ס'וועט קומען די צייט, ווען כ'וועל ווערען בעדערפט צו מיינע עלטערען, וועט זאָרגען מיין זוהן פאַר דיר".

קאָררא האָט זיך געעלטערט, אָבער ער האָט געהאַט אַ שקלאַף אין דער בעסטער צייט פון זיינע יאָהרען. ער האָט איהם געגעבען געטוב

צו זָאגְן, כּדי צו דֶערהאַלטֶען אִיהם בּיי די כּתות, און הָאט אִיהם גֶע־האַלטֶען ריין, עֶר זָאל נִישט ווערֶען קרֶעצִיג. פוּן צייט צו צייט, הָאט עֶר אִיהם מכבד געוועזען מִיט ריטעֶר, כּדי עֶר זָאל נִישט אַרוּיס פוּן דֶער העזה. אוֹיךְ הָאט עֶר אִיהם נִישט גֶעשטֶערט אָבצוּרוּהען זִיךְ. יֶעדֶען אַכטֶען טָאג אִיז עֶר גֶעוועֶזען אִין גאַנצֶען פריי צוּ זִיצֶען אוֹיף אַ בֶּערגֶעל און קוּקֶען אַהִין קֶיין מערב...

קָאררַאַ'ס פֶעלדֶער הָאבֶּען גֶעגֶעבֶּען אַסך פרוכט. עֶר הָאט גֶעקוֹיפט וואַלד, גֶעלָאזֶען האַקֶען און בֶּעאַרבּייטֶען. און דֶער שקלאַף הָאט מִיט חשק און פלייסִיג גֶעהאַקט די בּוֹימֶער. — קָאררַאַ הָאט גֶעהאַט גֶענוּג גֶעלד און הָאט צוּגֶעקוֹיפט אַ שקלאַפִין פאַר'ן הויז.

די יָאהרֶען זֶענֶען זִיךְ גֶעגאַנגֶען און אִין קָאררַאַ'ס הויז זֶענֶען אוּנטֶער־גֶעוואַקסֶען זֶעקס גרוֹיסֶע שקלאַפֶען־זִיהן. זיי הָאבֶּען גֶעאַרבּייט אַזוֹי פלייסִיג, ווי זייעֶר פָאטֶער. — נָאר ווען מֶען אַרבּייט, פֶערגֶעהט די צייט," פלֶעגט צוּ זיי זָאגֶען זייעֶר פָאטֶער. „און ווען די צייט וועט אַריבּער גֶעהן, וועלֶען מִיר אַלֶע מִידֶע אַוועקגֶעהן אַהִין דָארט אִין די אֵייבִּיגֶע וועלדֶער אַריין."

און יֶעדֶען טָאג פוּן אָבֶענד, הָאט עֶר גֶעפִיהרט זיינֶע זִיהן אוֹיפ'ן בֶּערגֶעל אַרוֹיף, פאַר'ן אוּנטֶערגאַנג פוּן דֶער זון, און הָאט זיי גֶעלֶערנט בֶּענקֶען.

קָאררַאַ אִיז גֶעוואָרֶען אַלט און שוואַךְ. עֶר אִיז שטֶענדִיג גֶעוועֶזען אַלט, אָבֶּער אַצוּנד אִיז נִישט מֶעהר גֶעבּלִיבֶּען פוּן אִיהם, ווי דָאס אַלטקייט. זיין זוּהן אִיז גֶעוועֶזען אַ שוואַכֶער פוּן גֶעבּוֹירֶען אָן. אָבֶער זיי הָאבֶּען נִישט גֶעהאַט, וואָס מורא צוּ הָאבֶּען, דֶען יֶעדֶער אֵיינצִיגֶער פוּן די שקלאַפֶען, הָאט גֶעקָאנט מִיט אַ קלאַפ פוּן אַ דראָנג הרג'ענֶען אַ מֶענש. דָאס זֶענֶען גֶעוועֶזען שֶענֶע גֶעזוּנדטֶע מֶענשֶען, פֶעסט גֶעבּוֹיטֶע, הוֹיכֶע. און הָאבֶּען גֶעהאַט אמת'ע מִינֶער־צִיהן. אָבֶער די צייטֶען זֶענֶען גֶעוועֶזען שטִילֶע. די שקלאַפֶען הָאבֶּען גֶעטרָאגֶען פרִידלִיכֶע העֶק און הָאבֶּען גֶעהאַקט בּוֹימֶער.

.פ — ד.

ערנסט געאָרגי.

פריילײן מוטער

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 4)

„זאָגט אַרויס פריי, אַז איהר ליעבט אייער כלה! איהר זייט קיין שפיעלצייג וואָס לאָזט זיך קויפען!" — — אַטטאָ איז ווידער צוזאַמענגעצויגען געוואָרען: ניין, אַננאַ, איך ליעב זי נישט! רענאַ בעטויבט מיך, אַזוי לאַנג ווי זי ווירקט אויף מיר מיט איהר פערזענליכען צויבער. איהר ליעבע פרעהט מיך; אָבער — — — — רענאַ איז זעהר רייך און אויסגעבהעגיג; איך האָב שולדען; ווען אויך נישט פיעל, אָבער דאָך גענוג. פון קינדהייט אָן בין איך שטענדיג געווען אין פענסיאָן, אַרויס פון הויז! שטענדיג אַליין און צווישען פרעמדע! אייביג אין מיליטערישען טומעל! איך האָב גע־בענקט נאָך ליעבע, נאָך פרייהייט, אַננאַ!" ער קוקט זי הונגריג אָן. אַליין פערגעסען, האָט זי איהם אַ סעקונדע זיין בליק פול צוריקגעגעבען, אָבער באַלד דרעהט זי זיך אָב אָן אַ זייט.

„איהר וועט אַהיים בעקומען. אייער כלה ליעבט אייך דאָך — — —

אַטטאָ האָט געציטערט. רענאַטע זעעבערג, די אַרומגעשמייכעלטע בערוועהנטע שענהייט איז אין גייסט פאַר איהם געשטאַנען. העלבלאָנד, ווי אַ בוים געוואַקסען, שטאָלץ, קאַלט און ווייט. און איהרע ליעבעס בע־ווייזען? — אַ פראָסט געדט איהם דורך די ביינער. דער קאַלטער בליק פון איהרע שוואַרצע אויגען? זי האָט געלאָזט איהרע שפיצפינגער קושען און דאָס איז אַלץ! זי ליעבט איהם אויף איהר אַרט; אָבער אין גאַנצען לעבען וועט ער מוזען איהר שקלאַף זיין. געצענדיענסט מיט איהר טרייבען אום זי ביי איהר היטערקייט צו דערהאַלטען. נישט נאָר איהר בעצוי־בערענדעס געשטאַלט נאָר אַלץ, אַלץ ברענגט זי אַריין! — איז דאָס אַ גליק?—

קאַנטהאַגען האָט ווילד געקוקט אויף אַננאַ זאַנדערס. זי האָט געקוקט פאַר זיך אין די לופט ווייט. ער זעהט איהר ווייך געשטאַלט, דעם שענעם מילדען פראָפיל. — דער פערשטאַנד צו ליעבען, מיעף צו ליעבען, צו

רעדען, ארײנצודרינגען! נאך פריהער! זי איז אימשטאנד געװען זיך צו אפּפערען! װי האט זי שטאלץ אלץ אלײן איבערגעטראגען! ער האט זי בע־װאונדערט מיט דער גאנצער געװאלד ציהט איהם אהין צו איהר. ענגסטיג מאכט ער זיך בעקװעמער, לויזער דעם ענגען קראגען. דערשטיקט צו װערען האט איהם יעצט אויסגעװיזען! —

„אננא!" — בעט ער שטיל און שטיקענדיג.

און ער זעהט װי א ציטער גערט דורך איהר קערפּער. — „אננא!" — בעט ער װידער.

זי הארכט אהן אטעם. פּיעללײכט קומט יעצט דאס װאונדערבארע, װאס זי האט קײנמאל נישט געװאגט צו חלומ'ן? איהר גאנץ װעזען איז אין דעם מאמענט געװען נאר א געשפּאנטעס הארכען. — און יעצט קלאפּט מען אין טהיר. זי האט זיך געעפענט. עס האט זיך ארײנגערוקט א קלײן קינדער־װעגעלע, אין װעלכען די װעכטערין האט דאס קינד געפיהרט. — דער אפיציר איז אויפגעשפּרונגען און איז בלאס געװארען. און אננא האט אויך, װי פון א טיעפען חלום אויפגעװאכט. איהר געזיכט האט זיך מיט פּורפּורפארבען געפארבט.

„אך, פרוי קאך! צוריק? — — אט בין איך גאר אלײן דא; ביטע, געהט דערװײל ארײן אין שלאפצימער!" — — די פרוי איז פערשװאונדען מיט'ן װאגען אין נעבענצימער און פערמאכט פעסט די טהיר. —

אננא האט דאס קינד, װעלכעס האט איהר לאכענדיג און שפּיעלענדיג די הענד אקעגענגעשטרעקט אויפ'ן ארעם גענומען. זי האט עס געטראגען ביז צום טיש, אניעדער געשטעלט עס דארט און אויפגעבינדען געשיקט די שלײפען, װעלכע האבען דאס ברײטע װײסע פּילץ־היטעל פעסט גע־האלטען. דערנאך האט זי ארא‌בגעצױגען גלאט דאס װײסע געשטיקטע קלײדעל, האט עס געגלעט איבער די גאלד־ברױנע לאקען און געדריקט דאס קעפּעל פעסט צו איהרע באקען. מיט איהר ארעם האט זי בעשיצענדיג ארומ־גענומען דאס שפּרינגענדיגע קערפּערל. — לאנגזאם, אויפגערעגט אויס־געדרעהט זיך און געקוקט אויף קאנטראגענען.

פלאס, אנגעהאלטען איז ער געשטאנען און געדרעהט אין פּײנליכער פערלעגענהײט די דיקע שנורבערד אינגאנצען צעמישט איז ער אין דער סיטו־אציאן געװען. ער האט נישט געװאוסט װאס ער זאל טהון, װאס ער זאל זאגען. נאך געשלאגען האט אין איהם די שטילע װײכקײט, װאס ער האט נאר װאס געפיהלט. קײן זאך האט איהם נישט געקאנט נארישער מאהקומען, װי יעצט גע־פיהלען צו שמײכלען, װעלכע ער קאן נישט, פערשטעהט נישט און

גלויבט אין זיי נישט! ער האסט כמעט דאס קליינע קרייזענדע און שפרונגענדע ווערען. פונדעסטוועגען טרעט ער, אונטער דעם שפאן פון איהר בליק, נעהנטער, פרעסענדיג עטוואס אנאיינגעהאלטענעם שמייכעל אויף די פעסטע טרוקענע ליפען. — ווען ער האט דאס קינד פון דער נאהענט אנגעקוקט איז עם געווארען רוהיג. מיט דעם גרויסען אונשולדיגען און דאך אזוי ערנסט פרובענדען בליק פון קלוגע קינדער, האט עס איהם פרעמד בעטראכט.

אַן עלעקטרישער שטראם האט פלוצלונג בעהאלטען אַ קלאפּ געטהון און דורכגעצויגען קאנטהאגענען. די געצוואונגען אונוויסענדיג עפענען זיך די אויגען פון זיך אליין נאך ווייטער, נאך ברייטער. דער שמייכעל איז פערשוואונדען. פערוואונדערט האט ער בעטראכט דעם קינד און דערמאנט זיך אם-שטארקסטען גערידהרט. — אין דער היים, ביי זיינע עלטערן הענגט אַן אייל-בילד, וועלכעס שטעלט איהם אלס קליין קינד פאר. זיין פאטער האט דאס שטאלץ און בעגייסטערט זיין ערשטען זוהן מאלען געלאזט. אפט פלעגט ער דאס אנקוקען און דערביי שטענדיג געזאגט: „יא, אטטא, אזוי שען ביזט דו אמאל געוועזן! ווי אַ קליינער מלאך רפאל האסט דו אויסגעזעהן!“ ווען ער איז שוין אַ גרויסער יונג אין די לעב-יאהרען געוועזן, האט שטענדיג די מוטער דאס איינענע זיפצענדיג געזאגט! — און איהם האט יעצט אויסגעזעהן, ווי ער וואלט זיין אייגענעם קינדער-פארטרעט פאר זיך געזעהן. דא ווי דארט די זעלבע גאלד-ברוינע לאקען, וועלכע זענען געדיכט געקרויזעלט געוועזן ארום דעם ריינעם שטערען — די זעלבע שען-געשניצטע גראדע נאז, דאס זעלבע דינע קליינע מויל. און דערהויפט די אייגענע גרויסע ברוינגרינע אויגען מיט די דונקלע זיידענע ברעמען!! — אינסטינקטיוו גלעט ער מיט די פינגער דעם קינדס געזיכט און ווידער ציקט אין איהם עפיס וואונדערליך. דארט אויף דעם קינדער-בילד און דא אויפ'ן קינד-געזיכט דער זעלבער געלער פלעק אונטער דעם לינקען אויג! —

אטטא איז געשטאנען אין דער בעטראכטונג פערזונקען און אויף איהם האט געבליקט דער ערנסטער קינדער-בליק, וועלכער האט אויך ביי איהם, ווען ער איז קליין געוועזן, אלע געצויגען. ער האט געשפירט אין הארץ אַ וואונדערליך ציהען, וועלכעס ער האט קיינמאל נישט געקאנט, אז דאס געפיהל האט זיך גערידהרט אין איהם, ביי וועלכען אלעם איבריגע פערגעדט. און דאס שטייגט געוואלטזאם ארויף. עס ווערגט איהם אין האלז, ווארפט איהם איגנוויינינג און שלאגט איהם דאס וואסער אין די אויגען. איהם

האָט אויסגעזעהען ווי טויזענד גלאָקען וואָלטען מיט אַן'אונבעשרייבליכער קלאַנגשענער ריינהייט אין זיינע אויערען געקלונגען. וואָס איז מיט איהם? עס ברענט און ציטערט אין איהם, אויסגיסענדיג זיך אין אַן'איבערקוועלענדען טענערשטראָם: האַלב ריהרונג — האַלב פריידע! — — פאַר איהם אַליין אונבעוואוסט האָט דאָס געפיהל איהם אונטערדריקט און געמאַכט זיך אַ וועג —

ער איז צוגעפאַלען צום קינד און געדריקט'עם שטאַרק אין זיינע אָרעמס. זיין מויל האָט זיך געפרעגט ציטערנדיג צו די ווייכע לאָקען. שטאַמלענדיג האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס האָט אין איהם אַלס פאָטער-געפיהל צו-וואָרפען און דערשטיקט גערוהט און יעצט זיך פערקערפערט און מיט היסער רייגער צערטליכקייט דעם וועג דורכגעבראָכען:

„מיין קינד, מיין קינד!" — טרערען גיסען זיך פון זיינע אויגען און פאַלען אַראָב. דאָס יונגעל האַלט זיך אַליין רוהיג. שלאָכצענדיג פאַלט אננאַ אויף אַ שטוהל צוזאַמען. דאָס מוטער-גליק, די גאַנצע ליעבע צום מאַן, די הויכע אַרט פון דעם נישט-איינגעהאַלטענעם נאַטורצוואַנג, וועלכער בינד צוזאַמען די עלטערן מיט דעם קינד, דאָס אַלץ האָט אין איהר גע-יאָמערט. עס האָט זי געטריבען די אָרעמס אויסצושטרעקען און דעם מאַן און דאָס קינד אַרומצוארמען; אָבער — — — — און דאָס האָט זי פול-געמאַכט מיט קוועלענדער פערצווייפלונג — — — — יעצט האָט זי מיט גרויזאַמער קלאָרהייט ערשט רעכט געפיהלט דאָס אונגליק, דאָס נישט-געזעצליכע אין איהר לאַגע — דאָס אונרעטבאַרע! דאָס נישט האַלטבאַרע! —

פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט זענען אין דער סעקונדע פאַר איהר געשטאַנען. די פינסטערע זיעסע שרעקליכע מינוט, אין וועלכער זי האָט, נישט מעהר זייענדיג ביים פערשטאַנד אָנגענומען. די גרויסע וואַקסענדע פיין ביז צום קינד'ס געבורט. איהר שווערען קאַמפּפּמוטה צו האַלטען אין רוהע, אז זי קאַמעדיע פאַר זיך און פאַר איהם יעצט און אין דער צוקונפט. צוערשט האָט זי וועגען איהם מיט האַס און עקעל געטראַכט, דערנאָך מיט שטומפּיגער גלייכגילטיגקייט. מיט דעם לעצטען רעשט פון האַס האָט זי איהם געוואָלט דאָס קינד ווייזען. עס זאָל פאַר איהם אַבּרען, אַ בלוטיגע וואונד זיין. אַ שווערער שטיינערנער פיין-שלאַג און אַ Momento Mori! (געדענק דעם טויט!). ער זאָל דאָס שענע ליעבע בע-שעפעניש, זיין קינד, זעהן — — און ענטבעהרען! — און אין דעם אויגענבליק, ווען ער איז פאַר איהר געשטאַנען אַזוי אונערוואַרט, איז האַס, גלייכגילטיגקייט און עקעל פערשוואונדען! יעצט ליעבט זי איהם, מעהר ווי שטענדיג; היסער, טיעפער! אין איהם דעם פאָטער פון איהר קינד און אין איהם

דעם שענעם, גוטען מאַן. נשמה און נערווען ליעבען און בעגעהרען. זי שלוכצט ביטער. זי האָט איהם געוואָלט פערוואונדען און האָט זיך אַליין געטראָפען. וואו איז איהר רוהיגקייט אַוועק? צי וואָס זעהט זי אַזוי קלאָר? —

זי הערט איהם רעדען מיט'ן קינד, קושען עס. זי זעהט ווי ער שטעלט דאָס קינד אויפ'ן באָדען און לאָזט עס געהן, קוקט ווי עס געהט און שטעלט עס ווידער אַרויף. —

טמטא איז קיין פערפיהרער נישט געווען, קיין דיפּלאָמאַט. ער האָט זי דעמאָלט געוואָלט, מיט אַ געפיהל פון מיטלייד און פערוואונדערונג האָט ער צו איהר געשטרעבט, זי גערן געהאַט. מיידלעך פון איהר אַרט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהאַט בעגעגענט. ער האָט זי געוואָלט פאַר זיך האָבען און זיין ליידענשאַפט האָט נאָך מעהר אויפגעפלאַמט, ווייל זי האָט זיך געוועהרט. זי איז איהם צו אָפּפער געפאַלען, ווייל זי, ווי מיליאָנען פרויען פאַר איהר, האָט נישט מעהר געקאָנט זיין אַנהאַלטען, זיין שטאַמלען, זיין בעטען צוהערען; ווייל זי האָט זיין פערצווייפעלטע צושלאָגענהייט, זיין דערשטיקט געוויין פאַר אונערטרעגליכע ליידען געהאַלטען. פון טיעפען מיטלייד און ריינער אמת'ר ליעבע האָט זי זיך איהם איבערגעגעבען, מעהר דאָס האַרץ, ווי איהרע, געניג אויפגערעגטע פערלאַנגס-געפיהלען, ווי איהרע נערווען, — האָט זי געפאָלגט. נישט קיין ערפאַהרונג האָט זי געהאַט וואָס האָט זי געקאָנט רעטען, און נישט די קלוגהייט האָט זי געקאָנט צוריקהאַלטען, בעגרענצטע ערפאַהרונג און די קלוגהייט געבונדען דורך דעם פלאַם פון ליעבע און מיטלייד צו זיינע ליידען, איהר בעדויערנדיג האַרץ האָט נישט געהאַט ווער עס זאָל עס וואָרנען. עס האָט אַלץ אַוועק-געשענקט! — איהר גאַנצער קערפּער איז אויפגערעגט און די האָר שטעלען זיך איהר אויפ'ן קאָפּ. אַ פרוי גיט אַלץ אַוועק און די מענער נעמען דאָס געשענק אַזוי גלייכגילטיג צו, ווי גאָרנישט! — ווי רוהיג ער איז דעמאָלט — דערנאָך געוואָרען! ווי דאַנקבאַר און געזעלשאַפטליך און גוט ער איז געוואָרען, ווי אַ הונגעריגער, וואָס מען האָט איהם געגעבען זאַט אָנצועסען! ביז זי איז געגאַנגען, ניין; ביז זי איז איינגאַנצען געבראָכען, פול פיזישען שמערץ, פול פסיכישע שרעק, קרענקונג און עקעל, אַוועקגעקומען! ווי אַ ברודער נאָר האָט ער מיט איהר, זיך מיט אַ קוש אויפ'ן מויל און איינעם אויף דער האַנד, געזעגענט און זי ביז צום טויער געפיהרט! — — און דערנאָך איז זי פערגעסען געוואָרען! — — און ער איז נישט שלעכט געווען,

(פאָרטזעצונג קומט).

היינריך מאַן.

פּיפּאַ ספּאַנאָ.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 4)

אָט שטעהט זי בעשאַפען נאָר פון זיינטוועגען. אָט ליעגט זי אויף זיין ברוסט, כדי איהם צו ראַטעווען, איהם אין קדשי קדשים פון לעבען אַריינצופיהרען, איהם אַ טיעפען אָטהעם אַריינצועטהמען, איהם אויסצולערנען דאָס געפיהל פון פערגעסען זיך גופא אין שטאַרקע בעוועגונגען!

— איך ליעב דיך ד זשעממאַ!

זי האָט נאָר לייכט געשמייכעלט, נישט אַראָבנעהמענדיג די הענד פון זיינע האָהר.

— אָבער איך גלויב דאָך! — האָט ער אויסגעשריען. — אַ נס האָט זיך מיר געטראָפען; איך בין גענוג שטאַרק איך זאָל אין איהם גלויבען און דורך איהם געראַטעוועט ווערען!

אַ שפּרונג טהוענדיג האָט ער זי מיט איין האַנד אַרומגענומען... אָבער פּלוצלונג האָט איהם אַ קעלט דורכגעשווידערט. „יעצט גלויבסט דו, קאָמעדיאַנט. און מאָרגען פריה וועסט דו קלערען ווי אַזוי דו זאָלסט דעם דאָזיגען מאָמענט פון גלויבען פאַר די קונסט אויסנוצען".

— אָבער איך ליעב זי דאָך, — האָט ער זיין אינערליכען געגנער אָבגעענטפערט. — און זי ליעבט מיך. בין איך דען קיין מענש נישט?

— ניין, דו ביזט קיין מענש נישט, דו שפּיעלסט נאָר די ראָליע פון אַ מענשען. זאָג זיך אויף היינטיגעס מאָל אָב פון עפעקט, נאָר דאָס איין איינציגע מאָל — פאַר רחמנות אויף דאָס אומשולדיג קינד, בעדענק...

— אָה, איך ווייס, איך שרעק זיך. דאָס איז נישט קיין געשעהעניש, וועלכעס דו קאָנסט אַליין מאַכען און זיך בעפרייען דערפון, באַלד ווי דו וועסט נאָר מיעד ווערען. דאָס איז נישט קיין הויז מיט צוויי איינגאַנגען. דאָס איז אַ הייהל אין אַ באַרג, איין איינציגער אַריינגאַנג, אין וועלכען וואַסער וועט דיך דערטרינקען, באַלד ווי דו קומסט נאָר דאָרטען אַריין.

ווערענדיג זיך, האָט ער זײַן האַנד פון דעם יונגען מיידעל'ס האַלז אַראָפּגענומען. זײַן מאַטער, ליידענפולער בליק האָט זיך, בלאָנדזשענדיג אויף דער וואַנד, פּלוצלונג מיט פּיפּאַ ספּאַנאָס בליק אָנגעטראָפען. זײַן טײַוועלישער שמייכעל, וועלכען מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אויסמײַדען, האָט יעצט צו איהם דײַטליך און קלאָר גערעדט:

— דאָס איז דאָס די קראַפט, וואָס איך דאַרף דיך דערצו צווינגען? עס קומט צו געהן אַפרוי, זי בעט זיך בײַ דיר, דײַן בלוט ציהט דיך בעהערשעריש צו איהר און דו זאָגסט דיך אָב, צוליעב דײַן קרענקליך, שרעקעדיגער נאַטור, פון דאָס גליהענדע לעבען? טהו ווי דו ווילסט, אָבער קיינמאָל זאָלסט דו דיך שוין מעהר נישט פּרובען צו פערלאָזען די שוואַכע וועלט און אין מײַן וועלט זיך אַרײַנגנב'נען, אין דער וועלט, וואו מען ליעבט, רויבט אַוועק און ווען עס איז נויטיג שטאַרבט מען אויך צוליעב דעם.

מאַריאַ מאַילוואַילטאַ האָט האַסטיג דזשעמען אַ האַפּ געטהון. דאָס שוימיגע ליידענשאַפטליכע בלוט האָט איהם אין פּנים אַרײַנגעשפּאַרט. ווי אַ העלד, וואָס געהט אין דער מלחמה אַרײַן, ווען די פרוי פּלעגט איהם זײַן האַלז מיט איהרע ווייכע אָרעמס אַרום, האָט ער איהר אין זײַן שלאָפצימער אַרײַנגעטראָגען.

3

דער גלויבע.

מאַריאַ מאַיל וואַילטאַ איז געשטאַנען אַליין אויף דער טעראַסע און בעטראַכט ווי דער טאָג ווערט ליכטיג. דזשעממאַ איז שוין מעהר נישט געוועזען בײַ איהם. ער האָט זיך צוגעהערט צו די לעצטע אָבקלאַנגען פון גליק, וועלכע זי האָט אין איהם דערוועקט. אָט ערשט נישט לאַנג זענען די אָבקלאַנגען אין גאַנצען שטיל געוואָרען. ווען זי וועט הײַנט אין אָבענד קומען, נאָך אַלץ מיט דער זעלביגער, גליהענדער ליידענשאַפט, ווי וועט זי איהם געפינען? קיין ענטפער דערויף האָט ער אַליין נישט געוואוסט. צוואַנציג שטונדען קאָנען איהם מיט זײַנע געפיהלען און געדאַנקען אַוועקטראָגען וואוהין קיינער ווייסט נישט, קיינער קאָן זיך גאַרנישט פאָרשטעלען. ער וואָלט זיך אָבער מיט אַלע כחות אָנגעשטרענגט צו איהר צוריק צו קעהרען. עס קאָן זײַן, אז עס וואָלט זיך איהם אײַנגעגעבען.

„ניין, ניין. מיר צעשיידען זיך שוין אויף אַלע מאָל. איך וועל איהר

שוין קיינמאָל נישט זעהן. דאָס וועט זיין אַ שטאַרקער שריט, ווייל איך בעגעהר זי נאָך און וועל זי נאָך אָפט בעגעהרען... איך וועל איהר אַ בריעף שרייבען. איך ווייס, זי וועט דערפון זעהר שטאַרק ליידען. אָבער דאָס וועט נאָר זיין אַן אומגעגליקליכעס ליידען, אַזוי ווי דאָס גליק איז נאָר געוועזען אַן אומגעגליקליכעס. ווען זי וועט דערפון באַלד נישט שטאַרבען, וועט שוין דאָס זיין ביי איהר פערביי־געגאַנגען. ווען איך זאָל יעצט אויף איהר וועלען רחמנות האָבען און וואָלט זיך פּרובען זי אָבנאַרען — וואָלטען מיר ביידע דערנאָך אַ סך געליטען. דאָס וואָס מוז געשעהן זאָל באַלד געשעהן".

ער איז אין גאָרטען אַראָבגעגאַנגען און אויף די שמאָלע שטעגלעך שפּאַצירט. די געדיכטע ביימער האָבען איהם פיעל מאָל געצוואונגען זיך איינצובויגען און איהם זיינע געדאַנקען איבערגעריסען. — און געטראַכט האָט ער וועגען נוסח פון בריעף, וואָס ער זאָל צו ד ז ש ע מ מ אַ שרייבען.

און אָט האָט ער זיך אין די געדאַנקען פאָרדיקטירט אַזאַ מין בריעף:

„מיין געטליכע דזשעממאַ!

„יעצט האָב איך נאָך דאָס רעכט דיך אַזוי אָנצורופען... ווען דו זאָלסט היינט אין אָבענד ווידער קומען צו מיר, קאָן זיין, אַז דאָס וואָלט שוין אַליינען געוועזען — דער ערשטער ליגען צווישען די אַלע אַנדערע ליגענס, מיט וועלכע איך וואָלט אונזער ליעבע געשפּייזט. איך וויל דאָס אָבער נישט, דערצו זענען מיר ערשט נישט לאַנג צו שטאַרק און צופיעל גליקליך געוועזען. פאַר דיין אָפענהערציגקייט וויל איך דיר מיט מיין אָפענהערציגקייט בעלוינען, אויף וויפיעל איך בין נאָר אימשטאַנד. הער מיך אויס, מיין טייערע דזשעממאַ.

„דו ליעבסט מיך זעהר, נישט אמת? און דו ביזט ביי זיך איבערציינט, אַז דו וועסט מיך עביג, עביג אַזוי ליעבען. דו קאָנסט דיר גאָרנישט פאָרשטעלען, אַז דיינע הייסע טרייהייט און איבערגעבענהייט זאָל אַמאָל אָבגעקיהלט ווערען, און שפּייען אין פּנים וואָלסט דו דעם דאָזיגען, וואָס וואָלט זיך אונטערגעשטאַנען דיר צו זאָגען, אַז דיין פייערדיגע ליעבע צו מיר וועט אַמאָל אין גאַנצען אויסגעלאָשען ווערען, אין גאַנצען אָבשטאַרבען. ביי מיר אָבער קומען אַזעלכע מיני געדאַנקען שטענדיג אין קאָפּ אַריין, אָה, מיין גאָלדענע דזשעממאַ. אָה, נישט איינמאָל וועל איך אויך אַזוי גליהענדיג דיך בעגעהרען, נישט איינמאָל וועל איך דיר אַזוי אָנרופען ווי איך רוף דיך אין דעם יעצטיגען אויגענבליק אָן! אָבער ווען דו זאָלסט צו מיר אין צוויי שעה אַרום קומען, קאָן זיין אַז עס האָט שוין צו

שפּעט זיין. עס קאָן מעגליך זיין, מיין טייערסטע, אַז אפילו היינטיגע נאַכט, ווען מיר זענען אַזוי ענג איינער אין דעם אַנדערענס אָרעמס געשלאָפען געווען, בין איך דיר שוין אונטריי געווען. עס קאָן זיין, אַז איך האָב שוין דאַמאָלס געטראַכט וועגען עפּעס אַ שטאַרק וואָרט, עפּעס אַן אויסדרוק, וואָס זאָל דאָס דאָזיגע אַרומנעמען זיך אונזערע, ווי צום קלאָרסטען, ווי צום שאַרפסטען אויסדריקען! די קונסט, דושעמטאַ, איז דיין ערגסטער, דיין געפעהרליכסטער שונא, און דו דאַרפסט איהר מיט דער האַנד נישט אַוועקמאַכען.

נישט איינמאָל וועט טרעפען, אַז דו וועסט צו מיר מיט אָפענע, אויסגעשפּרייטע אָרעמס אין מיין צימער אַריינקומען, גרייט מיר אויף דעם האַלז צו פאַלען, און זי, די קונסט, וועט מיך גאָר דאַמאָלס אויף איהר אונבאַרעמהאַרציגע ברוסט פעסטהאַלטען".

מ אַ ר י אָ מ אַ י ל ו אָ י ל ט אָ האָט געקוקט ווי אַ העגעל טרויבען האָט זיך אויף זיין צוזאַמענגעפּרעסטער האַנד געגליטשט, און זיך געטראַכט: „אונבאַרעמהאַרציגע ברוסט? צי האָט דען די קונסט אַן אונבאַרעמהאַרציגע ברוסט?"

„דו פערשטעהסט מיך נישט, — האָט ער זיך ווייטער אין געדאַנקען דעם בריעף דיקטירט, — איך זעה דאָס פאָראויס. דו מיינסט, אַז דער קינסטלער קאָן די קונסט בעזייטיגען ווען אַ פּרוי קומט אַריין. לאַנטי, ווען דו וואָלסט נאָר מיט איהם התונה געהאַט, וואָלט באַלד זיין פערד פון שטאַל אַרויסגעלאָזט, ווען דו וואָלסט עס נאָר פון איהם פערלאַנגט. דער סוחר וואָלט זיינע קונים פון געוועלב אַרויסגעיאָגט. די ליידענשאַפט צו געלד איז זעהר זעלטען שטאַרקער פאַר די ליידענשאַפט צו פרויען. מיט דער קונסט, מיין טייערע דושעמטאַ, איז גאָר אַנדערש. זי קאָן זיך פערגלייכען מיט דער לוסט מלחמה-צו-האַלטען און מיט די לוסט צו הערשאַפט. די דאָזיגע דריי ליידענשאַפטען פערלאַנגען, אַז דער מענש זאָל זיך צו זיי אין גאַנצען איבערגעבען, זיי ליידען נישט ער זאָל אַחוץ זיי עפּיס אַנדערש אויך אין זינען האָבען. די קונסט איז צווישען די דריי ליידענשאַפטען די שטאַרקסטע, און מאַכט, צום מעהרסטען, יענע צוויי ליידענשאַפטען אונטער זיך אונטערטעניג. זי נאָגט אויס פון איהר קרבן דאָס גאַנצע קראַפט, דאָס גאַנצע געפיהל און פערשטאַנד, אַזוי אַז ער בלייבט אין גאַנצען אונפעהיג צו ערליכע געפיהלען, צו אָפענהערציגער ליידענשאַפט. בעדענק זיך, וואָס איז דען די וועלט פאַר מיר, זי איז דאָך נאָר בלויז אַ מאַטעריאַל, וועלכעס איך בעדאַרף אין פאַזען

פערוואנדלען. אלץ, וואס דו זעהסט און פון וואס דו האסט פערגניגען — די ווענד פון דיין שלאס סאן דזשימיניאנא, וואו דיינע קינדערשע פאנטאזיעס האבען זייערע גאלדענע פעדעם געוועבט — נישט דאס פערגניגען וואס דו געניסט פון דעם אלעמען האט פאר מיר א ווערט, נאר בלויז די פראזע אין וועלכער די דאזיגע פערגניגען דריקען זיך אויס, שפיגלען זיך אב; נאר דאס אליין האט פאר מיר א ווערט. יעדער לוסטיגער אבענד, יעדער וויינענדיגער גוטער פריינד, אלע מיינע געפיהלען, זאגאר דער שמערץ, וואס איך פיהל דורך דעם, דאס אלעס איז נאר מאטעריאל פאר ווערטער. דו אליין וואלסט אויך ביי מיר צו דעם צוועק געדיענט. ניין, דאס איז אונמעגליך, דאס טאר איך נישט טהון.

„קיינמאל וועל איך נישט זיצען נעבען מיין פרוי, קוקען אויף איהר און זיך גליקליך פיהלען. איך וועל גאר דאמאלס קלערען, ווי אזוי זאל איך דעם דאזיגען פראפיל איבערגעבען, ווי אזוי זאל איך אויף דעם דאזיגען פראפיל קוקען, בכדי מיר זאל זיך פארשטעלען א גרויסארטיג בילד, אדער ארויסגעפינען א נייעם בליציגען ווארט פון וועלכען אלע זאלען ענטציקט ווערען. ווען איך וועל דיין בלענדענד צארטען קערפער מיט מיינע הענד בערירען — איך געברויך א צו שוואך ווארט — בלענדענד צארט — וועל איך גאר דאמאלס טראכטען וועגען א ווארט, וואס זאל אויסדריקען און איבערגעבען אין גאנצען דיין קערפער, דיינעם און נישט קיין אנדערענ׳ס.

„אה, איך וואלט זייענדיג ביי דיר זעהר ליידענשאפטליך געוועזען, דו וואלסט מיר אפט פיבערענדיג פאר גרויס ליידענשאפט געזעהן. מיין אבער נישט, אז דאס וואלט אמת׳ע ליעבע געוועזען! איך מוז, האטש זיך אליין אבנארענדיג, זיך אין ליעבעס געפיהלען צעגיסען, כדי איך זאל עס קאנען פארשטעלען, אבשילדערן. איך מוז צווישען מענשען וואהנען, צווישען שענע און שטארקע מענשען, מיט אזעלכע ווי דו, טייערע דזשעממא, צוזאמען מיט זיי אלערליי סקאנדאלען בעגעהן, מיט זיי צוזאמען פערשאלטען זיין, מיט זיי צוזאמען אונטערגעהן. פון זיך גופא קאן איך דעם מענשען נישט דערקענען; ווייל איך גופא בין קיין מענש נישט: איך גופא בין א קאמעדיאנט.

(פארטזעצונג קומט)

יאַנוש קאָרטשאַק.

דער בלאַזען.

(הומאָרעסקע).

א גאנצע וואך צייט האבען העלע, גרויסע אפישען אנגעזאגט וועגען א נאך נישט געוועזענעם אויפטריט פון א בלאזען, דער ליעבלינג פון דער רעזידענץ-שטאדט, דער איינציגער אין זיין ארט.

גבירים, לעב-יונגען, געלד-זאמלער, בעאמטע, זשורנאליסטען, ארטיסטען, ארבייטער און ליידיג-געהער, פרומע און הולטייעס, זייערע ווייבער, געליעבטע, גאנץ פאריז האט זיך פערזאמעלט אין צירק — מיט א געווימעל פון קעפ, היטען מיט פעדערן, מונדירען, פאלטעס און לארנעטען. ס'זענען פערדיקט געווארען די לאזשעס, שטוהלען,ביידע שטאקן גאַ-לעריע, דער גאנצער אמפיטעאטער, פון דער ארענע ביז אין דער הויך אין רעדער אזש ביז צום סופיט.

אנטראקט. א דרעסירט פערד. א גלעקיל... א ריעז. א גימנאסטיקער. ווידער פויזע. א גלעקעל ... א שאָרכען. שטיל.

סע געהט ארויס דער ערוואַרטעטער. אויפ'ן זאמד פון דער ארענע ווארפט ער נאכלעסיג א ווייסען קוואדראט-דיוואן. זעצט זיך אין א קאָסטיום פון א בלאזען, די עלענ-בויגען האט ער אנגעשפארט אויף די קניהען, אויף די הענד דעם שטערן און איז פערגליווערט געווארען.

אימיצער האט דער ערשטער א פאטש געטהון אין די הענד, אימיצער א צווייטער האט א קלאפ געטהון מיט די הענד, אימיצער א דריטער, א ניינטער, א צעהנטער און אלע האבען אנגעהויבען קלאפען בראווא, ס'האט זיך אבגעריסען א דונער אפלאָדיסמענטען און אויסגעשרייען.

דער בלאזען איז געזעסען איינגעבויגען, אונבעוועגליך אויפ'ן דיוואן פון דער ארע-נע, דעם שטערן אנגעשפארענדיג אויף די הענד, און נישט ער וואונדערט זיך, נישט ער דאנקט — ער איז פערשטיינערט געווארען אין א מעלאנכאָליע.

זענען זיי אויך פערשטומט געווארען: די גבירים, לעב-יונגען, געלדזאמלער און זשורנאליסטען, פרומע און הולטייעס, זייערע ווייבער, טעכטער און געליעבטע — זענען פערשטומט געווארען און ווארטען.

זיי ווארטען.

האבען זיי אנגעהויבען צו ווערען אונגעדולדיג, אין גייסט, דערנאך אין א לייבט

שאַרכען, דערנאָך העכער און העכער, רופענדיג, לעסטערנדיג און בעפעהלדיג.

קלאפּען מיט די שטעקענס אן דער פּאדלאָגע, קלאפּט מיט די לאָרנעטקעס אָן

אַנלען, טופּען מיט די פיס און שרייען.

דער בלאזען איז אויפגעשטאנען.

א שטילקייט.

ער האט זיך אויסגעגלייכט, די הענד פערלעגט אהינטער און אנגעקוקט די צו־שויער: אויף די פרומע און הולטייעס, זייערע ווייבער און געליעבטע: — דער בלאזען פיהרט מיט די שווארצע אויגען — קאלט און זיכער — קוקט ער אויף די, וואס אין די אונטערשטע לאזשעס, דרעהט זיך לאנגזאם אוים און קוקט אויף יעדען בעזונדער, דערנאָך אויף די, וואס אין די שטוהלען אין א האלב־ראָד, א רייהע נאָך א רייהע, דערנאָך אויף די, וואס העכער אוף העכער, אויף אלע עהרליכע שלימאזל'ניקעס, כסדר, אויף יעדערן בעזונדער — וואס אמאל א גראד העכער, ביז צום סופ.

און האט אנגעהויבען צו לאכען.

ער האט געלאכט אין אנהויב הויך און שען, מיט א לאנגען טאָן. דערנאָך שטילער, מיט א פערשטיקטען דיסקרעטען געלעכטער. דערנאָך האט ער מיט'ן גאנצען האלז ארויסגע־וואָרפען א וואסערפאל מיט ניפטיגען געלעכטער. דא האט ער געשאסען מיט אנ'איינצעלנעם טאָן, דא האט ער געטרענקט אין קלאנגפולע אַקאָרדען.

האט זיך צולאכט דער ערשטער, דער אנדערער, דער נייַנטער און דער צעהנטער און אלע געלד־זאמלער און פרויען און פערשוועגדערס, און אייגענטימער פון שענקען, און אקטיארען, און מאלער, און בעאמטע, לאקאיעס און דער דירעקטאָר אליין פון צירק. אלע לאכען צוזאמען מיט'ן בלאזען.

און ער קאָלערט זיך לאכענדיג, ווארפט מיט'ן קאָפּ, דרעהט מיט די הענד, לויפט און דרעהט זיך אין א ראָד, קלאפּט זיך איף שטערן, אין די פּלייצעס, פּאטשט זיך אין בויך אריין, זעצט זיך, בויגט זיך, שפּרינגט אונטער, פאלט אויפ'ן דיוואן, וואלגערט זיך, האפט זיך אויף כדי ווידער צו פאלען, וויקעלט זיך אין א קורטש־געלעכטער, וואָיעט, ווערט משוגע. לעגענדאריש! אונפערגלייכליך!

די אפלאָדיסמענטען מישען זיך מיט פרייד־געשרייען, דאס געריוש וואקסט, זעצט אויס און פערשטומט, רייסט אויף מיט א שטורם און קלאפּט אָן די ווענד, פאלט און דער־הויבט זיך, רייסט זיך, שטיקט זיך, פערקריפּעלט זיך...

און דער בלאזען וועבט אריין נייע טענער אין געלעכטער, מאָדנע, אונבעקאנ־טע און אנגענעהמע.

דער עולם קוקט אהן לאָרנעטעס, אויפהויבענדיג די ברעמען אין דער הויך און הערט. און איין קרעכץ האט א פייף געטהון אין בלאזען'ס געלעכטער. און ער האט זיך אליין פערוואונדערט, אויפגעשטאנען און איינגעהערט. און ער לאכט ווידער, אבער

אלע שווייגען. און ער לאכט ווידער, אבער נאר איינער אליין.

מיט א בליצינען בליק האט ער ארומגענומען די צושויהער: גבירים, לעבּ-יונגען, געלדזאמלער, זשורנאליסטען, בעאמטע און ארטיסטען, ארבייטער און ליידיגגעהער, הולטייעס און פרומאקעס, קארגע און נאראנים, און פילע און לעכערליכע, און אומגליקליכע און סוחרים, און גוט-ערצויגענע, זייערע ווייבער, טעכטער און געליעבטע.

און ער האט זיך צעוויינט.

און אלע האבען געזעהן טרערען.

און דער בלאזען האט געווינט, ווי ער וואלט זיך קלאגען, און דערנאך מיט א טרויער, און דערנאך מיט מיטגעפיהל, און דערנאך מיט צארן, און דערנאך מיט רחמנות.

צייטענווייז האט ער דאס וויינען אונטערגעבראכען מיט א געלעכטער, אבער ער האט באלד ווידער געוויינט.

אימיצער האט דער ערשטער דערפיהלט טרערען אונטער די ברעמען, האט זיך פערשעמט און א קוק געטהון אויף דר'ערד. אימיצער האט דער צווייטער אין די ווינקלען פון די אויגען טרערען דערפיהלט. אימיצער א דריטער האט דערפיהלט אז קאלטע טראפענס שווימען אראב אויף די הייסע באקען, אימיצער א פיערטער, אנ'אכטער, א צוואנציגסטער.

און דער בלאזען האט געוויינט פערפיהרט.

א קראטען-טיכעל האט ער ארויסגענומען פון קעשענע, ווישט אב די אויגען, הליפעט, וויינט וואס אמאל העכער, קרעכצט, וואקעלט זיך, האט איינגעקרימט דאס מויל, קעפעלט מיט וועהטאג, און נימט א פלאץ ארויס. ער פאלט אויפ'ן דיוואן פון דער ארענע, וואלגערט זיך, וויקעלט זיך, וואָיעט. ער האט ארויסגע'גנב'עט די וועהטאג-קלאנגען פון אלע חיות און פון קעניג-מענש.

און קיינער האט זיך שוין יעצט צווישען עולם נישט געשעמט: נישט די ציגארען-פאבריקאנטען, נישט די אקציאנערען פון ערד-פלאנצונגען, נישט די זשורנאליסטען, נישט די געהיים.אגענטען, נישט די באנקירען, נישט די פראָקורענטען פון קאמיסיאן-ביוראָ'ס, נישט קיין קאסירערס, בעאמטע, לעהרער'ס, אדוואָקאטען, העמיקער, נישט די אונטערנעהמערס פון די שטאדט-ארבייט, נישט קיין קאמארניקעס, נישט קיין פרומע, נישט קיין אונוויסענדע, נישט זייערע טעכטער, געליעבטע, ווייבער, שוויגערס און שוועסטערקינדר.

אלע האבען געוויינט העכער, אדער שטילער, אדער נאָר הויך, אייניגע פרויען פון די לאושעס, שטוהלען און אמפיטעאטער, האבען געציטערט אין ספאזמען און אפילו געפאלען אין חלשות.

קיינער האט נישט געוואוסט, פארוואס ווען דער בלאזען האט זיך בעוויזען, האט ער איהם געפאטשט „בראווא“, פארוואָס ער האט איהם שפעטער געלעסטערט, פארוואָס ער האט געלאכט ביז צום צועצט ווערען, און יעצט וויינט ער. פונקט ווי דער קאמארניק האט נישט געוואוסט גוט פארוואס ער איז א קאמארניק, דער העמיקער, פארוואָס ער

איז א העמיקער, דער שלים-מזל, פארוואס ער איז א שלימ-מזל-

און צום ערשטען מאל האט זיך אין סופיט פון צירק אבגעקלאפט א שליכצען.

דער בלאזען איז שטיל געווארען. די טרערען אבגעווישט, אויפגעשטאנען. אויס-געגלייכט זיך אין דעם לעכערליכען קאסטיום פון א צירק-בלאזען און געווארט.

און דאס שלוכצען פון עולם איז שטיל געווארען, קלענער געווארען, שטום געווארען.

און ווידער האט דער בלאזען זיי אלע ארומגענומען מיט א שטאלצען בליק פון א זיגער און אין מיטען דעם גרויסען שווייגען האט ער ארויסגערעדט מיט א הארט קול:

— און אפשר בין איך געבוירען געווארען, כדי צו זיין נאפאליאן דער ערשטער? אין דער מינוט האבען אלע פערשטאנען, און ס'איז זיי געווארען פאסקודנע אויף דער נשמה.

איהר ווילט אודאי וויסען, וואס האבען אלע פערשטאנען?

אט, אז זיי זענען געבוירען געווארען, כדי צו זיין עפעס מעהר, ווי זיי זענען. אפילו מענשען זעהר פערמעגליכע, אפילו גוט-ערצויגענע, אפילו הויך-אוועקגע-שטעלטע, אפילו זעהר סאלידע, אפילו אזעלכע, וואס עסען סקאמבערס, אפילו ווייבער און מעכטער פון זעהר געעהרטע מענער און פאטערס, אפילו זשורנאליסטען און געליגט פון מיליאנערען, אפילו פראקורענטען און פרומע, און אפילו הולטייעס — איהר פערשטעהט? אלע פערזאמעלטע אין דעם גרויסען צירק, אלע אָהן אויסנאהם, איז געקומען אויפ'ן רעיון, אז זיי זענען געבוירען געווארען צו זיין עפיס אנדערש, ווי זיי זענען, עפיס העכערס, ווי זיי זענען.

אפשר איז זיי געקומען אפילו אויפ'ן רעיון, אז זיי זענען געבוירען געווארען אויף דעם צו זיין אמת'ע מענשען, וואסערע זיי וואלטען געקאנט זיין, נאר זיי קאנען שוין נישט, אזעלכע ווי איך מיין און ווי מסתמא פיעל מיינען אין מינוטען פון נארישער זעלבסט-בע-טראכטונג. אבער, ס'זאל אזוי זיין אויף זיכער, קאן איך נישט בעהויפטען.

גענוג איז, אז אלעמען האט זיך געמאכט זעהר פאסקודנע אויף דער נשמה, ווען דער בלאזען האט זיי געזאגט.

און אלע זענען אהיים געגאנגען פון צירק אין די הייזער אריין און האבען געהאט נארישע חלומות. אבער צומארגענס איז שוין אלץ ווידער גוט געווען.

יודיש: א. קאטא.

Редизд. Я. ЛИДСКIЙ, Европейская Литература, To 5
Тип. Г. Пимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

6 טע העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט:

1)	דאָן זשואַן (פון דייטשען).	ל. ב. וואסערפאנעל.
2)	דער פאטער (פון פראנצויזישען).	ק. לעמאניע.
3)	דארפס-עהרע, נאוועלע (פון איטאלענישען).	ד. ווערע.
4)	* * סאנעטא (פון פוילישען).	נאך סלאוואצקי.
5)	א הימן וועגען זון-אונטערגאנג אויפ'ן ים.	י. סלאוואצקי.
6)	א אונגעוועהנליכע ליעבע	אָ. האַנסאָן.
7)	זדזיש. הומאָרעסקע.	י. קאָרטשאַק.
8)	פריילין מוטער. ראמאן (פון דייטשען).	ע. נעארני.
9)	פיפא ספאנא. ראמאן (פון דייטשען).	ה. כאַן.
10)	ליטעראַרישע נייס.	
11)	אפאריזמען.	

ל. ב. וואסערפאנעל.

דאָן זשואַן.

אַזוי ווי אַלע מאָל, וועגען זיי דעם יאָנערשטאָג אויך געווען ביי דער הערצאָגין פון אַלבאַ אין זאַל. עס איז געווען דער גאַלאַנטער גראַף פאָן חילאַיאָס, וואָס די שפּיצען פון זיינע רויטע מאַנזשעטען וועגען איהם געפאַלען איבער זיינע פיינע, דינע פינגער, אַזוי ווי די טראָפּען בלוט, וואָס זיין גרויזאַמקייט האָט פערגאָסען אין דער לעצטער מלחמה מיט די קעטצער. אַצינד אָבער וועגען זיינע געדאַנקען געווען וויַט פון מלחמה און פון קעטצער. זיינע האַלב אָפענע ליפּען האָבען געברומט אַ גאַלאַנט קאַסטיליש ליבעס לידעל און זיינע הענד האָבען פערגעסענדיג זיך, געבלאָנדזשעט איבער די סטרונעס פון אַ שלאַנק געבויגענעם טעאָרבאַן. עס איז געווען דער הערצאָג פון קאַשטעלמאַר, וואָס מען פלעגט זאָגען אויף איהם, אַז זיין ערפאָלג ביי פרויען איז אַ סך גרעסער, ווי ביי דעם געוועהר. ער האָט

פּלוידערענדיג אומגעקעהרט זיין שטאָלץ שפּאָטיש געזיכט צו דער יונגער קאָנטעסע מאַריאַנאַ. פון איהר מויל האָט פון צייט צו צייט, ווי אַ פליה פון אַ טויב, אַרויסגעשוועבט אַ העל צערטליך, וואָרקענד געלעכטער'ל און האָט אויסגעזאָגט דעם צושטאַנד פון איהר פריינדס נשמה. ווייטער איז דאָרט געווען ראָקוועווילאַ דער שפּילער, וואָס דאָס לעבען איז ביי איהם געווען ווי אין קאָרטעל געשפּיעלט. עס איז געווען דער שווערער דייטש ראַנדבער מיט די ערנסטע בלאָהע אויגען, וואָס זייער צערטליך אויפשיינען איז פאַר פרויען געווען געפעהרליך. עס איז געווען דער פּאָרטוגעז פאָן ראָקוועטץ, מיט די פערברוינטע ריסעס, ווי אַ ים־רייזענדער, וואָס איז געוואוינט צו סכנות; און נאָך אַ סך אַנדערע. ווי יעדען דאָנערשטאָג האָט זיך דאָן נאָך פערזאַמעלט דער קלוב פון די לעבענס־לוסטיגע אַרום זיין פרעזידענטין. זי אַליין האָט געטראָהנט אַלס געטין אין שפּיץ פון דעם הויכגעשטעלטען קרייז אין איהר ניי קלייד מיט די טייערע שפּיצען, וואָס זענען דירעקט פון ברוסעל צוגעשיקט געוואָרען. מיט אַ שמייכעל, וואָס איז געווען פול צערטליכקייט, האָט זי אויפגענומען פון צייט צו צייט אַ קאַוואַליער. ער האָט זיך פאַר איהר פערנויגט און ערשט דעמאָלט פערנומען זיין אָרט.

ווער עס האָט אָבער געקענט דאָס לעבען אין דעם קרייז האָט געמוזט בעמערקען, אַז די שטימונג איז דאָס מאָל ניט אַזוי גאָר־פרעהליך געווען, ווי אַלע מאָל. דאָס לאַכען פון די קאַוואַלירען און דאַמען, וואָס עס איז שטענדיג געווען נאַטירליך, האָט זיך דאָס מאָל אויסגעוויזען קינסטליך. דאָס גאַלאַנטע פּלוידעריי האָט זיך אָפט אָפּגעבראָכען מיט אַ פאַלשען טאָן, ווי אַ שפּיעל־אינסטרומענט ווען עס ריהרט זיך צו איהם צו אַ גראָבע האַנד. פון קאַמין האָט דער העל פלאַקערנדער גלוטה פלוצלונג געוואָרפען אַ שיין איבער דעם שפּאַנישען אַרעל און באַלד צוריק פערזונקען געוואָרען. און נעבען קאַמין איז געשטאַנען אַ לעדיגע שטוהל מיט אַ ברייטע שוואַרצע קרעפּע אַרומגענומען, אַ טרויער צייכען פון דעם הויכגעשטעלטען קרייז נאָך איינעם פון זיינע מיטגלידער.

אין איינע פון די פּויזעס, צווישען שווייגען, האָט די הערצאָגין פאָן אַלבאַ אַרויסגעזאָגט מיט איהר צערטליכער, דונקעלער אַלט־שטימע: „ער איז גוט געשטאָרבען. ווען ער וואָלט אפילו געקענט אַליין זיך אויסקלייבען, וואָלט ער אויך קיין בעסערען טויט ניט פערלאַנגט. ווען די פלאַמען, וועלכע האָבען זיין שלאָס מיט דער ערד אויסגעגלייכט, האָבען דערגרייכט צו זיין צימער, האָבען זיי איהם געטראָפען אין די אָרעמס

פון אַ פרוי, וואָס האָט איהם געליעבט, און פאַר זיי איז געשטאַנען דאָס איבערבלייבען פון דעם גרויסאַרטיגען מאָהלצייט. איידער ער האָט זיך נאָך אויסגעהאַפט האָבען איהם שוין רויך און פייער געדאַט דערשטיקט. פון וואַנען קענט איהר וויסען, אַז זיי האָבען איהם ניט געטויט פונקט דעמאָלט, ווען זיין נשמה איז פול געוועזען מיט פאַנטאַזיעס, מיט חלומות פון נאָך רייכערע, שטאַרקערע געניסען, ווי די וואָס ער האָט ביז דעמאָלט דורכגעפיהלט אין זיין לעבען? זיין לעצטער געדאַנק איז געווים געווען אַ גליק פאַר איהם, אַזוי ווי זיין גאַנץ לעבען איז געוועזען פאַר איהם איין גליק. מיר בעדאַרפען איהם ניט בעדויערען, ניט בעקלאָגען. און איך לעג פאַר, די שוואַרצע קרעפע איבערצוטוישען אויף איין ראָזאַ-רויטע. ווייל אַ גליקליכער טויט גילט נאָך מעהר, ווי אַ גליקליך לעבען".

שטיל און ליעבליך האָט דאָס פערזאַמלונג געפּאַטשט אין די הענד, און בעוויזען מיט דעם איהר איינשטימונג מיט דעם פאָרשלאַג, וואָס די שענע פרעזידענטין האָט געמאַכט. טאָריאַגאָס שענע פינגער האָבען שוין אָנגעהויבען אָבצוהעקלען די שוואַרצע קרעפע, נאָר דאָ האָט זיך אויפגעהויבען דער דייטש ראַנדבערג און האָט מיט אַ העפטיגען מאַך מיט זיין רעכטער האַנד געוויזען, אַז ער וויל נאָך פריהער עפּעס זאָגען. ווידער איז אַלץ שטיל געוואָרען, ווידער האָט אַלץ אָהן-אָטהעם געהערט די ווערטער, וואָס ראַנדבערג האָט אַרויסגעוואָרפען מיט אַ גראָבע שטימע, זעהר אַנ'אויפגעלעבטע פון צאָרן.

„אַזוי ווי איהר ווייסט, האָב איך געהאַסט דאָן זשואַן, ווען ער האָט געלעבט, און איך קען איהם אויך ניט ליעב האָבען, ווען ער איז טויט, אָבוואָהל די רעליגיעז הייסט דאָס מיך. איהר זייט גערעכט שענע הערען און דאַמען, דאָן זשואַן איז געווען גליקליך. איך האָב געקענט איינג מיידעל אויף אַ שטילע גאַס פון באַרצעלאָנאַ. דאָס מיידעל האָט פון דער וועלט מעהר ניט געקענט נאָר די זון, די לבנה און די צווי בלומען-טעפּ, וואָס זענען אויף איהר פענסטער געשטאַנען. ביז דאָן זשואַן האָט זי הינטער די בלומען טעפּ ענדעקט. איך הער נאָך היינט אין מיינע אויערען דאָס רוישען פון אַ טיכעל, און פיהל נאָך היינט די קאַלטע הענד פון דעם קליינעם טויטען קערפּער, וואָס ליעגט אין דעם טייכעל דאָרט. אָבער דאָן זשואַן איז געווען גליקליך, ער האָט נאָך מיט איין בלום מעהר געטראָגען אין זיין קאַוואַליר-הוט. וואָס אַרט דאָס איהם אַז דאָס בלידונג איז פערוועלקט, פערפוילט געוואָרען אין דעם טייך-וואַסער? איהר זענט קיינס ניט דערגאַנגען דעם סוד פון דאָן זשואַנס גליק. ער איז

געוועזן גליקליך, ווייל ער האָט קיין האַרץ ניט געהאַט. ווייל קיין זאָרג
אונזערע האָט איהם ניט גערירט. מענשען אָהן הערצער זאָרגען ניט.
אָבער אַזעלכע מענשען ברענגען קיין שום נוטצען ניט אויף דער וועלט.
זיי ציהען זיך אין דער הויך, ווי שלינג־פּפלאַנצונגען, וואָס וויגען אויס
ביי אַלע אַנדערע די קרעפטען, און לעבען נאָר פון דעם, וואָס זיי טויטען
אַנדערע. אַזעלכער איז געוועזן דאָן זשואַן, דעריבער איז ער געוועזן גליקליך.
און איך לעג פאַר, אַרויסצושטעלען די שטוהל פון דעם הויכגעשטעלטען
קרייז, און צו פערגעסען אַז דאָן זשואַן האָט אַמאָל געהערט צו אונז.

דער שפּילער ראַקוועווילא האָט אויף דעם פערפלאַמטען דייטש
אַנגעשטעלט מיט ערשטוינונג זיינע דונקעלע אויגען, און נאָר אויס העפ־
ליכקייט געשמייכעלט:

„איך גלויב גערן, אַז איהר דייטשען דאַלט ניט פון אַזאַ גליק,
ווי דאָן זשואַנ'ס, איהר פעראַכטעט דאָס! איהר זענט וועלטען שען, אָבער
אינאיינעם אויך זעלטען אָבשטויסענד מיט די געפיהלען אייערע, וואָס
לאָזען אייך קיינמאָל ניט דערגעהן צו קיין ריכטיגען גענוס פון לעבען.
דאָס גליק שפּילט זיך מיט אייך, ווי מיט נאַרישע קינדער, איהר ערנסטע
און קאַלטע! מיר זידלענדער זענען אַנדערש, מיר זענען הייסער פון אייך,
מיר האַפּען אָן דאָס גליק ביי די לאָקען, וואו מיר זאָלען עס ניט טרעפ־
פען, און פרעסען עס אָב אַ קוש אויף די רויטע ליפּען. עס מעג זיין
אונצופריעדען, עס מעג זיך ווערען. עס מעג אַלץ אַרום הרוב־ווערען
צוליעב דעם גליק פון דער מינוט. דאָן זשואַן איז געוועזן אונזער, איהר
קענט איהם ניט פערשטעהן. ווען מיר ליעבען איהם, ליעבען מיר זיך
אַליין. צום טייוועל מיט אַלע הויכע געפיהלען! אַז מיר זאָלען וועלען זיך
גלייכען צו אייך, וואָלטען מיר געקענט שטאַרבען, ניט האָבענדיג געוואוסט
וואָס גליק איז. מיר דאַרפען אויף דאָן זשואַנ'ס שטוהל לעגען אַ רויטע
רויז און אַוועקשטעלען אַ גלאָז שאַמפּאַניער. דאָס וועט זיין אַ סך אַ
בעסערע סימבאָל, ווי די שוואַרצע קרעפּע."

דעם געזעלשאַפט איז לייכטער געוואָרען, ווען ראַקוועווילא האָט דאָס
געזאָגט און עס האָט אינגאַנצען אויפגעלאַכט. די קאַוואַלירען האָבען גלייך
גערוקט זייערע שטוהלען, זיי זאָלען ווידער קענען אָנהויבען צו פלוידערען
מיט זייערע דאַמען. די קליינע קאָנסועלאָ טאַריאַנאַ האָט אַריבערגעוואָרפען
צו ראַקוועווילאַ אַ לויכטענדען בליק, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי דאָס
פּלוצליכע אויפציקען פון אַ בליץ, ווי זי וואָלט איהם מיט דעם בליק
געוואָלט מאַכען דרייסטער, ער זאָל ביי איהר זוכען דאָס גליק, ווען

וועלכען ער האָט נאָר וואָס גערעדט. אפילו דאָס ערנסטע געזיכט פון דער הערצאָגין פאָן אַלבאַ איז אויך בעלויכטען מיט דער אָבשפּיעגלונג פון איהר אינערען שמייכעל. אָבער באַלד איז צוריק שטיל געוואָרען און ראַנדבערג האָט אַרײַנגעשריגען אין דער שטילקײַט, און די אָדערען אויף זײַן שטערען זענען איהם שטאַרק אָנגעשוואָלען געוואָרען:

„איז דאָס אַלזאָ די ליעבע פון וועלכער אײַערע פּאָעטען האָבען אײַך אַזעלכע זיסע ליעדער געזונגען? אַ לײַכטזיניג, איבערפלעכליך געניסען פון דער מינוט, אָהן זינען, אָהן געדאַנקען, וועלכעס צוטרעט די אַרומיגע מענשען, וועלכעס לאָזט איבער הינטער זיך דעם צווייטענס גליק, אַזוי ווי אַ חורבה, וואָס רויכערט זיך! אויב אַזוי זענען אַלע אײַערע פּאָעזיעס ניט מעהר, ווי אַ שענער ליגען! אײַער גאַנצע פרײַנדליכקײַט, אײַער ליעבליכקײַט, אײַער ערנסט — זענען זיי דען ניט מעהר, ווי אַ שענע דעק אונטער וועלכער עס בעהאַלט זיך אַ קראַמפּהאָפּט, שרעקליך יאָגען זיך, אָהן האַרץ, אָהן זינען, נאָך די נישטיגע פרייד פון דער מינוט? אויב ראָקוועוילאָ האָט בײַ אײַך רעכט, איז דער גאַנצער הן פון דעם הויכגעשטעלטען קרײַז אויך ניט מעהר, ווי אַ פיעל פאַרביגע בלומען דעק איבער אַ ברייט געעפענט מויל פון אַ קבר. אויב ער האָט רעכט זענט איהר בערויבט פון די אַלע הויכע שענע געדאַנקען, וואָס אײַערע פּעטער האָבען געהאַט אין באַרעס, זענט איהר דורכגעפוילט ביז דעם לעצטען ביין און זענט ווערטה דעם טרויעריגסטען סוף.״

דער גאַנצער קלוב איז אויפגעשפּרונגען בײַ די ווערטער, וואָס זענען אַזוי העפטיג, מיט אַזאַ אויפרעגונג אַרויסגעזאָגט געוואָרען. אַרום זענען אַלין העכער געוואָרען די דראָהענדע ווערטער. אין די שטראַהלען פון די ליכט האָבען זיך געשפּיגעלט אונהיימליך די בלאַנקע שווערדען. עס האָט אויסגעזעהן, אַז די קליינע ווײַסע הערצאָגינ׳ס האַנד האָט פערלוירען די רעגירונג איבער דעם קרײַז, און אַז די שענע אײַנשטימונג, וואָס האָט ביז דאַן דאָרט געהערשט, נעהמט שוין אײַן אַ שרעקליכען בלוטיגען סוף. פּלוצלונג האָט זיך פון נעבען קאַמין דערהערט אַ טיעפע רוהיגע שטימע:

„רוהיג! איהר זענט אַלע אומגערעכט. — איהר ווייסט ניט איבער וואָס איהר קריעגט זיך. איך ווייס. דאָן זשואַן האָט זײַן שלאָס אַליין אונטערגעצונדען".

אַ טיעף ערשטוינט שווײַגען האָט זיך געלעגט אויף דער פערזאַמלונג, און אַלעמענס בליקען האָבען זיך געווענדט צו דעם הערצאָג פון קאַשטעלמאַר — ער האָט גערעדט. ער האָט אָנגעהויבען צו ערצעהלען

וועגען דאָן זשואַנ'ס לעבען אַזוי רוהיג, ווי עס וואָלט געגאַנגען, הערען עפּעס אַנ'איינפאַכער אַלטעגליכער זאַך.

„אויב איהר ווייסט דאָס געמיהט פון געפאַנגענע פייגעל, ווען זיי דערזעהען פלוצלונג פאַר זיך אָפען די טהירען פון זייערע תפיסה, ווען זיי וואַרפען זיך מיט פרייד אין דער פריי און קלאַפּען שטאַרק מיט זייערע לאַנג אויסגערוהטע פליגעל; ווייסט איהר אויך אונזער געמיהט, מיין פריינד דאָן זשואַנ'ס און מיינס, ווען עס האָבען זיך געעפענט די קראַטען פון דעם קלויסטער פון פרומען פאָטער פאָן סאַן איזידאָראַ, וואו מיר האָבען ביידע אונזער ערציהונג געקריגען, און אונז פרייהייט און לעבען געשאָנקען. איך בין היינט איין אַלטער מאַן — ער איז געווען אַנ'עכטער שפּאַניער און ניט קוקענדיג אויף זיין גאַנץ ערנסטקייט, האָט ער ניט פערגעסן צו צוואַרפען ביי די ווערטער אַ קאָקעטישען בליק קאָנסועלאָ'ן, אַזוי ווי ער וואָלט ערוואַרט פון איהר זי זאָל אָבלייקענען זיינע ווערטער — אָבער איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען, ווי גליקליך דאָן זשואַן איז יענעם טאָג געווען. ער איז געווען שען — איהר אַלע ווייסט דאָס — אָבער זיין בעגעהר, זיין פערלאַנג יענעם טאָג האָט אויפגעהויבען זיין שענהייט ביז עפּעס איבער-אירדישעס. ווען ער איז אין יענעם זוניגען פריהמאָרגען אַרויסגעגאַנגען מיט מיר אַזוי לאַכענדיג, אַזוי שטראַהלענדיג האָט ער אויסגעזעהען, ווי דער יונגער אַדאָניס, דער שענער ליעבלינג פון דער גריכישער געטין אַפראָדיטאַ. לאַכענדיג, שטראַהלענדיג און — אונשולדיג. דאָן זשואַן איז נאָך דאַמאָלס געווען אַ קינד. נישט קוקענדיג, וואָס ער איז שוין אַכטצעהן יאָהר אַלט געווען. — דריי יאָהר האָבען מיר זיך ניט געזעהען. איך בין גלייך אַנגעקומען אויף אַ רעגירונגס-שטעלע, און ער האָט זיך איבערגעגעבען צו זויגען די ברוסטען פון וויסענשאַפט אין די הויך-שולען פון אונזער לאַנד. טיילמאָל האָבען צו מיר דורכגעדרונגען קלאַנגען פון עפּעס אַ יונגען לעב-מאַן דאָן זשואַן. מאָרנע קלאַנגען זענען דאָס געווען, אָבער איך האָב פון זיך אָבגעשטויסען יעדען השד — דאָס קען ניט זיין מיין יונגער ריינער פריינד. ביז איך בין אַם-ענדע געקומען קיין סעווילאָ און צו מיין גרויס איבערראַשונג דאָס אַלץ געפונען בעשטעטיגט. איך בין גלייך אַוועק צו דאָן זשואַן. ער האָט מיך בעגעגענט אויף דער שוועל פון זיין שלאָס. אויף זיין שטערן האָט געריהט דאָס זעלבע פריינע, קינדישע שמייכעלע, ווי דעמאָלט ווען איך האָב איהם פערלאָזט און זיין געזיכט האָט גאָר ניט געהאַט אָנגעוואוירען פון זיין שטראַהלענדער ריינקייט”.

„פאַר אַזעלכען האָבען מיר איהם אַלע געלעגט — האָט די הער-

צאַגין צוגעגעבען — ער איז געווען, ווי אַ שפּיגעל, וואָס שפּיגעלט נאָר אָפּ דאָס אַנגענעהמע פון לעבען." דער רעדנער האָט זיך פאַר איהר פערנייגט און געזאָגט ווייטער: „ווען איך האָב איהם זיין פוסט לעבען פאַרגעוואָרפען, האָט ער נאָר געלאַכט און אַ וואָרף געטהון מיט זיין קאָפּ, אַז אַלע זיינע לאָקען האָבען זיך אַ שיט געטהון: יאָ, איך שענק גליק! און ער האָט מיר לעבענדיג, לוסטיג אָנגעהויבען צו ערצעהלען. איך האָב דעמאָלט אַז סגעהערט דעם זעלטענסטען וידוי, וועלכער אויף היפּיעל איך געדענק, האָב איך נאָך קיינמאָל פון קיין מענשליך מויל ניט געהערט. דאָן זשואַן איז נאָך אַלץ געווען דאָס אייגענע קינד, ווי דאַן ווען מיר האָבען זיך צושיידט. ער האָט נאָך אַלץ ניט געוואוסט, וואָס ליעבע איז. אָבער ער האָט שוין זעהר אַ סך געוואוסט פון געהיימע פרויען-בליקען, פון הייסע קושען און פון ווילדע משוגענע אומאַרמונגען. אַ זעלטענע זאַך — איך ווייס גאָרניט צי וועט איהר פון מיין ערצעהלען דאָס קענען בעגרייפען — אַזוי ווי ער איז פאַר מיר געשטאַנען איז מיר אין פערלויף פון אונזער געשפּרעך אַלץ קלאָרער און קלאָרער געוואָרען, אַז דער שרעקליכער פערפיהרער איז אייגענטליך ניט מעהר, ווי אַ פערפיהרטער. דאָן זשואַן האָט מיר ערצעהלט, ווי גערן פרויען האָבען איהם געזעהען, ווי זיי פלעגען איהם שיקען שמעקענדיגע פּיילכען, ווי בעטויבט זיי זענען געוואָרען פון פרויען-ליעבלונגען איז אויך דער געבוירענער פרויען-ליעבלונג אַ סך גליק, ווען ער איז געקומען צו דער איינגעבעטענער ראַנדעוואו. אַזוי ווי אַלע בעסער געווען, ווי דער שם, וואָס איז געגאַנגען וועגען איהם. ער האָט גערן די פרויען געשענקט דאָס גליק, וואָס זיי האָבען אויסגעבעטען, אויס ליעבליכקייט, אויס געזעלשאַפטליכער געפעליגקייט און מעגליך אַז אויך אויס שוואַכקייט — אָבער ער איז ביי דעם ניט געווען. און זיינע תאוות זענען גאָרניט אַזוי שטאַרק, ווי איהר רעכענט. ווען איך האָב איהם אָנגעקוקט, זענען שוין די שענסטע פרויען פון סעוויליאַ געהאַט אין זיינע אָרמעס געלעגען און ער האָט גערעדט וועגען זיי מיט אַ סך ווייניגער בעגייסטערונג, ווי ער האָט גערעדט פון דער קאָפּיע פון אַ זעהר שיין גריכיש סקולפּטור-ווערק און פון אַ שענע דרוק-אויסגאַבע פון דאַנטע. ער האָט זיי מיר בוידע געוויזען אין זיין אַרבייטס-צימער, וואָרום דאָן זשואַן איז אייגענטליך געווען אַ געלעהרטער.

דאָ האָט זיך דער הערצאָג אָבגעשטעלט און אַלע אַרומגעקוקט. ראַנדבערג איז געזעסען אָנגעשפּאַרט זיין באַק אויף זיין ברייטע האַנד און געקוקט פאַר זיך ערנסט, גריבלענד. ער איז געווען דער איינציגער,

וועמען דער גאַנצער אמת פון קאַשטעלמאַרס ערצעהלונג האָט איבערגע־צייגט. די איבריגע מיטגליעדער פון דעם קרייז האָבען געקוקט האַלב איבערראַשט, האַלב שפּאָטיש, האָבען געקוקט אונגלויבליך אויף דעם ערצעהלער. נאָר די הערצאָגין פאָן אַלבאַ — וועגען איהר האָט מען זיך אין דער שטיל געסודעט, אַז זי האָט שרעקליך ביז משוגעת געליעבט דאָן זשואַן — איז געזעסען פערזונקען אין זיך, און האָט אַלץ פון איהר נשמה אַרויסגערופען דעם אונשולדיגען שטערען און די בלאָנדע לאָקען פון דעם געשטאָרבענעם. איין קאָסועלאָ האָט ניט ווילענדיג אויסגערופען:

„דאַכט זיך, הערר הערצאָג, אַז איהר ווילט דאָס אַזוי אַוועקשטעלען, אַז מיר פרויען זענען די פערפיהרערינס און איהר מענער נאָר די פערפיהרטע“.

קאַסטעלמאַר האָט אויס העפליכקייט געלאַכט:

„איהר דאַרפט ניט פערגעסען, שענע דאַמע, אַז איך רעד נאָר פון איין גאַנץ אויסערגעוועהנליכען פאַל. פון איין מאַנספּערזאָן, וועלכער האָט אויפגעבונדען, וועלכער האָט פריי געלאָזט די ליידענשאַפט פון פרויען אָהן זיין אייגען מיטווירקונג, ניט האָבענדיג צו זיי קיין בעזונדערע ליידענשאַפט. איך רעד פון אַן־אויסנאַהמע, פון אַ פרויען־ליעבלונג. און איך בין כמעט איבערצייגט, אַז מיט אַלע פרויען־ליעבלונגען קומט פאָר דאָס אייגענע, וואָס מיט מיין פערשטאָרבענעם פריינד דאָן זשואַן. אַלע מאָל איז נאָר דער אַ פרויען־ליעבלונג, ווער עס געהמט זיך צו זיי מיט אַ קאַלט, מיט אַ רוהיג האַרץ — דאָס ווייס איך שוין אויף זיכער. אָבער עס איז שוין שפּעט און איך קען נאָר ערצעהלען נאָך עטליכע ווערטער וועגען דאָן זשואַנ׳ס עביגער ליעבע“.

„אַ וואונדערבאַר שענע פרוי, אַ פאָרנעהמע הערצאָגין, איז זי געווען, ערהויבען און קאַלט. צום ערשטען, איינציגען מאָל אין זיין לעבען האָט דאָן זשואַן געליעבט. צום ערשטען, איינציגען מאָל האָט מען איהם גליק געשאָנקען. יעדען טאָג האָט ער מיך אויסגעזוכט און מיר פון זיין ליעבע ערצעהלט. פון איהר קלענסטער צערט־ליכקייט איז ער געווען אויסער זיך פון פרייד. איך האָב דעמאָלט בעגריפען דאָן זשואַנ׳ס ריינקייט אין איהר גאַנצער בעצויבערנדער שענהייט. און ווען די עדעלע פרוי האָט אַם ענדע צוגעהערט צו דער עטשלאָסענער ליעבע, ווען איהר קליינע האַנד האָט איהם ליעבען צוגעזאָגט, האָט אויסגעוויזען, אַז דער ווייטער ברייטער וועלט־אַל האָט ניט קיין אָרט אויף אַזוי פיעל גליק. און איך האָב גאַנצע אַכט טאָג גאָר ניט געזעהען און גאָר ניט געהערט פון דאָן זשואַן.“

„דערנאך איז ער ווידער געקומען, א פערענדערטער, א פער־צויגטער. „איך האב מיט איהר וועגען מיין פערגאנגענהייט גערעדט.“ „און וואס האט זי געזאגט?“ „זי האט שוין אלץ געוואוסט און מיר אלץ מוחל געווען“. „ביזט גליקליך?“ „ווי אזוי קען איך זיין גליקליך? ברענג איך איהר דען מיין קערפער אזוי ריין, ווי זי קען דאס פערלאנגען? צי איז דען מיין קערפער ניט פערפלעקט פון טויזענדער אויסגעלאסענהייטען, צי איז ער דען ניט משונה'דיג געווארען פון זיי? א פערשמוצטער, אנ'אונרייינער א קרעציגער געה איך אריין אין איהר כלה־בעט. ווי האב איך דאס גאר געקענט אלייז אזוי נאריש איבערפיהרען מיין לעבען!“ פון דעמאלט אן האב איך פון דאן זשואן ניט געהערט, ביז ערשט נעכטען אין דער פריה. אין דער אייגענער צייט, ווען זיין שלאס איז געשטאנען אין פלאמען, האב איך ערהאלטען דעם בריעף.

„מיין ליעבער פריינד! עס שרייבט דיר א שטערבענדער, וואס האט דאס לעבען געהאלטען פאר צו לייכט, און ווען עס איז שפעטער צו שווער געווארען. אם ענדע איז די ליעבע צו מיר געקומען, איינעם פון איהר ניט־ווערטהע צו געפינען. איך וויל שטארבען, איידער איך ענטפארב איהרע פליגעל מיט מיין פערדארבענהייט. איך ווייס זעהר גוט, אז דו ועסט זאגען, דאס מיין נשמה איז ריין געבליעבען. אדער, צו אויך מיין קערפער?! און איך בין א גריך, איך קען ניט פונאנדערטיילען: קערפער און נשמה. איבער דעם וויל איך זיך שיידען מיט מיין גרוים גליק, איידער דאס לעבען פערדארבט דאס מיר. און דו גרוס מיר מיין הערצאגין.“

קאסטעלמאר האט געענדיגט. א טיעף, שווער־מוטהיג שטיל־שווייגען האט זיך געלעגט איבער דעם „קלוב פון די לעבענס־לוסטיגע“. און אלע בליקען האבען זיך פלוצלונג מיט איין גלייכען אימפולס זיך געווענדט אויף דער הערצאגין פאן אלבא, וואס איז געזעסען אין איהר שטוהל גלייך, ניט בעמערקענדיג קיינעם, און געקוקט שטאר אין דער לעערקייט אריין, ווי עס וואלט צו איהר פון דארט עפעס א שאטען גע־וואונקען.

די קליינע קאנסועלא איז שטום צוגעגאנגען צו דער שטוהל נעבען קאמין און זיך איבער איהר אראבגעבויגען. א הייסע פרויען־טרעהר האט געזאטען אויף דער קרעפע. קאנסועלא האט שטיל געפליסטערט:

„וואס פאר אנ'ערנסטע, שווערע זאך די ליעבע איז!“

און זי האט אריבער געשיקט א הייסען בליק צום הערצאג פאן קאסטעלמאר.

קאַמיל לעמאָניע.

דער פּאַטער.

האַלבע נאַכט האָט דער אַלטער פּאַאַס פּאָפּעל דערהערט טריט אין זײַן הויז. זײַן זוהן זשאַרים איז שוין לאַנג געװעזען געקומען פֿון שענק, וואו ער פֿלעגט יעדען אָבענד ביז נאַכט מיט גוטע אָרענטליכע בעקאַנטע פֿון שטאָדט שפּיעלען אין קאָרטען, האָט איהם שוין אַ „גוטע נאַכט" געװאונשען און גלײַך דערויף צו זיך אין צימער אַרויפגעגאַנגען. דער זוהן זײַנער איז שוין אויך נישט מעהר יונג געװעזען; ער איז געװעזען אַ מענש מיט פֿײַנע גוטע זיטען און האָט די רעליגיעזע צערעמאָניעס שטרענג אָבגעהיט. פּאַאַס פּאָפּעל האָט איהם געהאַלטען פֿאַר דעם בעסטען פֿון אַלע זײַנע קינדער. בשעת די איבריגע קינדער האָבען זייערע פּרנסה אין פֿערשידענע שטעדט געזוכט, איז זשאַרים אַליין געבליבען מיט'ן פֿאָטער אונטער איין דאַך און ער האָט טאַקע איבערגענומען דעם פֿאָטער'ס האַנדעל-געשעפֿט.

— עס איז אָבער דאָך עמיצער דאָ אין שטוב אַרומגעגאַנגען, — האָט דער אַלטער מאַן צו זיך גופֿא גערעדט.

און אַזוי ווי דאָס איז גראָד געװעזען שבת, האָט ער זיך משער געװעזען, אַז אפשר האָט זיך דאָס יונגע דינסט-מײדעל אַננאַ, דערהערענדיג, אַז די העהנער קרייען שוין, אויפגעכאַפּט, געמיינט, אַז באַלד װערט שוין טאָג, אויפגעשטאַנען און זיך גענומען צו שייערען די כלים לכבוד זונטאָג. ער איז פֿון בעט אַראָבגעשפּרונגען, האָט די טהיר עטוואָס געעפֿענט און דורך די שטילע נאַכט האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער הערט פֿון ערגעץ וואו אַ שטילעס קרעכצען. מיט װעהר אַנ'איינגעהאַלטענער שטימע האָט ער גערופֿען:

— אַננאַ, דו ביזט עס, אַננאַ? —

ער האָט זיך די זאָקען אויף די פֿיס אַרויפגעצויגען און גענומען דעם לייכטער מיט דעם ברענענדיגען ליכט, וואָס איז דערבײַ אויף אַ נאַכט-

טישעל געשטאַנען. די קינד איז געווען אָפען; ער האָט פון דאָס ני אָנגעהויבען צו רופען. דאָס קרעכצען האָט אויפגעהערט און ווײַל די הויז-טהיר איז געשטאַנען האַלב-אָפען האָט ער געמוזט מיט דער צווייטער האַנד פערשטעלען דאָס ליכט עס זאָל פונ'ם בלאָזעדיגען ווינד נישט פערלאָשען ווערען.

אַז ער האָט זיך אײַנגעבויגען אויפצוהויבען די זאַקען, וואָס זענען איהם פון די פיס אַראָבגעפאַלען, און זײַ פעסטער צו די קניע צוגעצויגען, האָט ער אויף דער פאָדלאָגע פײַכטע שפורען בעמערקט. ער האָט דעם לײַכטער אויף דער ערד אַראָבגעלאָזט און זיך גוט צו די שפורען צוגעקוקט. צוקוקענדיג האָט ער דערזעהן, אַז דאָס זענען שפורען פון פריש בלוט. זעקס בלוט—פלעקען זענען עס געווען. ווײַט איינער פון אַנדערן, די גרויס פון אַ מענשען-טריט און האָבען זיך צו'ם הויפט-טהיר צוגעצויגען.

פּ אַ א ס פּ אָ פּ פּ ע ל איז געווען פון יענע אַלטע לײַט, וואָס אַ הויך פאַר גאָט האָבען זײַ פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט. ער האָט טיעף אָבגעעטעמט און אָנגעהויבען די בלוט-שפורען נאָכצוגעהן. ער האָט אויך אויף דעם שוועל-טרעפּעל געפונען שפורען פון בלוט און פון דאָרט האָט זיך די שפור ביז צו'ם ברוק אויפ'ן הויף געצויגען. אַדרײַטען מאָל האָט ער אַננאַ'ן און זײַן זוהן זשאָהַ'ס גערופען. קײַנער האָט זיך אָבער נישט אָבגערופען.

לאַנגזאַם, אַלץ נאָכגעהענדיג די בלוט-שפורען, איז ער דורך דעם הויף דורכגעגאַנגען. אָבער איידער ער איז אין וואַגענשײַן אַרײַנגעגאַנגען, איז ער שטעהן געבליבען און זיך אײַנגעהאָרכט, אפשר וועט ער ווידער דאָס שטילע קרעכצען דערהערען. אַ קײַכענדיגער, אָבגעריסענער אָטהעם, האָט זיך איהם אָבגעדאַכט, הערט זיך יעצט פון הויז-שטעלכעל. אָבער דאָרט איז דאָך מעהר ווי די גרויסע הויז'ניצע נישטאָ, די דרײַ קלײַנטשינקע האָט ער דאָך פערקויפט אין שטאָדט דאָ נישט לאַנג.

פּ אַ א ס פּ אָ פּ פּ ע ל איז צו'ם הויז-שטעלכעל צוגעגאַנגען, האָט אינ-גאַנצען געעפענט די טהיר, הינטער וועלכער די הויז'ניצע האָט אומרוהיג געגרונצט. פאַר דעם שוואַכען שײַן פון דעם פלאַקערענדיגען ליכט האָט ער דערזעהן, ווי אַ נ נ אַ ליגט מיט צוזאַמענגעפּרעסטע הענד אויף שטרוי, פון וועלכע עס טראָגט זיך אַ שלעכטער גערוך, קרימט זיך ווי אין אַ קאָנוואַלסיע און איהרע גלעזערנע אויגען זענען אויף איהם געווענדעט.

— איז דאָס מעגליך, אַננאַ, דו ביזט עס, אָרעמעס קינד? — האָט דער אַלטער מיט אַ רחמנות'דיגער און פערוואונדערטער שטימע געזאָגט.

ער האָט געזעהן, דאָס איהרע צייהנער האָבען זיך טיעף איינגעביסען אין די ליפּען, פון וועלכע עס זענען טראָפּען בלוט גערונען, כדי קיין געשריי נישט אַרויסצולאָזען; נון האָט ער זיך שוין מעהר נישט געוואונדערט דערויף, וואָס דאָס שנייאיגע קרעכצען אין מיטען דער נאַכט האָט מיט אַמאָל אויפגעהערט. ער האָט געמוזט אַ שטעקען אין דער האַנד נעמען אַוועקצוטרייבען די הורניצע, וואָס האָט מיט איהר ציטריגע שנוקע דאָס בלוט פונ'ם אָרעמען מיידעל געפּיקעט. און ווידער אַמאָל האָט ער געזאָגט:

— אָרעם קינד! אָרעם קינד, וואָס איז דען אייגענטליך געשעהן?

אַננאַ, וועלכע האָט ווידער שרעקליכע וועהעניש בעקומען, האָט זיך געוואָרפען און געשליידערט אין שטרוי אַהין און אַהער, די פויסטען האָט זי צום מויל צוגעפּרעסט, כדי צו דערשטיקען די קרעכצען און געשרייען, וועלכע האָבען זיך איהר פון האַלז געריסען. דער אַלטער האָט יעצט ריכטיג פערשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און דאָס האַרץ האָט איהם פאַר גרויס רחמנות פערקלעמט.

— מיין קינד, דו שענקסט יעצט אַ ניי בעשעפעניש דאָס לעבען. אַלעבעדיג קינד האָסט דו געוואָלט פאַר די הורניצע צום אויפפרעסען אַוועקוואַרפען!

אַ שוידער איז איהם דורך אַלע גלידער אַדורך, פון שטרוי האָט זיך דערהערט אַ פּישטשען פון אַ ניי געבאָרען קינד. גראָד האָט דער ווינד אין דעם אויגענבליק דאָס ליכט פערלאָשען; ער האָט אין דער פינסטער געמוזט טאַפּען אויף דער ערד ביז ער האָט דערפיהלט עפּיס אַ קליין קלעפּעדיג בעשעפעניש'ל. ער האָט עס אין אַ ביסעל שטרוי איינגעוויקעלט, האָט עס צו זיין אַלטער ברוסט צוגעטוליעט און מיט רחמנות'דיגע הענד אין קיך אַריינגעטראָגען.

באַלד האָט ער דאָס ליכט ווידער אָנגעצונדען, האָט פאַר'ן קינד אַ געלעגער אין אַ ברויט־דייזשע אויסגעבעט און איז פון דאָס ניי אין הויף אַריינגעגאַנגען. אַננאַ האָט דעם קאָפּ אין איהרע הענד פערבאָרגען, האָט געוויינט און געקרעכצט.

— הערר, הערר!

ער האָט איהר געהאָלפען אויפהויבען זיך און איהר, ווי פריהער דאָס קינד, אויף די אָרעמס גענומען:

— עס איז נישט דאָס, מיין קינד, עס איז נישט דאָס אַליין... די פרוי איז פאַר דעם מאַן בעשאַפען; אָבער עס איז אַ זינד, צו וועלען

וואַרפען אַ לעבעדיג בעשעפעניש פאַר הזירים.

אַרײַנקומענדיג אין קיך איז זי פאַר דעם אַלטען אויף די קניע געפאַלען; זי האָט נישט געוואוסט מיט וואָס זיך פאַר איהם צו פערענטפערען און האָט מעהר נישט אַרויסגערעדט ווי די פאָר ווערטער: הערר, הערר!

ער האָט איהר אין דעם לעהנשטוהל אוועקגעזעצט, אין וועלכען זיין פרוי איז געווען געשטאָרבען, אין דעם זעלבען לעהנשטוהל, אין וועלכען ער האָט איהר געזעצט, נאָכדעם ווי זי האָט איהם דאָס ערשטע קינד געבאָרען. דאַמאָלס זענען זיי נישט געוועזען רייך, און די מעבעל פון זייער ענגען צימער האָט געמוזט דיענען צו פערשיעדענע צוועקען.

— גיב אַכטונג, — האָט ער צו איהר געזאָגט, — דו מוזט עס יעצט נעהרען. נעם עס אויף די קניע און גיב איהם מילך, ווי דיין מוטער האָט דיר געגעבען... דערנאָך וועלען מיר עס אויך לאָזען טויפען.

ער האָט אַ הייפעל שפענער גענומען, האָט עס אָנגעצונדען און דערויף אַ ביסעל קויהלען אַרויפגעוואָרפען. דערביי האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס זעלביגע האָט ער געטהון, ווען זשאַרים דער עלטסטער זוהן זיינער איז אויף דער וועלט געקומען; עפּיס אַנאַלטע וואַרימקייט האָט אין זיין האַרץ אויפגעגליהט, גלייך ווי דער זומערדיגער זאַפט שפּראָצט אין די אַלטע אָבגעקראָכענע בוימער. דערנאָך האָט ער זיך ווידער צו דעם קליינעם דיענסט־מיידעל געווענדעט; זי האָט זיך דאָס ברוסט־טוך אַראָבגענומען און האָט דעם זייגעדיגענס מיילכעל צו איהר יונגע ברוסט צוגעטוליעט.

— אַזוי... אָט אַזוי... אָבער יעצט זאָג מיר, מאַכטעריל, ווער איז דער פאָטער פון דעם קינד, דען דער דאָזיגער האָט יעצט אַ פליכט אויף זיך אַרויפגענומען... איך וועל שוין זעהן וואָס מיר האָבען צו טהון.

זי האָט פון דאָס ניי אָנגעהויבען צו וויינען; דער קליינער האָט געשריען; ער האָט דעריבער אָבגעוואַרט, ביז זי וועט דעם זויגעדיגען איינשטילען, איידער ער האָט זיין פראַגע ווידערהאָלט.

— נו, אָבער יעצט מוזט דו רעדען!

זי האָט זיך געבעטען:

— ניין, הערר, ניין, פרעגט מיך נישט וועגען דעם....

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ טיעפען, רחמנות׳דיגען בליק.

— דו ביזט נאָך קיין צוועלף יאָהר נישט אַלט געוועזען, ווען דו ביזט אין דעם דאָזיגען הויז אַרײַנגעקומען. עס זענען שוין פון יענער צייט אַכט יאָהר אַוועק. דיין מוטערס שוועסטער, דיין מוהמע הייסט עס, האָט דאָ

ביי אונז פאַר די גערינגט... האָט עמיצער דיה סאַרשפּראָכען מיט דיה חתונה צו האָבען, זאָג מיר ווי ער הייסט. און האָט ער דיך גלאַט אַזוי פערפיהרט זאָג מיר אויך.

זי האָט זיך אַלצדינג מודה געווען. זשאָרזש איז איינמאָל אין אָבענד אין איהר צימער אַריינגעקומען און זי האָט זיך פון איהם געלאָזט איינרעדען: זי האָט זיך איהם נישט אַנטקעגען געשטעלט. דערנאָך איז זי שוואַנגער געוואָרען. ער האָט איהר ערקלערט, אַז ער וועט קיינמאָל דאָס קינד נישט אַנערקענען פאַר זיינעם.

אַ שלייער האָט זיך אויף פּאַאָס פּאָפּעלס אויגען פערצויגען; אין האַרצען האָט ער געפיהלט, ווי מען וואָלט איהם אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון מיט דער האַק, מיט וועלכער ער האָט אַזוי אָפט, ווען ער איז נאָך אַ האַלץ־האַקער געווען, אויסגעהאַקט די שטאַרקע דעמבעס פון וואַלד.

— זשאָרזש, מיין זוהן זשאָרזש! אַ דערוואַקסענער, בעזונענער מענש! אַזאַ רוהיגער, אַנשטענדיגער מענש! זי האָט זיין עגמת־נפש בעמערקט און הכנעה'דיג געזאָגט:

— הערט, הערר, איהר טאָרט איהם קיין פאָרוואורף נישט מאַכען... ער האָט נאָר דאָס געטהון, וואָס אַלע אַנדערע טהוען... איך בין נישט אַזאַ מיידעל, וואָס פערדיענט, מען זאָל פון איהר אַ גרויס וועזען מאַכען. איך וויל אַוועקגעהן, אַוועקגעהן פון דאָרט. קיינער וועט זיך דאָך נישט דערוויסען, אַז דאָס איז זיין קינד.

— ניין, האָט דער אַלטער זיך אָבגערופען. אַזוי וויל גאָט נישט. וואו מען איז אַ זינד בעגאַנגען, דאָרט מוז מען אויך תשובה טהון. נישט אַלע מאָל איז דער, דער ריכטיגער שולדיגער, ווער עס וועט צום מעהרסטען, בעטראַכט אַלס אַזעלכער.

אַננאַ האָט אָנגעהויבען לאַכען מיט אַזאַ סאָרט געלעכטער'ל, ווי עס האָבען נאָר פרויען, וואָס זייער האַרץ איז שוין נישט מעהר אין גאַנצען ריין.

— זעהט, הערר, צום בעסטען וועט זיין איהר זאָלט זיך פון מיר גאָרנישט וויסענדיג מאַכען. פאַר זשאָרזשען האָט מיך שוין אייער אַנ־דערער זוהן יוסט געהאַט. ער איז דאַמאָלס נאָך נישט געווען חתונה געהאַט. און דאַן האָט מיך איינמאָל געהאַט נאַגה, ווען ער איז דאַמאָלס אויף דריי טעג געקומען צו גאַסט. ער האָט אָבער שוין מיט אַ יאָהר

פריהער התונה געהאַט מיט קאָרנעלי זשאַמבערס און זייער זווג איז אַ גליקליכער געווען. נאַנד האָט מיך פונקט אַזוי גענומען ווי יוסט האָט מיך גענומען: און איך האָב דאַמאָלס שטאַרק מורא געהאַט. איך האָב שטענדיג געהאַט שמערצען אין לייב; איך האָב דאַמאָלס נאָך נישט געוואוסט, אַז דאָס קומט פון אַ קינד. נאַנד איז ווידער געקומען האָט מיר אַ שטאַרקען קלאַפּ געטהון מיט׳ן שטיוועל געגען דעם לייב, וואו איך האָב דאָס שרעקליכע דריינגעניש געפיהלט און אין דער נאַכט האָב איך געמפילט. זשאַרים איז שוין געקומען נאָך אַלע אַנדערע: איך בין פאַר איהם געווען אַ קליינע דיענסט-מיידעל, ווי איך בין פאַר אַלע אַנדערע געווען.

דער אַלטער גרויער פּאַאָס פּאָפּפּעל האָט געפיהלט אַ טיעפע, שמערצליכע שאַנדע; עס האָט איהם זעהר געקרענקט, וואָס זיינע קינדער האָבען איהם אַזוי אָבגענאַרט. קיינער האָט נישט געהאַט קיין אָכשי פאַר דעם פּאָטערליכען הויז, אַלע האָבען זיי עס בעשמוצט.

ער האָט זי אָנגעקוקט. ער האָט מעהר נישט געוואוסט וואָס איהר צו זאָגען. זי האָט געמיינט, אַז ער איז אין כעס און זי האָט די אויגען אַראָבגעלאָזט. דערנאָך האָט זי איהר פאַרטוך אַראָבגענומען און האָט מיט מוטערליכער צערטליכקייט דאָס נייגעבאָרענע קינד אַרומגעוויקעלט. „די שולד איז נישט פון איהר זייט", האָט זיך דער אַלטער געטראַכט. „זי האָט זיך מיט דעם טוידט געראַנגעלט, בשעת זשאַרים איז זיך רוהיג אין זיין בעט געשלאָפען". אַ געוויסע צייט איז ער אַרומגעגאַנגען אין קיך אַהין און אַהער, דערנאָך איז ער געבליבען שטעהן און געזאָגט:

— זיי זענען מאַנסבילען ווי שוין אַלע מאַנסבילען זענען. דער מאַן זוכט דאָס פערגניגען, וואו ער געפינט עס. אפשר וואָלט איך אין זייערע יאָהרען אויך נישט בעסער געפיהרט זיך, חוץ די אַרבייט וואָלט מיך נישט אַזוי שווער געדריקט.

נאָך אַנדערע ווערטער האָבען אויף זיינע ליפּען געציטערט, גלייך ווי ער וואָלט זיך נישט דערוועגט זיי אַרויסצוריידען; ער האָט שוין מעהר אויף איהר נישט געקוקט און האָט נאָר דאָס קינד בעטראַכט. ענדליך איז ער צום טהיר צוגעגאַנגען, אָבער אין דעם מאָמענט וואָס ער האָט דעם שוועל אַריבערגעטרעטען, האָט ער זיך אומגעקעהרט און געזעהן ווי זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו וויינען. ער איז צוריק אין

קיך אַרײַנגעגאַנגען און מיט אַ ציטערדיגער שטימע געזאָגט:

— עס איז אין דעם הויז געבאָרען געוואָרען, עס איז בלוט פון מײַן בלוט. וואַש עס גוט אַרום און טראָג עס בײַ מיר אין צימער אַרײַן; לעג עס דאָרט אַרײַן אין בעט. איך וויל גלויבען, אַז מײַן גוטע פרוי לעבט נאָך און אין די שפּעטעריגע יאָהרען איז צו אונז אַ זוהן געקומען.

דזשאוויאני ווערגא.

דארפס-עהרע.

נאוועלע.

(פון איטאליענישען).

אהיים-קומענדיג פון מיליטער-דיענסט, פלעג טורידו מאקא, דער אלטער נונציס זוהן, יעדען זונטאג זיך דורכשפרייזען איבער'ן פלאץ, אין א אוניפארם פון שיסער-פאלק מיט א רויטען מיץ אויפ'ן קאפ. איינגעהילט ביז איבער'ן נאז אין די שלייערס, פלעגען די מעדלעך, געהענדיג אין קלויסטער, איהם גיעריג מיט די אויגען שלינגען; און די יונגלעך פלעגען איהם בעפאלען פון אלע זייטען, ווי די פליגען. ער האט מיטגעבראכט מיט זיך אויך א ליולקע, אויף וועלכער ס'איז פונקט ווי לעבעדיג, געוועזן אויסגעמאלט דער קיסר, רייטענדיג אויף א פערד; און צינדהעלצלעך פלעגט ער אנרייבען פון אונטען, אן די הויזען, פערדרייסענדיג דעם פוס אין דער הויך, ווי ער וואלט זיך פערמעסטען, א שטייגער, עמיצען א בריקע צו טהון. נישט קוקענדיג אבער אויף דעם אלעם, פלעגט לאלא, דעם אלטען אנדזשעלא'ס טאכטער, קיינמאל זיך נישט בעוויזען, נישט אין קלויסטער, נישט ביים שפאציר, ווייל זי איז פערקנס'ט געוועזן פאר איינעם פון ליקאדיע — א פורמאן, וואס האט פערמאגט פיער מויל-אייזלען אין שטאל. אנפאנגס, אז טורידו איז דערפון געוואהר געווארען — האפט דאס דער רוח! — האט ער איהם געוואלט די קישקעס אונטערהאקען, דעם דאזיגען ליקאדיער פערשוין. דאך האט ער איהם נישט געטהון קיין זאך און פלעגט נאר אויסגיסען זיין כעס, אומשפאנענדיג ביי נאכט אונטער דער שענהייט'ס פענסטער, און אויסזינגענדיג דארט אלע ליעדער פון פעראכטונג, וועלכע זענען איהם נאר בעקאנט געוועזן.

— א פנים, אז טורידו, דער אלטער נונציס זוהן, האט נישט וואס צו טהון, — האבען גערעדט די שכנים, — וואס ער פערברענגט די נעכט אין זינגען, ווי אן עלענדער שפערלינג!

ענדליך איז ער איהר אקעגען-געקומען, ווען זי האט זיך אומגעקעהרט פון עולה-רגל-זיין צו דער הייליגער מאדאנא. דערזעהענדיג איהם,

איז לאָלאַ נישט בלאַסער, נישט רויטער געוואָרען, ווי דאָס וואָלט איהר, אַ שטייגער, גאָר נישט אָבגעגאַנגען.

— עס פרעהט מיך אייך צו זעהן! — האָט ער איהר אַ זאָג-געטהון.

— אַך, פריינד טורידו, מען האָט מיר איבערגעגעבען, אַז איהר זענט אַהיים געקומען אָנפאַנגס חודש.

— און מיר האָט מען נאָך עפּעס איבערגעגעבען, — האָט ער איהר אָבגעענטפערט. — איז וואָהר, אַז איהר האָט חתונה מיט דעם פורמאַן, פריינד אַלפיאָ?

— אויב אַזוי איז גאָט'ס בעגעהר! — האָט געענטפערט לאָלאַ, צענויפציהענדיג אונטער דער גאָמבע די ברעגען פון איהר טיכעל.

— איהר דרעהט מיט גאָט'ס בעגעהר אַזוי, ווי עס לוינט אייך! איז עס גאָט'ס בעגעהר געווען, אַז איך זאָל מיך אומקעהרען פון דער-ווייט און זיך אָנשטויסען אויף די אַנגענעהמע בשורות, לאָלאַ!

דער עלענדער האָט נאָך געפּרובט זיך מוטיגען, נאָר דער קול איז איהם אין האַלז געבליבען שטעקען, און ער איז נאָכגעגאַנגען נאָך דאָס מעדעל, וואַקלענדיג זיך, אַזוי, אַז דער פינדזעל פון מיץ האָט זיך איהם אָבגעקלאַפּט אָן די אַקסלען אי רעכטס, אי לינקס. איהר איז, מיט אַנ׳אמת, אַ צער געווען צו זעהן זיין פערטרויערט געזיכט, נאָר זי איז נישט געווען אויפגעלעגט צו טרייסטען איהם מיט גוטע רעד.

— הערט, פריינד טורידו, — האָט זי זיך ענדליך אָבגערופען — לאָזט מיך אָב צו מיינע חבר'טעס. וואָס וואָלט מען גערעדט אין דאָרף, ווען מען זאָל מיר דערזעהן איינאיינעם מיט אייך?....

— דאָס איז וואָהר, — האָט געענטפערט טורידו. — אַצונד, בעת איהר האָט חתונה מיט'ן פריינד אַלפיאָ וואָס פערמאָגט פיער מויל-אייזלען אין שטאַל, לוינט אייך נישט אַריינצופאַלען אין פרעמדע מיילער. מיין מוטער אָבער, די עלענדע, איז גענויט געווען צו פערקויפען אויס'ן טראַקט אונזער ברוינעם מויל-אייזעל און דעם קליינטשיקען וויינגערטענדעל בעת איך בין ביי די זעלנער געווען. ס'איז פאָריבער די גליקליכע צייט, — און איהר ערינערט אייך מעהר נישט דערין, ווי מיר האָבען ביידע געשמועסט אויפ'ן הויף דורך דעם פענסטער, און איהר האָט מיר אַ טיכעל געגע-בען — איידער איך בין אַ-געפאָהרען. איין גאָט ווייסט, וויפיעל טרערען איך האָב פערגאָסען אינ'ם טיכעל, אַוועק-פאָהרענדיג אַזוי ווייט, וואו מען ווייסט אפילו נישט דעם נאָמען פון אונזער דאָרף. און אַצונד, זייט געזונד, לאָלאַ! אַנ׳ענדע האָט גענומען צו אונזער פריינדשאַפט.

לאַלאַ האָט התונה געהאַט מיט דעם פורמאַן; נאָך אין דעם ערשטען זונטאָג איז זי אַרויס אויפ'ן שפּאַציער און זיך אַניעדערגעזעצט, די הענד צענויפגעלעגט אויפ'ן בויך, אַזוי, אַז אַלע זאָלען זעהן די גרויסע גאָלדענע רינגען, וואָס עס האָט איהר געשענקט דער מאַן. טורידו האָט מיט אַ גלייכגילטיג אויסזעהן אָהן אַנ'אויפהער געשפּאַצירט הין-און-צוריק איבער'ן גאַס, מיט דער ליולקע אין מויל; די הענד האָט ער געהאַלטען פערדרוקט אין די קעשענעס און בעטראַכט די פערבייגעהענדע מעדלעך. אינווענייג אָבער האָט איהם געמוטשעט דער בעוואוסטזיין, וואָס לאַלאַ'ס מאַן פערמאָגט אַזוי פיעל גאָלד, און וואָס זי קוקט זיך נישט אום אויף איהם, בעת ער געהט פערביי. — איך וועל זיך אָברעכענען מיט דעם הונד אין'איהרע אויגען! — האָט ער געמורמעלט.

אַקעגען דעם פריינד אַלפיאָ האָט געוואוינט דער אַלטער קאָלאַ, אַ ווייַנגערטנער, וואָס איז געווען, לויט ווי מ'האָט גערעדט, רייך ווי קרח, און געהאַט אַ נישט קיין אויסגעגעבענע טאָכטער אין דערהיים. טורידו האָט זיך אַזוי אויפגעפיהרט און אַזוי פיעל אָנגערעדט, אַז ער איז אָנגעקומען צו'ם אַלטען קאָלאַ אויף טאָג-אַרבייט. ער האָט אָפט אָנגעהויבען בעזוכען דעם אַלטען קאָלאַ'ס שטוב און אָנרעדען דעם מעדעל זיסע ליעבע-ווערטלעך.

— פאַרוואָס געהט איהר נישט צו לאָלאַ רעדען אַזעלכע ווערטלעך? — פלעגט פרעגען סאַנטאַ.

— לאָלאַ איז אַ גרויס אַרטיגע מאַדאַם! לאָלאַ האָט איצט אַ מאַן — אַ גקרוינטען קעניג.

— איך בין נישט ווערט קיין געקרוינטען קעניג.

— איהר זענט ווערט אַזוי פיעל, וויפיעל הונדערט אַזעלכע, ווי ... און איך קאָן איינעם, וואָס וואָלט זיך אינגאַנצען נישט אומגעקוקט אויף לאָלאַ, בעת ער דערזעהט אייך, ווייל לאָלאַ איז נישט ווערט די שיך אונטערצוטראָגען.

— אַז דער פוקס האָט נישט געקאָנט די ווייַנטרויבען בעקומען..

— ווי שען דו ביזט, מיין שאַץ!

— עי! אַוועק די הענד, פריינד טורידו!

— איהר האָט מורא, טאָמער וועל איך אייך אויפעסען?

— כ'האָב נישט מורא, נישט פאַר אייך, נישט פאַר אייער גאָט.

— ע, מיר ווייסען, אַז אייער מוטער איז אַ ליקאַדיערין. ביי אייך

איז אַ שטורמיש בלוט! אָך! איך וואָלט אײַך, דוכט זיך, מיט די אויגען אײַנגעשלונגען.

— שלינגט מיט די אויגען, אויב דאָס געפעלט — וועלען קיין ברעקלעך נישט איבערבלײַבען. און דערווײַל הויבט מיר אויף דאָס דאָזיגע פּעקעלע.

— פאַר אײַך, וואָלט איך דאָס גאַנצע הויז אויפגעהויבען!

אום נישט רויט צו ווערען, האָט זי אַ שלײַדער געטאָן אויף איהם מיט דער נאָל, וואָס איז איהר גראָדע אונטער דער האַנד אַרונטער, און נאָר מיט אַ נס איהם נישט געטראָפען.

— לאָמיר זיך צואײַלען, מיט זיפלווידערען וועט איהר אַ קאַץ אַניגעק נישט פערבינדען.

— ווען איך וואָלט רײַך געווען, וואָלט איך וועלען האָבען אַזאַ ווײַב, ווי איהר, סאַנטאַ.

— איך וועל נישט התונה האָבען מיט אַ געקרוינטען קעניג, ווי לאָלאַ, נאָר נדן וועט זיך נאָך בײַ מיר אויך געפינען, ווען גאָט וועט מיר עמיצען צושיקען.

— מיר ווייסען, אַז איהר זענט רײַך! דאָס ווייסען מיר!

— אויב איהר ווייסט, טאָ אײַלט אײַך צו! דער פאָטער געהט, און מיר וואָלט זיך נישט וועלען, אַז ער זאָל מיר טרעפען אויפ'ן הויף.

דער פאָטער האָט אָנגעהויבען קנײַטשען דעם שטערען, נאָר דעם מעדעל האָט זיך געמאַכט, ווי זי בעמערקט דאָס נישט, ווײַל דער פּיר־זעל פונ'ם זעלנערישען מיץ האָט געשטאָכען דעם פאָטער'ס האַרץ, און נאָכאַנאַנד געטאַנצט פאַר דער טאָכטער'ס אויגען... ווען דער פאָטער האָט אַרויסגעשטעלט טורידו אויף יענער זײַט טהיר, האָט די טאָכטער אַ־געעפענט דעם פענסטער און אָבגעפּלוידערט מיט איהם דעם גאַנצען אָבענד אַזוי, אַז אַלע שכנים האָבען געהאַלטען אין איין רעדען דערפון.

— פון זינגען געה איך אַראָפּ צוליעב דיר, — האָט געטענהט טורידו: — דעם שלאָף מיט'ן אַפּעטיט פערליר איך.

— נאַרישקײַט.

— הלואי וואָלט איך וויקטאָר־עמנואל'ס זוהן געווען, וואָלט התונה געהאַט מיט דיר!

— נאַרישקײַט.

— איך שווער בײַ דער מאַדאָנאַ, אַז איך וואָלט דיר אויפגעגעסען, ווי אַ ברויט!

— נאַרישקייט.

— אָך, בײַ מײַן עהרע שווער איך!

— אָך, מאַמע מײַנע!

לאָלאַ, וואָס פלעגט זיי יעדען אָבענד אונטערהאָרכען פון אונטער דעם געשטיל אַפער, דאָ רויט, דאָ בלאַס ווערענדיג, האָט איינמאָל צוגערופען טורידו:

— שען אַזוי, פרײַנד טורידו, צו אַלטע פרײַנד שמעקט מען שוין גאָר נישט אַרײַן?

— יאָ! — האָט אָבגעזיפצט דער יונגלינג, — וואויל איז דעם, וואָס מעג צו אײַך קומען.

— אַז איהר ווילט צו מיר פערגעהן, ווייסט איהר דאָך, וואו איך וואוין! — האָט געענטפערט לאָלאַ.

טורידו האָט אָנגעהויבען פערגעהן צו איהר אַזוי אָפט, אַז סאַנטאַ האָט דאָס בעמערקט, און פערהאַקט פאַר איהם דאָס פענסטער אונטער דעם פּאַמע נאָז. אַז דער זעלנער פלעגט פערבײַגעהן, פלעגען די שכנים טײַטען אויף איהם מיט אַ שמייכעלע און נישט-היימליך אונטערשאָקלען מיטן קאָפּ. לאָלאַ'ס מאַן פלעג אומפאָהרען מיט זײַנע מויל-איזלען איבער די ירידים.

— זונטאָג געה איך צום גלח זיך מתודה זײַן; בײַ נאַכט האָבען זיך מיר געחלומ'ט בלאָהע ווײַנטרויבען, — האָט געזאָגט לאָלאַ.

— געה נישט, געה נישט! — האָט זיך געבעטען טורידו.

— ניין, ס'איז שוין נאָהענט צו פסח, און מײַן מאַן וועט וועלען ערגעהן, פאַר וואָס איך האָב זיך נישט מתודה געווען.

— אַך! — האָט געשעפּטשעט סאַנטאַ, דעם אַלטען קאָלאַ'ס טאָכטער, אָבוואַרטענדיג אויף די קניע איהר רייהע צום גלח, אין דער איינענער צײַט, ווען לאָלאַ האָט אָבגעשאָקעלט פון זיך אַלע איהרע זינד. — בײַ דער נשמה שווער איך, אַז איך וועל דיר נישט אָבשיקען אין רוים אויף תשובה!

פרײַנד אַלפיאָ איז אַהיים געקומען מיט זײַנע מויל-איזלען, בעלאָדען מיט געלד, און מיטגעבראַכט דער ווײַב אַ מתנה אויף יום-טוב, אַ שען, נײַ קליידר.

— איהר טהוט גלײַך, וואָס איהר ברענגט איהר מתנות, — האָט איהם אַזאָג געטהון די שכנ'טע סאַנטאַ. — וואָרום בעת איהר זענט נישט דאָ, בעשעהנט דאָס ווײַב אײַער הויז!

פרײנד אלפיא איז געווען זעהר איבערגערעכענט, און דערהערענ־דיג אזעלכע רעד וועגען זײן ווײב, איז ער בלאס געווארען, ווי מען וואלט איהם א מעסער ארײנגעשטאכען. — האפּט דאס דער רוח! — האט ער א געשרײ געטהון. — אויב איהר זענט אײך טועה, וועל איך אײך נישט איבערלאזען גאנצערהײד די אויגען אויף צו ווײנען, נישט אײך, נישט דער גאנצער משפחה אײערער!

— איך בין נישט געוואוינט צו ווײנען! — האט געענטפערט סאנטא. — איך האב אפילו דעמאלט נישט געוויינט, ווען איך האב מיט די זעלבע אויגען געזעהן, ווי טורידו, דעם אלטען נונציס זוהן, פערגעהט בײנאכט אין אײער ווײב'ס שטוב.

— וואויל, — האט געענטפערט פרײנד אלפיא. — איך בין אײך זעהר דאנקבאר.

אצונד, ווען דער אײפערזיכטיגער איז אהײם געקומען, פלעגט טורידו זיך מעהר שוין נישט אומבלאנקען בײ טאג איבער'ן גאס און פלעגט פער־טרינקען דעם אומעט זײנעם מיט חברים אין שענק; ערב פסח איז פאר זײ געשטאנען א שיסעל מיט ווארשטלעך. ס'איז ארײן פרײנד אלפיא. בלויז אן דעם, ווי יענער האט אויף איהם אנגעשטעלט די אויגען, האט טורידו זיך אנגעשטויסען, אז ער איז ארבגעקומען צו'ן איהם וועגען אן עסק, און האט אוועקגעלעגט דעם גאפעל אויף דער שיסעל.

— וואס ווערט איהר בעפעלען, פרײנד אלפיא? — האט ער איהם א זאג־געטהון.

— איך פערלאנג נישט קײן זאך, פרײנד טורידו. איך האב אײך שוין לאנג נישט געזעהן און געוואלט זיך דורכשמועסען מיט אײך — איהר ווײסט וועגען וואס.

טורידו האט איהם געוועסט דערלאנגט א גלאז, נאר פרײנד אלפיא האט איהם אבגעשטויסען. דעמאלט האט טורידו זיך אויפגעהויבען א געזאגט:

— איך בין גרײט, פרײנד אלפיא.

יענער האט ארומגענומען מיט די הענד זײן האלז.

— אויב איהר ווילט־אײן צו קומען מארגען אין דעם פײגע־נעלדעל, וועלען מיר קאנען איבערשמועסען וועגען עסק, פרײנד.

— ווארט־מיך אב מיט טאג צו גלײך אויפ'ן טראקט, וועלען מי פון גען אינאײנעם.

בײ די ווערטער האבען זײ זיך אײנער מיט'ן אנדערען צעקושט

ווי דער שטייגער איז ביי אַזאַ פאַל. טורידו האָט מיט די צעהנער איינגע-ביסען דעם פורמאַנ'ס אויער, וואָס האָט בעדייט אַ פיערליכע פערזיכע-רונג, אַז ער וועט קומען.

די חברים האָבען שטום פערלאָזען די וואורשטלעך און בעגלייט טורידו אַהיים. די עלענדע, אַלטע נונצי פלעג איהם אָבוואַרטען טאָג-טעגליך ביז שפעט אין אָבענד.

— מוטער, — האָט איהר געזאָגט טורידו: — איהר געדענקט, ווען איך בין צו די זעלנער אַוועק, איהר האָט געמיינט, אַז איך וועל מיך שוין מעהר נישט אומקעהרען? האַלזט מיך אום אַזוי שטאַרק, ווי דעמאָלט, וואָרום מאָרגען אין דער-פריה געה איך ווייט אַוועק.

אײדער נאָך ס'האָט אָנגעהויבען צו טאָגען האָט ער אַפּויסגעשלעפּט דעם גרויסען מעסער, וועלכען ער האָט פערבעהאַלטען אין היי בשעת ער איז צו די זעלנער אַוועק, — און זיך געלאָזט געהן צו דעם פייגען-וועלדעל.

— גאָט מיינער, וואוהין געהסט איהר אַזאַ אויפגערעגטערן? — האָט אַ יאָמער-געטהון לאָלאַ, ווען דער מאַן האָט זיך געקליבען אין וועג אַריין.

— איך געה דאָ נישט ווייט, — האָט געענטפערט פריינד אַלפיאָ: — נאָר פאַר דיר וואָלט גלייכער געווען, אַז איך זאָל מיך נישט אומקעהרען.

לאָלאַ האָט אין העמד מתפלל געווען ביים בעט, צודריקענדיג צו די ליפען די צייכען, וואָס עס האָט איהר געבראַכט פון הייליג לאַנד דער פאָטער בערנאַרדינאָ. זי האָט איבערגע'חזר'ט אַזוי פיעל מאָל „אבינו מלכנו", וויפיעל עס האָט זיך אויסגעלעגט אויף די צייכענס.

— פריינד אַלפיאָ, — האָט אָנגעהויבען טורידו, אָבגעהענדיג אַ שטיקעל וועג אינאיינעם מיט זיין בעגלייטער, וואָס האָט שטום גע-שפאַנט, דעם מיץ אָנגערוקט איבער די אויגען. — ווי גאָט איז הייליג, איך ווייס, אַז איך בין אונגערעכט, און וואָלט זיך לאָזען אַוועק'הרג'ענען. נאָר איידער איך בין פון שטוב אַרויס, האָב איך געזעהן מיין אַלטיטשקע, זי איז אויפגעקומען מיט אַ'נאויסרעד די היהנער צו פאַשען, אום מיך צו זעהן איידער איך געה אַוועק, פונקט ווי דאָס האַרץ וואָלט איהר דעם אמת געזאָגט, און, ווי גאָט איז הייליג, איך וועל אייך ווי אַ הונד אַוועק'הרג'ע-נען, אַז מיין אַלטיטשקע זאָל מיך נישט בעוויינען.

— וואויל, — האָט געענטפערט פריינד אַלפיאָ, אַראָבוואַרפענדיג פון זיך דעם זשילעט: — לאָמיר ביידע זיך שלאָגען ביז'ן טויט.

ביידע זענען זיך גוט בעגאַנגען מיט מעסערס. טורידו האָט בעקומען

דעם ערשטען קלאפּ און איהם פלינק אויפגעהאפּט מיט דער האנד. ער האט אפּגעגענטפערט מיט א טרעפליכען קלאפּ און געטראפען דעם געגנער.

— אך, פריינד טורידו! איהר פערמעסט זיך אפּנים טויטען מיך אויף אַ אמת!

— יא, איך האב דאך שוין אייך געזאגט דאס. נאך דעם, ווי איך האב געזעהן מיין אלטיטשקער מיט די היהנער, שטעהט זי מיר די גאנצע צייט פאר די אויגען.

— עפּענט-אויף ווי געהעריג די אויגען! — האט אויסגערופען פריינד אלפיא. — איך וועל אייך אפּגעבען פולע מאס!

ער איז געשטאנען צונויפגעדרעהט אין דרייען און צוגעהאלטען מיט דער לינקער האנד דעם וואונד, וועלכער האט שמערצליך געבלוטעט. קוים צוריהרענדיג זיך מיטין על-בויגען צו דער ערד, האט ער שנעל א האפּ-געטהון א הויפען זאמד און א שמיץ-געטהון דעם געגנער אין די אויגען אריין.

— אך! — האט אמביטשע געטהון דער פערבלענדעטער טורידו: איך בין פערביי.

ער האט געמאטערט זיך ראטעווען, און א פערצווייפעלטער זיך א לאז-געטהון אויף-צוריק. נאר פריינד אלפיא האט איהם דעריאגט און דערלאנגט איהם א צווייטען קלאפּ אין בויך און א דריטען אין האלז.

— — נא-דיר שוין אויך דעם דריטען! דאס איז פאר דער שטוב, וואס דו האסט מיר אויסגעצירט. איצט וועט דיין מאמע פערגעסען אן די היהנער.

טורידו האט זיך א שליידער-געטהון עטליכע מאל הין-און-צוריק צווי־שען די פייגענבוימעלעך און איז אוועק-געפאלען, ווי א לעבענסלאזע מאסע. דאס בלוט האט שוימיג אויפגעברויזט אין זיין האלז, און ער האט אפילו נישט בעוויזען אויסצורעדען: — א, מאמע מיינע!

סאָנעטאַ.

(נאָך סלאָוואַצקי.)

*　*
*

קוים=קוים הויבט אָן אין מזרח ז״ט
דער הימעל העל צו ווערען,
די נאַכט פערטוישט די ליכטיגקייט,
דעם טהוי — די בלומען=טרערען...
קוים=קוים פערגיסט אַ רויטער פאַס
פון ווייטען מעלד די ביימען;
די רויזען=באַקען ווערען נאַס,
עס וויינען שטיל די קוויטען... —

קוים=קוים פערפליהט אין הארץ צו מיר
אַ בליק פון אויגען שענע,
און אָטהמען הויבט זיך אָן — איך שפיר —
מיט זיי, מיט זיי נאָר איינע...
דאָס גליק פערשווינדט — ניטאָ איהם מעהר;
די שטילע נעכט פערפליגען! —
און פינקעלדיג קוועלט אויף אַ טרעהר,
— צוגיסט זיך אין די אויגען...

אַה, ליעבסטע! — נעמען ווען ניט
קיין ענדע מיינע שמערצען;
איך האָב צו ווייט געמאַכט אַ טריט —
געזען בײַ דיר אין הערצען:

— דער קוואַל פון רוהיגקייט ביזטו,
  און איך — בין שטורם־ווינדען...

און ווען געשיקט, אין פויגעל־פלוג
  פערפליהען זאָל דאָס לעבען;
אויף אייביג זאָל צום הימעל־צוג
  דער טוידט אונז איבערגעבען;
וועט קענען אַזוינס ווי איך און דו
  דער הימעל קאָנען בינדען?!!... — —

ם. ברכהן.

יוליוש סלאָוואַצקי.

א הימן וועגען זון־אונטערגאנג אויפ'ן ים.

ס'איז אומעטיג, גאָט! האָסט אַרעגענבויגען, רויטע פאַרבען
מיר צוליעב אין מערב אויסגעגאָסען;
מיר צוליעב האָסט באַלד אין בלאָהען ים פערלאָשען ווערען
שטיל, אַ פייערדיגער שטערן.
האָטש דו גילדעסט מיר דעם הימעל מיט דעם ים, מיין גאָט!
דאָך איז אומעטיג מיר, גאָט!

אַזוי ווי לעערע זאַנגען, מיט די קעפּלעך אויפגעהויבען,
שטעה איך לעער פון זעטיגקייט און פערגעניגען;
אַלע פרעמדע וויַז איך שטענדיג ס'זעלבע פנים,
שטילקייט פונ'ם הימעל.
אָבער דיר — כ'וועל דיר מיין טיעפסטען סוד פערטרויען, גאָט!
ס'איז אומעטיג מיר, גאָט!

אַזוי ווי קליינע קינדער, ווען די מאַמעס זיי פֿערלאָזען —
קלאָגען שטיל זיך — אַזוי בין איך איצט גרייט צו וויינען,
זעהענדיג ווי ס'וואַרפט די זון מיר פֿון די חוואַליעס
איהרע לעצטע שטראַהלען.
האָטש איך ווייס, אַז מאָרגען וועט די רויטקייט ווידער קומען, גאָט
דאָך איז אומעטיג מיר, גאָט!

היינט אויפ'ן ברויזענדען ים אַ פֿערוויַרטער,
פֿון ברעג הונדערט מייל — הונדערט מייל פֿאַר'ן ברעג
האָב איך פֿליהענדע שוואַנען געטראָפֿען אין לופֿטען
אין לענגליכע רייהען.
ווייל כ'האָב אַמאָל זיי אין פּוילען געזעהען, מיין גאָט!
דערפֿאַר איז מיר אומעטיג, גאָט!

ווייל כ'פֿלעג שטענדיג טראַכטען וועגען מענשענס קבר,
ווייל איך האָב כמעט מיין היימאַט נישט געקענט
ווייל איך בין געוועזען, ווי אַ וואַנדערער, וואָס מידט זיך
אויף די וועגען ביי דעם שיין פֿון בליץ,
ווייל איך ווייס נישט, וואו איך וועל אין קבר ליגען, גאָט!
דערפֿאַר איז מיר אומעטיג, גאָט!

דו וועסט מיינע ווייסע ביינער זעהען
און עס וועט זיי קיינער אויף דער וועלט נישט היטען;
איך בין אָבער דאָך אַ מענש, וואָס איז מקנא
פֿון די קברים — ס'גראָהע אַש,
ווייל דו גרייטסט מיר אָן אַנ'אונבעקאַנט געלעגער, גאָט!
איז אומעטיג מיר, גאָט!

אינ'ם לאַנד האָט מען געהייסען, אַנ'אומשולדיג קינד
בעטען יעדען טאָג צו גאָט פֿאַר מיר.
איך ווייס דאָך אָבער — נישט צו יענעם לאַנד געהט יעצט מיין שיף,
זי, וואַנדערט אויף דער וועלט.
און ווייל די תפֿלה פֿון דעם קינד וועט גאָר נישט העלפֿען, גאָט!
איז אומעטיג מיר, גאָט!

אויף דעם רעגענבויגען, שטראַלען, וואָס עס האָבען אויפ׳ן הימעל
די מלאכים דיינע וויט פערשפּרייט,
וועלען נייע מענשען נאָך אין הונדערט יאָהר נאָך מיר,
קוקענדיגע שטאַרבען...
איידער כ׳וועל מיך פאַר מיין נישטיגקייט ערנידעריגען, גאָט,
איז אומעטיג מיר, גאָט!

פון פּויליש: אָ. קאַמאַ.

אָלאַ האַנסאָן.

א אונגעוועהנליכע ליעבע.

דאָס איז געווען אין נאָוועמבער. די אָבגעשטאָרבענע און נאַקעטע בוימער האָבען שוין געפוילט אין דער נאַסער און שמוציגער ערד. אין גאָרטען האָט געהערשט אַ טריבע שטילקייט און איינזאַמקייט. אַ חוץ מיר און מיין פריינד איז דאָרט קיין איינציגער מענש ניט געוועזען. פערטרויערט זענען מיר ביידע געגאַנגען און זיך צוגעהערט צום אומעטיגען ווידער־קול פון אונזערע שטימען. אַ הערבסט־נעבעל אין אַ וואָלקענדיגע גראָהקייט זענען געוועזען אויסגעשפרייט אין דער לופט. דאָ און דאָרט האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט; די בייזע שטילקייט האָט אויף אונז אַרויפגעוואָרפען גאַנצע שאַרען פון פרעסענדע איינדריקע, וועלכע עס האָט פון צייט צו צייט איבערגעריסען דער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו אָדער דאָס העפטיגע וויינען פון אַ קינד. דערנאָך האָבען זיך די געהיימניספאָלע שטילקייט און דער גראָהער רוים ווידער צונויפגעגאָסען און עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס דומפפע שטילשווייגען צוגיעסט עס אַזוי רייך דיעזע שווערע, גרויסע טראָפּען...

מיר זענען אַרויפגעגאַנגען אויף אַ הויכען וואַל, און פון דאָרט האָבען מיר געקוקט אויף דעם ים און אויף דער אַרומיגער געגענד. מיר האָבען אָנגעשטרענגט דעם פערבענגטען בליק און יעדער פון אונז האָט אָנגעפאַנגען עפּעס זוכען. מיט אַמאָל האָבען מיר דערזעהען אַ שלאַנקע פרויען־געשטאַלט, וועלכע האָט געשיינט דערטרונקען צו ווערען אין דער ווייטקייט, און וועלכע האָט גלייכצייטיג וואונדערליך האַרמאָנירט מיט דער שטילער, פערמאַטערטער הערבסט־נאַטור. בעת מיר זענען פערבייגעגאַנגען נעבען דיעזער פרוי, האָט זי זיך אַ לייכטען ריהר געטהון און אין דער זעלבער מינוט האָבען מיר בעמערקט אויף איהרע ליפּען און אינ׳ם

גלאַנץ פון איהרע אויגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס עס בילדעט אַ בעשטאַנדטייל פון אַ טריבען, מיט טרויער און אומעט דורכגעווייקטען העַרבסטטאָג. ווען איך בין צוגעקומען צו דעם אָרט, וואו די אַלע האָט זיך אויסגעקרימט, האָב איך זיך אומגעקוקט נאָכאַמאָל און דאַן האָב איך שוין ניט געקאָנט אָברייסען מיינע אויגען פון דיעזער איינזאַמער פרוי, וועלכע איז געשטאַנען אָהן בעוועגונג: זי איז געוועזען די פערקערפּערונג פון דעם אונערמעסליכען טרויער, וואָס איז געוועזען אויסגעגאָסען אין דער גאַנצער אומגעגענד.

מיר האָבען זיך ביידע אַנידערגעזעצט. איך האָב זיך איינגעקוקט אין דער גרענצלאָזער ווייטקייט און זיך צוגעהערט צום גערויש פון די וואָלקענס, וואָס זענען געלאָפען מיט'ן ווינד. איך האָב אַ קוק געטהון אויף מיין פריינד, איך האָב איהם ניט באַלד דערקענט; ער האָט זיך אַזוי פערענדערט, גלייך ווי ער וואָלט אין אַן'אַנדערע וועלט געוועזען איבערגעטראָגען. מיט אַ וואונדערבאַרען גלאַנץ אין די אויגען האָט ער געקוקט אין די ווייטקייט און די ליפּען זיינע האָבען געציטערט. ער האָט אָנגעפאַנגען עפּעס רעדען... עס האָט זיך געדוכט, אַז יענע ערינערונגען גיסען זיך אַריבער איבער דעם ראַנד פון זיין זעעלע. און עס האָבען זיך צונויפגעגאָסען די ווערטער זיינע אין אַ ריטם, ווי דאָס שטילע, מעלאַנכאָלישע גערויש פון וואַסער-טראָפּען, וואָס פאַלען פון אַ הויך...

„גלייך ווי דיעזע פרוי וואָלט פאַר מיינע אויגען געשטאַנען, אַזוי דייטליך זעה איך זי יעצט פאַר זיך. איך וויים ניט, ווער זי איז געוועזען און ווי איז איהר נאָמען, מיר האָבען צווישען זיך קיינמאָל קיין איינציג וואָרט ניט גערעדט, און דאָך איז דיעזעס וועזען אין פערלויף פון אַ זומער געוועזען דער איינציגער אינהאַלט פון מיינע געדאַנקען און געפיהלען. ווען איך טראַכט אין מינוטען פון איינזאַמקייט איבער מיין ווייטער פערגאַנגענהייט און כ'הויב אָן מיינע טיעפע איבערלעבונגען פאָרשען — איך טו עס, פערשטעהסטו מיך, אַזוי, ווי איך וואָלט מיינע בריעף און מעמואַרען אין אָרדנונג געבראַכט — דאַן בעווייזט זיך פאַר מיינע אויגען דאָס געזיכט פון יענער אונבעקאַנטער, נאָמענלאָזער פרוי, וועמענס זעעלע איך האָב דאָך דורכגעדרונגען, ווי קיינעמס פון די אַלע, מיט וועמען איך האָב גאַנצע יאָהרען פערבראַכט.

צום ערשטען מאָל האָב איך זי דערזעהען צוויי יאָהר צוריק אין ה., וואוהין איך בין געפאָהרען אויף זומער-אָבהוה אין ים-קור. דאָס איז געוועזען אַ טאָג, ווען די זון האָט קאַפּריזיש געשפּיעלט מיט די רעגענ-

וואָלקענס, בעהאַלטענדיג זיך הינטער זיי, בכדי אין אַ רגע אַרום ווידער אַרויסצוקוקען אויף אַ ווײַלע. פון צײַט צו צײַט איז געגאַנגען אַ דראָבנער רעגען; ערשט פאַרנאַכט האָט זיך דאָס וועטער אויסגעלײַטערט. עפּעס אַ וואונדערבאַרע פרייד, געוועבט פון סובטילען דופט און וויַיך-צאַרטע פאַרבען, האָט געוועהט פון אַלע זײַטען. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט פון ווײַטען פון צאָהלרײַכען פּובליקום, וועלכעס האָט זיך געפונען אונטער דעם שטאַרקען אײַנדרוק פון שענעם אָבענד. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ שטילעס שעפּטשען, עס זענען ניט געוועזען קיין פראַגען און אַנטוואָרטען; יעדער האָט מורא געהאַט איבערצורײַסען דיעזע פײַערליכע שטימונג מיט אַ באַנאַלען וואָרט.

אַ לאַנגע צײַט בין איך געזעסען אין דער שטיל, פלוצלונג בין איך אויפגעשפּרונגען, דערפיהלענדיג אויף זיך דעם בליק פון אַ פּאָר אויגען... איך בין אין זיי אינגאַנצען דערטרונקען געוואָרען, אַלע מײַנע געדאַנקען און געפיהלען האָבען זיך צונויפגעזאַמעלט אין דער טיעפעניש פון דיזען בליק.

די אויגען איהרע האָבען געהאַט אַ טונקעל-גראָהע פאַרב, עס האָט פון זיי אַרויסגעקוקט שרעק, האָפנונגסלאָזיגקײַט און עפּעס אַזאַלכעס, וואָס האָט ניט געהאַט קיין ספּעציעלען נאָמען, נאָר — דיעזעס עפּעס זעה איך שטענדיג, ווען דער הימעל איז פערטרויערט, ווען די לופט איז מיט פײַכטקײַט אָנגעזאַפּט; דאַמאָלס האָב איך דיעזעס בילד דערפיהלט מיט דעם געשטאַלט פון דער אײַנזאַמער פרוי מיט'ן בלאַסען געזיכט, אויף וועלכען עס האָט געריהרט אַ בית-עלמין-מעלאַנכאָליע. זי האָט מיך שטענדיג דערמאָנט אָן אַ בלום, וואָס ענטפּלעקט איהר קרענקליכקײַט פאַר דער הערבסט-זון און דער אָבשטאַרבענדער נאַטור.

איך ווייס ניט, ווי לאַנג מיר האָבען זיך צוגעקוקט איינער צום צווייטען, דען אין אַזעלכע מינוטען הויבט זיך די צײַט אויף זעהר הויך איבער אונז און שוועבט אַרום, ווי דאָס שטילע מורמלען פונ'ם ים. ווען ס'איז טונקעל געוואָרען, האָט זיך די פרוי אויפגעהויבען, און באַלד נאָך איהר בין איך אויך אויפגעשטאַנען. עס האָט זיך מיר דאַמאָלס געדוכט, אַז איך האָב איבערגעלעבט אַ לאַנגען, שווערען חלום.

ווען איך בין אַהיים געגאַנגען, האָט מיך די טרויעריגע ווירקליכקײַט ווידער אַרײַנגענומען אין איהרע אָרעמס, נאָר — ביסלעכווײַז האָבען זיך אָנגעפאַנגען אומצוקעהרען יענע אונאויסשפּרעכליכע געפיהלען, וואָס זענען ענטשטאַנען דאָרט, בײַם ברעג פון ים; דאַן איז די גראָהע אַלטעגליכקײַט

פּונים לעבען פערשווינדען געוואָרען, ווי אַ נעבעל און איך האָב געפיהלט דעם צוּיבער פון יענע מינוטען, וואָס איך האָב פערבראַכט בײם ברעג פון ים, אַרום וועלכען ט'האָט געררוהט אַ הײלענדע שטילקײט.

און דאַמאָלס איז געבוירען געוואָרען אַ ליעבע, וואָס האָט געדויערט דרײ חדשים, אַ ליעבע אָהן קערפּער, און זאָגאַר אָהן ווערטער.

יעדען טאָג פאַר'ן זונענאונטערגאַנג בין איך געזעסען אין פערבאָרגענעם אָרט, פון וואַנען איך האָב שטענדיג געקאָנט בעאָבאַכטען די אונבעוועגליך אײנזאַמע פרוי. איך פלעג אַזוי לאַנג קוקען אין דער ווײטקײט, ביז איך האָב דערפיהלט אויף זיך דעם בליק פון אַ פּאָר אויגען, אין וועלכע מײנע זענען דערטרונקען געוואָרען: אין יענער מינוט זענען מיר געוואָרען פעראײניגט אין יעדער פון אונז האָט געוואוסט וועגען די פערבאָרגענסטע צוקונגען פון דעם צווייטענס נשמה. און צי קאָן זײן צווישען מאַנספּערזאָן און פרוי עפּעס שטאַרקערס, ווי דאָס פאָלשטענדיגע צוזאַמענגיסען זיך פון געדאַנקען און געפיהלען, ווי דאָס טיעפסטע און וועזענטליכסטע צונויפשמעלצען זיך פון צוויי וועזענס? ווען די נאַכט פלעגט זיך דערנעהנטערן, איז יעדער פון אונז פון זײן אָרט אויפגעשטאַנען און פערטיעפט אין געדאַנקען מיט לאַנגזאַמע טריט אַהײם געגאַנגען. איך בין געוועזען איבערפילט מיט געפיהלען, וועלכע זענען פאַר יעדען — אַ הויך איין וועזען — געוועזען אַ סוד, פאַר מיר אָבער זענען זיי געוועזען אַ קוואַל פון לעבען. און דאָס וואַסער, וואָס ערקוויקט, און די זון, וואָס בלענדעט און דערוואַרעמט, דער בלויער הימעל, די בלומען און גראָזען, די גאַסען און הײזער — אַלץ האָט אָנגעפאַנגען רעדען צו מיר מיט אַ גאַנץ נײע שפּראַך, מיט אַ שפּראַך, וואָס איז ביז יעצט מיר געוועזען אונבעקאַנט. אין די מענשליכע ווערטער האָב איך דערהערט אַ מין געהײמניספאָלען קלאַנג און זין, און אין מענשען האָב איך דערזעהען וועזענס, וועלכע איך האָב קײנמאָל ניט בעמערקט. אַ גלײכגילטיגער צו אַלץ און צו אַלע, האָב איך אָנגעפאַנגען מיטצופיהלען יעדען מענשען; און דיעזע געפיהלען האָבען זיך אין מיר פונאַנדערגעוואַקסען מיט אַזאַ אונגעהויערע קראַפט, אַז אין מינוטען פון זײער העכסטער אַנשטרענגונג — האָב איך זיך געמוזט אויף דער ערד וואַרפען, װײנענדיג און שלוכצענדיג אָהן אויפהער. ווען איך האָב געוואָלט בעגרײפען די געהײמניספאָלע רעטועלהאַפטקײט פון דער אומענדערונג, וואָס איז אין מיר פאָרגעקומען און איך האָב אָנגעפאַנגען צו טראַכטען איבער זיך, דאַן איז פאַר מיר ערשיענען דאָס בילד פון דער בעטריבטער פרוי, מיט'ן שמערצליכען אויסדריק אויף

די ליפען און מיט וועהמוט אין די אויגען.

דער זומער איז אוועק און ס'האט זיך אנגעפאנגען די הערבסט צייט. אין אגעוויסען אבענד — דאס איז געוועזען אין סעפטעמבער — אנגעהגליכער צום היינטיגען, ווען דער שווערער און פייכטער נעבעל האט זיך אראבגעלאזט פון האריזאנט און שמערצהאפטע געפיהלען האבען געשוועבט אין דער לופט, האבען מיר אומעטיג און פערצווייפעלט געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען... צום לעצטען מאל. יעדער פון אונז האט געפיהלט, אז מיר האבען ביי דער ליעבע גענומען דאס בעסטע, וואס זי פערמאגט — קיינער פון אונז האט ניט ארויסגערעדט קיין איינציג ווארט, בכדי ניט צו פערשוועכען די ריינקייט, די הייליגקייט, וואס מיר האבען ערהייכט.

אויף מארגען בין איך אבגעפאהרען. אין אירע אויגען האב איך איבערגעלעזען — „דאנקבארקייט".

עס איז געוועזען אבענד־דעמערונג, בלאסע פייערלעך האבען געפינקעלט, געדיכטע טראפען זענען שווער געפאלען אין דער קברות־שטילקייט.

יאַנוש קאָרטשאַק.

זדזיש.

הומאָרעסקע.

ניין, ניין — און ניין!

איך גלויב נישט אין דעם ווערט פון אַ גוטע ערציהונג. איך גלויב נישט אין דעם כּח פון פּעדאַגאָגישע פּרינציפּען — איך גלויב אַבסאָלוט נישט — כ'גלויב אין גאָרנישט....

וואָרום בערעכענט נאָר: זדזיש.... ווער — אָבער זדזיש? — דאָס איז דאָך שרעקליך. וואָרום אַנ'אַנדערער, יעדער אַנדערער, אָבער זדזיש.... ס'קריכט דאָך גאָר אין קאָפּ נישט אַריין....

באַלד וועל איך אַלץ דערצעהלען. איך בעט נאָר אַ רגע געדולד. לאָמיך נאָר זיך אָבקיהלען...

זדזיש איז געווען אַזוי פלייסיג, אַזוי זאָרגזאַם ערצויגען.

זיינע הערעלעך זענען פינף מאָל אין טאָג געקעמט געוואָרען און זע־נען אַזוי ליעבליך אַראָבגעפאַלען אויף די אַקסלען. צוויי מאָל אין דער וואָך האָט מען איהם געביטען די וועש, דריי מאָל אַ וואָך איז געקומען אַ לעה־רער פון פידעל־שפּילען.

זדזיש האָט קיינמאָל נישט געגראַבעלט מיט'ן פינגער, נישט אין דער נאָז, נישט אין אַ טאָרט, ער האָט נישט אָראָבגעצופּט די ראָזינקעס פון יום־טובדיגען קוכען, ער האָט זיך נישט געשפּיעלט מיט קיין זאַמד, ער האָט נישט איינגערעכט די הענד, ער האָט נישט פערפּאַטשקעט קיין קאָסטיומטשיק נישט מיט קיין קרעם, נישט מיט קיין קאַרשען, נישט מיט גאָרנישט.

ווי שען ער האָט זיך געניגט, ווי אַנשטענדיג ער האָט זיך געקענט

שפּילען מיט מיידלעך, מיט וואָס פאַר אַ שטאָלץ און געפיהל ער האָט דעקלאַמירט געדיכטען אויף דער מאַמאַ׳ס אָדער פּאַפּאַ׳ס געבורטסטאָג.

ער האָט קיינמאָל קיין גרימאַסען נישט געמאַכט: אין דער פריה האָט ער אויסגעטרונקען קאַקאַאָ מיט בישקאָפטען, דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל און האָט געמאַכט הײַזלעך פון קלעצלעך, דערנאָך האָט ער געגעסען אַ קאָטלעט פון ווײַסע פליייש, דערנאָך איז געקומען אַ פרעבעל-לעהרערין אויף צוויי שעה. פאַר׳ן מיטאָג איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט דער מוטער אין גאַס אויף וויזיטען אָדער אײַנקויפען. דערנאָך האָט ער געגעסען מיטאָג. ער האָט זיך ווידער געשפּיעלט, אָדער געהאַט אַ לעקציע פון פראַנצויזישע קאָנווערזאַציע, אָדער געשפּיעלט — פּיעדעל. דערנאָך האָט ער געגעסען אַ קאָטלעט — פאַר נאַכט-עסען אין אָבענד האָט ער געגעסען מיט די עלטערן וויעטשערע, אָדער געגאַנגען אין טעאַטער אַרײַן אויף אַנאָפּערעטקע.

דאָס איז געווען אַ קינד אַ פערשטענדיגס, געשמאַקפול, פלײַסיג ערצויגען, און האָט געמאַכט דעם בעסטען אײַנדרוק.

מ׳האָט איהם אָבגעגעבען אין שולע.

ער איז אײַנמאָל אַהיים געקומען מיט אַ בײַל אויפ׳ן שטערען. דער פאָטער איז געווען צוברוגזט אויף דער שולע, און די מוטער האָט גע-וויינט און האָט איהם שוין געוואָלט לערנען אין דער היים.

אַנאַנדערס מאָל איז ער אַהיים געקומען און ביים טיש, בײַ די עלטערן, האָט ער געפרעגט:

— מאַמעניו, וואָס איז דאָס „פּשיאַקרעוו״?

די מוטער האָט געקריגען ספּאַזמען.

— מ׳האָט מיר אומגליקליך געמאַכט דאָס קינד, בעפלעקט, אויס-גלאַסענט — האָט זי געשריען דורך טרערען.

מ׳האָט געהייסען זדזישען אויסשווענקען דאָס מויל מיט עליקסיר אײַנמאָל פאַר אַלע מאָל האָט מען איהם פערבאָטען נישט נאָר צו רעדען, נאָר אפילו טראַכטען וועגען עפּעס עהנליכעס.

— אויב זדזיש וועט נאָך אַמאָל אַזוינס זאָגען, וועט זדזישען די צונג אָבפאַלען און די מאַמע וועט שטאַרבען.

די מוטער האָט געפרעגט:

— טײַער קינד מײַנס, אומגליקליך קינד — וואו האָסטו געהערט דאָס עסע וואָרט?

— אין שולע.

די מוטער האָט געפרעגט:

— און ווער האָט געזאָגט דאָס מיאוסע וואָרט?

— אַ חבר.

די מוטער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע אויף גומעס און איז געפאָהרען צום דירעקטאָר פון דער שולע.

— איך פערלאַנג — האָט זי געזאָגט — אַז דאָס יונגעל, וואָס פערשפּרייט פערדערבעניש אין קלאַס, זאָל שוין דערווייטערט ווערען.

— און וואָס האָט ער אַזוינס געזאָגט? — האָט דער דירעקטאָר געפרעגט.

זדזישס מוטער האָט געשוואוירען, אַז פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וועט זי נישט אַרויסרעדען אַזאַ מערדערישען אויסדרוק. ס׳איז געבליבען דערויף זי זאָל עס אויפשרייבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער. מיט אַ ציטערדיגע האַנד האָט זי אויפגעשריבען „פּשיאַקרעוו“ — און איז געפאַלען אין חלשות.

דער דירעקטאָר האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט בעשטראָפען דאָס יונגעל, אָבער אַרויסוואַרפען קאָן ער איהם נישט.

אויף ווייטער האָט מען בעשלאָסען זדזישן צו לערנען אין דער היים. דער קליינער האָט געוויינט. דערפאַר האָט מען איהם דערנאָך גענומען אויף אַן אַפּערעטקע און שפּעטער אין אַ רעסטאָראַציע.

זדזיש האָט זיך געלערנט אין דער היים, האָט געלעזען מערדערישען אין דער צייטונג און „מעשה׳לעך פאַר גוטע קינדער“, האָט דעקלאַמירט שירים, געטרונקען קאַקאַאָ און געגאַנגען מיט די עלטערען אין פילהאַרמאָניע אַריין און אויף אָפּערעטקעס אין טעאַטער אַריין. אַחוץ דעם האָט ער זיך געשפּיעלט מיט מיידעלעך און מיט איין גוט-ערציגען יונגען פון אַ שכן.

די מוטער האָט אַפילו פערפומערירט זדזישען, דאָס הייסט, נישט איהם, נאָר זיין סאַמעטענעם קאָסטיום מיטן ווייסען קאָלנער. די מוהמעס האָבען געקושט זדזישען אין די הענדטלעך און אין די ליפּ און האָבען איהם געבראַכט שאָקאָלאַדעס און ביכעלעך מיט מעשה׳ פאַר גוטע קינדער.

דאָס קינד איז געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ זאָרגזאַמע פרויען-ליע

אַז זדזיש האָט זיך אַ שטאָך געטהון אין אַ פינגער און האָט ד זעהן בלוט, איז ער אַזוי בלאַס געוואָרען, אַז מ׳האָט געמוזט רו צוויי דאָקטוירים און איהם אויסהיילען.

מ'האט בעשטימט, אז זדזיש וועט זיין א דירעקטאר אדער פון א פאבריק, אדער פון א באנק, אבער אלץ איינס וואס, אבי ער זאל נישט דארפען ארבייטען, און נישט קומען אין בעציהונגען מיט שלעכט-ער-צויגענע מענשען.

אויף איינע פון די מעדלעך האט זדזיש געזאגט, אז זי איז זיין כלה און האט איהר געקויפט פאר אייגען געלד א בוקעט. דעם מעדעל'ס עלטערען האבען א ביסעל געלאכט און אביסעל זענען זיי געוועזען צו-פריעדען פון די עפעקטען פון דעם גוט-ערצויגענעם זדזיש, וועלכער האט קיין זאך נישט גענומען אליין, נאר האט אלץ געבעטען.

ווען זדזיש איז אלט געווען פינפצען יאהר, האט מען איהם צום ערש-טען מאל ערלויבט ארויסצוגעהן אויף דער גאס מיט דעם שכנ'ס יונגעל — אהן אנ'עלטערען מענש. אום דער טאג זאל איהם בלייבען אין זכרון האט מען איהם ביינאכט גענומען אויף אנ'אפערעטקע.

א, זדזיש איז שוין דאמאלס געוועזען א גרויסער בחור, א גוט-ער-צויגענער און ענטוויקעלטער, אבער ער איז געווען קינדיש נאאיוו.

ער האט אמאל געפרעגט די מוטער אין שוויצאר-טהאל:

— פארוואס מהייל מאדאמען קומען דא אהער אליין און דערנאך ערשט זעצען זיי זיך אוועק ביי די טישלעך פון זייערע מאנען און הערען אזוי פרעהליך?

די מוטער האט געענטפערט:

— אויף א געלעכטער מאכען אזוי די דאמען.

די מוטער האט זיך געפרעהט, וואס זי האט ביז זעכצעהן יאהר פערהיטען זדזיש'ס ווייסקייט פון א קאנוואליע, זי האט וועגען דעם מיט טריאומף דערצעהלט צוועלף מוהמעס, און אויף מארגען האט איינע פון זדזיש'ס מוהמעס, אלס נאגראדע, גענומען איהם אין דער אפערעטקע, און אליין האט זי איהם ביינאכט אבגעשטעלט אהיים ביז צו דער טהיר.

זדזיש האט זעהר פיעל געלייענט, אבער א סך זאכען האט ער איינגאנצען נישט פערשטאנען, דאס לעזען האט איהם אלזא נישט געקאנט קאליע מאכען.

זדזיש האט זעקס מאל אין טאג געגעסען פלייש, ווייל ער איז געווען בלאס פון די שפאצירען מיט דער מוטער אדער מיטן גוווערנער.

זדזיש האט גערעדט פראנצעזיש, ווי קאקאלין, דעקלאמירט, ווי קאטארבינסקי, געשפיעלט-פיעדעל, ווי בארצעוויטש, געטאנצט, ווי די

קשעשינסקאַ, און די בעוועגונגען האָבען דערמאָנט לודוויג דעם פּיערצעני־טען...

זאָל איך נאָך גלויבען אין ערציהונג, ווען איך האָב מיך דערוואוסט פון אַ זיכערע פּערזאָן, אַז זדזיש, וואָס איז היינט אַלט זעקס און צוואַנציג יאָהר, האָט פערשפּיעלט אין קלוב אין קאָרטען אַ גרויסע סומע, האָט נאָכגעמאַכט דעם פאָטערס אונטערשריפט, האָט בעקומען אַ גרויסע סומע אין באַנק אויף דעם פאַלשען אונטערשריפט און איז אַוועק מען ווייסט נישט וואו, און אַ פּנים נישט אַליין?

ניין — קיינמאָל נישט, אויף מיין לעבען נישט!...

ערנסט געאָרגי.

פרייליין מוטער.

ראָמאַן.

(פארטזעצונג פון העפט 6).

ביי קיין פאַל נישט! ער איז אַפילו אַ גוטער מאַן געווען! ער האָט נאָר אויסגענוצט דאָס פּריװילעגיום וואָס אַ גרויזאַמע, אונגערעכטע נאַטור האָט די מענער געגעבען און דעם ווייבליכען געשלעכט אויף אייביג פערזאָגט! — וואָס נאָך אַ התונה נאַטירליך שען איז, איז דאָ אַ זינד! — פער־שאָלטען זענען די אַלע געגנבה׳טע, אונלעגאַלע! — זי וועט אינגאַנצען לעבען מוזען שלעפּען די שאַנד, וועלכע איז ביי אַנדערע פערהעלטניסע אַ גליק! — אַננאַ שלאָכצט און רעגט זיך אויף, געגען דעם שיקזאַל, ביי דעם אַלטען, אייביג יונגען פילאָזאָפירען. פּלוצלונג האָט זי אַ ציטער און זיך אַ האַפּ געטהון. דער קליינער איז צו איהר צוגעקראָכען צופּט זי פאַר׳ן קלייד און קאָמאַנדירט מיט אַ קלאָר שטימעלע: „מאַמאַ־שטעה אויף!“ — זי ווישט אָב די טרערען וואָס האָבען זיך אַלץ פון איהרע אויגען געגאָסען און נעהמט איהם אויף איהר שויס — איהר פּיינקינד! דער קליינער אָטמאָ דרוקט זיך פעסט און צאַרט צו איהר, רוקט זיך און רוטשט ביז ער האָט זיך אַ בעקוועמט אָרט געפונען. און פון דעם זיכערן אָרט לאַכט ער צו קאָנטהאַגענען. — קאָנטהאַגענען, נעהמט אַ שטוהל, רוקט זי צו נעהנטער, און זעצט זיך אַוועק ביי איהם. מיט איבערשטראָמענדער צערטליכקייט קוקט ער אַננאַ און דאָס קינד אָן. אַנ׳אונאויפהערליכע שטימע שרייט אין איהם, רופט און זאָגט: „דאָ האָסט דו דיין גליק!“ — האַלב אונבעוואוסט זאָגט ער: „איך קאָן נישט מעהר אַוועק פון דאַנען, אַננאַ! דאָ אַהער געהער איך! דו ביזט מיין, און דאָס קינד איז מיין פלייש און בלוט! איך פיהל דאָס! — — — ווי זאָל איך — אָהן אייך ווייטער לעבען?“ —

זי קוקט איהם אָן, איהר רויט פערוויינט געזיכט פאַרבט זיך. אין איהרע אויגען שטעלט זיך אַ פערוואונדערטע פראַגע. אַנ׳אַלטע בלוטיגע וואונה

דריקט צו איהר האַרץ און גיסט זיך דאָרט אויס, זי קאָן קיין אָטהעם
ציהען. איהר פאַלען די ברעמען פון איהרע אויגען צו. — אונערהערטבאַרעם
גליק שטעלט זיך איהר דאָ פאָר.

— רעהאַביליטירען*) זיך, — האָבען דעם געליעבטען אין איהר בע־
ויץ — צומישט מאַכט די אויסזיכט! —

„דאָס האָסטו גוט איינגעפּעדעמט!" — זאָגט ער ווייטער. — „דו
האָסט געוואוסט דעם צויבער פון דעם קינד און דיין אייגענעם! דו האָסט
געוואוסט וואָס עס הייסט פאָטערגעפיהל! אַננאַ, אַננאַ!" — זיין שטים האָט
גאָרנישט מיט פאָרווירפע געקלונגען. ער האָט איינפאַך נאָר קאָנסטאַנטירט
די פאַקטישע זאַך. און באַלד שטרעקט ער שוין ווידער די אָרעמס צום קינד
אויס. — — אַ וועלט פון געדאַנקען איז דורכגעלאָפען און געווישט אין
פיעבערדיגען געהירן. דאָ שטעלט זיך איהר דאָס גליק פאָר! זאָל זי דאָס
גאַנצע בעטראַכטען אוועקלאָזען, און צונעהמען? זאָל זי דעם קאַמפף מיט
איהם און מיט דער וועלט אויפנעהמען? האַלטען איהם — געגען זיין צופריע־
דענהייט? האָפען?! איהרע פערלאַנגען, איהר האַרץ שרייט יאָ. שוין עפענט
זי די אויגען און טרעפט זיין פערלויבונגס גרוס, זיין אוניפאָרם. זי קוקט
איהם אָן. די אַרט פון איהר גריבלערישען, צוליעגענדען פערשטאַנד האָט
אַוועקגעטראָגען דעם זיעג איבער דעם רויש. איהר ריינע ליעבע צו איהם
האָט'ן אַוועקגעטראָגען איבער דער עגאָאיסטישער קלוגקייט. נישט קלאָ־
גענדיג הייבט זי אָן מיט אַ הייסערען טאָן צו רעדען, און איהרע געזיכטס־
צוגען בעקומען ווידער דעם פריהערדיגען ביטערן, בעלעהרענדען אויסדרוק.

„איהר האָט דאָס קינד געזעהן, יעצט געדט! איהר וועט באַלד די
שעה איבערקומען! — — אַלץ איבריגע איז אומזין! איהר זייט אָפיציער
און בראויכט נישט מעהר דאָס פערפיהרטע מיידעל צו הייראַטען! אייער
פערמעגען איז אַוועק ווי אייער גוט, טאָ מיט וועלכען בירגערליכען
בערוף ווילט איהר אונז דערנעהרען? — — — ווי קאָנט איהר זיך אָבזאָגען
פון דעם גלאַנץ פון אייער שטאַנד? וואָס ווייסט איהר פון די אַלע קליינע
פערביסענע קאַמפפען אין אונזער לעבען? — — — און דער עיקר, ווי
וועט איהר זיך פאַר דער גרעפין פון זעעבערג, פאַר אייער כלה שמועלען?
האָט איהר זיך דאָס אַלץ קלאָר געמאַכט? — — — — ניין, הער פאָן־קאַנט־
האַגען, עס איז בעסער, איהר געדט יעצט — — שנעל!" — — — דאָס
האָט זי מיט אַ האַסטיגען בעפעהלענדען טאָן שטאַרק אַרויסגעזאָגט און זיך
געשווינד אַ שטעל־אויף געגעבען. אַננאַ האָט אַליין געוואָלט ענטקומען
דעם נסיון, וועלכען זי האָט יעצט געהאַט בייצושטעהן. זי האָט בעהאַלטען

איהר קינד אין אָרעם און געשלאָפען אין אַ ווינקעל פון צימער.

פון צושלאָגענעם גייסט ביינט זיך אַטטאַ איין. מיט פּוזישען שמערץ איז די מאָראַלישע קויל אויף דעם וואַרמען, ערשט-אויפגעבליהטען, וואַרמען געפיהלס-לעבען געפאַלען. ער טראַכט — און גיט איהר רעכט. ראָדעק — רענאַ — זיינע עלטערן שטעהן פאַר איהם, זיין צוקונפט! ער קוקט צו איהר צוהין. אונענטשלאָסען, פול צווייפעל און קוואַל! מיט דער גאַנצער קראַפט האָט'ס איהם צו די ביידע געצויגען; אָבער — — — — — — — ווען ער גערט יעצט — — — יעצט — — — אַזוי איז ער פערמשפּט! אַ שרעקעוודיג בריאהלע, אַ פאַסקודנער יונג איז ער! פאַר איהר און פאַר זיך אַליין געווען! —

יעדע מינוט האָט ווי אַ שעה אויסגעוויזען. אַננאַ'ס געזיכט איז נאָך האַרטער געוואָרען. ענטשלאָסען געהט זי צו צו דעם דאָרט-פערזונקען שטעהענדען. „זייט געזונד, העררר פאָן-קאַנטהאַגען!" זי דאַלט איהם דאָס קינד אַקעגען. ער בעמערקט דאָס נישט נאָר שלאָגט ביידע הענד אויפ'ן געזיכט. „אַננאַ! אַננאַ!" — קלאָגט ער שטיל. — זי האָט איהם מעכט אָנגעקוקט אַזוי ווי זי וואָלט געוואָלט זיך יעצט זיין בילד אויף איביג איינפּרעגען. דערנאָך בייסט זי מיט די צייהן די ליפּען און פערלאָזט מיט'ן קינד דאָס צימער. — ער הערט די טהיר קלאַפּען אויפ'ן שלאָס און דער שליסעל דרעהט זיך אום. זי איז אַוועק! ער איז אויף זיין אָרט שטעהן געבליעבען. ביז אַ העל קינדערלאַכען פון נעבען-צימער האָט איהם איבערגעשראָקען. — ער לאָזט די הענד פאַלען, קוקט זיך אַרום — אַליין איז ער געווען! — —

לאַנגזאַם, מעכאַניש האָט ער זיך געגעלעט איבער דאָס שטערען און אויגען — — — — גענומען זיין הוט, די האַנדשוה, איז לאַנגזאַם אַרויס און אַוועקגעגאַנגען. ווי היפּנאָטאָזירט געהט ער, שלעפּט זיך שווער ווי בליי, אונפעהיג צו דענקען און צו קלאָגען. — — אויך די פּרעכטליכע לאַכענדיגע זון האָט ער נישט געזעהן. די גאַסען, אויף וועלכע שוואַרצע שאָטען זענען פאַר איהם פערבייגעשוועבט, האָבען איהם אויסגעוויזען דונקעל, שוואַרץ. שטומפּיג בוערט נאָר אין איהם דער איינער געדאַנק: „עס איז אַלץ אויס, גליק און פרייד, אַלץ אויס — — אויס!" — אויף מעהר האָט זיין פּסיכישע קראַפט נישט געלאַנגט. אַזוי האָט ער זיך ביז צו זיין וואָהנונג דערשלעפּט, דאָרט זיך אויפ'ן דיוואַן אַנידערגעוואָרפען, אין דער איינענער שטומפּיגער, שמערצליכער, שווערער צערשטערונג. —

אַננאַ האָט דאָס קינד דער וועכטערין געגעבען. אים דער זעלבער איהר

פערוויינט געזיכט נישט צו ווייזען איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער. דאָרט שטעהענדיג האָט זי אידם געזעהן אַוועקגעהן, נישט עלאַסטיש, נאָר לאַנג־זאַם, שווער. האָט זי געקראַמפּפט די הענד צוזאַמען. דאָ פערשווינדט ער יעצט פון מיין לעבען! איך וואָלט איהם בעדאַרפט האַלטען! ווי נאַריש איך בין געוועזען! פלוצלונג איז איהר וואָהלטהעטעריין פאַר איהר אין גייסט געשטאַנען. דאָ איז אויך אַזאַ היירעט געוועזען, וואו דער מאַן איז פון זיין וועג אַראָבגעוואָרפען געוואָרען. און ביי זיין גאַנץ רייכטום, ביי איהר גרויסער איבערגעגעבענער ליעבע, איז ער אַ קראַנקער פערביטערטער טייוועל, אַ היפּאָכאָנדער געוואָרען, וועלכער האָט זיין געליעבטע ווייב פאַסט ביז צום טויט געקוועלט! איז דאָס פאַר דער טאַנטע אַ גליק געוועזען? — — צי וואָלט זי נישט ביי אָטטאָ נאָך אַן ערגערן גורל געהאַט, ווייל ביי זיי וואָלט נאָך דער קאַמפּף פאַר דעם טעגליכען ברויט צוגעקומען? — אַננאַ אָטעמט אָב ווי בעפרייט און דאַן רינען הייסע טרערען איבער איהרע קאַלטע באַקען.

דריטעס קאַפּיטעל.

עס האָט אָנגעהויבען דונקעל צו ווערען. פון דעם שטאָדט־גאָרטען האָט זיך געהערט שפּיעלען וואַלצער און מאַרשען. עס האָבען געשפּיעלט די מיליטער־מוזיקאַנטען. די פערנעהמסטע לייט זענען אַרום אויפגעשטעלטע טישען געזעסען. אַלע האָבען איינער דעם אַנדערן גוט געקענט. האָט די מוזיק אַ ווייַלע אויפגעהערט צו שפּיעלען האָט מען איהר לעבהאַפט אַפּלאָדירט. מען האָט זיך פון די טישען אויפגעהויבען, אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער. אַריבערגעשמועסט פון איין טיש צום אַנדערען. אונטער די הויכע בוימער האָט אַן אַנגענעהמע דעמערונג געהערשט. די לאַמפּען מיט די גאַז לאַמטערן האָבען נישט געקאָנט די שוואַרצע אָבענד־שאָטענס אינגאַנצען פערטרייבען. אין די ערטער וואו עס איז גאָר דונקעל געוועזען האָבען זיך די יונגע מיידלעך איינס דאָס אַנדערע זייערע סודות פערטרויט, קריטיקירט זייערע בעקאַנטע חברטעס און גלאַט אַזוי געשמועסט. האָט דאָס קאָנצערט זיך ווידער אָנגעהויבען איז יעדער צוריק צו זיין פאַמיליע צוגעקומען או האָבען זיך בעגוגענט דערמיט, וואָס זיי האָבען, אונטער די עלטערנ'ס השגחה, קאָקעטירט מיט די הערען. אַ בעזונדערע ראָליע האָ־

(פאָרטזעצונג קומט).

היינריך מאַן.

פּיפּא ספּאַנאַ.

ראָמאַן.

(פאָרזעצונג פון העפט 5.)

„בּעדענק זיך וועגען אַלע פרויען, מיט וועלכע דו טרעפסט זיך אין דער געזעלשאַפט, אַלע פרויען, וועלכע בּעגעגנען דיך מיט אַ זיסען שמייכעל; בּעדענק זיך וועגען יעדע בּעזונדער און זיי וויסען: איך האָבּ איהר שוין מיט דיר אין איינעם אַמאָל אָבּגענאַרט און וועל עס נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל טהון — בּיי מיר אינעווייניג אין האַרץ. און בּעדאַרפסט האָט דאָך קיינער אַחוץ דיר אין מיין האַרץ קיין אָרט נישט האָבּען! און נאָך ערגער: איך וועל דיך מיט דיר גופא אָבּנאַרען, מיט דער ווירקליכער הזשעממאַ.

„מיינע שעפּפונגען, וועלכע דו האָסט אַזוי ליעבּ, צוליעבּ וועלכע דו האָסט זיך צו מיר אין מיינע אָרעמס געוואָרפען, דזשעממאַ, זענען דאָך אַלע אַמאָל ווירקליכע, נישט קיין אויסגעטראַכטע מענשען געוועזען. און נאָר בּכדי איך זאָל אַ גוטען ערפאָלג האָבּען, האָבּ איך זיי איבּערגעאַנדערשט. אָט אַזוי וועל איך מיט דיר אויך מאַכען. איך בּין שוין יעצט גופא דערמיט בּעשעפטיגט. דער דאָזיגער בּריעף — דאָס איז דאָס ערשטע קונסט־שטיקעל, וועלכע איך מאַך פון דיר".

טרעהרען האָבּען זיך בּיי מאַריאָ מאַלוואָלטאָ אין די אויגען געשטעלט. ער האָט אמת'דיג געליטען; אָבּער ליידען איז פאַר איהם אַ בּעקוועמליכקייט געוועזען. „מיין בּריעף וועט זיין אויסגעצייכענט גוט", האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט.

„דו דזשעממאַ, האָט ער ווייטער דעם בּריעף זיך דיקטירט, וועסט צייטענווייז, ווי שוין אַ מאָל, זיין קאַפּריז, קרענקליך, אומעטיג; וועסט בּיי דיין געליעבּטען הילף זוכען. איך וואָלט דיר די דאָזיגע הילף אָהן שום צווייפעל בּאַלד געגעבּען, אָבּער מיט דעם צוועק איך זאָל זיך דערבּיי עפּיס אויסלערנען. דיין ליידען און מיין רחמנות אויף דיר, בּיידע געפיהלען קאָנען מיר צו נוץ קומען... יאָ, ווען דו וואָלסט, הלילה, געשטאָרבּען,

אָה, דו מײַן שענע דזשעמינאַ, איך וואָלט געווים אין דער גרעסטער פערצווייפ־לונג געווען, אָהן אַ שום ספק. אָבער נאָך בעפאָר דו וואָלסט אויפגעהערט עטהמען, וואָלט פון מײַן פערצווייפלונג, פון דײַן טויט, צוויי נײַע ראָלען אַריסגעקומען.

„בעלײדיגען מיך נישט פאַר מײַנע ווערטער מיט פײַנדשאַפט! איך לעב אין שווערער אײַנזאַמקײַט, אָבגעזונדערט און ווײַט פון יעדעס נישט איבערלעג־טעס נישט נוצען ברענגענדעס געפיהל...

„אָה ווי וואָלט איך געוואָלט דאָס אַלעס זאָל אַנדערש זײַן, אַז דאָס קלאַפען פון מײַן האַרץ בשעת איך ליג אין דײַנע אָרעמס, דאָס שוימען פון מײַן בלוט דורך דײַנע הייסע קושען, זאָל עביג, עביג נאָר דורך דיר געשעהן און נישט צוליעב עפּיס אַנדערש.

„ווען איך וואָלט מיט אײַנמאָל און אין גאַנצען זיך דיר קאָנען אי־בערגעבען! זיך אָבזאָגען פון אַלצדינג, וואָס איך האָב ערוואָרבען און עס פאַר דײַנע קניע אַוועקלעגען! זאָל מען פון מיר נאָר דאָס אײנע וויסען: אַז איך בין אין דעם בעקוועמליכען שוים פון אַ פרוי פערשוואונדען גע־וואָרען. און דאָס גאַנצע לאַנד, וואו מײַן נאָמען איז אַזוי בעריהמט און מײַנע ווערק, ווי אַמאָל אין הערבסט מיט לאָרבער־בלעטער פערשפּרייט, וואָלט איך געוואָלט דיר פאַר דײַנע קלײנע שריט אויסשפּרייטען.

„מײַן גאַנצע בענקשאַפט רײַסט זיך צום שטאַרקען, וואָס קיין זאַך איז פאַר איהם נישט צו שווער, וואָס לעבט אוים זײַן גאַנץ לעבען אין איין שעה און שטאַרבט דערנאָך אַ גליקליכער. אַנשטאָט דעם, וואָס מיר זאָלען זיך יעצט אַזוי טרויעריג פונאַנדערשיידען, האָבען מיר בעדאַרפט היינט אין דער פריה, אין דער שעה פון העכסטער גליק, שטאַרבען בײדע צוזאַמען, מײַן טײַערסטע דזשעממאַ!"

פּלוצלונג האָט מאַריאַ מאַילוואַילטאַ זײַנע געדאַנקען איבער־געריסען:

—„פאַר וואָס טאַקע נישט היינט אין אָבענד? — האָט ער געשריען שטעהענדיג אין דעם שאָטען צווישען צוויי רויזען־קוסטעס. פאַרוואָס נישט איבערמאָרגען אָדער אין וועלכען עס איז טאָג, ווען מיר וועלען בײדע גליקליך זײַן!

„בעדענק זיך מײַן פרײַנד, האָט איהם אינערליך אַ שטימע געזאָגט, „דו בעגעהסט דאָ אַ זעהר גראָבע געמיינהייט. דו ווילסט ווי צום געשווינדסטען זיך דערווײַטערען פון אַ מיידעל, וועלכע דו האָסט איבערגעוועלטיגט, דו דעקסט פאַר איהר אויף דײַנע חסרונות, וואָס זענען נאָר צו דיר אַליין

נוגע. דו האָסט דערצו קיין רעכט נישט. קוים האָסט דו איהר ווי אַ העלד, אַ ריטער גענומען, ווי אַ רויב פון אַ מלחמה אין דיין שלאָפציממער זי אַריינגעטראָגען, מוזט דו דיין פליכט ערפילען און בלייבען אַ העלד ביז צום סוף! זי איז צו דיר געקומען ווי צו אַ פערצייטיגען מאַלער, וועלכער האָט געקאָנט צוויי פרויען מיט אַמאָל בעפריעדיגען, איינע אויף דעם לייוואַנד אין זיין מאַהלער־ראַהם און איינע אויף דעם לייוואַנד פון זיין בעט. אין דער אמת'ן האָסט דו מורא, אַז איין פרוי אָדער די אַנדערע זאָל דיר דיין געזונדהייט שאַדען, טאָ שטאַרב זשע דערפון! דער נס פון דיינטוועגען איז געשעהן. דער דאָזיגער נס האָט זיך דיר אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי בעוויזען, אַ פרוי וועלכע קומט פון אַ פראַכטפול גליהענד לאַנד, בעצויבערט דורך דיין רייכער פאַנטאַזיע איז זי צו דיר אין ציממער אַריינגעקומען. דו האָסט דעם נס פריינדליך אויפגענומען, טאָ גלויב זשע איהם, גלויב זשע, אַז ער וועט דיך ראַטעווען! און אויב דו ביזט צו שוואַך, דו קאָנסט נישט גלויבען, טאָ שטאַרב זשע פאַר איהם, נישט אַרויסגעבענדיג קיינעם דיינע ספקות, ווי דער ליידענדער, וועלכער נישט האָבענדיג קיין אמת'ן גלויבען האָט ער זיך דאָך שווייגענדיג געלאָזט צום קרייץ צונאָגלען!

מאַריאָ מאַיל וואַילטאָ האָט זיך בעשלאָסען דעם לעצטען געדאַנקען זיינעם אויסצופיהרען. טראַכטענדיג האָט ער דעם, אין געדאַנקען־אָנגעשריבענעם־בריעף, צעריסען. דערנאָך האָט ער זיך אומגעקעהרט אַהיים, וואו ער האָט זיך צענויפלעגענדיג די הענד אויף דער ברוסט, פאַר פּיפּאַ ספּאַנאָס פּאָרטרעט אַוועקגעשטעלט. ניין, היינטיגעס מאָל האָט ער נישט געשמייכעלט, אָדער אפשר האָט ער יאָ געשמייכעלט אָבער קיינמאָל איז זיין שמייכעל נישט אַזוי גיפטיג געוועזען.

דזשעממאַ איז צו איהר געליעבטען אין אָבענד געקומען, און אויפ'ן צווייטען אָבענד ווידער און אַזוי יעדען אָבענד.

מאַילוואַילטאַ איז געקומען צום בעשלוס, אַז אַ גלויבען קאָן מען זיך אַליין נעמען. מען דאַרף נאָר זיינע מאַניערען איבערנעהמען, לעבען לויט זיינע געזעצען, פיהרען זיך לויט ווי זיין עטהיק שרייבט פאָר: סוף כל סוף מוז דער גלויבען זיך בעווייזען.

„מען דאַרף זיך גובר זיין איבער די קונסט, וועלכע האָט אויף איהר געזיכט די מאַסקע פון „ליעבע אַרויפגעצויגען; זי ביין ראַנד פון בעט אָבטרייסלען, אַראָבציהען פון איהר איהרע שעפּפערישע נייגיערינקייט און איהר נאָר צו אַ פרוי אַליין צושמידען, מיט דאָס איינציגען בעפיהל אין זיך אַ פאָלקאָמענע ליעבע צו בעשאַפען.

„צופֿעליגע פֿערשװענדערײַען", האָט ער זיך געטראַכט, װענען פֿאַר דעם אַרבײַטס־פֿעהיגען קינסטלער װעניגער געפֿעהרליך װי דאָס לאַנגזאַמע אונטערגעהן פֿונ'ם קערפּער דורך ניִשט גרױסע דאָזען אַלקאָהאָל. פֿון הײַנט מאָל אָן װעל איך יעדען טאָג טרינקען װײַן.

אין דער צײַט װאָס איך אַרבײַט געװעהנליך, װעל איך ליעבערסט מאַכען װיזיטען און דוקא בײַ די, װעלכע זענען צו'ם מעהרסטען אָרעם אין גײַסט".

„דאָס איז געװען אַ פֿערזעהן", — האָט ער אין איניגע טעג שפּעטער זיך אַלײן מודה געװען. אין דער צײַט װאָס ער פֿערברענגט דאָרטען אין נאַרישע פּלױדערײַען װאָלט ער געקאָנט אױפֿשרײַבען אַ שענע נאָװעלע".

אָבער אױך פֿון מעהר אינטעליגענטערע און געבילדעטערע קרײַזען איז ער אַהײם געקומען אונצופֿריעדען.

— אין די צװײ װאָכען, װאָס איך געה אַרום לעדיג, בין איך געװאָרען שרעקליך עמפּפֿינדליך. אַלץ װאָס איך לעב אַלס קינסטלער אין דער געזעלשאַפֿט איבער: די אױפֿרעגונג פֿונ'ם גײַסט, קאָקעטיג אױף אַ שענע שעפּפֿונג, דער פֿעדדרוס װײַל מען פֿיהלט מיר ניִשט מיט, אָדער די ערנידעריגונג, װאָס איך איך פֿיהל זעהענדיג, װי דאָס פּובליקום װערט ענטציקט פֿון װאָלװעלע קונסט, די אױפֿברױזונג בײַ יעדען פּרױענבליק, װאָס בעגעגענט מיר און דער טיעפֿער טרױער װען איך געפֿעל ניִשט; װאָרום דאָס אײגענטליך איז אונזער גאַנצע בעשעפֿטיגונג — געפֿעלען װערען — דאָס אַלץ פֿיהל איך און עמפּפֿינד זעהר שאַרף. אַלץ װאָס דערװעקט די אינסטינקטען, װאָס שלאָפֿען אין אונז — קינסטלער: אונזער גליהענדע שטרעבונג אַנדערשט איבער די נאַטור לױט איהר װילען, מאַכט די גאַנצע װעלט אונטער זיך אונטערטעניג, אונזער דאָרשט צו פּראַכט, אונזער לײַדענשאַפֿט אַרױפֿצושטײַגען צו דער גרױסער מדרגה פֿון כבוד, אַלץ װאָס ציהט די דאָזיגע אינסטינקטען צו דער פֿערשװענדערײַ, װעלכע רופֿט זיך אָן קונסט, — דאָס אַלץ בעמערק איך אין אײן אױגענבליק און אױף אַלץ ענטפֿער איך...

— לאָמיר בלײַבען אין דער הײם.

ער האָט אין זײַנע געדאַנקען פֿעסטגעשטעלט דעם פֿאַקט, אַז די נעבעלדיגע בערג־ליניע האָט נאָך קײן נאָמען ניִשט און אַז פֿאַר דעם זילבערנעם בליק, מיט װעלכען די אָליװען־פֿעלדער בעגעגענען די זון, קאָן מען ניִשט צופּאַסען קײן שום װאָרט, װאָס זאָל איהם גענױ אױסדריקען. פֿיעל מאָל האָט ער זיך ערגעץ װאו אונטער אַ בױם אַנידערגעלעגט, פֿערמאַכט די אױגען װי אַ קראַנקער, װעלכען די נאַטור בעדאַרף, דורך

(פֿאָרטזעצונג קומט).

ליטעראַרישע נײַעס.

דער פּרינץ ראָלאַנד באָנאַפּאַרט, וועלכער אינטערעסירט זיך מיט דער פראַנ־צויזישער ליטעראַטור און נעהמט אַ לעבהאַפטען אנטייל אין דעם לעבען פון די פראַנ־צויזישע שריפטשטעלער, האָט געשענקט אַ גרויסע סומע פון וועלכער דער יעהר־ליכער פּראָצענט בעטראַגט 1500 פראַנק. די דאָזיגע פּראָצענט־סומע וועט יעדעס יאהר פערטיילט ווערן צווישען פינף היסטאָריקער, ראָמאַניסטען, פּאָעטען אָדער קריטיקער, וואָס וועלען זיך אויסצייכענען מיט עפּיס אַ ווערק. די דאָזיגע שריפטשטעלער מוזען אָבער געהערען צו די, וואָס האָבען נאָך ניט געמאַכט קיין נאָמען.

די טעג איז אין פּאַריז געשטאָרבען דער בעריהמטער נאָרוועגישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג ביערנסטירנע־ביערנסאָן, אין עלטער פון 78 יאהר.

וועגען ביערנסאָנ'ס בעדייטונג סיי אין דער נאָרוועגישער, סיי אין דער וועלט־לי־טעראַטור, וועלען די לעזער געפינען אין אַ גרעסערן אַרטיקעל אין די ווייטערדיגע נו־מערן פון דער „אייראָפּעאישער ליטעראַטור".

דער בעריהמטער נאָרוועגישער שריפטשטעלער קנוט האַמסון האָט אין לעצטען זאַמעלבוך „זנאַניע" אָבגעדרוקט זיין נייסטעס גרויסעס ווערק „דער וואַנדרער שפּילט"... דאָס דאָזיגע ווערק ערשיינט אין רוסישען (איבערזעצט אויס'ן מאַנוסקריפּט) עהדער אין נאָרוועגישען.

אפריזמען און געדאנקען פון שאפענהויער.

פאר פיעל מענשען זענען פילאסאפען אזא בעשווערונג, ווי נאכט-הוליאַקעס, וואס שטערען דעם שלאף פון פריעדליכע מענשען.

מען קאן נישט זיין קיין פאעט אָהן וועלכע עס איז נייגונג צו ליגען און צו מאכען זיך. אבער א פילאָסאָף קאן מען, נעגענזעצליך, נישט זיין אָהן ליעבע צום אֶמת. אין דעם ליגט איינער פון די וויכטיגסטע סימנים, וואס טיילט אב דעם פילאסאף פון פאעט, א דאנק וועלכען דער ערשטער, דער פילאסאף, שטעהט העכער פון דעם צווייטען.

נאראנים, וועלכע שרייבען יעצט פילאסאפישע ווערק, זענען טיעף איבערצייגט, אז דער ציעל פון יעדען פערשטאנד איז צו ערוועקען דאס אבסאָלוטע, און ניט דאס ערקענען זיך זעלבסט. זיי האבען שוין לאנג דאס נעקאנט נעוואר ווערען (פון דעם אויפשריפט איבער דעם טעמפעל אין בעלפי, אדער, אם וועניגסטענס, פון קאנט'ן. איבריגענס, קאַנט האט געהאט אויף זיי א קליינע ווירקונג, ווי ער וואלט נארניט געלעבט ביז זיי.

פילאסאפיע און רעליגיע האבען ביידע איין טעמע, דאס בעשיידונג פון דער וועלט. דער אונטערשיעד צווישען זיי איז: פילאָסאָפיע ווירקט דורך איבערצייגונג, און רעליגי-יע — דורך גלויבען. רעליגיע האלט אונטער איהר ווירקונג דורך שרעק פאר שטענדיגע און צייטווייליגע צרות. פילאָסאָפיע ניט נאר איידעל אנצוהערען אויף דער טעפקייט און דומהייט פון דעם, וועלכער נעהמט ניט אן איהרע איבערצייגונגען. און עס קומט אלזאָ ארויס, אז וואס אָנבעלאנגט צו נוטצליכקייט און עהרליכקייט, זענען די פילאסאפען ניט ווייט אוועקגעגאנגען פון די טעאלאָגען.

פערלאנגען, אז איינע און די זעלבע פילאָסאָפיע זאל טויגען פאר נאראנים און קלוגע, איז אונרעכט. ווייל דער אינטעלעקטועלער אונטערשיעד צווישען מענשן איז אויך אזוי גרויס, ווי דער מאראלער.

(פארטזעצונג קומט).

Редакт. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература, То VI
Тип. Г. Кимэнтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4

7טעס העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאלט:

1) דער מאן (פון פראנצויזישען). — ק. לעמאניע.
2) האנעסטוס (פון דייטשען). — ל. בערנע.
3) א הפקר־הונד. — יאלמאר סיעדערבערג.
4) דאס פערהיטונגס־מיטעל (פון דייטשען). — פ. וועדעקינד.
5) פריילין מוטער, ראמאן (פון דייטשען). — ע. געארגי.
6) פיפא ספאנא, ראמאן (פון דייטשען). — ה. מאן.
7) צו א דיכטער (געדיכט). — פריי נאך לענאו.
8) דאס פינגעריל (הומארעסקע). — קנוט האמסון.
9) אפאריזמען.
10) ליטעראארישע נייעס.

קאמיל לעמאניע.

דער מאן.

דער אנאנימער בריעף האט דעם מאן פון אלץ געגעבען צו וויסען. און דאך האט ער זיך ניט געקאנט בעשליסען איהר צו פערפאלגען, נאך ווייניגער איהר לאזען דורך אנאנדערן פערפאלגען. און האטש ער איז געווען בעגאבט מיט א געוויסער גייסטיגער שטארקייט, איז ער דאך געווען זעהר אומגליקליך. זי האט זעהר אפט דאס קינד מיטגענומען, אבער שטענדיג איז עס אויסגעקומען, אז מען האט דאס קליינע מיידעל אויף א רעכט שטיקעל צייט געלאזען ביי דער באבען זי זאל אויף איהר אכטונג געבען. דערנאך האט זי די קליינע אבגענומען און ביידע זענען געקומען אהיים אביסעל שפעטליך. די ווירטשאפט האט, ווי עס ווייזט אויס, נישט שטארק געליטען. — לאמיר אננעהמען, אז זי נארט מיך ווירקליך אב, — האט ער זיך געטראכט, קאן דאס נאר געשעהן אין די איינציגע מינוטען, וואס ע מ מ א

איז נישט ביי איהר. זאָל זי אַזוי תּיטרע זיין, דאָס גלויבט זיך מיר נישט!

קומענדיג פון בּיורא פלעגט ער געהן שפּאַצירען אַ לאַנגע צייט, האָט זיך בּעמיהט צו געפינען אינטערעס פאַר דאָס לעבען אויף די גאַסען און האָט זיך גופא געמאַכט פאָרווירפע, וואָס ער האָט זיין קינד נישט מעהר אַזוי ליעב ווי פריהער.

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג, ווען ער איז אין איינעם פון די בּעליעבטסטע שטאָדטיילען שפּאַצירען געגאַנגען, האָט ער דערזעהן זיין פרוי נעבען אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט איהרע הענד געהאַלטען און זי צערטליך געגלעט. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין שרעקליכען כּעס און כּדי עס זאָל נישט קומען צו קיין סקאַנדאַלען, האָט ער יענעם אָרט פערלאָזען, אָבער זיינע פיס האָבען איהם בּאַלד צוריק צו יענעם אָרט געטראָגען. די בּיידע געליעבטע זענען זיך געזעסען און האָבען געקוקט איינער אויף דער אַנדערער אַזוי גליקליך, אַזוי פריי אין אָהן שום פּחד, ווי זיי וואָלטען געווען אַ יונגע פּאָר ערשט נאָך דער חתונה.

ער איז פּלוצלונג געשטאַנען פאַר זיי, אין גאַנצען אַ בּלאַסער און די צייהן צוזאַמענגעבּיסען. ער האָט דעם יונגען מאַן בּיים קאָלנער אָנגענומען און האָט איהם אַזאַ שטאַרקען שטויס געטהון, אַז יענער איז אַהינגעפאַלען. דערנאָך האָט ער איהר אַ וואונק געגעבען. זי איז איהם ווי אַ געהאָרכזאַם קינד נאָכגעגאַנגען. די גאַנצע וועג זענען זיי געגאַנגען צוזאַמען נישט אויכרעדענדיג קיין איינציג וואָרט. גאַנצע פיער טעג נאָכאַנאַנד האָט ער מיט איהר נישט גערעדט.

זי האָט מיט דער פערשטעלונגס-קראַפט, וועלכע זי האָט בּיז אַהער נישט בּענוצט, וויעדער אָנגעהויבּען לעבען ווי געוועהנליך. זי איז שטיל און רוהיג בּעשעפטיגט געווען מיט דער ווירטשאַפט, וועלכע איז קיינמאָל נאָך אַזוי גוט נישט געפיהרט געוואָרען ווי יעצט.

אויפ'ן פינפטען טאָג האָט ער צו איהר אַזוי געזאָגט:

— נון, האָב איך מיר שוין אויף אַזוי פיעל בּערוהיגט, אַז איך זאָל קענען מיט דיר רעדען געלאַסען. דער דאָזיגער יונגער מאַן איז דיין געליעבטער. דו קאָנסט מיט איהם געהן. איך וועל עממאַן צו זיך צונעמען. דאָס קומט מיר. צווישען דיר און איהם וועט שטענדיג שטעהן יענער מאָמענט, ווען דו בּיזט אַוועקגעגאַנגען און איהם גיי גזען זיך אויפהויבּענדיג פונ'ם פאַל, וואָס איך האָב איהם אַנידערגעוואָרפען.

זי האָט זיך אָבגערופען:

— דאס איז נישט אמת! ווען ער וואלט געווען מיין געליעבטער, וואלט איך נאך איהם נאכגעגאנגען.

ער האט געשאקעלט מיט'ן קאפ און געזאגט:

— זעהסט דו, דאס איז דאך טאקי דאס אומגליק מיט די פרויען. קיינע פון זיי וויל זיך נישט מיט דעם גוטען ווילען מודה זיין. איך מאך דיר לויז פון דיין שבועה, וואס דו האסט מיר צו דער חופה צוגעשווארען. איך וועל שטענדיג זיך דערמאנען דעם אויגענבליק, ווען דער יונגערמאן האט דיינע הענד געגלעט, און דער בליק מיט וועלכען איהר האט זיך דאמאלס ביידע אנגעקוקט. אנדערש וועט שוין ביי אונז נישט זיין.

— דאס איז נארישקייט, — האט זי געענטפערט בייז. וואלסט דו בעסער געוואלט איך זאל זיך מודה זיין אויף א זינה, וועלכע איך האב קיינמאל נישט בעגאנגען?

— דאס נישט, אדריענע, אבער א זינד, וועלכע דו האסט גע־וואלט קענגען מיר בעגעהן. יא, טויזענד מאל יא!

זי האט א ווייליע געשוויגען, זי האט נישט געקאנט זיך ענטשלי־סען, דערנאך האט זי מיט א צולהכעיס'דיגען טאן געזאגט:

— נאכדעם ווי דו ביזט מיר חושד אין אזא שווערען פערברעכען, האב איך דיר נישט מעהר צו זאגען ווי: איך וועל ביי מיין מוטער וואוינען.

— טהו דאס טאקי, — האט ער געענטפערט, — געניס ווידער די פרייהייט, אזוי וועט בעסער זיין פאר אונז ביידען. דו האסט זיך דאך אליין פון מיר לויז געמאכט. איך האב אלצדינג געוואוסט, נאך איידער איך האב דיך געהאפט.

זי האט אויסגעבראכען אין א געוויין, שלוכצענדיג האט זי נאך דאך נישט פערלארען אין גאנצען די האפנונג איהם ווידער צו בעקומען. זי האט יעצט געליעבט אויפריכטיג און מיט א בעטריבטער צונייגונג. פאר דעם ליעבהאבער, וועלכער האט נישט איינמאל געקלערט איהר קענגען מאן צו פערטיידיגען האט זי נאר פעראכטונג געפיהלט.

זי האט זיך איהם אויף דער ברוסט געווארפען.

— מיין בעסטער, קעהר ווידער צו מיר צוריק, אזוי ווי איך וויל צו דיר צוריקקעהרען, איך, וואס איך האב דיך נאך נישט פערלאזען!

ער האט מיט דעם קאפ געשאקעלט.

— ווען דו זאלסט אפילו ווירקליך אונשולדיג זיין, וועל איך דיר דאס נישט גלויבען.

זי האט זיך געפיהלט בעזיעגט און האט זיך בעמיהט איהר מפלה

צו פערבארגען. זי האט זיך אונטער די רוהיגע מאכט פון איהר מאן ארונ־טערגעווארפען, בשעת אינערליך האט זי איהם פעראכטעט.

— מארגען וועל איך דיין הויז פערלאזען, — האט זי געזאגט.

אין דעם צימער, אין וועלכעס עס האט צוליעב די פארבערייטונגען צו איהר אוועקגעהן, געהערשט אנ׳אונארדנונג, האבען זיי זיך געטיילט זייער פערמעגען.

— ערלויב מיר דיר עטוואס צו פרעגען, איידער איך וועל אוועקגעהן, — האט זי צו איהם געזאגט, ווען אלץ איז שוין געוועזען פארטיג. האסט דו מיך קיינמאל נישט אבגענארט? ענטפער מיר אויף די דאזיגע פראגע גאנץ אפען, דען וואס פאר אנ׳ענטפער דו זאלסט מיר נישט געבען, סיי ווי סיי וועל איך זיך מיט דיר שיידען.

— קיינמאל נישט, אדריננע, קיין איינציגעס מאל בין איך דיר נישט אונטריי געווארען, האט ער געענטפערט קאלט.

זי האט איהם טיעף אנגעקוקט און אן זיין רוהיג קאלטע מיענע האט זי דערקענט, אז ער האט יאהר דעם ריינעם אמת געזאגט און האט אראבגעלאזט דעם קאפ.

— יעצט מוז איך דיר מודה זיין, — האט זי געזאגט, — איך האב דיך גענארט, ליגען געזאגט. איך וויל דיר נישט מעהר פאלען צו לאסט, איך וויל ארבייטען. אויב דו וועסט מיר ערלויבען, וועל איך זיך זעהן מיט מיין קינד יעדען זונטאג ביי־דער מאמען, דו וועסט שוין שפעטער איינזעהן אויב דו קאנסט מיר מוחל זיין.

פאר דעם הויז איז צוגעפאהרען א קארעטע.

— זאל שוין אזוי זיין, אלץ גלייכט זיך אוים מיט דער צייט.

דייענדיג שוין גרייט ארויסצוגעהן האט זי עממא׳ן צו זיך צוגע־רופען און איהר געזאגט:

— גיב מיר א קוש אין שטערען, מיין ליעבעס קינד!

דערנאך האט זי זיך געווענדעט צו איהר מאן.

— יעצט קאנסט דו מיר אומארמען אהן שום הינטערגעדאנקען. וואז דו וועסט נאר דיינע ליפען אנקלעבען, דארטען וועסט דו די ליפען פון אונזער קינד געפינען.

איינינע מינוטען האבען זיי זיך געהאלטען ארומגענומען און געוויינט.

א וואך איז פארביינעגאנגען. זי איז צו איהר מוטער נישט געגאנגען. ער האט געמיינט, אז זי איז ווידער צו איהר ליעבהאבער געגאנגען. ער האט זיך געקלערט: איך האב איהר דאס רעכט דערצו געבען, באלה

ווי איך האָב איהר נאָר פון איהר שבועה בעפרייט.

ער האָט יעצט זיין גאַנצע צערטליכקייט אויף עממאַ אָנגעווענדעט, דערביי האָט זיך איהם אָבגעדאַכט, אַז די פּאַטערשאַפט קאָן אויספילען אַלע אַנדערע געפיהלען.

אויפ׳ן צוועלפטען טאָג האָט זי איהם געשריבען אַ בריעף, אין וועל־כען זי האָט איהם צו וויסען געגעבען, אַז זי האָט אַ שטעלע בעקומען. זי האָט איהם אָנגעגעבען איהר אַדרעסע, אַ צימער אויפ׳ן פינפטען עטאַזש, וואו זי נעהמט קיינעם נישט אויף. צעהנמאָל נאָכאַנאַנד האָט ער איבער־געלעזען די ווערטער: „וואו איך נעהם קיינעם נישט אויף". עפּיס אַ ווארימער געפיהל האָט איהם אין הארצען אויפגעשטיגען, ער האָט אָנגע־הויבען צו וויינען ווי אַ קליין קינד און האָט די שטעלע אין בריעף, וואָס בעוויזט איהר עהרליכקייט מיט היסע, טרייע קושען בעדעקט.

פון דאַמאָלס אָן האָט זי איהם יעדען זונטאָג געשריבען. ער האָט דעמזעלבען זונטאָג, ווי ער פלעגט נאָר איהר בריעף בעקומען, עממא׳ן צו דער באָבען אַוועקגעפיהרט. און כדי זיי זאָלען זיך נישט צוזאַמענטרעפען ביי דער אַלטער באָבען, האָט אַדריינגע און ער עס אַזוי איינגעריכטעט, אַז זי איז ערשט דאַמאָלס געקומען, ווען ער האָט שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. ערשט ביינאַכט איז ער ווידער געקומען דאָס קליינע מיידעל אָבצונעהמען. דער אָמניבוס האָט זיי ביין ראָג פון זייער גאַס אַראָבגעזעצט.

אַזוי האָבען זיי כמעט צוויי יאָהר אָבגעלעבט זיך נישט זעהענדיג איינער דעם אַנדערען קיין איינציגעס מאָל, און פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך געפיהלט נאָהנט איינער צום אַנדערן דורך דאָס שותפות׳דיגע באַנד מיט וועלכען דאָס קינד האָט זיי אַרומגעבונדען.

פּלוצלונג האָט זי איהם אויפגעהערט צו שרייבען. ער האָט זיך דערוויסט, אַז זי איז קראַנק. ער איז אויף דעם פינפטען עטאַזש אַרויפ־געשטיגען און האָט אין איהר טהיר אָנגעקלאַפּט. זי איז געוועזען זעהר בלאַס און איז אין איהר קליינעם אַלמנה׳דיג בעטעל געלעגען איינגעטונקען אין די קישען פערגראָבען. זיי האָבען נישט געוואוסט וואָס זיי זאָלען זיך איינער צום אַנדערן זאָגען. זי איז געוועזען אַזוי שעמעוודיג ווי אין די ערשטע טעג פון זייער בעקאַנטשאַפט כלה׳ווייז. אַ גאַנצע שעה איז ער ביי איהר געבליבען, פאַר דעם אַוועקגעהן האָט ער איהר אַ קוש געטהון אין שטערען און געזאָגט:

— איך וויל יעצט עמטערס אַרויפקומען אויב דו ערלויבסט עס...

ער האָט איהר געבראַכט בלומען. ער האָט בעמערקט, אַז זי האָט

זיי פערוועלקטע בלומען ווי דער פערפלויגענער ריח פון איהר גליק אין א שראנק בעהאלטען. לאנגזאם איז די אלטע ליעבע צוריקגעקומען, א ריינע, כמעט א צניעות׳דיגע, כשר׳ע ליעבע, די ליעבע פון אלטע קינדער. דער מאן שפּאַ האט איהר צוערשט געמאכט דעם פארשלאג, זיי זאלען וויעדער אנהויבען צו לעבען ווי זיי האבען אמאל געלעבט. אין א געוויסען פריה־מארגען האט ער זי אבגעטומען און האט איהר געפיהרט אין די נייע וואוי־נונג. ווי זיי זענען נאר אין שטוב אריין האט זי דערזעהען טרעהרען אין זיינע אויגען. זי האט זיך איהם אויף דער ברוסט געווארפען. לאנג זענען זיי ביידע אין די ארעמס געלעגען, ווי אין יענעם טאג ווען זיי האבען זיך צעשיידט.

נון האבען זיי בעקוקט די צימערן פון זייער וואוינונג. דער גרעסטער טייל פון די מעבעל זענען געווען נייע. זי האט געזעהען א גרויס בעט, וועלכע זי האט פארדעם נישט געהאט. א רויטקייט איז איבער איהרע באקען אריבערגעשוועבט.

— א, מיר קומט דאך עפּיס פאר, — האט זי זיך אנגערופען, — ווי איך וואלט דאס ערשטע מאל צו דיר געקומען!

— אוודאי אזוי, — האט ער אבגעענטפערט, — מיר האבען דאך ערשט היינט חתונה געהאט.

לודוויג בערנע.

האנעסטום.

אָסקאַר, אַ יונגער שווער, האָט געלעבט אין פּאַריז און זיך בעשעפטיגט מיט דער מאַלער-קונסט. אָסקאַר איז שטענדיג געווען אַ פרעהליכער, דען ער איז שטענדיג געווען אַ גוטער. ער האָט אפילו געשטימט מיט דער געפאַהר פון זינד; דאָך האָט ער קיינמאָל נישט בעשמוצט זיין האַרץ, און דאַן איז געשעהן, אַז ער פלעגט די געפאַלענע צוריקגעבען אויף אַ קורצע שטונדע דעם שמערץ און דעם השק צו הרטה, און איבער באַקען, וואָס זייער זונענשיין האָט שוין געהאַלטען אין אונטערגעהן, האָט נאָך איין מאָל אויפגעפלאַמט די דונקעלע אָבענד-רויטקייט פון גוטע זיטען. אָפט פלעגט אָסקאַר אַריינפאַלען צו זיינע פריינד און אויסרופען:

— קומט, ברידער! לאָמיר טרינקען! — דאַן האָבען זיי געאַיילט אין טרינקהויז; שמעקענדיגע שפּייזען, טייערע ווינען זענען דערלאַנגט געוואָרען; נאָר אָסקאַר האָט מעסיג געגעסען פון שיסעל און האָט נאָר ווייניג געטרונקען פון גלאָז — דער בעכער פון זיין לעבען איז בּיז'ן ראַנד געווען פול מיט גליהענדען, שוימענדען בלוט, און יעדער צוגאָסענער טראָפען וואָלט עס געצוואונגען איבערצולויפען.

איין מאָל האָט אָסקאַר געאַיילט צו דער איטאַליענישער אָפּער, צו זעהן מאָצאַרט'ס דאָן דזשיאָוואַני. דאָס טעאַטער איז נאָך געווען פערמאַכט, און די וואַרטענדע מאַסע איז געווען גרויס. אָסקאַר האָט זיך אויסגעמישט צווישען דער שטויסעניש און האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ טאָלער, כדי צו זיין בעריט גלייך ווי די קאַסע וועט געעפענט ווערען. עמיץ האָט איהם אַ שטויס געטהון, דער טאָלער איז אַרויסגעפאַלען פון זיינע הענד און האָט זיך אַוועקגעקוילערט ווייט איבער דער גאַס. ער האָט איהם אומזיסט געזוכט מיט די אויגען. דערווייל האָט צוגעהינקט צו איהם אַן אַלטער בעטלער אויף קרוקעס און איהם דערלאַנגט די פערלאָרענע מטבע.

— נעהמט עס פאַר זיך, עהרליכער אַלטער, — האָט אָסקאַר געזאָגט, — פאַר אײער טרחה.

— מײן טרחה איז געװעזן אַ קלײנע, — האָט דער אַלטער געענטפערט, — דאָס איז צו פיעל.

— נישט פאַר מיר, — האָט אָסקאַר געענטפערט.

נאָר ער איז נישט געװעזן רײך, און דעריבער האָט ער געאײלט אַװעקצוגעהן, כדי קײנער פון די אַרומשטעהענדע זאָל נישט בעמערקען זײן פאַלשע שפּיעל. אָסקאַר האָט געװאוינט אין אַ זעהר װײטען טײל פון שטאָדט, און מיט שטאַרקע טריט האָט ער צוריקגעקעהרט אַהײם. װען ער איז אַהין אָנגעקומען האָט ער געטראָפען שטעהענדיג פאַר דער טהיר דעם אַלטען בעטלער, װעלכער האָט איהם אַקעגען אויסגערופען:

— איהר געהט זעהר שנעל, יונגער העדר!

— און איהר נאָך שנעלער! — האָט אָסקאַר געענטפערט.

— װאָס אַנבעלאַנגט צו מיר, — האָט דער אַלטער געזאָגט לאַכענדיג, — בין איך נישט געגאַנגען צו פוס, איך בין געפאָהרען.

אָסקאַר האָט איהם פערװאונדערט אָנגעקוקט... דאָך —

— זאָל איך װאויל בעקומען, אַלטער, די בעקװעמליכקײט! — האָט ער געזאָגט.

ער האָט געװאָלט אַרײנגעהן אין זײן הויז, נאָר דער אַלטער האָט איהם מיט אײנער פון זײנע קרוקעס פערשטעלט דעם װעג.

— איהר דאַרפט נישט אַזוי אַנטלויפען פון מיר, איהר דאַרפט קײן שלעכטס טראַכטען װעגען מיר, דאָס איך האָב אײערע טסקײט אויסגעניצט, כדי זיך צו לאָזען װאוילגעהן. איהר מײנט, ס'איז אַזוי לײכט צו בעטלען? פּרובט עס נאָר אַמאָל. געבען איז שװער, נעהמען איז נאָך שװערער, נאָר צום שװערסטען איז צו פאָדערען. אָפט, װען איך מוז רעדען הניפה־װערטער צו אַ רײכען לעב־יונג, װעלכען איך װאָלט מיט דער דאָזיגער קרוקע גערן דעם פוסטען מח געשפּאָלטען, — דאַן פיהל איך, װאָס פאַר אַ זױערע אַרבײט עס איז צו בעטלען! נעכטען האָב איך אין דער אָבענד־דונקעלהײט געזעהן אַ מענשען, אײנגעהילט אין זײן מאַנטעל, אַרויסגעהענדיג פון הויז פון אַ הויז פון אַ עהרליכען בירגער, װאָס זײן טאָכטער פערפיהרט ער. „פערגעסט נישט — דעם גאַרסאָן" — האָב איך איהם שטילערהײד געזאָגט, און איהם אויסגעשטרעקט אַקעגען מײן אָפענע האַנד. דער פאַלשער מענש האָט געלאַכט און מיר געגעבען אַ גאָלדענע מטבע. אַה, דאָס בעטלען איז שװער! װי אָפט מאָל האָב איך מיר שוין בעשלאָסען, זיך

צו מאַכען אַביסעל בעקוועמער אויף דער עלטער, און בעסער אַרבייטען איידער בעטלען; נאָר די געוואוינהייט איז אַ פערפיהרערישע הערשערין; אפילו די פיין פון געפּענגניש איז די געוואוינהייט אימשטאַנד צו פערוואַנדלען אין אַ צערטליכע לוסט.

אָסקאַר איז געשטאַנען פאַר'ן בעטלער מיט פערלעגטע הענד.

— איהר רעדט זעהר קלוג, אַלטער; איהר האָט זיך גוט אויסגעלערנט. נו, אַ גוטע נאַכט!

— ניין, יונגער הערר, איהר דאַרפט נאָך נישט געהן. איהר האָט געוואָלט די צייט גוט פערברענגען, און איהר האָט אייער פערגניגען מיר אָבגעגעבען. דער אָבענד איז לאַנג, קומט מיט מיר; איך וויל אייך שענע געשיכטען דערצעהלען. זעהט איהר דאָרט דאָס הויז מיט'ן שילד: „אַ גאַן פּטי”? דאָרט וואָהן איך.

— איך זעה דעם שילד, — האָט אָסקאַר געזאָגט, — נאָר נישט דאָס, וואָס איהר טהוט דאָרט אין שילד.

— ווי, יונגער הערר, צי דען האָט איהר מורא פאַר מיר? זעהט איהר דען נישט אַליין, ווי אַלט און שוואַך איך בין?

— ווייל איהר זענט אַלט און שוואַך, דעריבער האָב איך מורא פאַר אייך; איך וויל נישט קומען דערצו, איך זאָל מיך מוזען בענוצען מיט מיין כח.

דער אַלטער האָט אָנגענומען דעם יונגעמאַן ביי דער האַנד, איהם מיטגעצויגען מיט זיך ביז צו זיין הויז, וואָס זיין טהיר האָט זיך גלייך געעפענט נאָך אַ לייכטען קלאַפּ. זיי זענען אַרויפגעגאַנגען איבער טרעפּ, דער אַלטער האָט אָנגעצונדען אַ ליכט, און אָסקאַר האָט מיט פערוואונדערונג געזעהן, דאָס ער געפינט זיך אין אַ פריינדליכען צימער, וועלכער איז געווען בעזאָרגט מיט אַלע בעדערפנישען פון רייכע מענשען.

— איהר לעבט זיך גוט, אָרעמער הערר, — האָט אָסקאַר געזאָגט.

— יאָ, יאָ! — האָט דער בעטלער געענטפערט. — נאָר קיין זאַך נישט געגנבה'ט, אַלץ עהרליך צונויפגעבעטעלט, און דערצו נאָך, — האָט ער צוגעגעבען שטילערהייד און שמייכלענדיג, — מאַך איך נאָך אַביסעל כישוף.

— ווירקליך? — האָט אָסקאַר געפרעגט לאַכענדיג. — לאָזט זשע מיר אַ קוק טהון אויף אייניגע זאַכען פון אייער צויבער־קונסט.

— מיינט איהר דאָס ערנסט, יונגער הערר? ווילט איהר האָבען אַ בעווייז? נאָר צי טרויט איהר אייערע זינען?

— ניין! — האָט דער יונגער מאַן אויסגערופען האַסטיג. — איך

טרוי נישט מײַנע זינען, ווי נאַרען זאָב, דען זיי װערען אָבגענאַרט; זוכט איך, אַנ'אַנדערן פאַר אײַערע פּאָקוסען!

— נו, נו, ווערט נאָר נישט גלײַך אַזוי ווילד, יונגע הערר. נאָר אַ גלעזעלע טרינקען מיט מיר וועט איהר דאָך?

דער אַלטער איז אַרויסגעגאַנגען און באַלד איז ער צוריקגעקומען מיט דריי פלעשער ווײַן.

— איהר האָט זיך נישט שלעכט, אַלטער! — האָט אָסקאַר געזאָגט.

— נישט פאַר מיר, איך טרינק נישט קיינמאָל קיין ווײַן. דאָס איז אַלין פאַר אײַך, און אפשר וועט עס נאָך נישט גענוג זיין; נאָר איך האָב נאָך מעהר.

דער אַלטער האָט אָנגעגאָסען. אָסקאַרס בליקען זענען געווען פעסט אָנגעשטעלט אויף דאָס גלאָז. אַזוי ווי געשמאָלצען גאָלד האָט דער ווײַן געגלאַנצט, און אין יעדען טראָפּען האָט געפּערלט, געבלאַנקט און געצויגען צו זיך אַ שענע מיידעל=אויג.

אָסקאַר האָט אויסגעטרונקען דאָס גלאָז, דער בעטלער האָט עס נאָך אַמאָל אָנגעפילט. אַלין שנעלער האָט אָסקאַר געטרונקען, אַלין שנעלער האָט דער אַלטער אָנגעגאָסען. דעם יונגען מאַנס בלוט האָט שטורמדיג אַ זעץ געטהון דורך די אָדערען, זיין האַרץ האָט הויך געקלאַפּט, זײַנע ליפּען האָבען געציטערט.

— דו, גרויער קאָפּ, דײַן ווײַן איז גוט!

— נישט אמת, מײַן קינד? ער איז בײַם אײַרופּ געקאָכט, און איך האָב נאָך בעסערען.

— גיב איהם אַהער, לוסטיגע קאַליקע!

— נאָר איין ווײַלינקע געדולד, איך וויל דיר פריהער מײַנע שענע זאַכען ווײַזען.

אַ פאָרהאַנג האָט אַפּגערוישט און איבער דעם זיך=וואַקעלענדיגען אָסקאַר האָט זיך בעוויזען אַ קריסטאַלענער זאַל, וועלכער האָט געלויכטען אין ווידערשײַן פון טויזענד אונגעזעהענע ליכט. וואָס נאָר פאַר אַ אוצרות דער הונקעלער שוים פון דער ערד בעהאַלט אין זיך, וואָס נאָר פאַר אַ הערליכע זאַכען עס קאָן אויסבילדען די קונסטרייכע האַנד פון מענשען, האָט דער זאַל אין זיך פעראייניגט אין פּראַכט און פולקײַט. גאָלד, זילבער און איידעל=שטיינער האָבען דעם באָדען בעדעקט; טויזענדער טײַערע ציערונגען און געפעס זענען געשטאַנען אומעטום; אויף די װענד זענען געהאַנגען בלאַנקענדע געוועהר פון אַלע סאָרטען, און הונדערטער

פויגעל האָבען געצווישערט און געזונגען און אַרומגעשפּרונגען אַהין און אַהער אויף די גאָלדענע שטאַבעס.

אָסקאַר איז געוועזען פערזונקען אין ענטציקונג; אָט האָט אַ נייער גלאַנץ צוגעצויגען זיינע דורשטיגע בליקען, און אָט האָבען זיינע פער־שכורטע אויגען זיך מיעד אַראָבגעלאָזט צו דער ערד. אין מיטען האָט אויסגערופען אַ הייזעריגע שטימע:

— נעהם מיך, נעהם מיך!

אָסקאַר האָט אַהין אַ קוק געטהון און דערזעהען אַ שטאַאַר*), וואָס פון זיין האַלז האָט אַראָבגעהאַנגען אויף אַ ויידענעם שנירעל אַ גאָלדענער דרייעק. אַ דימענט, אַ סאַפיר און אַ רובין האָבען בעפוצט די שפּיצען פון דרייעק. מיט אַ געוואַלט, וועלכער עס איז אומעגליך בייצושטעהן, האָט דאָס ראָזיגע ציערונג צוגעצויגען צו זיך אָסקאַר'ס בליקען.

— נעהם מיך, נעהם מיך! — האָט דער שטאַאַר גערופען.

— אַלטער! — האָט אָסקאַר געזאָגט. — דעם ראָזיגען דרייעק מוזט איהר מיר געבען.

— איהר זענט נישט קיין נאַר, הערר; דאָס קאָסט מיר הריי קע־ניגרייכען.

— גוטער אַלטער, לאָזט מיר נעהמען דעם דרייעק; איהר האָט דאָך אָהן איהם אויך אַזוי פיעל.

— ניין, הערר, וועהלט אייך אויס וואָס איהר ווילט, נאָר דאָס נישט.

— נעהם מיך! נעהם מיך! — האָט אַלץ הייזעריגער גערופען דער שטאַאַר.

אָסקאַר האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צום דרייעק; דער אַלטער האָט איהם אָבגעהאַלטען. אָסקאַר האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך; דער אַלטער האָט סטראַשענדיג אויפגעהויבען זיין קרוקע. דער יונגער מאַן האָט דעם אַלטען מאַן אַנידערגעוואָרפען צו דער ערד, דער לעצטער האָט זיך געראַנגעלט מיט די לעצטע קרעפטען.

— נעהם מיך! נעהם מיך! — האָט דער שטאַאַר געשריען.

אין מיטען האָט אַ בליץ געטהון אין אָסקאַר'ס אויגען אַ שטראַהל פון אַ בלאַנקענדען שפּיז. ער האָט אַ האַפּ געטהון דעם שפּיז פון וואַנד, איהם אַרויסגעצויגען פון שייד, און איהם אַריינגעשטאָכען דעם אַלטען אין ברוסט. דער אַלטער איז שטום געפאַלען אַ טויטער צו דער ערד.

*) אזא פויגעל .

— נ ע ה ם מ י ך! נ ע ה ם מ י ך! — האט דער שטאַר געדופען שנעלער און שנעלער.

אָסקאַר האט אָבגעבונדען דעם דרייעק פון שנירעל און געוואלט ארויסגעהן. דאַן האָבען אַלע פויגעל אָנגעהויבען רופען:

— נ ע ה ם מ י ך א וי ך! נ ע ה ם מ י ך א וי ך!

אָסקאַר האט זיך אומגעקוקט און דערזעהן דעם אַלטענס פערגלעזערטע אויגען. דאַן האט אַ שרעק אַרויסגעשטראָמט פון דעם יונגען מאַנס גלידער; אַ טויט-בלאַסקייט האט איהם בעדעקט, זיינע קני האָבען געציטערט און צוזאַמענגעפאַלען.

— מערדער! מערדער! — האָבען טויזענדער שטימען געהוילט פון סופיט אַראָב. אָסקאַר'ן האט אָנגעהאַפט פערצווייפלונג; ער האט אַרויסגעצויגען די משפיעז פון טויטענס ברוסט און איהם געוואלט אַריינזעצען אין זיין אייגען האַרץ. ער האט דערפיהלט, ווי עמיץ האַלט אָב זיין אָרעם. דער אַלטער מאַן איז געשטאַנען פאַר איהם, נאָר אָהן קריקעס. אַ שנעעווייסער מאַנטעל האט בעדעקט זיינע אַקסלען, אַ לאַנגע באָרד האט הוואַליעס-ווייז זיך אַראָבגעלאָזט ביז איבער זיין ברוסט!

— אָסקאַר! — האט ער געזאָגט שמייכלענדיג, — דיינע זינען האָסטו נישט געוואלט טרויען, און דיין האַרץ טרויסט דו יאָ? אידעלער יונגער מאַן, דו האָסט זיך אָנגעשכורט, דו האָסט גערויבט, דו האָסט געמאָרדעט— גלויבסטו שוין איצט, אַז איך קאָן כשוף מאַכען?

אָסקאַר, ניעדערגעשלאָגען פאַר חרפה און ערהרפורכט, איז דעם אַלטען געפאַלען צו די פיס.

— פערגיעב מיר, מיין פאָטער!

— שטעה אויף, מיין זוהן! דו ביזט נישט בעגאַנגען קיין שלעכטע זאַך; נאָר אין חלום ביזטו געוועזען אַ פערברעכער.

— אָ, מיין פאָטער, מאַך מיט דיין כשוף, דאָס דער דאָזיגער גלאַנץ זאָל ווידער פערשוואונדען ווערען פון מיינע אויגען, דען ער וויזט מיר די מורא'דיגע אָבגרונדען פון מיין האַרצען!

דער אַלטער האָט אַ וואונק געטהון, דער זאַל איז פערשוואונדען געוואָרען, און אָסקאַר האָט זיך ווידער געזעהן אין פריינדליכען צימער. נאָר דער דרייעק, וועלכער האָט איהם פערפיהרט, איז געלעגען פאַר זיינע אויגען אויפ'ן טיש.

— זאָל דאָס אויך פערשוואונדען ווערען! — האָט אָסקאַר געבעטען. דער אַלטער האָט עס בעריהרט, און דער דרייעק האָט זיך פערוואַנדעלט

אין אַ בלומען-בוקעט. פון דימענט איז געוואָרען אַ ליליע, פון סאַפיר אַ פייַלכען, פון רובין אַ טולפע.

— נעהם די דאָזיגע בלומען, אָסקאַר, — האָט דער אַלטער געזאָגט. — אונשולד איז די ליליע, בעשיידענהייט איז דאָס פייַלכען, געזונדהייט — די טולפע. היט שטאַרק נאָר די טולפע; כל זמן זי בליהט, בליהען אויך די איבעריגע. געזונדהייט איז דאָס געפעס פון יעדער גוטער מדה; פערהיט זי דיר, קאָנסטו קיינע נישט האָבען. און איצט דערוויס זיך מיין זוהן, ווער איך בין. גייסטער, וועלכע בעגרייפען מיך, רופען מיך: דער צויבערער האַנעסטוס; פאַר געוועהנליכע מענשען בין איך אויך אַ געוועהנליכער מענש. שוין צוויי טויזענד יאָהר וואַנדער איך איבער דער ערד און זוך די טוגענד (גוטע מדות). איך האָב זי אָפט געפונען, נאָר ווייט פון איהר איז דאָס גליק. און דאָס האָט מיר וועה געטהון אין דער גרעסטער טיעפעניש פון מיין נשמה, און מיך האָט פערדראָסען דער שפאָט פון די שלעכטע מענשען, וועלכע רופען די טוגענד שפאָטיש: בעטלערין. דאַן ביזטו געבאָרען געוואָרען אונטער אַ שענעם שטערן, און איך האָב געוואַכט איבער דיינע טעג און וועג. דו ביזט אַ גוטער, אָסקאַר, און דו ביזט פרעהליך און גליקליך. מיין צויבער-קראַפט קאָן דיר נישט מעהר פערשאַפען; נאָר בעקליידען וויל איך דיין טוגענד, דיין גליק וויל איך געבען אויך אַ אויסערליכען שיין, כדי די גוטע זאָלען ערמונטערט ווערען און די שפּאָטער זאָלען זיך מוזען אונטערגעבען. נעהם די דאָזיגע פערגאַמענטען, אָסקאַר. קלוגשאַפט שטעהט אויף איינעם געשריבען, ריכטום אויפ'ן אַנדערען, מאַכט אויפ'ן דריטען. איינעם זאָלסטו אויסוועהלען; די איבעריגע וואַרף אַוועק פון דיר.

אָסקאַר'ס האַנד, וועלכע האָט געציטערט פאַר פרייד, האָט אָנגענומען די פערגאַמענטען, און דאָס האַרץ איז איהם ברייטער געוואָרען פון דעם געפיהל, אַז איצט מעג ער פריי הערשען איבער אַלע אוצרות. צום ערשטען האָט ער בעסער געוואָלט אויסוועהלען די קלוגשאַפט, און שוין האָט ער געמאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד, אַוועקצוואַרפען די איבעריגע פערגאַמענטען, נאָר דער גוטער אַלטער מאַן האָט איהם אָבגעהאַלטען דערפון, און ער האָט זיך בעטראַכט.

— צי דען איז בעגעהרען קלוגשאַפט אויך נישט אַזאַ תאוה צו רייכקייט, וועלכע שטאַרבט דורך זעטיגונג אָדער קרענקט פון הונגער? צי דען וועט זי מיך גליקליכער מאַכען? די ווינציגע שטראַהלען, וועלכע איך האָב בעקומען מעהר ווי אַנדערע, האָבען מיר ענטדעקט אָבגרונדען דאָרט, וואו אַנדערע

זעהען בלומענגערטנער. זאָל איך דעם קליינעם קרייז פון מיינע פריינד נאָך ענגער מאַכען? זאָל איך די צאָהל פון די יעניגע, וועלכע איך ליעב, נאָך קלענער מאַכען? זאָל איך זיך אויסלערנען צו פעראַכטען די יעניגע, וועלכע איך האָב געאַכטעט? בין איך דען שוין נישט גענוג איינזאַם? ניין! קלוגשאַפט איז אַ בייזער געשאַנק פון דער צאָרענדער געטער. אַוועק פון מיר!

אָסקאַר האָט אַוועקגעוואָרפען פון זיך די קלוגשאַפט. האַנעסטוס האָט געריהרט צוגעדריקט דעם יונגען מאַן צו זיין ברוסט און האָט געזאָגט צו איהם:

— דעם שווערסטען קאַמפף האָסטו בייגעקומען, מיין זוהן, און איצט האָב איך שוין נישט קיין מורא, טאָמער וועסטו שלעכט אויסקלייבען.

איצט האָט אָסקאַר גענומען דעם רייכטום, אַ שמייכעל געטהון און געלאַסען האָט ער איהם אָבגעלאָזט פאַלען צו זיינע פיס.

די מאַכט איז איהם נאָך געבליבען. אַ וועלט בעהערשען! מיליאָנען מענשען בעגליקען! מיליאָנען הערצער זיך געווינען! די גוטע בעלויהנען, די שלעכטע בעשטראָפען! יאָ, שען איז די מאַכט, שען ווי אַ ראָזע. נאָר איהרע דערנער! און אונטער דער ראָזע לויערט די שלאַנג הגיפה. ווער האָט דען דעם סצעפטער אמאָל געפיהרט? ער, דער סצעפטער, פיהרט די האַנד.

— איך בין נישט אימשטאַנד צו זיין בעסער ווי אַנדערע; נאָר איינס בין איך מעהר אימשטאַנד — די קרוין אָבצוּוואַרפען פון זיך...

און אָסקאַר האָט אַוועקגעוואָרפען די קרוין.

— איך דאַנק דיר, מיין פאָטער, איך בין צופריעדען, איך האָב נישט קיין פערלאַנג.

דער אַלטער מאַן האָט שטרענג און ערנסט גערעדט צום יונגען מאַן:

— ווי, אָסקאַר? ביזטו גליקליך, ווען דו ביזט גליקליך? ביזטו צופריעדען, ווען דו פערלאַנגסט נישט קיין זאַך? איז דען אָסקאַר אַליין אויף דער גאַנצער ערד?

דער יונגער מאַן איז רויט געוואָרען. און עס זענען צוגעקומען צו איהם די אַלע, וועלכע זענען זיין הארצען טייער געוועזן. צום ערשטען זיין פאָטער און זיין מוטער, דאַן ברודער און שוועסטער, דאַן די פריינדין, דאַן דער פריינד; צו דעם איינעם איז צוגעקומען נאָך איינער, און צו איהם ווידער איינער. און אַלץ גרעסער איז געוואָרען די מהנה, און אַלץ

העכער האָט זיך געהויבען דעם יונגען מאַנ'ס האַרץ, און אַלץ ברייטער איז געוואָרען זיין ברוסט, ביז זי האָט אַרומגעשלאָסען די גאַנצע מענשהייט.

— וואָס וועהלסטו אויס פאַר אַנדערע? — האָט האַנעסטוס געפרעגט.

— אָ, מיין פאָטער, איך קאָן נישט וועהלען, מאַך אַלע מענשען גליקליך!

האַנעסטוס האָט אַ שמייכעל געטהון.

— וואָס דו בעגעהרסט, אָסקאַר, קאָן איך נישט ערפילען: נאָר די טוגענד מאַכט גליקליך.

אָסקאַר איז געפאַלען דעם אַלטען מאַן צו די פיס און האָט אויפגעהויבען צו איהם די הענד מיט געבעט.

— טאָ מאַך זיי טוגענדהאַפט, כדי זיי זאָלען גליקליך ווערען! מאַך אַלע מענשען גוט, מאַך זיי אַלע גליקליך!

האַנעסטוס איז בלאַס געוואָרען און האָט געזאָגט מיט אַ שטילער, ציטערנדער שטימע:

— פאָדער דאָס נישט, מיין זוהן! איך טאָר דיר דאָס נישט אָבזאָגען, דאָך פאָדער עס נישט! די זינד איז פוילעניש און פוילעניש איז דער קוואַל פון לעבען.

נאָר אָסקאַר, זייענדיג בערוישט פון זיין מענשען־ליעבע, האָט נישט געהערט, וואָס דער אַלטער מאַן האָט צו איהם גערעדט. ער האָט אַרומגענומען זיינע קניע און געבעטען מיט הייסע טרעהרען:

— אָ, מעכטיגער פאָטער, גיב די מענשען די טוגענד, גיב זיי דאָס גליק!

— פאָדער דאָס דריי מאָל, אָסקאַר!

און דריי מאָל האָט דער יונגער מאַן ווידערהאָלט זיין בימע.

— עס זאָל געשעהן! באַלד קומט די האַלבע נאַכט; אין דעם דאָזיגען שפּאַלט פון דער צייט מוז איך אַנגרייפען, כדי צו שיידען די נאַטור פון איהרע בעגלייטער, אום איך זאָל ווערען זייער הערר. קום צו זיך, אָסקאַר!

עס איז אָנגעקומען האַלבע נאַכט. האַנעסטוס האָט אויסגעשטרעקט זיין צויבער־שטאַב אַקעגען מזרח און מערב און צפון און דרום, און האָט גערעדט געהיימניספולע ווערטער. פון הימעל האָבען אַראָבגעטריפט ווייסע האַרפען־טענער; פון דער ערד האָט אַרויסגעשאַלט אַ מיאוסער געלעכטער. אָסקאַר, געדריקט צווישען ענטציקונג און שרעק, האָט געפרעגט:

— פון וואַנען קומט דאָס מורא'דיגע לאַכען?

— שטיל, מיין זוהן! — האָט דער אַלטער מאַן געענטפערט מיט אַ

שטילער שטימע. — דאס איז דער גייסט, וואס פרעהט זיך מיט די ליידען פון אנדערע, צערייץ איהם נישט. איבער איהם האב איך קיין מאכט נישט. קום ארויס אויף דער פרייער וועלט, כדי מיר זאלען אונזער ווערק בע־טראכטען.

זיי זענען ארויסגעגאנגען; עס איז געווען א שטילע פייערליכע נאכט, און אסקאר האט אויפגעהויבען דעם פרומען בליק צום אויסגעשטערנטען הימעל. גערידהרט האט דער אלטער מאן געזאגט:

— ערקוויק דיך נאך איין מאל מיט דער דאזיגער זיסער נאכט; זי איז די לעצטע פון דער דאזיגער ערד. נאכט איז זינה, און די זון וועט שוין קיינמאל מעהר נישט אונטערגעהן.

זיי זענען געקומען אין א דונקעלע גאס און האבען געזעהן א לייטער צוגעשטעלט צו א הויז, און אויפ'ן לייטער איז ארויפגעשטיגען א מענש, וועלכער האט זיך ארומגעקוקט מיט שרעק.

— וועסטו איהם דאס לאזען טהון? — האט אסקאר געפרעגט. — פילייכט וועט ער ערמארדען א מענשען, וואס שלאפט זארגלאז?

— זיי רוהיג, מיין זוהן. די גנבה איז שוין געווען פריהער אויסגע־פיהרט געווארען, דערוויל איז אנגעקומען האלבע נאכט און דער גנב האט צוריק בעקומען די טוגענד, און איצט טראגט ער אב צוריק דאס גע'גנבה'טע פערמעגען.

דאנעסטוס איז מיט'ן פרעהליכען יונגען מאן ווייטער געגאנגען. זיי זענען אומעטום אריינגעדרונגען, אלץ האבען זיי געזעהן, נאר זיי האט מען אין ערגעץ נישט געזעהן.

— וואס זענען דאס פאר א שטימען, וואס וויינען דארט אין יענעם גרויסען געביידע?

— דאס זענען רויבער און מערדער אין געפענגעניש; זיי בעטען גאט.

זיי זענען אריינגעגאנגען אין א צימער, וועלכען א נאכט־לאמפ האט בעלויכטען. א שענע פרוי איז מיט צעשויבערטע האר געלעגען אויף די קניע פאר דער וויג, פון איהר קינד און האט דאס שלאפענדיגע קינד געקושט און געוויינט איבער איהם. הינטער דער טהיר איז געשטאנען א מאנספערזאן, וועלכער האט רויט ווערענדיג אויסגעשטרעקט זיין האנד צו דער פרוי צו, און די מוטער האט בעדעקט איהרע אויגען.

— ווער זענען די, האנעסטוס?

— דארט דער מאנספערזאן איז דער פערפיהרער, וועלכער איז גע־קומען צו דער שטונדע, צו וועלכער זיין פריינדס פרוי האט איהם גערופען.

מיין צויבער-שטאב האט שנעל געווירקט; די הרטה איז אנגעקומען שנעלער ווי די שולד, די מוטער בעט פון קינד פערציַיען פאר איהר פערברעכען, וואס זי איז בעגאנגען קעגען פאטער, און דער פערפיהרער געהט וויינענדיג אוועק פון דער שענער זינד.

זיי זענען געקומען אויף א גרויסען פלאץ, וועלכען פיעל בוימער האבען געציערט. און פון אלע הייזער ארום זענען ארויסגעלאפען טויזענדער מענשען, און סאלדאטען האבען געאיילט אהער, פוסגעהער און רייטער, און פאהנען האבען געוועהט, פויקען האבען געקלאפט, דארמאטען זענען אנגעלאדען געווארען און איבעראל איז געווען א גערויש פון געוועהר, א געשריי און א מהומה.

— וואס איז געשעהן? — האט אסקאר געפרעגט.

— די, וועלכע קומען דארט פון די הייזער, זענען שפיעלער, מאשעניקעס, פערדארבענע און שפיאנען, זיי אלע האט דער צויבער פון דער טוגענד ארויסגעיאגט פון זייער פערבארגענהייט; און די מאכט, וועלכע איז מיט דער טוגענד נישט געוואהנט און ציטערט פאר איהר, האט ארויסגעשיקט איהרע מתנות, צו בעגעגענען איהר.

דער טאג איז אנגעקומען, נאר די נאכט-שטילקייט איז געבליבען. קיין פוהר האט נישט גערוישט איבער דער גאס, קיין פויער האט נישט געשריען, קיין האמער-קלאפ האט זיך נישט געהערט, און דער מארק איז געבליבען לעדיג.

— פארוואס אזא שטילקייט, האנעסטוס?

— די מענשען האבען שוין נישט מעהר קיין פאלשע פערלאנגען, זיי בעניגענען זיך מיט וואס זיי האבען און רוהען.

פאר א הויז פון א בעקער זענען געשטאנען יאמערענדע מענשען, וועלכע האבען אומזיסט ברויט פאר געלד פערלאנגט. דער ברויט איז שוין לאנג אומזיסט צעטיילט געווארען צווישען די ארעמע.

הונדערט טוידטע קערפער זענען געלעגען אויף דער גאס.

— ווער זענען די דאזיגע אונגליקליכע, האנעסטוס?

— דאס זענען שפיאנען, וועלכע ווילען בעסער פאר הונגער שטארבען, איידער זיך נאך קארמענען מיט שאנד.

זיי זענען געקומען פאר'ן קעניגס פאלאץ, וועלכער איז נישט בעוואכט געווען. דער קעניג האט שוין פאר קיינעם נישט מורא געהאט, ווייט קיינער האט שוין פאר איהם נישט מורא געהאט. זיי זענען אריינגעגאנגען אין פארזאל, אין וועלכען די הויפלייט האבען זיך פערזאמעלט, און זיי האבען

נאַסע אויגען געזעהן. אײן אַלטער מאַן האָט זיך יאָמערענדיג געוואָרפען צו די פיס פון אַ יונגען מאַן און געזאָגט:

— פערגיב מיר, איך האָב אויף דיר רכילות גערעדט!

זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין קעניגס־זאַל. דער קעניג איז געזעסען אויף זײַן טהראָן, און אַ פרוי האָט זיך דורכגעשטופּט הורך די מאַסע, זיך אַניעדערגעוואָרפען אויף די קניע און געריפען:

— האַלט דײַן שווערד צוריק, ער איז אונשולדיג!

און דעם קעניגס פערטרויטער איז בלאַס געוואָרען און האָט געזאָגט:

— איך אויך, אָ הערר, איך האָב דיך אויך אָבגענאַרט.

און דער קעניג איז וויינענדיג אַראָבגעגאַנגען פון זײַן טהראָן.

האַנעסטוס און דער ערשיטערטער אָסקאַר האָבען געאײַלט אַרויס־צוגעהן פון פּאַלאַץ. זיי זענען געגאַנגען אויפ'ן ברעג פון טײַך; פלוצלונג האָבען זיי זיך אָנגעשטויסען אויף אַ טוידטען קערפּער פון אַ יונג מיידעל. אָסקאַר האָט אָבגעווענדעט זײַן בלאַס געזיכט.

— די אונגליקליכע! — האָט האַנעסטוס געזאָגט. — די פערגאַנגענע נאַכט האָט איהר אונשולד אַוועקגערויבט, און פערצווייפעלט איבער דעם, וואָס זי האָט פערלוירען איהר שענסטעס פערמעגען, האָט זי דעם טוידט אין די וועלען געזוכט.

זיי זענען צום בריק געקומען. דאָרט איז געשטאַנען אַ הויכער, בלייכער, יונגער מאַן, וועלכער האָט אַ ווײַלע זײַן בליק צום הימעל אויפ־געהויבען און באַלד האָט ער ווידער אַראָבגעקוקט צום טײַך. און ער איז געווען אַזוי אונגעהויער טרויעריג; דאָך זענען זײַנע אויגען טרוקען געווען. אָסקאַר האָט זיך געפיהלט מעכטיג צוגעצויגען צום יונגען מאַן.

— ווער איז דער דאָזיגער יונגער מאַן, מײַן פאָטער?

— ווײַטער, ווײַטער! — האָט האַנעסטוס געשריען מיט אַ שטימע פון שרעק, — און זיין, אָסקאַר, ווײַן דערפאַר, וואָס דו ביזט אַ מענש געוואָרען.

— אָ, וואַרט אַ ווײַלע, מײַן פאָטער; זאָג, ווער איז דער דאָזיגער לײַדענדער יונגער מאַן?

— קום צו נעהנטער, אָסקאַר! זעה די דאָזיגע באַקען, ווי בלאַס זיי זענען! אַמאָל זענען זיי בײַ איהם פורפור־רויט געווען, און זיי זענען בלאַס געוואָרען נאָר דאַן, ווען ער האָט וועגען אונטערדריקונג געהערט. זעה די דאָזיגע אָרעמס, ווי מאָגער און שוואַך זיי זענען! אַמאָל זענען זיי געווען שטאַרק ווי שטאָהל, צו קעמפען פאַר פרײַהײַט און רעכט.

קוק שוידערנדיג אַרײַן אין די דאָזיגע אויסגעברענטע אויגען! אַמאָל האָבען זיי געלויכטען, אָנגעצונדען פון הימעל אַליין, דורכצוגליהען דאָס האַרץ פון אַ פרום מיידעל. אַה, ער איז געווען אַזוי פעסט און גוט; נאָר ווער איז פאַר דעם פערפיהרער צו פעסט און צו גוט? די תּמרע שלוחים פון דער מאַכט זענען הינטער איהם געקומען, איהם צו פערדאַרבען. וואָס נאָר שעדליכעס עס גיעבט אין שולדלאָזען שפּיעל, וואָס נאָר בע־טויבענדעס עס גיעבט אין וויין, וואָס נאָר גיפטיגעס אין דער ליעבע, האָבען זיי אַלץ צוזאַמען אויסגעמישט אין זיין געזונדער נשמה. דאַן האָט ער זיך זיי איבערגעגעבען פאַר מיאוס געלד און פאַר מיאוס׳ען כבוד. זיי האָבען איהם געפיהרט פון שפּאַס צו לייכטזיניגקייט, פון לייכט־זיניגקייט צו פאַלשקייט, פון פאַלשקייט צו פערברעכען. די דאָזיגע אויערען, וועלכע זענען אַמאָל געווען אָפען נאָר פאַר דער שטימע פון דער טוגענד, האָבען בגנבה נאָכגעשפּירט, כּדי צו דערהערען אַ אונפאָרזיכטיג וואָרט. די דאָזיגע אויגען, וועלכע האָבען אַמאָל געהאַט נאָר ליעבעס־בליקען, האָבען געזוכט די דונקעלע וועגען פון פערטרויען און האָבען מיט פאַלש־קייט ערמאָרדעט די זאָרגלאָזע. די דאָזיגע צונג, וועלכע האָט אַמאָל גע־זונגען נאָר ליעבע און פריינדשאַפט, איז געוואָרען אַ נאָטער־שלאַנג און האָט געשטאָכען. דאַן האָט ער פערראַטען זיין טרייען פריינד, וועלכער איז געכטען אויף דער תּליה געשטאָרבען. דער פעררעטער האָט זיין לעצטען קוש בעקומען, און: „זיי זיך נוקם פאַר מיר!" — האָט איהם דער פער־אורטיילטער אַריינגערוימט אין אויער. דער טייוועל האָט איהם מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל נאָכגעקוקט און האָט אין אָבענד זיך געלאָזט וואויל געהן פאַר׳ן לויהן פון זיין זינד. דאַן איז איבער איהם געקומען די פורכט־באַרע האַלבע נאַכט, די האַלבע נאַכט, וואָס איך, אָסקאַר, האָב לויט דיין ביטע געשענקט. אַ מוראדיגער חלום האָט איהם פון שלאָף אַרויס־געיאָגט... איך וועל זיך נוקם זיין פאַר דיר! — האָט ער אויס־געשריען אין פערצווייפלונג און איז געלאָפען צום בריק. פון האַלבע נאַכט אָן זוכט דער אונגליקליכער דעם טוידט אין די חוואַליעס, האָט מורא איהם צו געפינען און זוכט איהם ווידער.

דער בלאַסער יונגער מאַן האָט איצט נאָך שטאַרקער אַראָבגעקוקט אין שטראָם.

— האַלט איהם אָב, האָנעסטוס, — האָט אָסקאַר אויסגעשריען שוי־דערנדיג; — עס איז מוראדיג, זיך צו ווייזען פאַר׳ן וועלט־ריכטער מיט אַזאַ שולד.

— אָסקאַר! — האָט דער כשוף־מאַכער געזאָגט, — דאָ ענדיגט זיך מײַן מאַכט. די זינד איז פון איהם פערשוואונדען געוואָרען, די חרטה איז צו איהם געקומען; וואָס ער האָט זיך פערשולדיגט, מוז ער איצט אָ־קומען.

אָסקאַר איז יאָמערדיג אַניעדערגעפאַלען פאַר'ן כשוף־מאַכער.

— טאָ גיעב איהם די זינד צוריק און נעהם פון איהם צו די חרטה; גיעב די מענשען זייערע אַלטע פערלאַנגען צוריק! גיעב זיי זייער פער־דאָרבענהייט צוריק! גיעב אַלע מענשען זייערע אַלע זינד צוריק!

ער האָט זיך אויפגעהאַפט... די מענשען האָבען עם אַלץ ווידער גע־האַט.

איבערזעצט: לעאָן.

יאַלמאַר סיעָדערבערג.

אַ הפקר־הונד.

ס׳איז געשטאָרבען אַמאָל אַ מענש, און אַז ער איז אָפּגעשטאָרבען, איז ניט געװען װער עס זאָל זיך זאָרגען װעגען זײַן שװאַרצען הונד. דער הונד האָט איהם לאַנג און יאָמערליך בעװײנט.

נאָר דאָך איז ער ניט אויסגעגאַנגען פון צער אויפ׳ן קבר פון זײַן האַר, אפשר צוליעב דעם, װײַל ער האָט ניט געװאוסט, װאו געפינט זיך דיעזער קבר און אפשר אויך דערפאַר, װײַל ער איז אײגענטליך געװען נאָך אַ יונגער און פרעהליכער הינטיל, װאָס האָט נאָך פון לעבען ניט אַל׳ץ גענאָסען.

עס זײַנען דאָ צװײערלײַ הינד; הינד, װעלכע האָבען אויף זיך אַ האַר, און הפקר־הינד. זײער אויסערליכער אונטערשייד איז ניט װיכטיג. דער הפקר־הונד קאָן אַמאָל זײַן אַזוי פעט און געזונד, װי אַן אַנדערער, און אָפטמאָל נאָך פעטער און געזינדטער. נײַן, די נפקא־מינה בשטעהט אין אַן אַנדער זאַך. דער מענש האָט פאַר דעם הונד די בעדײַטונג פון די אונענדליכקײַט, פון דער אויבערשטער השגחה. דער האַר, װען מען קאָן געהאָרכען, נאָך װעלכען ער קאָן נאָכגעהן, אויף װעמען ער האָט זיך צו פערלאָזען — דערין, קאָן מען זאָגען, בעשטעהט דאָך דער זין פון הונדישען לעבען. אמת, ער האַלט גאָר ניט יעדע רגע אין אײן טראַכטען װעגען זײַן הערן און ער געהט איהם ניט נאָך שטענדיג נאָך די טריט; ער לויפט זיך אָפט אַרום מיט אַזאַ מין בעשעפטיגטען אויסזעהן, װאו זײַן אײגענע

פערשטאַנד פערטראָגט איהם, און שמעקט אַרום יעדען ווינקעל, און פערפיהרט בעקאַנשאַפט מיט זיין גלייכען, און שפּיעלט זיך מיט אַ ביין, ווען עס מאַכט זיך, און איז בכלל וועניג וואָס בעקימערט. אָבער קוים דערהערט זיך דער פייף פון זיין בעל־הבית, ווערט דאָס אַלין פערשוואונדען פון זיין הינדישען מח גיכער, ווי דער בייטש האָט אַמאָל די קרעמער פון בית־המקדש פערטריבען. ווייל ער ווייס, אַז דער עיקר איז נאָר איינס און ער פערגעסט זיין ווינקעל, זיין ביין, זיינע חברים און איילט צו זיין בעל־הבית.

אַלזאָ, האָט דער הונד לאַנג בעוויינט זיין בעל־הבית, וואָס איז ביי איהם געשטאָרבען — און ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי, און וועלכען מען האָט מקבר געווען — און ער האָט ניט געוואוסט וואו. נאָר אַז די צייט איז זיך געלאָפען, און ס'האָט זיך קיין זאַך ניט פאַסירט, וואָס זאָל איהם קאָנען דערמאָהנען וועגען זיין בעל־הבית, האָט ער זיך און איהם פערגעסען. אויף דער גאַס, אויף וועלכער זיין האַר האָט אַמאָל געוואוינט, האָט ער מעהר שוין ניט געפיהלט דעם ריח פון זיינע שפּורען. אַז ער פלעגט זיך וואַלגערן אויפ'ן לאַנקע מיט נאָך הינד, פלעגט אָפט טרעפען, אַז אַ שניידענדער פייף פלעגט זיך דערהערען אין דער לופטען, און אין דעם זעלבען אויגענבליק פלעגט איינער פון די הינט פערשווינדען, אַזוי ווי אַ ווינד וואָלט איהם פערטראָגען. דאַן פלעגט ער זיך איינהערען, אָנ־געשעלענדיג די אויערען. אָבער קיין פייף איז ניט געווען ענהליך אויף זיין בעל־הבית'ס פייפען. אָט אַזוי האָט ער פערגעסען אָן דעם בעל־הבית און זאָגאַר אָן נאָך אַ פיעל וויכטיגערע זאַך: ער האָט פערגעסען, אַז ער זאָל אַמאָל גאָר האָבען אַ בעל־הבית. ער האָט פערגעסען, אַז ס'איז אַמאָל געווען אַ צייט, ווען ער האָט גערעכענט גאָר פאַר אונמעגליך, אַז אַ הונד זאָל קאָנען זיין אָהן אַ בעל־הבית. ער איז געוואָרען, ס'פּאַסט צו זאָגען, אַ הונד, וואָס האָט געוואוסט אַמאָל פון בעסערע צייטען, לכל הפחות, אין זין פון רוחניות, ווייל אין הלכות גשמיות האָט זיך געלעבט, ווי אַ הונד קאָן לעבען: ווען ניט ווען, פלעגט ער אַראָבשלעפּען עפּעס אַ ביסען אויפ'ן מאַרק — און פלעגט בעקומען אַ שטויס מיט'ן פוס; ער פלעגט פערפיהרען ליעבעס און פלעגט איינשלאָפען, ווען ער פלעגט ווערען פערמאַטערט; האָט זיך ערוואָרבען שונאים און גוטע פריינד. איינמאָל האָט ער שטאַרק צוביסען אַן אַנדער הונד, וועלכער איז געווען שוואַכער פון איהם, דעם צווייטען מאָל האָט ער ווידער געקראָגען צוקאַליעטשעט פון אַן אַנדערען, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען שטאַרקער פאַר איהם. פון פריה־מאָרגענס פלעגט מען

זעהן, ווי ער פלעגט לויפען אויפ'ן גאס פון זיין אמאָליגען בעל־הבית, וואו ער פלעגט פערברענגען נאָך זיין אַלטער געוואוינהייט די מעהרסטע צייט. ער לויפט גראַדע פאַראויס, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס געהאַט וויכטיגע געשעפטען. ער טהוט א שמעק פאַרביילויפענדיג א הונד, וואָס בעגעגענט זיך איהם, אָבער ער פרובט זיך ניט שליסען קיין נעהנטערע בעקאַנטשאַפט; נאַכהער הויבט ער אָן צו לויפען נאָך געשווינדער, נאָר אין מיטען דערינען זעצט ער זיך אַניעדער אויף דר'ערד און הויבט אָן מיט גרויס ענערגיע צו קראַצען זיך הינטער'ן אויער. פלוצלונג שפּרינגט ער אויף און וואַרפט זיך אין מיטען גאַס צו פערטרייבען די געלע קאַץ אין פענסטער פון קעלער, און נאָכהער, מיט זיין פריהערדיגען פערנומענעם פנים, לאָזט ער זיך ווידער אין וועג און פערקירעוועט אויפ'ן רעכטס.

אַזוי פלעגט פאַרבייגעהן טאָג נאָך טאָג, יעדעס יאָהר פלעגט אין אַלע פרטים איבער'חזר'ן דאָס פאָריגע, און ער האָט זיך דערווייל געעלטערט, עפּעס אַזוי אונבעמערקט פאַר זיך אַליין.

אָט איז איינמאָל געווען א חמאַרנער אָבענד. געווען איז נאָס און קאַלט, און א שלאַקס רעגען פלעגט גיסען פון צייט צו צייט. דער אַלטער הונט האָט דעם גאַנצען טאָג פערבראַכט אין לויפעניש איבער'ן שטאָדט. פאַמעליך איז ער יעצט געגאַנגען איבער'ן גאַס, אַביסעל צוהינקענדיג. איינינע מאָל האָט ער זיך אָבגעשטעלט, פלעגט א טרייסעל טהון מיט זיין שוואַרצען פעל, אויף וועלכען עס האָבען זיך מיט דער צייט בעוויזען גרויסע פלעקען אויפ'ן קאָפּ און אויפ'ן האַלז. ווי זיין געוואוינהייט, איז ער געגאַנגען און געשמעקט רעכטס און לינקס. אָט איז ער פערפאַלען געוואָרען עפּעס אין אַ גאַס־טהיר און איז שפּעטער אַרויסגעגאַנגען מיט עפּעס נאָך א הונט. באַלד האָט זיך צוגעטשעפּעט א דריטער. דאָס זענען אַלע געווען יונגע, לוסטיגע הינט, און זיי האָבען געוואָלט אַביסעל שטיפען מיט איהם, נאָר ער איז געווען עפּעס אין א שלעכטער לוינע, אגב האָט אָנגעהויבען א גוט רעגען. דאָ האָט זיך דערהערט א דינעם פייפען, א דויערנדעס און דורכדרינגענדעס פייפען. דער אַלטער הונט האָט א קוק געטהון אויף די יונגע, נאָר יענע האָבען זיך נישט גערירט פון אָרט: ניט זייערע בעלי־הבתים האָבען דאָס געפייפט. אָבער דער אַלטער היימלאָזער הונט האָט דאָ אָנגעשטעלט די אויערען. עפּעס א מאָדנער געפיהל האָט איהם אַרומגעכאַפּט. ווידער א פייף, און דער אַלטער הונט האָט אָנגעהויבען אונענטשלאָסען אונטערצושפּרינגען דאָ אין איין זייט, דאָ אין די אַנדערע. פּטייטש, דאָס האָט דאָך, דוכט זיך, זיין בעל־הבית געפייפט, ער דאַרף

דאך איהם עפעס פאלגען. און א דריטען מאל האט זיך דערהערט עמיצינס פייפען, אזא דורכנעהמענדעס, אזא שניידענדעס. וואו זשע איז ער, אין וועלכער זייט? ווי האב איך דאס געקאנט שיידען מיט מיין האר! און ווען האט דאס פארט געטראפען, נעכטען, אויערנעכטען אדער גאר אקארשט, מיט אייניגע מינוטען צוריק? און וואס פאר א אויסזעהן האט ער פארט געהאט, וואס פאר א ריח, און וואו איז ער, וואו איז ער? ער איז ארומגעלאפען און האט ארומגעשמעקט אלע פארביי־געהער, אבער קיינער איז ניט געוועזען זיין בעל־הבית, און קיינער האט דאס ניט געוואלט זיין. ער האט זיך אומגעקעהרט און אנגעהויבען צו לויפען איבער'ן גאס; אויפ'ן ראג האט ער זיך אבגעשטעלט און האט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען. ניטא דער בעל־הבית. דא האט ער זיך מיט א טייוועלשען אימפעט אוועקגעטראגען צוריק איבער'ן גאס; ער איז געוועזען בעדעקט מיט קויט, און וואסער האט געקאפעט פון זיין פעל. אויף אלע ראגען האט ער זיך אבגעשטעלט, אבער זיין בעל־הבית איז ערגעץ ניט געוועזען. דאן האט ער זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שיידע־וועג, האט אויסגעצויגען אויף ארויף צום הימעל זיין לאכמאטען קאפ און האט געוואיעט.

צי האסטו געזעהן, צי האסטו געהערט אזא פערגעסענעם הונד אהן א בעל הבית און אהן א היים, ווען ער ציהט אויס זיין האלז צום הימעל און סקאוואוטשעט, און סקאוואוטשעט? די איבעריגע הינד רוקען זיך שטילערהייד אב, אראבגעלאזען דעם עק; ניט זיי קאנען דא עפעס העלפען, ניט זיי קאן דא טרייסטען.

פראנק וועדעקינד.

דאס פערהיטונגס-מיטעל.

ווען איך דערצעהל אייך, ליעבע פריינד, די דאזיגע געשיכטע, טהו איך דאס נישט דערפאר, כדי אייך צו ווייזען א נייען ביישפיעל פון דער ווייבערישער פאלשקייט אדער די נארישקייט פון די מענער; איך דערצעהל דאס אייך גיכער דערפאר, ווייל אין דער דאזיגער געשיכטע איז פארהאן געוויסע פסיהאלאגישע קוריאזען, וועלכע דער מענש, וואס וועט זיי גוט פערשטעהן, וועט קאנען פון זיי האבען גרויסע נוצען אין לעבען. אבער פריהער פאר אלץ, וואלט איך געוואלט, זיך דיין מאכען פון אלע פארוואורפען, אז איך וויל זיך כלומרשט בערימען מיט מיינע שלעכטע מעשים פון דער יוגענד, יענע לייכטזיניגקייט, אויף וועלכע איך האב היינט חרטה פון טיעפסטען הארצען, ווייל יעצט, ווען מיינע האר זיינען שוין גרוי געווארען און מיינע קניע ציטערען, איז שוין מעהר צו זיי קיין חשק און כח נישט געבליבען.

„האסט נישט וואס מורא צו האבען, מיין ליעבער יונגלינג", — האט אין אנ'אבענד פאניע געזאגט צו מיר, ווען איהר מאן איז נאר וואס געקומען אהיים, ווייל די מענער זענען נאר אזוי לאנג איפערזיכטיג, ווי

לאַנג זיי האָבען נישט קיין גרונד דערצו, אָבער פון דער גע אָן, ווען זיי האָבען טאַקי פאַרוואָס צו זיין אייפערזיכטיג, זאָגען זיי, זיי געשלאָגען מיט אַ אונהיילבאַרע בלינדקייט".

„ס'געפעלט מיר עפּעס נישט דער אויסדרוק פון זיין געזיכט", האָב איך געענטפערט אומרוהיג. „מיר דאַכט זיך, אַז ער האָט שוין געמוזט עפּעס באַמערקען".

„פערשטעהסט נישט גוט דעם דאָזיגען אויסדרוק, מיין טייערער", האָט זי געזאָגט. „דער אויסדרוק פון זיין געזיכט, איז נאָר דורך דער ווירקונג פון מיין אויסגעצייכנעטעם מיטעל, וואָס איך ווענד אָן געגען איהם, כדי איינמאָל פאַר אַלע מאָל איהם אָבצוגעוועהנען פון יעדע אייפערזוכט און אויף שטענדיג באַוואָהרענען, אַז עס זאָל איהם וועגען דיך, אַיינפאַלען דער מינדסטער השד".

„וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטעל?" — האָב איך געפרעגט ערשטוינט.

„גאַנץ איינפאַך. אין דעם זעלבען טאָג, ווען ביי מיר איז געבליבען, אַז דו וואָלסט זיין מיין געליבטער, האָב איך איהם געזאָגט גאַנץ אָפען, אַז איך ליעב דיך. פון דאַמאָלס אָן הור איך דאָס איבער טאָג־טעגליך ביים אויפשטעהן און ביים שלאָפען געהן. איך זאָג צו איהם גאַנץ אָפען, דו האָסט סבות פאַרוואָס צו זיין אייפערזיכטיג אויף דעם ליעבען יונגלינג; איך האָב איהם ווירקליך ליעב פון גאַנצען האַרץ, און אויב איך זינדיג נישט געגען דיר, איז דאָס נישט דיין אָדער מיין פערדיענסט, נאָר איהם אַליין האָסטו צו פערדאַנקען, וואָס איך בלייב דיר אַזוי געטריי".

ערשט יעצט איז מיר געוואָרען קלאָר, פאַרוואָס איהר מאַן זייענדיג אַזוי גוט צו מיר, איז דאָך, ווען ס'דאַכט זיך איהם, אַז איך באַמערק דאָס נישט, קוקט מיך אָן מיט אַזאַ מיטליידיגען שמייכעל, וואָס איז פול מיט פעראַכטונג.

„און דו ביזט זיכער, אַז די ווירקונג פון דעם דאָזיגען מיטעל, וועט לאַנג געדויערען?" האָב איך געפרעגט.

„יאָ" האָט זי מיט די פערזיכערקייט פון אַנאַסטראָנאָם געענטפערט.

פונדעסטוועגען האָב איך נאָך אַלץ געצווייפעלט, אויב מען קאָן זיך פערלאָזען אויף איהרע פסיכאָלאָגישע אויסרעכענונגען, ביז עס האָט מיר אין אַ שעהנעם מאָרגען פאָלגענדער צופאַל אויף אַ פערוואונדערטען אופן עפּעס בעסערס בעוויזען.

איך האָב דאַמאָלס געוואוינט אין אַ קליין מעבלירט צימער אויפ'ן פיערטען שטאָק אין מיטען שטאָדט אויף אַ ענגער גאַס, און האָב געהאַט

אַ געוואוינהייט צו שלאָפען ביז אַ האַלבען טאָג. איינמאָל אין אַ שענעם מאָרגען אַרום ניין אַ זייגער, האָט זיך געעפענט די טהיר און זי איז אַריינגעקומען. וואָס ווייטער איז פאָרגעקומען, וואָלט איך דאָס אייך קיינמאָל אין מיין לעבען נישט דערצעהלט, אויב עס וואָלט נישט געווען אַ פאַקט, איינער פון די איבעראַשענדסטע און פונדעסטוועגען דאָך בעגרייפליכסטע פערבלענדונגען, וואָס זענען מעגליך אין גייסטליכען לעבען פונ'ם מענש.— זי האָט זיך אינגאַנצען אויסגעטהון און זיך אַריינגעלעגט צו מיר. ווייטער, ליעבער פריינד, האָט איהר נישט צו ערוואַרטען קיין שום רכילות פון מיין ערצעהלונג. איך מוז דאָס אייך נאָך אַמאָל דערמאָנען. אז איך טהו דאָס נישט צוליעב דעם, כדי אייך אונטערצוהאַלטען מיט נישט אַנשטענדיגעם.— קוים האָט די קאָלדרע צוגעדעקט דעם רייץ פון איהר לייב, האָט זיך דערהערט טריט הינטער דער טהיר. מען קלאַפט, און איך האָב נאָך געהאַט צייט אַרויסצוציהען געשווינד די קאָלדרע און פערבאָרגען איהר קאָפּ, אַלס איהר מאַן איז אַריינגעקומען. פערשוויצט און סאָפּענדיג אָהן אויפהער פון אַנשטרענגונג דורך די הונדערט און צוואַנציג שטיגען, מיט וועלכע ער איז אַרויפגעגאַנגען צו מיר, אָבער מיט אַ פערגרויסערטען פנים, וואָס האָט געשיינט פאַר שמחה.

„איך האָב דיך געוואָלט פרעגען, צי דו וואָלטסט זיך געוואָלט דורכפאָהרען? רעבעל, שלעטער און איך, ווילען מיר פאָהרען מיט דער באַהן קיין עבענהויזען און פון דאָרט אויף וועלאָסיפעדען קיין אַמערלאַנד. אייגענטליך האָב איך היינט געוואָלט אַרבייטען אין דערהיים; איז מיין פרוי אָבער באַלד אין דער פריה אַוועקגעגאַנגען צו די בריכמאַנ'ס, געוואָהר צו ווערען דאָרט, וואָס עס מאַכט זייער קליין קינד, און אין אַזאַ שעהנעם טאָג, נישט טרעפענדיג קיינעם אין דערהיים, איז מיר געוואָרען אומעטיג. אין קאַפע לוטיפאָלד האָב איך געטראָפען רעבעל'ען און שלעטער'ן און דאָרט טאַקי, האָבען מיר זיך דאָס אָבגערעדט. צעהן אַ זייגער מיט זיעבען און פופציג מינוט געהט אָב אונזער צוג.

דערווייל האָב איך געהאַט צייט אַרומצוזעהן זיך, וואָס איך האָב דאָ צוטהון.

„דו זעהסט", האָב איך געזאָגט שמייכלענדיג, „איך בין נישט אַליין".

„יאָ, כ'בעמערק דאָס". האָט ער געענטפערט מיט דעם זעלבען שמייכעל. דערביי האָבען אָנגעהויבען פונקלען זיינע אויגען און ס'האָט זיך געטרייסעלט זיין קינבאַק. פאַמעליך האָט ער אַ טראָט געטהון פאָראויס און איז שוין געשטאַנען פאַר דער שטוהל, אויף וועלכער איך לעג אַלע מאָל מיינע זאַכען.

אויבען אויף אלץ איז געלעגען א פײן באטיסטען העמד מיט שפיצען אהן ארבעל מיט ארויס-אויסגעהאפטענעם מאנאגראם און נעבען דעם זענען געלעגען א פאר לאנגע שווארצע זײדענע דורכזיכטיגע זאקען. און אזוי ווי מעהר עפעס אנדערש האט מען נישט געזעהן פון וועבערישעס, ווי דאס, האבען זיך זײנע בליקען אבגעשטעלט מיט תאוה נאר אויף דעם.

דער מאמענט איז געווען א שרעקליכער, אהער אדער אהין. נאך איין רגע נאר און ער וואלט זיך געווים דערמאנט, אז ער האט שוין אמאל געזעהן ערגעץ-וואו די דאזיגע זאקען. זאל זײן וואס עס וויל זיך, האב איך זיך געטראכט. איך מוז אבווענדען זײן אויפמערקזאמקײט פון די דאזיגע זאכען און מאכען עס אזוי, אז ער זאל שוין מעהר נישט קוקען אהין. אבער דאס האט מען נאר געקאנט ערריכען דורך עפעס אזוינס, וואס איז נאך נישט געשעהן ביז אהער. דער דאזיגער געדאנק, וואס איז מיר דורכגעפלויגען, ווי א בליץ דורכ'ן מח, האט מיך געברענגט דערצו, אז איך האב געמוזט בעגעהן א אונגעהויערע גראבקײט, אזש הײנט נאך צוואנציג יאהר, ווען איך דערמאן זיך דאס, קאן איך זיך דאס נאך אלץ נישט שענקען, האטש דאס האט אונז געראטעוועט דאמאלס.

„איך בין נישט אלײן", האב איך געזאגט, „וואלסט אבער געהאט א בעגריף, ווי שען זי איז, וואלסטו מיך מקנא געווען". בײ די ווערטער האב איך שטארק צוגעדריקט מײן האנד אויפ'ן קאלדרע, וואס איז געלעגען איבער איהר קאפ, אויף יענעם ארט, וואו לויט מײן מײנונג געפינט זיך דאס מויל, כדי צו פערשטיקען זי דעם אטעם, אז זי זאל נישט קאנען ארויסלאזען דאס מינדעסטע געשריי.

גיעריג זענען געלאפען זײנע אויגען אויף און אב איבער די ליניעס, וואס איהר קערפער האט געבילדעט דורך דער קאלדרע. און אט קומט דאס אונגעהויערליכסטע, דאס נאך קײנמאל נישט געשעהענע.

איך האב אנגענומען די קאלדרע בײם אונטערשטען עק און האב עס אויפגעדעקט ביז איהר האלז, אזוי אז נאר איהר קאפ איז געבליבען צוגעדעקט. — „נו האסט שוין אמאל געזעהן אזא שענקײט?" האב איך איהם געפרעגט.

ער איז געשטאנען מיט ברייט-אויפגעריסענע אויגען, אבער ער האט אויסגעזעהן, ווי צו מישט.

„יא, יא... איך מוז עס דיר זאגען... דו ביזט א מבין... נו איך... איך וועל יעצט אוועקגעהן... איך בעט דיך, פערצײהע מיר, פאר וואס כ'האב דיר געשטערט".

ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער טהיר, און איך האָב זיך ניט אײַלענדיג, צוריק אַראָב געלאָזען די קאָלדרע. דערנאָך בין איך געשווינד אַראָבגעשפּרונגען און זיך געשטעלט פאַר דער טהיר צווישען איהם און דער שטוהל, אַז ער זאָל שוין מעהר נישט קאָנען זעהן די זאָקען.

„איך וועל יעדענפאַלס קומען מיט'ן מיטאָג-צוג קיין עבענהויזען", האָב איך געזאָגט, בשעת ער האָט שוין געהאַלטען די קליאַמקע אין האַנד. „אפשר וועט איהר מיר אָבוואַרטען אין גאַסט-הויז פון פאָסט. וועלען מיר דערנאָך פאָהרען צוזאַמען קיין אמערלאַנד. דאָס וועט זײַן אַ וואוילער שפּאַציער. איך דאַנק דיר זעהר, וואָס דו האָסט נישט פערגעסען אָן מיר".

ער האָט זיך נאָך אַביסעל געווינצעלט און איז דערנאָך אַרויסגעגאַנגען פון צימער. איך בין געבליבען שטעהן, ווי אײַנגעוואָרצעלט. ביז איך האָב געהערט אונטען אין הויז פערשווינדען זײַנע טריט.

דערצעהלען אײַך די פערצווײַפעלטע לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך געפונען די אָרעמע פרוי נאָך דער דאָזיגער מעשה; איך וויל עס גאָרנישט. זי איז געווען אויסער זיך פאַר כעס. יעדען קוק, וואָס זי האָט אויף מיר געטהון, איז געווען פול מיט האַס און פעראַכטונג. איך האָב זי נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזוי בעז. אַנטהויענדיג זיך אין דער גיך האָט זי מיך נאָר געסטראַשעט, אַז זי וועט מיר שפּײַען אין פנים אַרײַן. איך האָב זיך גאָרנישט געפּרובט צו פערענטפערען.

„וואוהין קלערסטו דען יעצט צו געהן?"

„איך ווייס נישט... טרינקען זיך... אַהיים... אָדער גאָר, צו די בריפ-מאַנ'ס... זעהן, וואָס עס מאַכט זייער קינד. — איך ווייס נישט".

— בײַם מיטאָג אַרום צוויי אַ זייגער זענען מיר געזעסען צוזאַמען אונטער'ן שאָטען פון אַ קאַשטאַן-בוים אין עבענהויזען נעבען גאַסט-הויז פון פאָסט, רעבעל, שלעטער, מײַן פרײַנד און איך, און מיר האָבען געגעסען געבראָטענע הינער מיט פרישען סאַלאַט. מײַן פרײַנד, פון וועמען איך האָב פון אָנהייב נישט אַראָבגעלאָזען די אויגען, כדי עפּעס פערדעכטליכעס צו בעמערקען אויף זײַן פנים, האָט מיך גיך בערוהיגט מיט זײַן אויסערגעוועהנליך פרעהליכער שטימונג. ער האָט געוואונקען צו מיר און האָט זיך געשמייכעלט צופריעדען, רײַבענדיג די הענד און נישט אויסזאָגענדיג, וואָס ער פרעגט זיך אַזוי. דער שפּאַציר איז אַריבער גאַנץ רוהיג, און צעהן אַ זייגער אין אָבענד זענען מיר ווידער געווען אין שטאָדט.

ווען מיר זענען געקומען אויפ'ן וואָגזאַל, האָבען מיר זיך אָבגערעדט צו געהן ערגיץ-וואו אין אַ ביער-שענק.

„ערלױבט מיר נאָר, האָט געזאָגט מײַן פרײַנד, אונטערצוגעהן נאָך מײַן פרױ. זי איז דעם גאַנצען טאָג געזעסען בײַם קראַנקען קינד, װעט עס איהר פערדריסען, אויב איך װעל איהר אויך לאָזען אַלײן אין אָבענד.

דערנאָך איז ער געקומען מיט איהר אין גאָרטען, װאו מיר האָבען זיך אָפּגעשמועסט צו טרעפען. דער שמועס איז פערשטעהט זיך געװען איבער אונזער שפּאַציר, װעלכען מיר האָבען נישט אויפגעהערט צו לויבען און זיך בעמיהט צו צוגעבען פערשיעדענע װאונדערליכע פּאַסירונגען. די יונגע פרוי איז געזעסען שטיל עפּעס צוטראָגען און האָט אַפילו נישט אַ קוק געטהון אין מײַן זײַט, ער אָבער פערקעהרט, איז נאָך געװען פרעהליכער, װי בשעת'ן מיטאָג און האָט געקוקט, װי אַ בעזיגער. נאָר זײַנע טריאומפירענדע בליקען אָבער האָבען יעצט געקוקט מעהר אויף זײַן פערטראַכטער פרוי, װאָס איז געזעסען דערנעבען, װי אויף מיר. עס האָט אויסגעזעהן, נישט אַנדערש, װי ער װאָלט ערגיץ-װאו עפּעס געװאָהר געװאָרען אַזעלכעס, װאָס האָט איהם טיעף אינעװעניג גליקליך געמאַכט.

יעצט אין אַ חודש אַרום, בעת איך בין װידער געװען אַלײן מיט דער פרוי, איז מיר קלאָר געװאָרען דאָס רעטעניש. נאָכדעם, װי איך האָב נאָך אײנמאָל אויסגעהערט פון איהר די שאַרפסטע פאָרװאורפען, און עס איז בײַ אונז געװאָרען אַן אָפּערפלעכליכער שלום, האָט זי מיר פערטרױט, אַז איהר מאַן, בשעת זײ זענען דאַמאָלס אין אָבענד געװען אַלײן אין דערהײם, האָט מיט פערלעגטע הענד, פאַר איהר געהאַלטען פאָלגענדע לעקציע:

„דײַן ליעבען, זיסען יונגלינג, מײַן קינד, האָב איך יעצט גוט דערקענט. יעדען טאָג דערצעהלסטו מיר אַלץ דאָס זעלבע, אַז דו ליעבסט איהם, און בעמערקסט גאָרנישט, װי ער מאַכט פון דיר חוזק. הײַנט אין דער פריה, האָב איך איהם געטראָפען אין דערהײם, און פערשטעהט זיך, אַז נישט אַלײן; געװיס איז מיר יעצט געװאָרען קלאָר די גאַנצע מעשה, פאַרװאָס ער קוקט זיך נישט אום אויף דיר און פערשטױסט מיט פעראַכטונג אַלע דײַנע געפיהלען. װײַל זײַן געליעבטע איז אַזאַ פערפירעריש גװאַלדיג שענקײַט, אַז דו מיט דײַן װינציג פערװעלקטען חײן, װעסטו דאָך זיך נישט קאָנען פערגלײַכען דאָס מינדעסטע מיט איהר". —

אָט דאָס איז, מײַנע פרײַנד געװען די װירקונג פון איהר מיטעל. איך האָב עס אײַך נאָר דערצעהלט, דערפאַר, כדי איהר זאָלט זיך קאָנען בעװאָהרענען פון דעם דאָזיגען צויבער-מיטעל.

איבערזעצט פון דײַטש: פ—ר.

ערנסט נעארני.

פריילין מוטער.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 6)

בען דאָ געשפּילט די אָפּיציערען. אָבער אויך דאָ האָט מען זיך נישט מיט אַלעמען גלייך פערהאַלטען, אַ גרויסען הלוק האָט מען געמאַכט צווישען קאַוואַלעריסטען וואָס רייטען שטאָלץ אויף זייערע פערד און צווישען אינ־פאַנטעריסטען וואָס געהען נעבאַך צו פוס. מיט איין וואָרט, דאָ האָט אויך געהערשט דער קלאַסען־אונטערשיעד. אַ דאַמע פון דער צווייטער אָדער דריטער קלאַסע האָט זיך נישט אונטערגעשטעלט צוצוגעהן צום לאַנגען טיש, וועלכער איז רעכטס ביי דער קאַפּעלע געשטאַנען, זי האָט דאָרטען נאָר קוים אַ בליק געטהון, און דאָס אויך מיט גרויס דרך־ארץ. דאָרטען ביי יענעם טיש זענען געזעסען די דאַמען און העררן פונ'ם פאָרנעהמסטען מיליטערישען שטאַנד. מען האָט זיך געלאָזט וואָהל שמעקען פון אַלערליי נאַשעריייען, וואָס איז דאָרטען געשטאַנען, מען האָט זיך אונטערהאַלטען רוהיג, זיכער, געמיטהליך און שטאָלץ, ווי־סענדיג, אַז זיי זענען דאָס אויבערשטע פונ'ם שטויסעל אין דער געזעלשאַפט; יעדע איינציגע פערזאָן אַרום יענעם טיש האָט געוואוסט, אַז אַזוי ווי אַלע מאָל איז זי היינט אויך דער סאַמע מיטעל־פונקט פון דער געזעלשאַפט, אַז אַלע אויגען זענען נאָר אויף איהר געווענדעט.

— וואו איז דאָס דער היבשער ראָדעק? — דער שענער קאַנטהאַ־גען און זיין כלה זענען אויך נישטאָ! — די גרעפין זעגערבערג איז מיט איהרע טעכטער אויפ'ן לאַנד אין זייער זומער־שלאָס! — אַה! — יאָ איך האָב עס פון דער קאַמער פרוי גופא געהערט! — — אַזוי!?! האַלסט דו, אַז קאַנטהאַגען איז אַ שענער? — נאַ, ער איז מעהר אויפפאַלענד ווי שען. — — — נאָר דאָס מוז מע צוגעבען! אַ קאָפּ האָט ער אַ שענע, דאַכט זיך אַזוי שטאָלץ און דאָך זעהט ער אויס צו זיין זעהר אַגוטער!—— די פריטצי פון פודוויג און די לאָרע פון שטאַרקוי זענען דאָך פשוט

אַרומגעלאָפֿען ווי משוגע, אַזוי פֿערלִיעבט וועגען זיי אין איהם געווען! — — ט, און די דערטע מילל ער פֿון הויפּגערטנער איז דאָך מיט איהם אין געווייסע בעצִיהונגען געשטאַנען, דאָס איז דאָך אַ בעוואוסטע זאַך! — — געה, וואָס רעדסטו, יענער האָט זיך קיינמאָל מיט קיין בירגער־מיידעל נישט אַריינגעלאָזען, סיידען זי איז געוועזען פֿון צירק אָדער טעאַטער. מיין שוועסטער־קינד, דער הויפּטמאַן, האָט דאָ נישט לאַנג געזאָגט, אַז פֿון אַלע קאַוואַלעריסטען איז קאַנטהאַגען דער אָרענטליכסטער מענש. אָדער ער לאָזט זיך גאָרנישט מיט קיינעם אַריין, אָדער ער איז זעהר פֿאָרזיכטיג! ער האָט איהם שטאַרק געלויבט, ער האָט נאָך אפילו געזאָגט, אַז ווי איהם דאַכט זיך איז ער עפּיס גאָר קיין מאַנסביל נישט! — — יאָ, איך ווייס דאָס גאַנץ גענוי! אונזער קוטשער איז פֿריהער ביי איהם אַ דיענער געווען. ער פֿערטעטערט איהם פּשוט! — — און מיר, זעהסטו, געפֿעלט שוין ראָדעק אַ סך מעהר, ער איז נישט אַזוי ערנסט און פֿיעל ליעבענסווירדיגער! ביי די פּורווינגס אויפֿ'ן באַל האָט ער מיט מיר צוויי מאָל געטאַנצט און מיר געבראַכט אַ בוקעט. — וואָס רעדסטו, ווירקליך? — —

בשעת דער עולם אין גאָרטען האָט זיך אַזוי לעבהאַפֿט מיט ביידע אָפֿיציערען בעשעפֿטיגט, זענען זיי זיך געזעסען ביי קאַנטהאַגען. אין צימער איז געווען דונקעל, און נאָר אַ שוואַכער ליכטשיין פֿון דער לאַמטער, וואָס אין ווילע, האָט דורך דאָס פֿענסטער אַריינגעשיינט.

ראָדעק האָט געוואַרט אויף אָטטאָ'ן. אַז אָטטאָ האָט זיין וואָרט נישט געהאַלטען און איז נישט געקומען, האָט ראָדעק זיך אויפֿגעהויבען און איהם געגאַנגען זוכען. קומענדיג צו אָטטאָס וואָהנונג האָט ער זיך דערוויסט, אַז „דער העדר באַראָן איז אַוועקגעריטען. איזשען האָט געוואַרט ביז ער איז צוריקגעקומען, אָבגעמאַטערט, בלאַס און אין אַניאויפֿגערעגטער שטימונג איז ענדליך קאַנטהאַגען אַריינגעקומען. ער האָט קורץ בעגריסט זיין חבר, וועלכער האָט זיך ביי אַ גלעזעל קאָניאַק און אַ שמעקעדיג ציגאַר בעקוועם געמאַכט, דערנאָך האָט ער גופא גענומען די פֿלאַש אין האַנד, זיך אַ גלעזעל קאָניאַק אָנגעגאָסען און עס האַסטיג אַראָבגעשלונגט. האָט זיך אין זיין שויקעל־שטול אַ וואָרף געטהון און שטום און מיט אַ פֿערצווייפֿעלטען כעס זיך געהוידעט. אַ היבשע ווײַלע האָבען ביידע געשוויגען. ענדליך האָט זיך ראָדעק אָנגערופֿען: — טהו מיר צוליעב און הער זיך שוין אַמאָל אויף צו שאָקלען, וואָרום אַז נישט בעקום איך נאָך ים־קראַנקהייט! — — איין קורצער רוק און דער שטול איז שוין געשטאַנען רוהיג. אַ שווערער זיפֿץ האָט זיך אין צימער פֿונאַנדער־

געטראגען. — נו, א סוף, אטטא! גערעדט זאל ווערען, וואס דו האסט נאר אויפ'ן הארצען! ווי געהט עס? — — אויסגעצייכענט! האט דער צווייטער געענטפערט מיט א קירצען געלעכטער. — אויסגעצייכענט — — איך האב גארנישט וואס מורא צו האבען און, אז איך זאל נאר וועלען, קאן איך נאך מארגען גופא געהן מיט רע נאטען אונטער דער חופה! — — דאס וואלט דאך טאקי געוועזען גאר אנאנטיק! — האט אייזשען געזאגט לעבעדיג. — נו, איז די געשיכטע נאר א הומבוג געוועזען אדער דו האסט געמוזט דערפאר בעצאהלען? ווי האט זיך זא נדערם אויפגעפיהרט? — — קודם כל בעט איך דיר מיט אנאנדער טאן צו רעדען! — האט זיך אטטא סטראשענדיג אבגערופען. — אזוי גאר! — הער נאר אקארשט, דו, מענש איינער, אייזשען, דו ביזט מיינער א גוטער פריינד! איך האב דיר אין דער דאזיגער געשיכטע געלאזט אביסעל טיעפער ארייגקוקען, איך האב דיר אלעס דערצעהלט! דעריבער בעט איך דיר טאקי ענערגיש דו זאלסט די זאך ריכטיג פערשטעהן! — — — איך פערשטעה גאנץ גוט דיין טאקטיק. דו ווילסט מיר מיט דיינע ווערטלעך, מיט דיינע קאמעדיעס און קונסט שטיקלעך פון דער דאזיגער געשיכטע אוועקציהען! מיר מאנס-לייט נעמען עס דאך אזוי לייכט אן. ווי די פודעל-הינד ווארפען מיר זיך אין וואסער אריין, שווימען און פאטשען דארטען ארום ווי לאנג עס פאסט אונז, אדער ווי לאנג מען לאזט אונז. דערנאך געהען מיר זיך צוריק אויף דער יבשה ארוים, שאקלען פון אונז דאס וואסער ביז איין טראפען אראב — — און די זאך ווערט פערריבען, פערגעסען ווי קיינמאל גארנישט! — — — — קאנסט זיך דיר לאכען איבער מיר; אבער מיר קריגסט דו נישט דערצו! איך קאן נישט! — — הייסט עס, וואס ווילסט דו טהון, התונה האבען מיט דעם מיידעל און דאס קינד כשר מאכען? — —

קאנטהאגען איז אויפגעשפרונגען און צום פענסטער צוגעגאנגען, וואו ער האט זיין הייסען שטערען אן דעם קאלטען פענסטער ראהם אנגעשפארט. — ניין, האט ער היזעריג געזאגט, — דאס וועל איך נישט, דאס קאן איך נישט, אזא פערדארבענער מענש בין איך! — — — — יא, וואלט איך נאך געהאט אביסעל געלד, איך זאל קאנען עפיס וואס אנ-הויבען צו טהון, כדי איך זאל אין די שפעטערע, ערנסטערע יאהרען — — — אבער אזא בעל הוב ווי איך בין — — — — — איך בין דאך א פראסטער קבצן, א בעטלער בין איך, דו הערסט ראדעק! איך מאך אן הרפות דעם ראק וואס איך טראג! — — „דו ביזט אויפגערעגט אטטא, דו וועסט רוהיגער ווערען! וויפיעל טויזענדער פון אונז ווערען ארימע בעלי

(העפט 7

חובות? דאָס רוב פון אונזערע ברידער, וואָס זענען היינט אָרענטליכע מענער פאַר ווייבער, טיכטיגע אָפיציערען און טרייע בעאַמטע, האָבען אַזעלכע דונקעלע פונקטען אין זייער לעבען! צו אַלדע שוואַרץ יאָהר, מיר זענען דאָך נישט מעהר ווי פראָסטע בשר ודם'ניקעס! — — מיר קאָנען דאָך נישט תּחונה האָבען מיט יעדען מיידעל, וואָס איז אונז דעם וועג פאַר־געלאָפען!? וויפיעל האָסט דו שוין נישט אַלץ געדאַט — — האַ — — דערמאָן זיך נאָר די שיינינקע אַקראָבאַטין און די וויענער מיידעל, די ר ו־ ד אָ ל פ י נ ע"! — יאָ, ביי דיר זענען אַלע מיידלעך גלייך, מישט אַלע־אוים אין איין קאַשע! — האָט אָ ט ט אָ געזאָגט בייזלעך. — „גיין, אודאי זענען נישט אַלע מיידלעך גלייך; אָבער ביים יופּיטער, אָ ט ט אָ, איך קאָן מיר נישט העלפען! מעג אַ נ נ אַ זיין אפילו אַ מלאך פון הימעל; אָבער פון זיך אַליין האָט זי דאָך אויך נישט דאָס קינד בעקומען! זאָל זי טאַקי נישט זיין קיין פּראָסט מיידעל, זאָל זי זיין, ווי דו זאָגסט, אַ דאַמע, נו, אַ פאָרנעהמע דאַמע פון אַ גרויסאַרטיגער פאַמיליע! אָבער זי איז דאָך פאָרט אַ געפאַלענע! — — —

אָ ט ט אָ האָט זיך צו איהם אויסגעדרעהט און איהם פאַר'ן אָרעם אָנגע־נומען. — אמת, דאָס איז זי: דו! ווען איך וואָלט אָבער געווען אַזאַ אָרענטליכער מענש פאַר וועלכען איך וויל מען זאָל מיר האַלטען, וואָלט איך די דאָזיגע געפאַלענע אויפהויבען און איהר נישט מעהר אַרויסלאָזען פון מיינע אָרעמס! דו! ווייסט דו וואו איך האַלט אין דער וועלט, דו? — ער האָט זיך ביטער צעלאַכט. — איך ליעב אָט די דאָזיגע געפאַלענע מיט משוגענער ליידענשאַפט, איך אַכט איהר אויף אַזוי פיעל, אַז איך בין גרייט פאַר איהר אויף די קניע צו פאַלען, ווי פאַר אַ הייליג בילד. איך אַכט זי, ליעב זי, שעץ זי, פערגעטער זי טויזענד מאָל מעהר פאַר די שטאָל־צע, שענע ר ע נ אַ! דו!? — — — און איך ליעב דאָס קינד, מיין זוהן, מיין איינציג קינד, ווי עס קאָן נאָר אַ פאָטער ליעבען זיין קינד! הערסט דו אייזשען? — — איך הער, איך הער אָ ט ט אָ און בין ערשטוינט! נו, נו, האָט זי דאָס דיר אַריינגעקראָגען אין איהר נעץ! אָ, דעם גרעסטען כּבוד פאַר פרייליין ז אַ נ ד ע ר ס, איך בעוואונדער זי! — — שווייג! — האָט אָ ט ט אָ מיט גיפטיגען כעס געשריען. — שווייג און מאַך מיר נישט דול! מיר דאַכט זיך שוין אַזוי אויך, אַז איך געה אַראָב פון זינען! —

אַ לאַנגע צייט האָט אַ שטילקייט געהערשט אין צימער. —

— נו, און וואָס רעכענסט דו צו טהון?

ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן האָט אַ פערצווייפעלטער אָנגענומען דעם קראַגען

פון זיין ראק און עס געשאקעלט: — איך רעכען צו טהון ווי אנ׳ארענטליכער מענש דארף טהון, אייזשען! איך וועל די צווייטע אויך אבנארען. איך וועל התונה האבען מיט רעגא זעגעבערג און — — — אויב עס איז נאך דא אויפ׳ן הימעל עפיס, וואס מען רופט דאס השגחה, א דין וחשבון— — עפיס יושר און גערעכטיגקייט; דאן — — — דאן טו זי מיר דאך אויך שטיקער צעררייסען! זי מוז, אז נישט — — — דו, בעדארף איך דען נישט אויסנוצען אלע מיינע פעהיגקייטען, ווען איך וואלט נאר אנ׳ארענטליכע מענש געוועזען? ווייסט דאך, איך האב אייזערנע מוסקולען, בין א גרויסער מבין אויף פערד, און גאר קיין עם־הארץ בין איך דאך אויך נישט! איז דאס אלץ דען נישט גענוג צו קאנען אנהויבען א ניי לעבען? איך קאן זיין א שטאלמייסטער, א ווינ־אגענט! ערגעץ וואו אין א קאנטאר אלס בוכהאלטער, אין א געזעלשאפט פון לעבענס־פערזיכערונג וואלט איך נאך אויך צוליעב מיין גוטען נאמען בעקומען עפיס א שטעלע, אדער אפילו אלס קוטשער, אלס פראסטער ארבייטער! — — אבער איך קאן נישט, אייזשען, ביי מיין עהרע, איך קאן נישט! בעסער ארייננשיסען זיך א קויל אין שלייף! איך האב אזוי שטארק מורא — — —עס עקעלט מיך אזוי — — מיך גרוילט פאר די קליינע מענשעלעך מיט זייערע קליינע השגות, פאר דאס לעבען אין דער פינסטערניש! אט אזא פארלאר מענש בין איך!

—דו ביזט נישט אנדערש פאר אונז אליינען, אטטא! אויף איין האר נישט אנדערש! און מיר זענען קיין פארלעצעס נישט! — —

—אבער מיר זענען עס יא! איך שווער דיר, אז מיר זענען עס יא!— ראדעק האט איהם געלאזען זיך בערוהיגען.

—אטטא, — האט ער נאך א ווילע שווייגען געזאגט, — איך האב געקלערט, אז מיר וועלען זיך היינט חיזען אין הארמאניע. קומען מיר נישט וועט דער עולם אנהויבען אונז חושד זיין און קלערען מי יודע וואס. דער גאנצער שטאב מיט די דאמען זענען אויך דא! — — מאך זיך פארטיג, מיין אלטער גוטער פריינד! — האט ער מיט א זאנפטער שטימע געענדיגט.

קאנטהאגען, וועלכער איז א צו דיסציפלינירטער מיליטערס־מאן געוועזען, צופיעל געוואהנט צו דער שטרענגער אויפפיהרונג פון זיין שטאנד, האט מעכאניש, ווי עפיס א מאשינע זיך אנגעהויבען צוצוגרייטען צום אוועקגעהן.

— עפיס איז מיר היינט אזוי נישט גוט צום מוט, — האט קאנט־

האַגאָן מיט פּערווּרוס געזאָגט, — איך וואָלט ליבערסט געוואָלט — — —

— אָבער, אָטטאָ, דאָס גערעדט דאָך נישט! מיר קאָנען זיך דאָך נישט אויסשליסען פון דער געזעלשאַפט! עס איז ווידער נישט פּאַסיג, אָטטאָ! אין אַגב ווייסט דו דאָרט בעסער פערברענגען ווי בײַ זיך אין צימער, וואו דו זיצט נאָר און גריבעלסט זיך וועגען זאַכען וואָס קאָנען שוין קיינמאָל אַנדערש נישט ווערען! — —

אין צעהן מינוטען שפּעטער זענען זיי שוין געוועזען אויפ'ן וועג נאָך דעם שטאָדט-גאָרטען, פון וואַנען עס האָט שוין די מוזיק אַריבער-געקלונגען. אין די גאַסען האָבען שפּאַצירט בירגער און דער פּראָסטער עולם, וואָס האָבען זיך הינטער דעם פּאַרקאַן צו דער מוזיק צוגעהערט. אויף דעם מאַרק זענען געשטאַנען געדיכטע רעדלעך, געזעסען אויף די בענק אָדער אויף מיטגעבראַכטע שטיל צום צוזאַמענלעגען. פּלוצלונג זענען די רעדלעך עפּיס לעבעדיג און ריהעוודיג געוואָרען. עפּיס האָבען זיך געהערט אויסגעשרייען, פראַגען. — אַלע האָבען זיך געשטויסען אין איין זייט: „וואָס איז געשעהן? — — „וואו?" — — — די בײַדע חברים זענען צום מאַרקפּלאַץ אָנגעקומען גראַדע אין דער צייט, ווען די אויפרעגונג האָט איהר העכסטען פּונקט דערגרייכט. ראָדעק האָט זיך צוגעהערט און איבערראַשט זיך אַרומגעקוקט. נײַגיעריג האָט ער זיך צווישען געדיכטען עולם אַ וועג דורכגעשניטען. דער עולם, וואָס האָט פאַר זיין אוניפאָרם גרויס דרך-ארץ געהאַט האָט איהם באַלד דעם וועג אָבגעטרעטען. אַ מינוט שפּעטער איז ער שוין געשטאַנען נעבען אַ פּאָליציייסקען און האָט זיך בײַ איהם ערקונדיגט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. באַלד ווי ער האָט זיך דערוואוסט, וואָס עס איז געשעהן האָט ער זיך צו אָטטאָן צוריקגעקעהרט. אַ קאַטאַסטראָפע אויפ'ן אייזענבאַהן, צוויי שעה רייזע פון דאַנען! מען רעדט, אַז עס זענען פאַראַן מעהר ווי פופציג געדרג'עטע, עס איז שוי-דערהאַפט! — —

— און ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? האָט קאַנטהאַגען אַ פערצי-טערטער געפרעגט.

— קיינער ווייסט נישט. דער פּאָליציייסקער האָט נאָר געלעזען די דעפּעשע וואָס איז אויף דער סטאַנציע אָנגעקומען. עס איז מורא'דיג, אַז מען נעהמט זיך בעקלערען, דו זיצט זיך אַזוי בעקוועם אין וואַגאָן, דיר פעלט גאָר וועגען אַנ'אומגליק אין די געדאַנקען נישט אַריין, דו קלערסט גאָר וועגען ווייס איך וועלכע גליקען און מיט אַ מאָל! אַ רוק! אַ רוק! און אײדער דו ווייסט נאָך וואָס עס טהוט זיך מיט דיר ביזסדו

שוין אויף אַ בעסערע וועלט און פאַר די וועלט עקזיסטירסט דו שוין ניט מעהר! בררררר!

אַ ט ט אָ האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט; אָבער זיינע געדאַנקען זענען געווען גאַנץ פינסטער. צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער בעגעהרט צו וויסען די ענדע פון אַזאַ מין קאַטאַסטראָפע. ער האָט ביי זיך אין האַרצען געפיהלט עפּיס אַ מין קנאה צו די דאָזיגע מענשען, וועלכע זענען געפאַלען צום קרבן אויף דער אייזענבאַהן אומגליק!

אַריינקומענדיג אין גאָרטען־רעסטאָראַן האָט מען זיי לעבעדיג בעגריסט. ר אָ ד ע ק האָט באַלד די דאָזיגע שרעקליכע נייעס דערצעהלט דעם ערשטען בעסטען קאָלעגע און באַלד האָט זיך דאָס פונאַנדערגעטראָגען איבער'ן גאַנצען גאָרטען. דער גענעראַל, דערהערענדיג דאָס, האָט באַלד געהייסען דאָס קאָנצערט אויפהערען. מען האָט די אָנגעגאָסענע גלעזער אויסגעליידיגט, געשמועסט מיט איינגעהאַלטענע שטימען און אָנגעהויבען זיך צוגעהן אַהיים פריהער ווי געוועהנליך. —

נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט איז קאַנטהאַגען אום פינף אַ זייגער אין דער פריה, אין דער שפיץ פון זיינע סאָלדאַטען, פון שטאָדט אַרויסגעריטען. געזעסען אויפ'ן פערד איז ער שטאָלץ און פעסט. זיין ערנסט, בלאַס געזיכט האָט אויסגעזעהן ווי פון שטיין אויסגעהאַקט. זיי האָבען געמוזט פאָרביי דעם וואָקזאַל פאָרבייריטען. אין דער מינוט ווען זיי זענען דאָרט אָנגעריטען האָט גראָד פערביי געהאַפּט דער שוועלפעליגער האָטעל־אָמניבוס „שטאָדט לאָנדאָן“. אַ ט ט אָ האָט דערין צוויי פרויענגעשטאַלטען געזעהן. ער האָט שאַרפער זיך איינגעקוקט. איינע האָט געהאַלטען אַ קינד אויף דעם שויס. דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעהויבען האַסטיג צו קלאַפּען. עפּיס ווי פון זיך אַליין האָט ער זיין פערד אונטערגעטריבען ער זאָל וואָס שנעלער לויפען. זיינע סאָלדאַטען האָבען איהם געמוזט נאָכטהון. דאָס קלאַפּען פון די פערדישע פאָדקאָוועס האָט געדילכט איבער'ן שטיינערנעם ברוק. — — — דאָס פאָהרט זי אַוועק! זי! און זיין קינד! און מעהר וועט ער זי שוין נישט זעהן! אפשר שוין קיינמאָל אין זיין גאַנצען לעבען נישט! ער וועט שוין מעהר נישט זעהן דאָס עדלע, קלוגע, ליידענדע געזיכט פון דער דאָזיגער פרוי, נישט זעהן מעהר דאָס קליין פּנים'ל פון זיסען יונגעלע!? — — — — דאָס איז דאָך נישט מעגליך צו דערטראָגען! זאָל ער זיי נאָכשפּרינגען, זיי אָבהאַלטען? —

ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן האָט אָנגעהויבען דער קאָפּ שווינדלען. איהם האָט זיך

(פאָרזעצונג קומט).

היינריך מאַן.

פּיפּא ספּאנא.

ראָמאַן.

(פאָרטזעצונג פון העפט 6)

דאָס לאַנגזאַמע עטהעמען, זיין פריהערדיגע מונטערקייט און קראַנקע צוריק־געבען, אָבער דאַרף פון צופיעל ליכטיגקייט נישט ווערען אויפגערעגט. — זי וועט מיך אויסהיילען. איך בין אַ קראַנקער, איך ליַיד אויף דער קונסט קראַנקייט.

ווען ער האָט ביי זיך געפועל׳ט זיך צו צוקוקען צו דער נאַטור, איז זי איהם אַזוי אַנגענעהם, אַזוי ליעבליך, אַזוי ניי פאָרגעקומען. די וועלט האָט ביי איהם אַזוי רייצענד אויסגעזעהן, ווי ביי איינעם, וואָס איז פון אַלאַנגער, שווערער קראַנקהייט אויפגעשטאַנען. קיינמאָל איז ער צו דער נאַטור נישט אַזוי שטיל, אַזוי רוהיג צוגעגאַנגען אַזוי ווי יעצט; זייענדיג נאָך אַ קליין יונגעל — געדענקט ער — פלעגט ער זיך פאַר דער נאַטור שרעקען, זי איז איהם פאָרגעקומען ווי אַ שונא, מיט וועלכען מען מוז שטענדיג קעמפפען, מיט פערשידענע אַבשפּרעכענישען אונטער זיך אונטערטעניג מאַכען, און ביז היינט איז יענער שרעק טיעף ביי איהם אין הארצען פערבאָרגען געוועזען, ערשט יעצט האָט ער אָנגעהויבען בעפרייען זיך פון יענער שרעק און וואָס אַמינוט אַליין פרייער און פרייער געוואָרען. די ערד בעדאַרף מען שוין נישט אונטערטעניג מאַכען; וויך און ליעבליך האָט איהם די ווייטקייט צוגעשאָקעלט און דאָס קליינע בערגיל האָט איהם פריינדליך און צערטליך צו זיין גרינגעזאַקטענער ברוסט צוגעטוליעט.

אין האַלבען חודש יוני איז ער זיך אַמאָל געשטאַנען אין אַ סאָסנאָוועןוואַלד ביי סעטטיניאַנאָ, אויפ׳ן טונקעלען וועג, וואָס איז בעדעקט מיט שטיינער און בוים־נאָדלען, און געקוקט ווי עס האָבען זיך, הינטער די שנעלע וואָלקען, איינינגע שטראַהלען אינ׳ם מאָל געוואָרפען. אָט האָט ביי׳ם עק לאַנקע פלוצלונג דער טייך אַבלישץ געטהון. אָט האָט זיך אָן משופּעדיגען וואַנד פונ׳ם וואַלד געשווינד אַגרינער פלאַם אָבגעשלאָגען

און אָט איז פֿון צווישען דער שוואַרצער שורה ציפּרעסען בוימער פּלוצלונג אַ הויז אַרויסגעשוואומען, אין גאַנצען אין אַ העלען שיין. מאַריאָ מאַילוואַילטאָ איז איבער גליקליך געווען, וואָס ער קאָן אויף דעם קוקען און נישט זיין דערביי געצוואונגען עס צו וועלען אין בילדער אָדער ווערטער איבערצוגעבען.

נאָר אָט האָט זיך אַ ליכט-שטריף ווייט אויף אַ קליין לאַנקע אַראָבגעלאָזט, בעגעגענדיג אַ סטאַדע בהמות, פֿעלזען און מענשען און פּלוצלונג האָט זיך דער דאָזיגער שטריף פֿערוואַנדעלט אין עפּיס אַ שאָטען, וואָס האָט זיך וואָס אַ ווייַלע אַלץ נעהנטער גערוקט און אויסגעוויזען אַזוי לייכט, אַזוי ווייס. ביים עק פֿון אַ הויך וועלדעל, פֿון וואַנען מאַילוואָילטאָ האָט געקוקט, האָט זיך דער שאָטען אין אַ פֿערדאַרטען קוסט בעהאַלטען. דאָס האַרץ האָט איהם אָנגעהויבען קלאַפּען: ער האָט געוואוסט ווער דאָס איז. דאָס וואָהנט זי יעצט אין דער קליינער לאָנקע, איהר קערפּער האָט זיך דאָס אינ'ם זילבערנעם גלאַנץ פֿונ'ם טייך אָבגעשפּיעגעלט. די פֿאַנטאַזיע וועגען איהר איז איהם פֿערביי־געפֿלויגען אין דער פֿריינדליכער צו ווינקענדיגער ווייטקייט, ווי אַ פֿערביי־בליצענדיג פֿויגעל.

— אין די גאַנצע וועלט זעה איך נאָר זי אַליין, פֿון אַלץ וואָס מיינע געפֿיהלען בעגעגנען יעצט, פֿיהל איך איהר אָטהעם אַרויס, איך בעקלייד איהר נישט מיט שענקלינגענדע ווערטער נאָר מיט זיס שמעקעדיגע קושען. נישט קיין קינסטלערישע שעפֿפונג רופֿט זי ביי מיר אַרויס, נאָר ריינע, אמת'ע ליעבע. אַך, ווי איך ליעב זי, ווי איך ליעב זי!

געשווינד איז ער אַהיים געלאָפֿען. ער האָט געקלערט איהר דאָרטען צו טרעפֿען.

— אָה, וואָס פֿאַר אַ נאַר איך בין, זי איז דאָך נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען.

און דאָך האָט ער זיך אויף די שטאַכעטען פֿונ'ם גאָרטען אָנגעהאַנגען, כדי פֿון דאָרטען איהר אָב צו וואַרטען. און זי איז טאַקע באַלד צוריקגעקומען. אַ ווייסע און אַ גרינגע איז זי פֿון צווישען די קוסטעס אַרויסגעשפּרונגען, בעגאָסען מיט ליכטיגע שטראַהלען, פּונקט די זעלבע ווי ער האָט איהר אין דער ווייטער לאָנקע פֿריהער געזעהן. זי האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך אַ יונג פֿייגעלע, וועלכע איז איבער די קוסטעס הינטערן ברונען געפֿלויגען. זי איז צום ברונען, וועלכען זי האָט פֿאַר גרויס אימפּעט גאָרנישט בעמערקט צוגעשפּרונגען און שיער שיער אין זיין טיעפֿעניש נישט פֿערשלונגען געוואָרען. די צווייגען האָבען איבער איהרע פֿינאַנדערגעפּלאַטערטע אַרבעל

אָנגעהויבען צו ציטערן. די שטראַהלען, וואָס האָבען זיך דורך די וואָלקענס דורכגעשלאָגען האָבען אויסגעוויזען, ווי זיי וואָלטען זיך נאָך איהר נאָכ־יאָגען. און זי גופא האָט אויסגעוויזען ווי עפּיס אַן׳אונבעקאַנט בעשעפעניש בעדעקט מיט פאַנטאַסטישע פעדערן און מאַכט ווילדע בעוועגונגען; און דער דאָזיגער געדיכטער גאָרטען, האָט זיך געדאַכט, וויל זי אין זיינע געהיימסטע ווינקעלעך אַריינציהען, איהר זיינע הייליגסטע און טיפֿסטע סודות פערטרויען. זי האָט שוין געהאַט איהר האַנד צום קליינעם טשיזיק אויסגעצויגען.

מאַריאַ מאַילוואָילטאַ, דערזעהענדיג אין וואָס פאַר אַ געפאַהר זי געפינט זיך, האָט פאַר גרוים שרעק אַ מירכטערליך געשריי געגעבען. דאָס געשריי האָט זי דערהערט, זיך אַרומגעקוקט, די אויגען מיט דער האַנד פערשטעלענדיג זיך, האָט אַן׳אונטערדריקטען פריידען־געשריי אַרויס־געלאָזט, דאָס שאָרכען פון אַן׳אַוועקפליהענדיג פייגעלע האָט אין דער לופט הויליעם געשלאָגען, און זי איז פון ברונען אָבגעשפּרונגען. זי האָט זיך אין דער הויף צום וואַנד געצויגען, זוכענדיג זיין האַנד, דערביי האָבען די פיס איהרע צווישען די שטיינער עפּיס אַריטשקעלע געזוכט; אַזוי־נאָך איז זי צו איהם אין דער הויף, צו זיינע קושען אַרויפגעקלעטערט.

ביים עק פונ׳ם ברייטען, ווארימען וואַנד האָבען זי זיך ווי צוויי טויבען געקושט, געלעגען איינער אין די אַנדערעס אָרעמס און זיך הייס געדריקט. אַ לוסטיג לאַכען און פרעהליכע אויסגעשרייען האָט זיך פון ביידענס העלזער אַרויסגעריסען. דושעממאַ האָט שווייגענדיג און ווילד איהר געליעבטען אין האַלז געביסען און איהרע בליקען, וואָס פאַר גרוים ליידענשאַפט זענען זיי ווי מיט אַ שלייער פערצויגען געווען, זענען אויף דעם גאָרטען געפאַלען. דאָרטען אַהין האָט עס איהר געצויגען; זי האָט זיך דאָרט אַראָבגעלאָזט, איהם מיטציהענדיג מיט זיך אין איהר פראַכטפולער קעניגרייך, אין אַ שורה קוסטעס, וואָס זענען פול געווען מיט רויטע בלומען, וועלכע האָבען ווי פערבלוטיגט אויסגעזעהן און האָבען געציטערט און געפלאַטערט, ווען ביידע קערפּער האָבען זיך נעבען זיי אַראָבגעלאָזט.

מאַריאַ מאַילוואָילטען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דער ערשטער אויף דער וועלט וואָס נעמט אַרום אַ פרוי, אַז די גאַנצע וועלט מיט איהם צוזאַמען איז פערשלונגען אין אַ פרוי, פערטיעפט אין גאַנצען אין אַ שטאַרקער פרויען נשמה, אַז דאָס פריהערדיגע פערשווענדערישע לעבען איז עפּיס, אַ שווערער, ביזער חלום געווען, אַז נאָר פון זייט ער האָט זיך מיט איהר בעקאַנט האָט ער ערשט אָנגעהויבען לעבען.

ווי די מעשה איז ער האט געלעבט. ד ז ש ע מ מ א האט איהם פון אקאמעדיאנט א מענש געמאכט. מיט איהרע לייכטע קוים דערהערטע טריט האט זי איהם אויף אזוי פיעל צוריק צו דער נאטור צוגעצויגען, אז ער איז עפּיס ווי ניי געבארען געווארען! ער,ביי וועמען דאס לעבען האט אלע מאל געדיענט נאר אלס מיטעל צו די קונסט; ער, וועלכער האט זיך בעשעפטיגט בלויז מיט מאכען פראבעס איבער אלעם וואס ברענגט דעם מענשען צו ליידען אדער צו קוועלען פאר גרויס גליק; ער, וועלכער האט אין קיין זאך נישט געגלויבט און האט קיין שום צוגעבונדענקייט צו קיין שום זאך נישט געוואוסט; ער, וואס האט זיך מיט לייב אונלעבען איבערגעגעבען צו זיין ארבייט און אפילו בשעת זיין מוטער איז איהם געשטארבען איז ער געזעסען אין דערביאיגען צימער אהן שום פאר-געפיהל, — ער האט יעצט פאראויס געפיהלט ד ז ש ע מ מ א'ס אנקומען, ווען זי איז נאך גאר ווייט געוועזען!

ער האט אליין נישט געמערקט ווי גרויס זיין דאנקבארקייט איז צו איהר. ער האט די ווערטער מיט וועלכע ער האט זיין ליעבע צו איהר אויסגעדריקט נישט געדענקט, ער האט זיי פריהער נישט בעקלערט, ווי בליצען זענען זיי איהם אין דער מינוט פון העכסטער גליק אין געדאנקען אויפגעפלאמט און ווי בליצען זענען זיי שנעל ווידער פערלאשען געווארען; פון די טויזענדערליי ליעבע ביי-נעמען, מיט וועלכע ער האט איהר אליך אנגערופען האט ער נאר איהר אייגענעם נאמען געדענקט, אלע בעגריפען פון גליק, פון פריידען, פון גענוס האבען זיך ביי איהם אין דעם דאזיגען נאמען אבגעקלונגען, אין דעם איין איינציג ווארט ד ז ש ע מ מ א.

זי איז געקומען איהם אנזאגען א גוטע בשורה: איהר ברודער האט בעקומען א בעפעהל אוועקצופיהרען זיינע סאלדאטען אויף די זומער מאנעווערעס. אין דריי טעג ארום פערלאזט ער שוין פלארענציא, און דאמאלס וועלען זיי אין פערלויף פון אייניגע חדשים אומגעשטערט זיין צוזאמען. יעצט האט ד ז ש ע מ מ א געוואוינט אין איהר נאהנטע ווילע. כדי זי זאל אין איהר ליעבע דורך בעזוך פון בעקאנטע נישט געשטערט ווערען, האט זי ארויסגעלאזט א קלאנג, אז זי איז זעהר בלוטארעם און מוז, אויף דעם דאקטאר'ס בעפעהל, זעהר פיעל און זעהר ווייט געהן שפאצירען. וואס פאר א ניי גליק האט זיך יעצט געעפענט! הויך צויבער-גליקליכע טעג האבען זיי יעצט געקאנט ווייט אין דער צוקונפט ארייננקוקען, א צוקונפט פון גרינע לויבעס בעמאלט מיט דעם גאלדענעם זונענגלאנץ, גליק און פריידען האט זיך פאר זיי אויסגעשפרייט ביז די סאמע

לעצטע טעג, ווען שוואַרצער מאַרמאָר וועט שוין אויף זייערע פינסטערע קברים מיט גאָלדענע אויפשריפטען בלישצען.

ווען זי איז פון זיין צימער אַרויסגעגאַנגען האָט ער פלוצלונג זיך ווידער געפיהלט עלענד, פערלאָזט, ווידער איז איהם בעפאַלען אַנ'אומעט, וועלכער איז עפּעס ווי פון אַנ'אַנדער לעבען צוריקגעקעהרט.

מיט אַנ'אויפגערעגט האַרץ האָט ער איבער'ן צימער אַהין און אַהער געשפּאַציערט. אין צימער האָט אַ שרעקליכע אונאָרדנונג ווי נאָך אַ פּאָגראָם געהערשט. דאָ האָט זיך איין הענדשקע אַרומגעוואַלגערט, דאָרט אַ צע־קוועטשטע בלום. ביכער מיט אילוסטראַציעס זענען געלעגען אין אַ ווינקעל אויף אַ באַרג פּאַפּיער. אַרום דעם האַלז פון אַ פלאָרענטינישע פיגור לויט דעם פערציישיגען סטיל איז אַרומגעבונדען געווען אַ גרויסער האַלזטוך פון גאָר דער לעצטער מאָדע. מאַילוואָילטאַ האָט דעם הוט אָנגעטהון, גלייך ווי זי'ענדיג ערגעץ אין אַבי וואָסערע קאָנדיטערי אָדער אין וועלכען עס איז אָרט, וואו מען פערברענגט צופעליג אַ שעה אָדער צוויי. ער האָט זיך דאָ מעהר נישט געפיהלט היימיש, ער איז צו דער דאָזיגער פרעמדער בעשעפעניש צוגעשמידט געווען, צו דער בעשעפעניש, וועלכע איז צו איהם צוגעלאָפען, אַרומגענומען און ווידער פלוצלונג פערשוואונדען גע־וואָרען. זי האָט מיט פּיפּאַ ספּאַנאָ אַ בונד געשלאָסען, זיי זאָלען דאָס ביידע אין זיין הויז אַזאַ קריעגס־צושטאַנד איינריכטען. אויף די טאַפּעטען פון ערד קאָליער האָט זיך פּיפּאָ ספּאַנאָ נאָך מיט מעהר ענטשלאָסענהייט צום שפּרינגען צוגעגרייט. מאַריאָ מאַילוואָילטאָ האָט זיך געפיהלט, אַז ער טויג נישט צו אַזאַ סאָרט לעבען, צו אַ לעבען אין וועללכען מען מוז יעדע סעקונדע זיין גרייט צום קאַמפף. ער האָט געוואָרפען אַנ'אומעטיגען בליק אויף זיין צעוואָרפענעם שלאָף־צימער, אויף זיין טואַלעטען־צימער, וועלכער איז אין גאַנצען מיט וואַסער פערשפּריצט געווען. און נאָר דאָס קליינע, ווייסע גאַסט־צימער, וואו זי האָט זיך איהם דאָס ערשטע מאָל אין יענער לבנה נאַכט פאָרגעשטעלט, איז אומבערידרט געבליבען. זי איז דאָרטען קיינמאָל ניט אַריינגעגאַנגען; דאָס דאָזיגע צימער איז ביי איהר הייליג ווי אַ קדשי קדשים געבליבען, וואו מען דאַרף קיינמאָל נישט איבער זיין שוועל אַריבערטרעטען. טינאָ די גרויסע אַרטיסטקע, האָט ער זיך פלוצלונג דערמאָנט, איז דאָרטען זעהר אָפט געוועזען. ווען זי איז אין גאַנצען דורכגעדרונגען פון קינסטלערישען געפיהל געוועזען איז זי מיט איהם צוזאַמען ווי מיט דעם בעסטען גוטען פריינד געזעסען פערטיעפט אין שעפערישע געפיהלען און שטימונגען. — אַה, דאָס האָט מיך צו

אַרבייטען געטריבען. וואָס רעד איך — מיר האָבען זיך איינער דעם אַנידערן געליעבט, כדי מיר זאָלען קאָנען ביידע צוזאַמען אַרבייטען. בעדאַרף עס מיר טאַקע צו פערדריסען, וואָס יענע צייט קומט נישט מעהר צוריק?

אָבזיכפּנעבדיג האָט ער דעם שליסעל אין שופלאָד פונם שרייב־טיש אַריינגעשטעקט, וואו עס איז זיינע אָנגעהויבענע אַרבייט געלעגען. דאָס איז געווען דער איינציגער אָרט אין צימער, וואו די קליינע זעלבסט־הערשערישע הענד פון דושעממאַ האָט נאָך גאָרנישט איבערגעמאַכט.

— גאָט מיינער, ווי לאַנג איך האָב שוין נישט געשריבען! איך פערשטעה שוין יעצט גאָרנישט, ווי איך האָב גאָר אַמאָל געקאָנט שרייבען. נישט איין איינציגע זייטעל פון דעם אַלעם וואָס איך האָב אַמאָל אָנגעשריבען וואָלט איך היינט נישט קאָנען אָנשרייבען. איך האָב דאָך שוין מיין גאַנצען טאַלענט אָנגעוואָרען!

ער האָט דעם קאָפּ אויף די הענד אַראָבגעלאָזט.

— ווען מיר וועלען זיך ביידע צעשיידען, איך און דאָס דאָזיגע מיידעל, — אַמאָל וועט דאָך מוזען קומען דערצו, — וויפיעל חדשים וועט עס דויערן ביז איך וועל זיך אַליין אין אָרדנונג ברענגען, וויפיעל חדשים וועל איך זיך מוזען פיהרען היגעניש, ביז איך וועל צוריק בעקומען די כחות, וואָס איך פערשווענד יעצט אַזוי לייכטזיניג.

— צי קומט איהר האָטש ווען אויף די געדאַנקען אַרויף אַז זי קאָסט מיר שוין יעצט אַ האַלבען ראָמאַן? אמת, זי איז טייער, אָבער ס'איז דאָך שווער גאָר צו גלויבען ווי טייער אַ פרוי האַלט זיך; וואָס פאַר אַ קרבן מען זאָל פאַר איהר נישט ברענגען, נעמט זי דאָס אַלץ מיט די קלענסטע פערוואונדערונג אָן; דאָס איז שוין אַ באַוואוסטע זאַך; אָבער דאָך קומען דאָך פאַר אַזעלכע מינוטען, וואָס עס פערדריסט דאָך וואָס זי האַלט זיך אַזוי טייער!

— אַה, זאָל זיין. אַלץ וועל איך דאָך אַ היבש ביסעל גייסטיגע שפּייז פון דער דאָזיגער געשיכטע בעקומען. קאָן זיין, אַז איך האָב ווידער נויטיג געהאַט עפּיס שטאַרקעס איבערצולעבען; אויב נישט בעקומט מען אַזאַ מין קונסט, וועלכע שעפּט אַלץ פון זיך אַליין און ווערט טאַקע דעריבער געשווינד אויסגעשעפּט. וואָס דאָס דאָזיגע מיידעל האָט מיר געגעבען, וועל איך זיך דערוויסען שפּעטער, שפּעטער...

און בעזייטענגענדיג אַלע געדאַנקען האָט ער אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד.

— איך בין צופיעל מיעד. וואָס אייגענטליך איז אין דער אמת'ן

אין דעם נס? מיעדיגקייט און מעהר גאָרנישט. זי האָט מיך שוין צופיעל
אין דעמג ס? מיעדיגקייט און מעהר גאָרנישט. זי האָט מיך שוין צופיעל
בעהערשט און איך קאָן שוין מעהר גאָרנישט אַרבייטען!

זי ווייסט דאָס נישט. איך בין איבערציגט, אַז זי ווייסט דאָס נישט. זי איז זעהר מאָראַליש. נישט קוקענדיג אויף אירע פולע רויטע ליפּען, וועלכע וויגען זיך אין ביים קושען, נישט קוקענדיג אויף איהר גנבה׳שען גאַנג, איהרע פערפיהרישע בעוועגונגען און איהרע אויגען, וועלכע זי פערמאַכט טייל מאָל, פאַר גרויס ליידענשאַפט, — נישט קוקענדיג אויף דעם אַלעם, איז זי דאָך זעהר, זעהר מאָראַליש. איהרע מיט ליידענשאַפט פולע אויגען זענען פול מיט נאַטירליכער ריינקייט. און קוים דאָרשט איהר נשמה אַזוי פייערדיג נאָך מיר, ווי זאָל איהר קערפּער אויך נאָך מיר נישט דאָרשטען. ביי איהר איז דאָך דער קערפּער מיט די נשמה ווי פון איין שטיק געגאָסען. זי פערשטעהט נישט קיין גליק אָהן ליידענשאַפטליכען גענוס. זי מיינט, אַז כדי צו געבען דער נשמה איהר ענטציקונג מוז מען דעם קערפּער פער׳שכור׳ן. איז זי דען נישט גערעכט?

ער האָט דעם מאַנוסקריפּט אין שופלאָדע אַריינגעוואָרפען און האָט פערגעסען דעם שליסעל אַרויסצונעמען. טיעף אָבעטהמענדיג איז ער אויף דער טעראַסע אַרויסגעגאַנגען. ווידער האָט איהם נאָך איהר געדאָרשטען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג איז אָנשטאָט זי געקומען אַ בריעף. זי איז בעשעפטיגט, שרייבט זי איהם אין בריעף, מיט איהר ברודער׳ס אַבּרייזע, זי האָט פיעל צו טהון, מוז איהם אַלעס אויפ׳ן וועג בעזאָרגען. גאַנצע דריי טעג וועט זי נישט קאָנען קומען צו איהם!

די דריי טעג איז מאַריאָ מאַילוואַילטאַ אָהן שום אַרבייט געזעסען אין זיין צימער, יעדע מינוט גרייט צום אויפשפּרינגען פאַר אומגעדולד. זי וויל מיר געוויס מאַכען אַני איבערראַשונג, קומען אום פערהאָפט, האָט ער זיך געפּרובט טרייסטען. יעדע מינוט האָבען אין גאָרטען די קוסטעס געקאָנט שאָרכען, ווען זי בייגט זיי אָין דורכגעהענדיג דורך דער געהיימער טיר.

זי איז אָבער ערשט אין דער בעשטימטער צייט געקומען, און שעלמיש געלאַכט. — זי האָט דאָך דאָס וואַרטען געמוזט אויפרעגען? און וויפיעל האָט עס מיך אויפגערעגט! — האָט זי ערנסט געזאָגט און פּיבעריגדיג איהם אויפ׳ן האַלז אַרויפגעפאַלען.

פּלוצלונג איז איהר עפּיס איינגעפאַלען צו פרעגען:

(פאָרטזעצונג קומט).

צו א דיכטער:

פריי פון לענאו

נאר דער יעניגער, וואס שאַפט
זיך אַ וועג מיט אייגענע מיהען —
יענעמס אַרבייט האָט אַ האַפט
און זיין קראַנץ וועט אייביג בליהען.

קריגסטו דאך, דיין רוהם אין שאַרבען
מיט דעם מיסט פון שמייכלערייען,
וועט עס איבער נאכט אבשטאַרבען.
קונסט דאַרף וואקסען ווילד אַין פרייען...

קנוט האַמסון.

דאס פינגער׳ל.

(הומאָרעסקע).

איך האב אמאל אין גזעלשאפט געזעהן א יונגעס פערליעבטעס פרויענצימער. פון ליעבע זענען איהרע אויגען נאך בלויהער געווען און דאפעלט אזוי שטארק ווי געוועהנליך איז געווען זייער גלאנץ, און זי האט נארנישט געקאנט פערבארגען איהרע געפילהען. וועמען האט זי געליבט? אט דעם יונגען מענש ביים פענסטער, דעם בעל-הבתי׳שען זוהן, א מענש אין א מונדיר און מיט א לייבענשטימע. און, נאט מיינער, מיט וואס פאר אַ ליעבע האבען איהרע אויגען געקוקט אויף דעם יונגען מענשען, און ווי אונרוהי׳ג איז זי געזעסען!

ווען מיר זענען ביינאכט צוזאמען אהיים געגאנגען — מיר זענען זעהר גוט בעקאנט געווען — האב איך איהר געזאגט:

— וואס פאר א גרויסארטיגעס וועטער! האסט גוט פערברענגט היינט אין אָווענד? און אום קענענצוקומען איהר וואונש, האב איך אראבגענומען דאָס קדושין-פינגער׳ל און געזאגט:

— קוק, דיין קדושין-פינגערל איז מיר קליין געווארען, עס דרוקט מיך. ווי, ווען דו וואלסט עס גענומען און געלאזט ברייטער מאכען?

זי האט אויסגעשטרעקט די האנד און געזאגט שטיל:

— גיב עס מיר, איך וועל עס לאזען ברייטער מאכען.

און איך האב איהר אוועקגעגעבען דאס פינגערל.

* * *

עס איז אוועק א חודש און איך האב זי ווידער געטראפען. איך האב געוואלט זי פרעגען וועגען דעם פינגערל, נאר דערנאך האב איך זיך מישב געווען. איילען זיך איז נישטא וואס, האב איך געטראכט; איין מאנאט איז א צו קליינע צייט פאר איהר, זאל נאך דויערן.

לאזט זי אראב דעם קאפ און זאגט:

— אח, יא... דאס פינגערל... עס איז מיר עפעס דערמיט גארנישט גוט געגאנגען, איך האב עס ערגעץ אוועקגעלעגט און עס איז מיר פערלוירען געגאנגען. און די ווארט אויף מיין אנטווארט. — דו ביזט דערפאר אין כעס אויף מיר? — פרעגט זי אויס-געדערגט.

— ניין, — ענטפער איך.

און, גאט! מיט וואס פאר א לייכט הארץ איז די אוועקגעגאנגען פון מיר, דער-ווייסענדיג זיך, אז איך בין אויף איהר דערפאר נישט אין כעס!

* * *

איז פאראיבער א גאנץ יאהר. איך בין ווידער געווען אין דער אלטער געגענד און מתם געשלעפט זיך דארט אין אוועגד אויף דעם גוט בעקאנטען וועג.

פלוצלונג קומט זי מיר אנטקעגען און איהרע אויגען זענען נאך בלויהער געווען ווי אין יענעם אווענד, און האבען געשיינט נאך מעהר ווי דאמאלס; נאר דאס מויל איז איהר עפעס גרעסער געווארען, און די ליפען זענען איהר בלאסער געווארען.

זי שרייט אויס:

— אט האסטו דיין פינגערל, דיין קדושין-פינגערל. איך האב עס געפונען, מיין צייערער, און געלאזט ברייטער מאכען. יעצט וועט עס דיך שוין נישט דרוקען.

איך האב געקוקט אויף דער פערלאזשער פרוי און אויף איהר ברייט מויל און בלאסע ליפען. איך האב אויך געקוקט אויפ'ן פינגערל.

— אח, — זאג איך פערנייגענדיג זיך מיעף, — מיט דעם פינגערל געהט אונז עפעס ווירקליך נישט גוט. יעצט איז עס ווידער גאנץ צו ברייט געווארען.

איבערזעצט: א. רבאך.

אפאריזמען און געדאנקען פון שאפענהויער.

(פארטזעצונג פון העפט 6).

דעם פילאזאף, ווי דעם פאעט, דארף דער מאראל נישט פערשטעלען דעם אמת.

אזוי ווי היות ערפילען טייל זאכען בעסער, ווי מענשען, צום ביישפיעל, אבוובען א וועג, אדער, עפעס, וואס ס'איז פערלוירען געווארען, אזוי איז אויך א געוועהנליכער מענש פעהיגער און נוצליכער אין אלטעגליכען לעבען, ווי דער גרעסטער געניע. און ווייטער, אזוי ווי א חיה טהוט קיינמאל נישט קיין נארישקייט, אזוי טהוט אויך א מיטעלער מענש ווייניגער נארישקייטען, ווי א געניע.

צווישען א געניע און א משוגענעם איז דאס געמיינזאמע, וואס ביידע לעבען אינגאנצען אין אנ'אנדער וועלט, ווי אלע איבריגע מענשען.

צו די פיעלע גודינגונגען, וואס האבען מיטגעווירקט דאס ערשיינען פון שעקספיר'ס ווערק, דארף מען צורעכנען אויך דאס, וואס די ענגלענדער זענען צו יענער צייט געווען די געבילדעטסטע נאטיע אין איראפא.

איינס פון די וויכטיגסטע שטערונגען צום מענשליכען ערפאלג דארף מען רעכנען דאס, וואס מענשען הארכען נישט דעם, וואס רעדט קלוגער פון אלע, נאר דעם, וואס רעדט העכער פון אלע.

סאקראט'ס טויט און קריסטוס קרייצונג געהערען צו די כאראקטעריסטישסטע סימנים פון דער מענשהייט.

די דייטשען ווארפט מען אויף, אז זיי האבען נאכגעמאכט די פראנצויזען און די ענגלענדער, נאר מען פערגעסט אבער, אז דאס איז דאס קלוגסטע, וואס זיי, אלס א פאלק, האבען געקאנט טהון. ווארום מיט אייגענע קרעפטען וואלטען זיי קיין שום גוטעס און טויגליכעס נישט בעשאפען.

אזוי ווי דער ווילען איז נישט אנטפערווארפען די צייט, ווערט די געוויסענביסע נישט אויסגעהיילט מיט דער צייט.

ליטעראַרישע נייס.

אין שטוטגארט איז ערשינען א ראמאן פון דער בעריהמטער דייטשער שריפטשטע-לעריין ריקארדא הוך מיט דעם נאמען „דער לעצטער זומער״. דער סיזשעט איז גענומען געווארען פון דער רעוואלוציאנס-צייט אין רוסלאנד. די העלדען זענען דער גובערנאטאר און זיין פערזענליכער סעקרעטאר, א טעראריסט. די אויטארין קען רוסלאנד גאר קנאפ און דערפאר שטעלט זי זיך מעהר אב אויף די גייסטיגע איבערלעבונגען פון די העלדען און זי מיידט אויס דאס אליץ, וואס קומט אין בעריהרונג מיט דעם רעאלען לעבען פון לאנד. די רוסישע האט די אויטארין נאר קענען געלערנט אין ציוריך, וואו זי האט זיך בעגעגענט מיט רוסישע עמיגראנטען.

די נארוועגישער איבסענס פערעהרער האבען אבגעקויפט אין דער שטאדט גרימשטאדט אן אפטייק, וואו איבסען האט געארבייט אלס אפטייקער; דערביי האט מען בעקומען סיגנאטורען, וואס זענען געשריבען מיט איבסענ׳ס האנד. די דאזיגע אפטייק וועט איבער-געמאכט ווערען אין א מוזעאום-הויז אויף איבסענ׳ס נאמען.

Гедивд. Я. ЛИДСКIИ, Европейская литература. То 7
Тип. Г. Бимонтъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4